STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08571

MOTIVN

Sh. Miller

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. מיללער

מאטיוון

אַרויסגעגעבן פון דער
אידישער קולטור געזעלשאַפט
לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.
1940

Copyright by
SH. MILLER
1940

אויפגעזעצט פון שמחה גילדער
ATLAS TYPESETTING CO.
Printed by DEPENDABLE PRINTERS
Union Printing
Los Angeles, Calif.

פאַרן שפּיגל

אַליין
די בלינדע וואַנט
פון פייער אין פלאַם

אַ ר י י ן

.1

טעמפּ די טריט, טעמפּ דאָס טראַכטן אין דער תּפיסה־צעל. דורך דער טויבער וואַנט ז י י ט זיך דורך אַ פאַרטושטער קלאַנג, שטעלט אָפּ דעם גאַנג. האָט דער שכן געקלאַפּט? וויינט ווער? קרעכט עמיצער? שטיל. באַנייט ער דעם טעמפּן טראָט ווי אַ בלינד פערד אין אַ טאָפּטאַק, מער ניט — פּירעקיק, דאָס טראַכטן — אַ גייענדיקער טומאַן, פונדער־ווייטן אַ מאַטער לאַמטערן־שיין. דערגרייכן דעם לאַנטערן — זען מענטשן, די וועלט. שטעלט ער זיך ביים פענסטער. אויגן שלינגען זשעדנע דאָס שטיקל הימל, דאָס פּיצל ערד, דעם מענטשן. אַ מענטש מיט אַ ביקס, אָבער פאָרט אַ מענטש. אויך ער איז אין תּפיסה, דאָך איז ער פריי, באַוועגט זיך, זעט דעם הימל, קען רעדן. אין צעל אָבער, ווערטער ליגן הינטער אַ ציינער־צאַם, הענט ביינקען, פינגער פיבערן — אָננעמען, כאָטש אָנרירן נאָך אַ האַנט.

ווען מ'האָט דאָס לעצטע מאָל אויפגעשלאָסן די טיר פאַר אים, האָט ער אָנגעכאַפּט דעם וועכטער'ס האַנט. אַ צעשראָקענער האָט דער וועכטער פאַרשטאַרקט זיין גריף אַרום דער ביקס, שאַרף אַ קער געטון דעם קאָפּ, באַגעגענט אַ שיינענדיקן שמייכל און געהערט: אַ דאַנק, אַ דאַנק. גוט צו פילן אַ מענטשליכע האַנט. — דער וועכטער האָט אַ קוק געטון אויף זיין אייגענער האַנט. זיך גאָרניט צוגעקלעפּט, קיין פלעק געבליבן, אָבער אַזאַ מאָדנער געפיל. — זיי גייען דאָ פון זינען אַרונטער. — מיט די ווערטער האָט דער וועכטער באַגלייט בנימין באַרדאַס ביים פאַרלאָזן די תּפיסה.

בנימין באַרדאַסן האָבן באַגלייט שטיקלעך תּפֿיסה משוגעתן — אַ שאַרפֿע ביינקעניש נאָך מענטשן, אַ שטענדיקער אַרומשפּאַצירן איבערן צימער, רעדן צו זיך אַליין.

בנימין אויף דער פֿריי — אַ מאַטראַז אין אַ פּאַרט. פֿון שאַרפֿן שנאַפּס ווערן וואַקלדיק די פֿיס, ער דערפֿילט די ערדישע שיף אונטער זיינע פֿיס וויגט זיך, און, וואַקלענדיק זיך, גייט ער צו דער מיידל אין בעט, נאָכדעם צוריק צו זיין שיף, די בעסטע שיף וואָס וויגט זיך ניט. אין גאַסיקן טומל, אין שאַרפֿסטן געררויש, אין מענטשליכן געדראַנג, וואו אַקסל קלאַפּט אָן אַקסל, דערזעט בנימין מענטשן—באַלעמס שלאָגן זיך אָן אין איין פּונקט, גייען זיך פֿאַנאַנדער, זאַמד אין באַוועגונג. און ער זוכט האַרטן באַדן, אַ האַנט פֿון אַ מענטש, אַ האַנט אָנצונעמען, אַרומנעמען.

— אָה, העלאָ! איר זייט דאָ ? !

אַ שאַרפֿער געהער דערשפּירט די אינטאָנאַציע פֿון דעם „איר זייט דאָ ? !" „איר" זייט דאָ ? אַבי איך האָב געמיינט מ'האָט אייך שוין לאַנג אויפֿגעהאנגען. איר זייט „דאָ" ? ווער דאַרף אייך דאָ ? פֿאַר־וואָס זייט איר ניט אין תּפֿיסה דאָרט ? ווער וויל אייך זען ? גייט צוריק אין אייער רו.

— אָט בין איך.

פֿאַרוואָס פֿלאַמט אים דאָס פּנים ? אַ שפּיגל. קאָנטראָלירן דאָס בלוט. און פֿאַרוואָס פֿילט ער זיך נידעריקער פֿון אָט דעם...

— אָה, איצט געדיינק איך שוין. אַזוי אַזוי, עס מוז זיך פֿילן גוט אויף דער פֿריי, וואָס ? צופֿרידן צו זען. דערוויל אַ גוטן. זיך זען מסתּם.

פֿאַרדאַמטער ליגנער און היפּאָקריט דערצו. צופֿרידן צו זען! די אויגן זיינען געלאָפֿן פֿון אַלע זייטן, געזוכט ווי אַנטרונען צו ווערן, מורא געהאַט טאָמער זעט עמיצער. צופֿרידן צו זען! ווּעסט אָנלייגן אַ מייל מיך אויסצומיידן. פֿאַר באַקאַנטע אַ זאָג טון: ווייסט ווּעמען איך האָב באַגעגנט ? איר ווייסט דאָך, דער וואָס...

— ווירקליך ? ווי זעט ער אויס ? אַזוי אַזוי...— ניט קיין פּיקאַנטע רכילות, און עס ווּעט שוין פֿאַרדריסן למאַי ער האָט ניט געקענט איינ־האַלטן די נייעס און ע ר זאָל זאָגן: אַזוי אַזוי... און אָט דער פֿאַרשוין איז דאָך אָפּט אַרויפֿגעשוואומען פֿאַר זיינע אויגן, ער, צענדליקער אַנ־דערע, פֿרעמדע, גלייכגילטיקע. ער, אין דער פֿינסטער, האָט אַריינ־

געקוקט אין דער ליכטיקער וועלט, געזען זיי. זיי, אין דער ליכטיק, האָבן ניט געקענט זען אים אין דער פינסטער, ניט געהאַט קיין אַנונג אַפילו אַז ער קוקט. נאַטירליך אַזוי. ווען ער איז געווען אין דער ליכטיקער וועלט האָט ער דען געזען וואָס עס טוט זיך אין דער פינסטער? געטראַכט וועגן וועמען דאָרט? אָבער איצט, אין דער ליכטיק. אין דער ליכטיק? זיי, די פּאָר געטרייע, די איבערגעגעבענע, די וואָס האָבן אים אַרויסגעשלעפּט, זיי...

זיי האָבן זיך דערפרייט, האַרציק זיך דערפרייט, אַזוי דערפרייט, אַז ער האָט דערפילט די אויגן גייען אים איבער, ניט געקענט אַרויסזאָגן אַ וואָרט. און אָט די שטומקייט זיינע האָט אַרויסגערופן דעם רחמנות־דיקן בליק: מיר ווייסן דו האָסט געליטן. דאָ וואַרימקייט אין אַזאַ קוק, ווען מ'פילט אים אָבער אויף זיך הייבט און מאַרגן און איבערמאָרגן, הויבט אָן אָט דער וואַרימער בליק צו בריען, ברענען, שטיקן. דער קוק וויל אים איינוויקלען, איינקוטען, קיין ווינטעלע זאָל אויף אים חלילה ניט אַ וויי טון, ער איז דאָך קראַנק, אַ היציקע קריינק. אַרונטערוואַרפן אָט די אַלע וואַרימע קאָלדרעס. מיט באַרוויסע פיס, צעכראַסטעטן האַלז אַרויסלויפן אין גאַס, אויף דער קעלט, פילן דעם ברענענדיקן פראָסט, אָטעמען פרישע, קאַלטע לופט.

קאַלט געווען אין גאַס, אָבער ניט די טרוקענע קעלט וואָס מונטערט דעם געמיט, פאַרשנעלערט דעם גאַנג, פאַררויטלט די באַקן און פליכ־טיקע, אייליקע קוקן באַגריסן זיך: קאַלט, האַ? אָבער גוט! ניט דער שאַרפער ווינט אָדער די בייזע זאַווערוכע וואָס טרייבט מענטש און חיה זיך באַהאַלטן אין דער נאָרע, אָדער גאָר זיך צוטוליען איינער צום אַנ־דערן, זיך דערוואַרימען, נאָר אַ שטייענדיקע, פאַרגליווערטע קעלט. אַרום בנימן באַרדאַס פיר קאַלטע שטיינערדיקע תפיסה־ווענט, און אַרום יעדן איינעם פונקט אַזוינע פיר ווענט. יעדער איינער מיט און אין זיין תפיסה. דורכברעכן אָט די ווענט, אַ וואַרימער אָטעם זאָל אַ צי טון, אַ ליכטיקער שטראַל, אַ וואַרימער קוק, אָבער ניט יענע וואַרימע קאָלדרעס, ניט יענע היציקע תפיסה. ניט קיין תפיסה־ווערטער, ניט קיין קראַנקן־ווערטער, נאָר מענטשן, ניט קיין תפיסה־ווענט, ניט קיין קראַנקן־בעט. אַנטלויפן. טעאַטערע, מוזעיס, קאָנצערטן, בעלער.

אין פילהאַרמאָניק אַ קאָנצערט. בעטהאָווען. די פינפטע סימפאָניע.

— גרייט ?! פרעגט און באַפעלט דער באַטאָן פון דיריגענט, און די טויזנטער איינגעהאַלטענע אָטעמס, די אויסגעצויגענע ווענט, די געדיכטע שטילקייט, די פאַרגליווערטע לופט שרייען שטומערהייט — גרייט! הויב אָן, אַניט פּלאַצט...

די שטילקייט דאַמבע האָט געפּלאַצט, אַ קלאַנגען־שטראָם האָט אַ שפּאַר געטון, און נאָך דעם ערשטן שווערן שטויס יאָגן זיך קלאַנגען־כוואַליעס, קלאַפּן אָן אָן מענטשן־ברעג, שפּריצן, שטיפן, און איבער די כוואַליעס רייסט זיך דורך די שטאַרקסטע, די נײַנטע כוואַליע, די דער־עפענונג, דער קלאַפּ אין טיר.

אַ קלאַפּ אין טיר. דער שיקזאַל קלאַפּט אין טיר. שיקזאַל? אַזאַ פרעמד וואָרט. תפיסה־טיר. פאַרמאַכטע טירן איבעראַל. קיין עפענונג, קיין האָפענונג. קיינער קלאַפּט ניט אין טיר. בעטהאָווענען אין טיר האָט אויך קיינער ניט אָנגעקלאַפּט, דאָס האָט ער געקלאַפּט אין טיר צו זיין געליבטער. געליבטע... אָן אַפּאַרטמענט הויז, אַ טונקל מאַהאַגאַני טיר H8. ווי דייטליך די בוכשטאַבן. ער דאַרף ניט קלאַפּן. אַ שליסל. אַ קליין וואָרים הענטל אין זיין גרויסער האַנט, אַ קאַלטער שליסל אינמיטן, אַ וואַרימער גאַז צווישן ביידנס בליקן. דער אָנהויב. און דער סוף...?

דונערט? קליפּ־קליפּ־קליפּ! הענט, פּנימער, ברוסטן, רוקנס. אַזוי פיל מענטשן! און דער דיריגענט, ער דערווייטערט זיך, אָבער דער געקלאַפּ יאָגט אים נאָך, שלעפּט אים אויף צוריק. וואָס קלאַפּן זיי אַזוי פיל? אַ קלאַפּ אין טיר. די דערעפענונג באַמבלט זיך ביי אים אין אויער, רייסט זיך צו די ליפּן: טאַ־טאַ־טאַ־טאַם. ניט צו פאַרלירן אָט דעם קלאַפּ צווישן דעם קלאַפּן פון די מענטשליכע הענט, הויבט ער זיך אויף, גייט אַרויס אין גאַס.

— טאַ־טאַ־טאַ־טאַם...

קיינער קלאַפּט אין טיר, קיין טיר אָנצוקלאַפּן. אַ באַקאַנטער, אַ פריינד, אַ... פרוי. אָנרירן אַ פרוי, זי צודריקן צו זיך, זיך צודריקן צו איר, פילן איר הויט, לייב. אַ באַקאַנטער פּאַרפיום דופט, אָפּגעשוואַכט פון צייט, אָן עכאָ בלויז, גיט אַ רייץ זיינע נאָזלעכער. איז עס פון אָט דער פרוי? ער לאָזט זיך נאָך דער פרוי, אָט אָט גלייכט ער זיך אויס מיט איר. ער שטעלט זיך ראַש אָפּ. — בנימין, גייסט פון זינען אַרונטער. אַזוי אַרום וועסטו לאַנדן... — אָבער, פאַרדאַמט זאָל עס ווערן, ער מוז האָבן אַ

מענטשן, אַ נאָענטן מענטשן, אַ פרוי, ניין, ניין, ניט קיין קורווע, אַ פרוי... אַ טונקל מאַהאגאני טיר H8, אַ קליין וואַרים הענטל, ליפּן... אַ וואַנע בלוט...

הער אויף! געגנוג! אַרויס פון דאָרט? בלייב אויסן, פאַרגעס! ער מוז ע ר ג ע ץ גיין, ע מ י צ ן זען. די פיס האָבן פאַרפירט צו די זיידנבערגס.

זיידנבערג אַליין האָט געעפנט דיר טיר. אין שטעק־שיך, שלאָף־ראָק, די העמד צעכראַסטעט, וויזנדיק רויך־גרויע האָר אויף דער ברוסט, די ברילן אויף דער נאָז אַרונטערגעפאָרן, האָט ער אויסגעזען עלטער ווי זיינע זעקס־און־פופציק יאָר. ער האָט זיך דערפרייט: אָה, בען? אַריין, אַריין!

— אַליין?

— דאָראָטי און פרענסיס זיינען אַוועקגעגאַנגען. אויף אַ באָל. עפּעס פון אַ וואוילטעטיקער אינסטיטוציע, ווייסט'אָך, אירע אָרגאַניזאַציעס, זיץ איך דאָ אַליין, גענומען אַן אַלט בוך, אַן אַלט ביסל וויין, און אָט איז אַן אַלטער פריינד. זעץ זיך. אָנגיסן? ניט קיין שלעכט ביסל פּאָרט. נו, ווי גייט'ס?

— אָה, כ'קוק זיך אַרום.

— געזען עפּעס?

— ? ? ?

— כ'מיין אין געשעפט. דיינקסט עפּענען אַן אָפיס?

— דאָ?

— אפשר ביסטו גערעכט. אָבער ניו־יאָרק איז ניט די איינציקע שטאָט. די וועלט, דאָס לאַנד איז גרויס.

— ניט אַזוי לייכט צו עטאַבלירן זיך אין אַ פרעמדער שטאָט. ביז מ'קריגט אַ קליענטעל...

— דאָס איז אמת. אָבער אַ ביסל געלט איז דיר נאָך געבליבן דאָך, און דאַן, אַדוואָקאַטור איז ניט די איינציקע פּראָפעסיע. איך האָב מיין געלט געמאַכט ניט אין קרימינעלע פּראָצעסן, נאָר אין ריעל עסטייט. אייניקע זאָגן ריעל עסטייט גופא איז אַ קרימינעלער פּראָצעס, אָבער די זאָגער גופא באַשעפטיקן זיך דערמיט אויב זיי קענען נאָר. ווי געפעלט דיר דער וויין? אַ פיין ביסל וויין, האַ? אַ קונה מיינער, אַ קליענט, האָט עס מיר געבראַכט. ניט טייער אויך.

— שוין געטראַכט וועגן דעם אויך.
— וועגן אַוועקפאָרן ?
— ער וויל אויך פּטור ווערן פון מיר. גענוג זיך געניאַנטשעט,— איז דורכגעלאָפן אַ געדאַנק, און אַט דער געדאַנק באַוועגט זיינע אויגן אַ קוק צו טון אויף זיידענבערגן, אויף דעם גוטן, געטרייען זיידענבערג, דער איינציקער פריינד זיינער וואָס האָט „געקערט וועלטן" אים אַרויס־צושלעפּן און טאַקע אַרויסגעשלעפּט פון תּפיסה. ניין, עס זעט זיך ניט ער זאָל וועלן פּטור ווערן פון אים, אַזאַ פאָטערליכער קוק אין די פאַר־עלטערטע, מידע אויגן.
— דאָס וואָלט געווען אַ גוטע זאַך. עס וואָלט דיר אַ סך גוטעס גע־טון. די באַגעגענישן דאָ... ווייסט'אַך, מענטשן... פון וואַנען קומסטו עס איצטער ?
— פון אַ קאָנצערט.
— אַזוי פרי ?
— אַוועקגעגאַנגען אינמיטן. ניט געקענט איינזיצן.
— הם... אויף אַ ליידיקן מאָגן קען מען קיין תּהלים ניט זאָגן. נעם דעם ציגאַר. ניט קיין שלעכטער טאַבאַק. פּ־פּ־פּ־ף. ווייסט וואָס איך וואָלט דיר גערעטן ?... האָב חתונה !
— וואָס עפּעס חתונה האָבן ? — שדכנט ער אַמאָל ניט זיין טאָכטער, די אַלמנה ?
— דו דאַרפסט אַ פרוי. איך ווייס עס. ביסט הונגעריק. האָסט שוין געהאַט גענוג פּרויען... וואָס איך מיין איז טאַקע אַ ווייב, אַ מענטש, אַ היים, צו וועמען, וואוהין דו זאָלסט קענען קומען, זיין, פאַרברענגען, אַ פרוי.
— געהאַט גענוג רו, דוכט זיך.
— דאָס איז ניט געווען קיין רו, דאָס איז געווען אַ גיהנום. וואָס דו דאַרפסט איז אַ שטיקל גן־עדן, אַן אייגענעם גן־עדן, אַ שטילן ווינקל, אַ פריינד.
— איר רעדט אָט אַזוי ווי מ'גייט אין קראָם און מ'קויפט אַזעלכע זאַכן.
—ניין, קויפן קען מען עס ניט, ניין, דאָס קען מען ניט קויפן, אָבער מ'קען עס קריגן אויב מ'וויל.

— איך כאַפּ ניט געגוי...— דער פאַרדאַכט וועגן דער טאָכטער דער אַלמנה איז שטאַרקער געוואָרן.

— די זאַך איז די. ביסט נאָך אַ יונגער מענטש, נאָר וואָס אַריבער דרייסיק, ניין? נו, יאָ, ביסט הונגעריק, ווילסט געפינען אַ פריינד, אַ פרוי, אָבער ביי דיר אַ פרוי איז פאַרבונדן מיט ליבע, ראָמאַנטיק. די דריי יאָר וואָלטן דיך באַדאַרפט געוועזן אויסהיילן דערפון. פירן אַ פאַר־הייראַט לעבן מיינט ניט פירן אַ ראָמאַן. איך בין אַן עלטערער מענטש שוין. געהאַט מיינע ראָמאַנטישע טעג, אָבער איך בין שוין אַרום דרייסיק יאָר פאַרהייראַט, אין מיין פּראַקטיק געהאַט געגוג גט פּראָצעסן, און איך זאָג דיר, פירן אַ פאַרהייראַט לעבן איז פירן אַ געשעפט, און אַ קאָמפּלי־צירט געשעפט דערצו. יאָ, אַ געשעפט, און ווי יעדער געשעפט פאָדערט עס מ׳זאָל זיך צופּאַסן דערצו, זיך צוגעוואוינען, און דאָס מיינט קאָמפּראָ־מיסן פוןביידע צדדים. אָן קאָמפּראָמיסן וועסטו דאָס געשעפט, ווי קיין אַנדער געשעפט, ניט קענען פירן, אַלענפאַלס די ערשטע צייט, נאָכדעם טוט שוין די געוואוינהייט אירס. און אַז דו וועסט אַ קוק טון דארויף פון דעם ווינקל וועסטו זען אַז עס איז גאָר ניט אַזוי שווער צו געפינען אַ פרוי און לעבן מיט איר.

שדכנט ער אַלץ זיין טאָכטער? ניין.

— אפשר זייט איר גערעכט.

— טראַכט זיך אַריין אין דעם.

— אַ טראַכט טון.

— וואו איילסטו זיך? וואַרט, דאָראָטי און פרענסיס וועלן מסתּם שוין באַלד קומען.

— ניין, איך וועל בעסער גיין, זיך דורכגיין, דורכלופטערן אַ ביסל דעם געדאַנק.

— נו, גיי, גיי געזונטערהייט. אַ גוטע נאַכט, אַ גוטע נאַכט.

און ער איז אַוועקגעגאַנגען.

און ער איז אַוועקגעפאָרן.

און ער האָט געעפנט אַ ביורא.

און ער האָט חתונה געהאַט.

.2

מאַגערע רעשטלעך פון טאָג באַשפּרינקלען די שווערע פאַרנאַכטי־קע ווערטשערע.

— ... אַריינגעגאַנגען צו וואולוואָירטס — אַ דערשטיקעניש, קוים אַרויס פון דאָרטן. געזען ביי דאַלטאַנס זאָקן, $1.69 אַ פּאָר, דריי פּאָר פּאָר פינף דאָלער, געקויפט דריי פּאָר. דאָס פלייש איז ניט האַרט? געקראָגן אַזאַ קאַפּוויטיק, אַז איך בין קוים אַ לעבעדיקע אַהיים געקומען. ווען איך גיי אין שטאָט קריג איך אַ קאַפּוויטיק. און וואָס איז מיט דיר?

די ווערטערליכע פראַגע — איין צייגדל פון אַ גאַפּל פראַגע, דאָס צווייטע צייגדל ציט זיך פון די אויגן צום טעלער פלייש. ניט אויפגעגעסן.

— עפּעס אויך געהאַט אַ מיאוסן טאָג.

— וואָס אַזוינס?

— איך ווייס אַליין ניט. אינדערפרי, אויף זעקסטער און בראָדוויי, געזען אַ פּאָליציסט האָט געהאַלטן אַ יונגן בחור, אַ יאָר דריי־, פיר־און־צוואַנציק, דוכט זיך אַ ביסל באַטרונקען, די הענט פאַרדרייט אויף הינטן, געשלאָסן אין קייטלעך.

— דאָס טרינקען איז געוואָרן פּשוט אַ משוגעת. אַ יונגער בחור, גאַנץ פרי, און שוין שיכּור.

אַזאַ פלאַכע שטימע. ווערטער מיט אַזאַ קלאַנג קייקלען זיך ווי אַר־בעס, קענען אין ערגעץ ניט אַריינדרינגען. בילדערלאָזע ווערטער. דער מענטש פון דער שטימע מוז זיין שאָטנלאָז. און די שטימע קומט... בנימינ׳ס אויגן פרעגן פאַרוואונדערט: איר שטימע? ווי קומט עס וואָס ער האָט ביז אַהער ניט געהערט אָט די שטימע? ער טוט אַ הויב די אויגן און דערזעט מיט אַמאָל אַ פרעמדע פרוי. אָט דער פּנים, אים אַזוי באַקאַנט אַז ער האָט שוין זיך ניט צוגעקוקט צו אים, זעט איצט אויס אַזוי אַנדערש, אָט דאָס מויל... רעדט: געוואָרן אַ ספּאָרט־זאַך, היי־סקול מיידלעך טרינקען. ווילסט קאַווע? — ניין, — בנימין וויל ניט קיין קאַווע. ער וויל... ער וויל וויסן ווי קומט עס וואָס אַ יונגער בחור, אַנגעטון „בראַסלעטן,״ האָט אים פאַראומערט דעם טאָג? זיינע מחשבות האָבן זיך געצויגן ניט צום פלעשל, טרינקען, נאָר צו פּאָליציי, קייטן, טורמע... און זיין ווייב האָט דאָס אַלץ פאַרזען, באַשלאָסן — שיכּור, געפּסקנט. און

פטור. בנימין וויל דערגיין ווי קומט עס וואָס צוויי מענטשן פון איין וועלט נעמען דאָך אויף צוויי וועלטן, און איין וועלט איז אַזוי פאַרשידן פון דער צווייטער.

פון דער פריער קינדהייט דערטראָגט זיך צו אים אַ ניגון: לחם איז ברויט... פאַר די קבצנים — אַ דאַרינקע שקאָרינקע, און פאַר די גבירים — אַ פרישינקע זעמעלע... ניט נאָר דער קבצן און גביר זעט אַ פאַרשידענעם לחם, אויך פאַר יעדן פון צוויי גבירים, צוויי קבצנים נעמט אָן דער לחם אַן אַנדער פּנים. רעלאַטיוו, אַלץ רעלאַטיוו.

דאָס געשיר איז שוין לאַנג צעוואָשן, די שיין פון שטייענדיקן לאָמפּ שאַפט אַ ליכט פלעק אין אַ ווינקל פון צימער, די שאָטנס פון די איבערי־קע ווינקלען האַלטן אין געפּענגעניש די שטילקייט פון צימער. אינ׳ם באַלויכטענעם ווינקל, אויפן דיוואַן, ליגט מיני. דאָס שאָרכן פון דער אָוונט־צייטונג אין מיני׳ס הענט שרייט אַריין אין דער שטילקייט, דער לאָמפּ שיקט זיינע ליכט שפּיזן צו די שאָטנס, קלאַנג און שטראַל ווערן פאַרשלונגען פון דער שטילקייט, פון די שאָטנס.

די צייטונג האָט מיני שוין איין מאָל אָפּגעוואָרפן צופוסנס, די אָנאָנסן וועגן מאָרגנדיקע אויספאַרקויפן שוין דורכגעקוקט, שוין באַשלאָסן אין וועלכע קראָמען גיין מאָרגן, איינהאַנדלען... אַ קאַפּוויטיק, און בנימין שווימט אַלע מאָל אַרויס פון די שאָטנס און פון דער שטילקייט, גייט און וויל דערגיין...— איז וואָס? צוויי מענטשן זיינען אַלץ צוויי באַזונדערע מענטשן, האָבן זיך צוויי וועלטן, כאָטש זיי לעבן אין איין וועלט, אין איין הויז, אין איין... בעט.— דאָס אויג פאַלט אויפן צווייטן מענטשן. זי האָט שוין ווידער גענומען די צייטונג, פאַרשטעלט דאָס פּנים, אַ ווינקל פון אויג קוקט נאָך גנביש בנימינ׳ס גאַנג. — וואָס לייענט זי דאָרט? וואָס זעט זי הינטער די ווערטער? זען די געדאַנקען פון אַ צווייטן מענטשן. דאָס אויג נאָרט אָפּ, און אויך מיט׳ן קערפּער קען מען נאַרן... אי, ביסטו אַ גענאַרניק, אַ גענאַרניק...— זינגט בנימין אין זיך און שפּאַנט אַלץ הין און צוריק, זעט אַ שטיקל פּאָדים אויפ׳ן טעפּיך, טוט אַ שאַר מיט׳ן שוך־נאָז, וואָלט עס באַדאַרפט אויפהויבן, אָבער הויבט ניט אויף, דער גאַנג בלייבט אומגעשטערט.

אַ שמיץ פון אַ צייטונג אָן דר׳ערד און אַן אויסגעשריי: הער אויף! שטעלט אים אָפּ.

— וואָס איז געשען? — פרעגן די אויגן. — ווער איז אָט די פרוי וואָס שטייט און ציטערט פון כעס, פון אויפרעגונג?

— אַ מענטש זאָל האַלטן אין איין אַרומגיין!

— איך... איך האָב זיך פאַרטראַכט, — שטאַמלט בנימין.

— פאַרטראַכט! מ׳קען דאָך משוגע ווערן! גייט! גייט! גייט! אָה...

— אַנטשולדיק, אַ געוואוינהייט.

— אַ געוואוינהייט! מאַכסט מיך קראַנק מיט דיין געוואוינהייט.

אַ שפּרוזשינע אַנגעצויגן אין דער פולער לייגג האָט געפּלאַצט, אָפּגעשפּרונגען, איינגעשרונקען און ליגט ווידער אַ רואיקע (?) אין... צווייטן צימער. זי האָט אים שיר ניט אַנגערירט פאַרביילויפנדיק אין צווייטן צימער. ער האָט זי ניט אָפּגעשטעלט. און איצט? איצט הויבט זיך אָן די שפּיל, גאַמביט — פאַרהייראַט לעבן. ניט קיין געשעפט, מיין גוטער זיידענבערג, נאָר אַ שפּיל. ער קען דאָס שאָך־ברעטל אויסנווייניק, זעט די צוגן. פיינדליכע נייטראַליטעט. ער אין זיין געשעפט, זי ביי איר באַלעבאַטישקייט.

פאַרנדיק אַהיים, שוין פאַרשלאָסן דעם גאַראַזש, באַשליסט ער אַריינגיין מיט אַ פריילאַכן גוט ג׳אָוונט, זי גאָר אַרומנעמען, אַ קוש טון, דאָס ברוגזל אָפּגעווישט, אויסגעמעקט. אָט איז שוין די טיר, אַריינגיין בלויז. שטייט אַ פלעשל, אויפן פלעשל אַ קאָרעק. מ׳דאַרף זיך צעלויפן, לויפנדיק צוקומען צום פלעשל, אַ שנאָל טאָן דעם קאָרעק. אַ קלייניקייט, ווער קען דאָס ניט טון? צעלויפט זיך איין אינגל, לויפט, לויפט, און אַ טריט פון פלעשל — סטאָפּ! זיך אָפּגעשטעלט. די פינגער, די האַנט וואָס האָט באַדאַרפט אַרונטערשנעלן דעם קאָרעק גיט זיך אַ וויג: אָה! און אַ פאַרשעמטער פאַרנעמט ער זיין פּלאַץ צווישן די צוקוקער, כדי באַלד קענען לאַכן פון אַ צווייטן, אַ דריטן. אַ קינדער־שפּיל. בנימין באַרדאָס איז אַ דערוואַקסענער מענטש, אָבער דעם „קאָרעק אַרונטערשנעלן״ קען ער ניט. עפנט ער די טיר, דערזעט ער זיין ווייב, אירע אַ מינע אויפן פנים, זי טראָגט גראָדע אַ קליידל וואָס זי ווייסט אַז אים געפעלט עס ניט, די האָר פאַרקאָמט אַנדערש, אָדער ער גייט אַריין און זעט זי ניט גלייך ביים אַריינקומען, און דער פריילאַכער גוט ג׳אָוונט, רעפּעטירט דעם גאַנצן וועג, בלייבט ניט אויסגעבראַכט. אַרומנעמען, אַ קוש טון? ווער קען שוין טראַכטן דערפון. אַ סאָלדאַט איז איינגעקוואַרטירט געוואָרן

ביי מיני באַרדאַס אין הויז, זי מוז אים דערלאַנגען עסן, גיט זי אַ שטעל דעם טעלער. דער ש ט ע ל זאָגט: נאָ, פרעס, וואַרג זיך! שיקט בנימין באַרדאַס אַ קוק, אַ הייסער שפּיז. דער שפּיז, געצילט צו מיניס אין אויג, טרעפט אין... וואַנט. מיני איז שטאַרק פאַרטיפט אין איר טעלער. פאַרטיפט זיך בנימין אין זיין טעלער. נאָכוואָס איז ער גאָר געקומען עסן? מאָרגן וועט ער זיכער שוין ניט קומען. אָבער ווי זאָגט מען דאָס איר? אַז דאָס מינדסטע וואָרט, דער שוואַכסטער קלאַנג — אַ דונער.

שטיל — מ׳הערט דעם אייגענעם אָטעם, און דאָס ליכט פונם עלעקטרישן לאָמפּ שרייט שטומערהייט: וואָס שווייגסטו! אויסגעלאָשן דער לאָמפּ. ליגן צוויי מענטשן, מאַן און ווייב, אין די בעטן און די פינסטערניש, די שטילקייט שיפּעט צו די שלאָפלאָזע: פיינט! פיינט! שונאים! האַס! פאַרהאַסט און מיאוס דער צווייטער מענטש אין יענער בעט, אָט יענער קערפּער מיט דעם פּיפּקעלע צווישן די בריסט, אָט יענער קערפּער וואָס גיט אַרויס אַזאַ גערוך, אָט יענער קערפּער וואָס שנאָרכט, רעדט פון שלאָף, וואָס לאָזט אַרויס לופט... פינסטערע נעכט, כמורנע טעג, ביז עס גיט אַ בלאָז אַ ווינטל, אַ פרעמדער מענטש קומט צוגיין און מ׳הויבט אָן ריידן, עפּעס קאָמישעס פּאַסירט און מ׳צעלאַכט זיך, איינער קריגט אַ קאָפּווייטיק, אַ לייכטע פאַרקילונג, איינער גיט דעם צווייטן אַ מעדיציניש עצה: נעם... אָדער גאָר מעדיציניש הילף — אויסרייבן מיט עפּעס, און דער הימל לייטערט זיך אויס, די זון הויבט אָן שיינען, עס ווערט אַפילו הייס, ביז די לופט ווערט געדיכט, אַמאָל פּלאַצט אויס אַ שטורעם, אַ רעגן, אַ קריג, געוויין, און אַמאָל היינגען די וואָלקנס, אָן דונערן, אָן בליצן, אָן רעגן, אַ געדיכטע כמאַרע בלויז, אַ געדיכטער רוגז. שאַך־מאַט? ניין, רעמי.

אַריינגיין צו איר, באַרואיקן, מאַכן דעם אָנשטעל אַז ער פילט זיך שולדיק, זיך אַנטשולדיקן, גלעטן, קושן, זי וועט מאַכן דעם אָנשטעל פון דער געקריוודעטער, און סוף כל סוף זיך איבערבעטן... אין איין בעט. צוליגן אַ פּלאַסטערל צו אַ בלאָטער. דאָס בלוט וועט ניט געריניקט ווערן. אַן אָנשטעל. און וואָס איז עכט? אַריינגיין, דעקלערן. וואָס דערקלערן? — וואָס דערקלערן? — גייען שוין נאָך די פּיס נאָך דער פראַגע. — און ווי אַזוי? אַז צוויי מענטשן זיינען צוויי וועלטן, אַז איין קאָפּ נעמט אויף רייד און דערשיינונגען אַנדערש ווי דער צווייטער, אַז זיין

אַריינקומען איצט צו איר, זיין אַוועקזעצן אָדער אַוועקשטעלן זיך לעבן איר וועט שוין אויפגענומען ווערן ווי אַ סימן פון שולד, פון שוואַכקייט, און זי, איבערצייגט אין איר אומשולד, זיכער מיט איר שטאַרקייט, וועט גלייך דערזען דעם זיג, דעם זיג פון איר קערפער, דעם זיג פון דער נקבה איבער דעם זכר. זכר און נקבה, נקבה און זכר. אָט דאָס איז עס. צוויי וועלטן אין איין וועלט. איין וועלט. אין דער איינער וועלט מענטשן — ריטלעך אין אַ בעזים. אין אַ געוויסן פונקט רירט אָן איין ריטל דאָס צווייטע, אין אַ געוויסן פונקט, מיט דער הויט בלויז, מיט די „מלבושים," דאָס האַרץ פון איין ריטל רירט ניט אָן דאָס האַרץ פונם צווייטן ריטל. אַ בעזים, און דאָך איינצעלנע ריטלעך. דער בונד? נו, פאַרשריבן ערגעץ בנימין באַרדאַס און מיני מעלניק זיינען מאַן און ווייב. „און זיי זאָלן זיך באַהעפטן און ווערן איינס." באַהעפטן יאָ, אָבער ווערן איינס? אַריינדרינגען אין אַ פרויס קערפער, ווערן איינס... אויף אַ פאָר מינוט, און נאָכדעם? און אַפילו דאַן. איינס? נאָרט ניט דער קערפער? ליפ און און ליפ באַגעגענען זיך, באַגעגענען זיך דאַן אויך די געדאַנקען? פאַלן זיי צוזאַמען? נאַקעטע קערפער קען מען זען, פילן, פאַרטראָגן, אָבער נאַקעטע געדאַנקען? רייסט זיך אַמאָל ניט איבער אַ קוש ווייל פאַר די פאַרמאַכטע אויגן האָט אויפגעטויכט אַ געוויסער פנים און די ליפן האָבן זיך דערשראָקן? און געדויערט ניט אַמאָל אַ קוש לייגנער ווייל די פאַרמאַכטע אויגן ווילן זיך אָנזעטיקן מיט אָט דעם ניטדערבייאיקן פנים, און די ליפן האַלטן אָן אָט יענעם פנים, ווילן אים ניט אָפּלאָזן? זנות? נו יאָ, אָבער ווער איז ריין דערפון? ווער קען עס מיט זיכערקייט זאָגן איך בין ריין, און ווער קען עס מיט זיכערקייט וויסן וועגן דעם צווייטנס ריינקייט אָדער אומריינקייט? צוויי מענטשן, צוויי באַלעמס באַגעגענען זיך, שלאָגן זיך אָפּ, און ווען אַפילו אין רו צושטאַנד בלויז איין באַרירונגס פונקט. און דאָך, דער וועלט באַלעם דרייט זיך. צייַן פון איין רעדל איינגעפאַסט אין צייַן פון אַ צווייטן רעדל און דער זייגער גייט. און ווי אַז די צייַן פאַסן זיך ניט אַריין, אָדער איין צייַנדל בלויז אויסגעבראָכן, דאַן — אויס זייגער. אָבער די צייט גייט, וועלט בלייבט וועלט, און מענטש? „ניט גוט דעם מענטשן צו זיין אַליין," דאַרף ער זיין אין צווייען. אין צווייען און פאַר„איינ"יקט. אַ ווידערשפרוך. ווי האָט גאָר געקענט געשאַפן ווערן דאָס וואָרט פאַר„איינ"יקט?

דיקע ווערטערביכער בערגלען זיך פאַר בנימינ'ס אויגן. ער קערט אַפּ דעם קוק פון זיי — לעגאַלע גריבלערייען, דער אַדוואָקאַט האָט זיך געגומען צעקייען ווערטער. שפּראַך איז פאַרפּירעריש. אין לעבן...

בנמינ'ס געדאַנק נידערט אין דער טיף, וואוהין קיין מענטשליכער קלאַנג דערגרייכט ניט, קען אָבער לאַנג ניט פאַרבלייבן אין יענער טונ־קעלער טיפעניש, אַנגעכאַפּט עפּעס, טויכט ער ווידער אויף מיט אַ וואָרט —„אַ קינד.” אַ קינד — אַ פּליוס צווישן צוויי איינסן. אין מאַטעמאַטיק ווערט דערפון איין ציפער, איין 2, אין לעבן דריי איינסן — 111. לעבן איז ניט מאַטעמאַטיק, ניט לאָגיק, אין לעבן איז יעדער איינער אַן איינס פאַר זיך, ניט נאָר אינדיווויד — ניט צעטיילבאַר, נאָר אויך אינאוויד — ניט פאַראייגבאַר. איינ־זאַם. די איינזאַמקייט פון אַ בלינדן, דער איינצי־קער אונטערשייד — דער שאָטן. דער בלינדער זעט ניט אַפילו דעם שטענדיקן באַגלייטער — זיין שאָטן, ער?

בנימין טוט אַ קער דעם קאָפּ, זעט דער שאָטן שפּרייט זיך אויפ'ן וואַנט, קריכט אויף דער טיר, זיין קערפּער איינגעקנייטשט — די פיס אויפן דיל, דער אויבערשטער האַלבער קערפּער אויפן וואַנט, טיר. אַנגעמען דעם שאָטן קען מען ניט. שוין בעסער דעם בלינדן. ער זעט ניט זיין שאָטן־באַגלייטער, דערפאַר אָבער טראָגט ער אין זיך די פולע ליכט וואָס ער האָט ווען עס איז אַריינגענומען. דער ניט־געבוירענער בלינדער האָט אַ ליכטיקן נעכטן. זיין נעכטן? דער דראַנג פונם פאַר־שפּאַרטן נאָך פרייהייט, די נאַגנדיקע בייגקעניש נאָך מענטשן, דאָס גאַנץ נאָך אַ פרוי, חלומות וועגן מענטש, פרוי, און איצט... די ווירקליכקייט. נייך, ניט אין טורמע איז ער פאַרמשפּט געוואָרן צו איינזאַמקייט, ער איז אַ פאַרמשפּטער אַריין אַהין און אַרויס אַ פאַרמשפּטער, פאַראורטיילט צו איינזאַמקייט און בייגקען נאָך צווייזאַמקייט.

פּילע טריט האָט איינגעשלונגען דער טעפּיך יענעם אָוונט. טעמפּ איז שוין געוואָרן דאָס טראַכטן ווי אַמאָל דאָס טראַכטן אין דער תפיסה־צעל און בנימין באַרדאַס איז נאָך אַלץ אַרומגעגאַנגען. פון אַהינטער דער וואַנט האָט זיך געהערט אַ באַוועגונג פון אַ מענטשליכן קערפּער, פון אַ בעט. בנימין האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיך איינגעהערט און ווידער געגאַנגען הין און צוריק, געגאַנגען, געגאַנגען, און סוף־כל־סוף זיך... צעגאַנגען מיט זיין ווייב.

.3

טויבע טעלעפאָנען שטייען פאַרטייעט אויף זייערע באַשטימטע ערטער, זייערע טרייבלעך — צוגעפּלעטשטע שלאַנגען־קעפּ; שטומע שרייב־מאַשינען, זייערע נאַקעטע געלבליכע ביינדלעך באַדעקט מיט שוואַרצע נאַכט־העמדלעך, אַריבערגעצויגן איבער די קעפּ, שלומערן אויף פּאָלירטע, באַגלאָזטע שרייב־טישן; די פאַרנאַכטיקע שטילקייט האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דער לופט, זיך אויפגעלייזט אין איר, לופט, און שטילקייט, און צייט האַלטן אין איינדרימלען, ווערן אַ פאַרגליווער־טער קוב, איינגעפּרעסט אין דעם שופלאָד פון דער צענשטאָקיקער שאַפע — די ביוראָ פון פּיצימאַנס און באַרדאַס.

דער פאַרטאַיעטער טעלעפאָן וועט זיך באַלד אַ צאַפּל טון, אַ טרען טון די לופט, אַ העללאָ וועט זיך אַריינרייסן, פאַרוואונדן די שטילקייט, די אויסגעצויגענע טיר וועט אויסשניידן אַ דריי־עק און עס וועט זיך אַריינשטעלן... גרויע רינגען ציגאַרן־אַש, פאַרקנייטשטע ציגאַרעטן־אָפּשניצלעך פאַרזיכערן — דער טאָג איז אויסגעברענט, אַוועק מיטן רויך, און וואָס נאָך געבליבן פון אים, דער פאַרנאַכט, ליגט אַ דערשטיקטער דאָ אין שופלאָד, וועט שוין אַזוי אויסגיין אָן אַ כאָרכל.

שיקט בנימין באַרדאַס אַן איינאויגיקן, סקאָסן קוק אין גאַס אַרונ־טער, דעם אָרעם זיינעם שטרעקט ער אויס צו דער שראַגע, נעמען דאָס היטל, די אויערן וואַרנען אָבער: וואַרט! טעפּ־טעפּ. טריט. די טיר, די פאַרעטערישע טיר, גיט זיך פאַרטראַכט אַ ריר און פּיצימאַנס שטעלט זיך אַריין.

— וואָס! גייסט שוין אַהיים? לייג אַוועק דאָס פאַרדאַמטע קאַפּ־שטערצל דיינס און זעץ זיך אַנידער.

די אויגן פאַרגלייזט, די רויטע נאָז מיט די פּיאַלעטע פּעדימלעך גלאַנצט, דאָס היטל אָנגעטון כוואַטסקע, אַלעס דערציילט — געמאַכט אַ כּוסה.

— וואָס קוקסטו מיך אָן? זעץ זיך אַנידער. אָט אַזוי. געשלאָסן אַ מסחר? נו, דאַרף מען אים באַנעצן. זע, אמתער סקאָטש. דער עטיקעט מיינט גאַראַנטיע, עס פאַרזוכט...

— דאָס זע איך...

— זעסט גאָרניט. פאַרזוך. דו נעם אָט דאָס גלעזל, אָט אַזוי. ווי געפעלט דיר דער קאָליר? און דער גערוך? איך זאָג דיר אמתער סקאָטש זאָלסטו גלויבן. נו, געזונט! האַ? ניט שלעכט! באַליידיקסט מיין טאַטן דעם סקאָטישן און דער איינציקער וועג זיך צו אַנטשולדיקן איז טרינקען פאַר מיין מאַמע דער איירישער. איך בין סקאָטש־איריש, ווייסט׳אך. געבראַכט פאַרבייסן אויך. אָט אַזוי.

— ווי איך זע האָסטו אַ סעודה אַ גאַנצע.

— און פאַרוואָס ניט? נאָך אַ פּאָר אַזעלכע מסחרים און מיר מאַכן אַ רייזע קיין האָנאָלולו אויף אַן אייגענער יאַכט, אָפּשטאַטן אַ וויזיט די הולאַ־הולאַ מיידלעך. זיי קוקן אויס אַזוי פאַרדאַמט קאָמיש מיט די קליידלעך זייערע, פאַלמעס מיט די פאַרטריקנטע צווייגן אַרונטער, און זיי דרייען אַזוי מיט זייערע הינטנס... געזען אין די מואוויס... נעם נאָך אַ גלעזל... פאַר די האָנאָלולער שיינקייטן!

— קיינמאָל ניט געוואוסט ביסט פאַרליבט אין האָנאָלולער, דיין ווייב איז, דוכט מיר, אַן ענגלישע.

— וועלש, אויב דו ווילסט וויסן, אָבער דאָס האָט גאָרניט צו טון מיט האָנאָלולו. מיט אַ ווייב איז מען פאַרהייראַט, צו אַ ווייב איז מען צוגעבונדן, און פאַרליבט איז מען אין...

— אַ ביסל בראָנפן.

— ריכטיק. און זי האָט קיין רעכט צו זיין אייפערזיכטיק, די... נאָך ניט אויסגעטרונקען? סקאָל! פּ־פּ־פּ. זי איז אַ גוט ווייב. אַ וואוילע פרוי. דו האָסט זי געזען, אָבער זי האָט זיך אירע פאַראורטיילן. זי האָט אַ פאַראורטייל קעגן בראָנפן. נו, זאָל זי האַלטן דעם פאַראורטייל פאַר זיך. ווען איך בין נערוועז, אַמאָל צוליב אַ געשעפט וואָס האַלט אין גע־שלאָסן ווערן און עס רייסט זיך, ווי נעכטן אַ שטייגער, און איך נעם אַ טרונק בראָנפן צום שטאַרקן זיך, דאַרף זי ניט מאַכן קיין ווענז. איך קען טרינקען אַז איך וויל, און אויב עס געפעלט איר ניט קען איך פאַרברייַנ־גען די נאַכט אין קלוב. זי האָט ניט גערופן היינט? קלוגע פרוי, אַ פאַרדאַמט קלוגע פרוי.

די אונטערשטע ליפּ היינגט אַרונטער, דאָס פּנים שלאַבערדיק, נאָר אין די אויגן שיינט אַ שמייכל, אַ שטראַל ליכט אויף אַ געשליפענעם שפּיגל, אַ צעשפּאַלטענער שמייכל פון אַ שיכּור און אַ קינד וואָס האָט

אַפּגעטון אַ שפּיצל, זיך געריכט אויף שמיץ און ניט געקראָגן.

— ווי איך זע האָסטו אַלע מאָל אַ גוטן תּירוץ: נעכטן ווייל ס'איז גע־ווען ערב דעם מסחר, היינט דער מסחר, מאָרגן נאָכן מסחר... טרינקסט קיינמאָל ניט ווייל דו האָסט ליב אַ ביסל סקאַטש.

די מדבר־זאַמד אַנטקעגן זון בייט ניט אַזוי שנעל דעם אויסזען ווי פּיצימאָנס' אויגן. איצט קוקן זיי שוין ניט אויף דער ווייב און מאַמע נאָר אויף אַן עלטערן ברודער, וועמען אַנרירן קען מען ניט, אָבער קיבעצן אים, דערגיין די יאָר — מיט'ן גרעסטן פאַרגעניגן.

— דער סקאַטש איז גוט, די איינציקע צרה איז וואָס דו, מיין קלו־גער שותּף, האָסט קיין שכל ניט אָפּצושאַצן. ביי גאָט, קאַמיש צו זען ווי דו טרינקסט בראָנפן. טרינקסט בראָנפן ווי איך פּלעג קליינערהייט זינגען אין קירכן־כאָר. דאָס מויל אָפן, קלאַנגען קומען אַרויס, אָבער דאָס איז ניט געווען קיין זינגען נאָר אַן אָפּקומעניש, דאָס זעלבע מיט דיר, טרינקסט ניט, קומסט אָפּ. ווילסט אָפּקומען מיט נאָך אַ גלעזל? דו ווילסט יאָ! אָט אַזוי. אַ ביסל בראָנפן דאַרף מען קענען טרינקען. פאַרשטייסט מיך?

— איך פאַרשטיי, איך פאַרשטיי.

— פאַרשטייסט גאָרניט, מיין טייערער שותּף. יעס סיר, פאַרשטייסט גאָרניט. דיינקסט ביסט קלוג, פאַרשטייסט אַלעס, אָבער פאַרשטייסט גאָרניט, דאָס זאָג איך דיר גאַנץ אָפן. ביסט קלוג, דאָס גיב איך צו. ביסט אפשר קלוגער פון מיר, קענסט גיכער דורכפירן אַ מסחר ווי איך, ווייסט אַלע דריידלעך, אָבער דיר פעלט דער מענטשליכער קנייטש. אָט וואָס עס פעלט דיר. נעם דעם מסחר. דו האָסט אים דורכגעפירט, און פאַרדאַמט גוט דורכגעפירט, אַ פאַרדאַמט גוט שטיקל אַרבעט, קומט דיר קרעדיט דערפאַר, דאָך ווען איך האָב געזען ווי דו האָסט געהאַנדלט מיט דעם ראָזענבערג... „זייט איר גרייט צו געבן צוויי הונדערט אַכט־און־צוואַנציק טויזנט און צוויי הונדערט פינף־און־דרייסיק דאָלער? איך פרעג אייך ניט צי עס האָט די ווערט צוויי הונדערט אָדער צוויי הונ־דערט און דרייסיק, זייט איר גרייט צו געבן צוויי הונדערט אַכט־און־צוואַנציק טויזנט און צוויי הונדערט פינף־און־דרייסיק? זייט איר גרייט צו געבן אָט דעם פּרייז? אויב יאָ, שרייבט אונטער און גיט אַ דעפּאָזיט. היינט, איצט!" — האָב איך געפילט ווי צולויפן און אַ געשריי טון:

פאַרדאַמטער נאַר, לאָז מיך האַנדלען מיט אים! דאָס מיינט ניט אַז איך וואָלט געקראָגן צוויי הונדערט און דרייסיק, איך וואָלט מער ווי צוויי אַכט־און־צוואַנציק ניט געקראָגן, איך וואָלט עס אים אפשר גאָר אַוועק־געגעבן פאַר צוויי זיבן־און־צוואַנציק מיט פינף, אָבער מר. ראָזענבערג וואָלט ביי מיר געלאָפן צען מאָל, געוואַרט צען שעה, איך וואָלט אים „געפידלט" אַ וואָך צייט, און ער וואָלט הנאה געהאַט דערפון. מענטשן האָבן הנאה ווען מ'פידלט זיי. דו אָבער — אַ שניט מיט אַ מעסער און פאַרטיק. דאָס איז געגנוי וואָס מענטשן האָבן ניט ליב. דיר שוין געזאָגט, מענטשן האָבן ליב אַז מ'פידלט זיי, פידל־די־די, פידל־די־דאַם. שינדן זיי לעבעדיקערהייט, פּאַמעלאַך, אָבער דיר פעלט דער מענטשליכער קנייטש. קומט צו געזעץ ווייסטו אַלע קנייטשן, דרייסט אים אויס אויף דער לינ־קער זייט מיט אַלע נעט אויף אַרויס, קומט צו מענטשן דערלאַנגסטו מיט אַ האַמער איבערן קאָפּ. האָסט ניט ליב קיין מענטשן, האָסט ניט ליב קיין בראָנפן, האָסט אַפילו ניט ליב קיין געלט. און נאָך אַ איד ביסטו. זאָג מיר, זיינען אַלע אידן אַזוי?

— איך האָף דו ביסט ניט קיין מוסטער פון סקאָטש־איריש, ביסטו?

— אין אַ געוויסן הינזיכט בין איך יאָ. מיר זיינען אַ ל ע געקנאָטן פונם זעלבן טייג, נאָר אַ ביסל אַנדערש געבאַקן. גיב מיר אַ ציגאַרעט.

— אויב ס'איז אַ פראַגע פון באַקן, דאַן ביסטו, מיין שותּף, אַ ביסל ניט דערבאַקן.

— ניט דערבאַקן? אפשר. אָבער לאָמיך דיר זאָגן, אויב איך בין ניט דערבאַקן, דאַן ביסטו, מיין שותּף, אַלט־געבאַקן. יעס סיר, אַלט־געבאַקן. ביסט אַזוי האַרט ווי אַ שטיין, אַזוי טרוקן ווי...

— איך בין טרוקן און דו ביסט אינגאַנצן נאַס...

אַ פיר מיט דער האַנט איבער דעם געעפנטן סלינענדיקן מויל, און דאָס מויל, דאָס פאַרקרימט מויל, פאַרשטייפט זיך. — דיינקסט איך בין שיכּור, הע? דו פּרואוו מיך נאָר באַשווינדלען איצט אויף איין ניקל וועסטו זען ווי ניכטער איך בין.

בנימין רייסט אויף די אויגן און זעט ווי אַ פאַרטאַיעטער מיאוסער חשד פון יאָרן שותּפות שווימט פּלוצלונג אַרויס גלאַנצנדיק מיט אַ שניי־דענדיקן, שיכּורן שמייכל. אַ ליאַפּע טון מיט דער האַנט־פלאַך אין אַט דער באַזויפענער צורה, פאַרשטעלן זי, אַ זעץ טון מיטביידע קולאַקעס,

מאַכן צוויי לאַמטערנס אונטער די אויגן, דער שמייכל זאָל פֿאַרפֿינסטערט ווערן. דער שמייכל איז שוין פֿאַרשוואונדן, אַ זעלבסטצופֿרידענער שמייכל פֿון אַ שטאָלצן לייבן־שיכּור שפּילט שוין איצט. — איך קען דיר איבערציילן אַלע מסחרים וואָס מיר האָבן דורכגעפֿירט אין די אַלע יאָרן, אַלע ביז איינעם. און עס איז שוין פֿינף יאָר, ניין? אַ פֿאַרדאַמט לאַנגע צייט.

אַ פֿילאָזאָפֿישע מינע באַגלייט די „פֿאַרדאַמט לאַנגע צייט" און קערט זיך שוין ניט אום צוריק, אַ בייז באַליידיקטער אויסדרוק רייסט זיך אַרויס: — אָבער איך געדענק ניט דו זאָלסט מיך אַמאָל האָבן גערופֿן אַרויסגיין ערגעץ צוזאַמען אָדער גאָר צו זיך אַהיים. קיין איין איינציק מאָל, יעס סיר.

אַן אַרויסרופֿנדיקער קוק, אונטערגעשפּאַרט מיט אַ ווילן אָנשטרייב־גונג איבער זיין כּח, איין מינוט און די „פּאַדפּאַרע" וועט זיך אַ גליטש טון, פּיצימאָנס קוק וועט זינקען מיטציענדיק זיין קאָפּ.

— און פֿון וואַנען ווייסטו אַז איך האָב אַ היים?

— וואָס?

צוויי אינזלען טויכן אויף אין דעם שיכּרות ים. — מיינסט צו זאָגן דו האָסט ניט קיין ווייב, קיין... ביסט אַן אַלטער בחור?

— ניט קיין אַלטער בחור.

— טאָ ווער, צו אַלדי שוואַרץ יאָר ביסטו? איך הויב אָן צו גלויבן ביסט אַן אַנטלאָפֿענער טורמעניק. זאָג דעם אמת, וויפֿיל מענטשן האָסטו שוין געהרגעט? שטעל זיך פֿאָר, פֿינף יאָר, און ער האָט מיר ניט גע־זאָגט ער איז אַן אַלטער בחור. בען, עפּעס איז מיט דיר, עפּעס פֿעלט דיר, און איכ'ל דיר זאָגן וואָס, דיר פֿעלט אַ פֿרוי, אַ לעבעדיקע, פֿריילאַ־כע, יונגע הינדל, ווייסט'אַך... הער, בען. מיר איז איינגעפֿאַלן אַ גוטער געדאַנק. ביי מיר אין קלוב איז היינט אַ בחור'שע שמחה... ווייסט'אַך, בראָנפֿן, וויין און... מיידלעך. קאַרשן! הערסט, קאַרשן! וואָס איז מכח צוגיין אַהין? איך וועל דיך מיטנעמען.

— איך דיינק אַז איך וועל דיך נעמען אַהיים, צו דיין ווייב.

— אָה יע־ע־ה! וואו איז דאָס פֿלעשל? אָט איז עס. ניט פֿיל גע־בליבן. גיב דיין גלעזל. ווילסט ניט? איז ניט. כאַפּט דיך דער רוח, פּ־פּ־פּ.

אַ שטעל דאָס גלעזל אויף דעם באַגלאָזטן טיש און די האַנט בלייבט שוין אויפן טיש, דער קאָפּ פאָלגט נאָך דער האַנט. פיצימאָנס נאַקן, די ליידיקע גלעזלאַך, דאָס פלעשל סטאַרטשען אַרויס פון דער אַנטשטאַנע־נער שטילקייט. די האַלב פינסטערניש, ביז אַהער אַ פאַררוקטע אין די ווינקלען, רוקט זיך אַרויס, אַוואַנסירט און, געיאָגט פון שרעק און ווינט, פאַרשפרייט זי זיך גאַז־מעסיק, קומט אָן אַלץ שנעלער, געדיכטער. בנימינען ווערט אומהיימלעך. ער הויבט זיך אויף. שיכּור? ניין. ברענט אויפן האַרצן, קלאַפּט אין די שלייפן. הייס און דאָך אַ קאַלטער שווייס, שטיקט. אַרויסגיין אין דרויסן.

—פּעט! אָה, פּעט! — טאָרעט ער פיצימאָנסן,— ווילסט גיין אַהיים?

— גיי אין דר'ערד!

— ווילסט דאָ בלייבן?

— גיי צו אַלדי טייפל!

די טיר שטופּט אָפּ די שטילקייט און פינסטערניש, שניידט אויס אַ דרייעק, לאָזט אַרויס בנימין באַרדאַס און ציט זיך סודותדיק צוריק צום ביישטידל. שאַ. שטיל. נאַכט.

.4

דער שפּיגל האָט געזאָגט: זעסטו? דיינע האָר, האָניג ברוין, זעען שוין איצט אויס ווי זילבערוואַרג וואָס האַלט אין אָפּקריכן, אויף דיר קריכט שוין אַרויף דאָס זילבער, ווערסט גרוי, בנימין, און ניט נאָר גרוי — אַלט. דער קנייטש צווישן די ברעמען ווערט אַלץ לייגער און טיפער, אַ שפּאַלט אַ גאַנצער; די קנייטשן אַרום מויל גרייכן שוין ביז אַריבער דער אונטערשטער ליפּ. און זעסטו, אויפן קין,ביים לינקן מויל־ווינקל, איז שוין אַן אָנצוהערעניש אויף אַ נייעם קנייטש. וואָס דאָס מיינט ווייסטו. די אַלע קנייטשן, דאָס זיינען רינוועס דורך וועלכע דאָס לעבן איז אויסגערונען. אַ שלאַבערדיק מויל מיינט אַלט. פרויען מעסט מען לויט זייער מויל, מענער נאָך זייער נאָז. דער נאָז גאַנץ שאַרף... פילט זיך אַביסל ליימיק איצט ווייל שיכּור. ביסט שיכּור. רעדסט נאַריש־קייטן. דו גיב אַ קוק אויף די אויגן־ווינקלען. זעסט? היגערשע פיסלעך. איצט באַטראַכט גוט — דיין אַרטעריע אויפן רעכטן שלייף — אַ בלויער

וואָרים. זע ווי עס צאַפּלט זיך, לייג אַרויף דעם פינגער, ריר אָן. היינט די זעקעלעך אונטער די אויגן. שניידט, זאָגסטו? אַ מצוה אויף דיר. אַז מ'האָט שלעכטע נירן, אַ שוואַך האַרץ, טרינקט מען ניט קיין בראָנפן מיט פּיצימאָנסן. איך וואָלט געמעגט שווערן אַז דיין בלוט־זייגער, דאָס האַרץ דיינס, האָט גענומען לויפן, גאַלאָפּירן, אַלץ צוליב דיין סקאָטש. אָבער דאָס איז שוין ניט מיין עסק. איך ווייז דיר בלויז דיין פּנים, און אויך דאָס זעסטו מיט פאַרגלייזטע אויגן. ביסט שיכור בנימין, און, מישטיינס געזאָגט, וואָס אַ שיכורער קען שוין זען. געגוג דיר צו קוקן.

— איך בין ניט שיכור! — האָט דער שפּיגל דייטליך דערהערט.— געטרונקען אַ ביסל צופיל אָבער ניט שיכור, ניין.— אַ וויש דעם פּנים און אַ לויטערער קוק אין שפּיגל. — און אַפילו ווען יאָ דאַרף מען אויך אַ קוק טון אין שפּיגל. יעדער איינער וואָלט באַדאַרפט אַרומגיין מיט אַ שפּיגל פאַר די אויגן. ער איז אין כעס געוואָרן, שטאַרק אין כעס געוואָרן, הענט און פיס האָבן אים גענומען ציטערן, און די מאַמע, טייערע מאַמע, האָט געטון איין קלייניגקייט, צוגעטראָגן אַ שפּיגל און ער האָט זיך דערזען... יאָרן אין דעם, אָבער ער וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן יענעם פּנים אין שפּיגל, און די רעאַקציע ווען ער האָט אים דערזען! קיינמאָל איז ער מער שוין ניט געווען אַזוי אין כעס ווי דאַן. ווי ווינציק מענטשן קוקן אין שפּיגל. פּרויען און אַקטיאָרן טוען דאָס, אָבער זיי קוקן אין שפּיגל מיט פרעמדע אויגן — וואָס וועלן זייטיקע זען, וואָס וועלן פרעמדע זאָגן, ווי וועלן עס אַנדערע אויפנעמען, ער וויל זען זיך, מיט די אייגענע אויגן, פונזיינעטוועגן גופא. מ'דאַרף זיך אַמאָל בדאַי אומישנע אָנטרינקען כדי אַ קוק צו טון אין שפּיגל שיכורערהייט. אויגן און שפּיגל, דאָך פילט זיך ערגעץ שטייט אַ פאָטאָגראַף און שטעלט איין אַ פּאָזע. ווען די מאַמע האָט דערלאַנגט דעם שפּיגל, דאַן... אַ לאַנ־גע, לאַנ־גע צייט...— מיט פאַרמאַכטע אויגן טוט בנימין אַ נורע אין צייט־שטח. טויכט אויף אויף זיין יוגנט־ברעג, אַ בליק און ער שפּרינגט צוריק.—און היינט? די שיכרות כוואַליע ביי פּיצימאָנסן איז שוין מסתם אָפּגעפאַלן, ער האָט זיך אויפגע־כאַפּט, אויסגעשפּיגן, געזוכט נאָך אַ זופּ אין פלעשל, ניט געפונען איז ער אַרונטערגעגאַנגען אין גאַס, דאָרט געקראָגן זיין זופּ, נאָכדעם געגאַנ־גען אַהיים צו דער וויב, זיך אַנטשולדיקט, געמוזט פאַרענדיקן אַ גע־שעפט, דערפאַר אָבער פאַרענדיקט, און נאָך ווי! אַ נייעם אויטאָמאָביל

קריגט זי. אָדער אַוועקגעגאַנגען אין קלוב צו זיין בחורשער שמחה, געטרונקען, געזויפט, געהורט. ווי ס'ניט איז, מאָרגן אינדערפרי וועט ער ווידער זיין אין ביורא, גרייט צו פירן געשעפט מיט אים, מיט בענען, כאָטש אים פעלט דער מענטשליכער קנייטש, קען ניט פידלען, שינדן פאַמעליך... גיי ווייס אַז צו געשעפט דאַרף מען אויך אַ מענטשליכן קנייטש, זיי שינדן מיט ליבע, פאַמעליך, פידלען... אַ שלעכטער געשעפטסמאַן. „איך האָב מיין געלט געמאַכט ניט אין קרימינעלע פּראָצעסן, נאָר אין ריעל עסטייט, כאָטש דאָס איז אפשר אויך קרימינעל.‟ טייערער זיידענבערג, ווער, ווער, דו האָסט זיכער אַ מענטשליכן קנייטש, אַ גוטער מענטש און אַ גוטער געשעפטסמאַן, אַפילו לעבן מיט אַ ווייב איז ביי דיר אַ געשעפט, און וועגן בנימין באַרדאַס מוזטו אַוודאי טראַכטן ווי וועגן אַ שלעכטן געשעפטסמאַן, און ביסט אפשר גערעכט, דו און פּעט, ביידע גערעכט. כאָטש ... — געלט, ציפערן טאַנצן, דרייען זיך, שטעלן זיך אויס אין אַ רייע. רעאַליזירן די אַלע געלטער וועט ער האָבן גענוג ניט נאָר צום לעבן דערפון, נאָר אויך דאָס גרינגשאַצן. קען לייכט רעאַליזירן, פּיצימאַנס טאָר נאָר ניט וויסן אַז ער וויל דאָס, ער וועט דערשמעקן וועט ער וועלן פידלען, שינדן פאַמעליך... אַ שפּאַס, פּ ע ט איז אים חושד אין גנבענען. ער האָט אַליין ג ע ז ע ן ווי פּעט האָט אין איין מסחר אַראָפּגעלקחנט פינף הונדערט דאָלער און פּעט איז אים חושד. און פּעט איז גערעכט. אויב ער האָט געזען גנבענען און געשוויגן איז אַ סימן אַז ער גנבעט מער. חשד איז מענטשליך, אויך אַ מענטשליכער קנייטש... אויספּרעסן. זיך געהאַלטן מיט אים ווייל ער האָט אים געדאַרפט. פּיצימאַנס — דאָס איז די שמירעכץ צו פאַרדרייען די מאַטערקע אויפן געשעפטס שרויף, אָן דער שמירעכץ גייט עס צו שטייף. צייט אָפּצוואַשן די הענט פון אָט דעם... שמירעכץ.

„איך הויב אָן צו גלויבן ביסט אַן אַנטלאָפענער טורמעניק. וויפיל מענטשן האָסטו שוין דערהרגעט?‟

— איינעם, מר. פּיצימאַנס, בלויז איינעם. דיינע קליינע שיכורע אויגעלעך האָבן אויפגעבלישטשעט, דיין נאָז האָט שוין דערשמעקט בלוט, דיין מח — מאָרד. אַ פּרווו. דיין מויל האָט זיך שוין אַזש געעפנט, וואָריִמע נייגיריקייט־געשלעכט סלינע רינט שוין פון דיין מויל, איינצעלהייטן ווילסטו, פּיקאַנטע דערצו. נאָך ווי פּיקאַנט. פאַרט אַ מענטש, אַ

יונגער דערפּאָלגרייכער אַדוואָקאַט ניין אינדערפרי אין זיין ביוראָ, אויפן וועג פאַרקירעוועט ער זיך, שטעלט זיך אָפּ לעבן אַ געוויסן אַפּאַרטמענט, פאַרט אַרויף מיטן ליפט אויפן אַכטן שטאָק, שטעלט זיך אָפּ ביי דער טיר H8, קוקט זיך אַרום, גיט אַ לייכטן קלאַפּ אָן טיר, שפּיצט אָן דעם אויער, הערט בלויז זיין זייגער, זיין האַרץ קלאַפּן, נאָכדעם דעם גערויש פון ליפט וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון אונטערשטן שטאָק, הויבט זיך אַרויף, באַלד וועט ער אפשר זיין ביים אַכטן, וועט זיך אפשר דאָ אָפּ־שטעלן, עמיצער וועט אַרויסגיין. פינגער ציטערן, געפינען אַ שליסל, עפענען די טיר פון H8 און באַלד פאַרמאַכט זי זיך.
ברענט אויפן האַרצן. אַ טרונק וואַסער. קאַלטע וואַסער. בעסער אַביסל. אפשר גאָר זיך לייגן שלאָפן. נאָך זיצן אַ ביסל.
— נו? האָסט פאַרמאַכט די טיר און לאָזט ניט אַריינקוקן אַהין. וואָס האָט פּאַסירט הינטער דער טיר?
— הינטער דער טיר? אין פּאָדערצימער גאָרניט, קיינער ניט גע־ווען, אין צווייטן צימער אויך קיינער, אין שלאָף־צימער איז געשטאַנען אַ ניט־פאַרבעטע בעט פון וועלכע עס האָט נאָך געשמעקט מיט וואַרים לייב, גאַרדעניא פּאַרפיום. פינף, צען מינוט. דער אויטאָמאַביל שטייט אונטן, קינדער האָבן שוין אַ פייף געטון מיטן האָרן, אָפּנים פאַרגעסן פאַרשליסן, און דאָ אינעווייניק קיין שאַרך. אין וואַש־צימער, אין וואַנע. אין וואַש־צימער הייגגט אַ פאָרהאַנג אויף איין האַטשיק — אָן אָפּגעריסענער דאַשעק מיט איין עק צוגעבונדן צום היטל, אין וואַנע אַ בלוט־באָד, אין דער בלוט־באָד אַ פרוי דערטרונקען, אויפּ׳ן דיל אַ האַמער.
— האָסטו גערופן די פּאָליציי?
— כם... זאָג מיר, איך בעט דיך, וואָס האָט אַ רעספּעקטאַבלער אַדוואָקאַט צי טון ביי אַ ניט־געגטער פרוי ניין אַזייגער אינדערפרי ווען זי נעמט אַ באָד? זיין האָנאָר, איר האָנאָר איז אויסגעשטעלט. אַ רעס־פּעקטאַבלער מענטש טאָר ניט האָבן קיין געליבטע, אַ ניט־געגטע פרוי, טאָר זיך מיט איר ניט צוזוערטלען ביינאַכט, טאָר ניט חרטה האָבן אינ־דערפרי. און האָט ער יאָ געטון, דאַן העלפן ניט קיינע תירוצים: דער פאָרהאַנג איז אַרונטערגעפאַלן, זי האָט גענומען אַ האַמער פאַרריכטן, זיך אויסגעגליטשט, אַ פאַל געטון, צעקלאַפּט דעם קאָפּ, געחלשט, דער־טרונקען געוואָרן אפשר. מיר האָבן עקספּערטן אַז דעם קלאַפּ האָט מען

דערלאַנגט מיט דעם האַמער, ניט געקראָגן פאַלנדיק אויפן קראַן, אויפן האַמער קען מען דייטליך זען פינגער אָפּדרוקן, היינט זיין שליסל צו איר טיר, און שכנים קענען דערציילן ווי זיי האָבן געהערט אַז „דאָס פּאָרל" האָט זיך געקריגט. מיר האָבן אַלץ. מיר האָבן אויך אַ פּראָקוראָר וואָס באַלאַנגט אין איין קלוב מיט דער טויטער'ס מאַן, געלערנט מיט אים אין איין אוניווערסיטעט, און מיר האָבן אויך אַן עלעקטרישן שטול, און אַ באַזונדער חדר, אַ חדר מיוחד צו זיצן און וואַרטן ביז מ'זעצט אַרויף אויפן שטול. דריי יאָר צייט. דריי יאָר, ביז אַ ריכטער, אַ גובערנאַטאָר איז זיך מרחם... דריי יאָר...

האַ, וואָס אַזוינס? וואָס? געשלאָפן? שיכּור. ניין. פּיצימאָנס. פּטור ווערן. פּטור ווערן פון אַלץ, פון די געשעפטן. די פּאַרם לאָזן. זיך באַזעצן דאָרט? אַ נזיר? צו אַלט און צו יונג דערפאַר. אַ נזיר צו ווערן האָט אַ זין צו איין־און־צוואַנציק אָדער צו זעכציק יאָר, אָבער צו פערציק? דערווייל ניט, אָבער זאָל זיין, אַ ווינקל. און דערווייל, איצט?

בנימין האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי איין וואַנט, אַ צווייטער, זיך פאַרקוקט אויף דער סטעליע, זיך פאַרטיפּט אין טעפּיך, אָפּגעשטעלט זיך פאַרן שפּיגל. ווענט, פּאָדלאָגע, סטעליע, טיר און פענסטער קוקן פאַרטראַכט, אָבער זיי שוויגן טעמפּ, עס שוויגט אויך דער שפּיגל. אויטאָמאַטיש גייען די פיס, כּאַאָטיש טראָגט זיך דער געדאַנק, ביז אַלעס שטעלט זיך אָפּ מיט אַמאָל. וואָס האָט ער געטראַכט? ער האָט דאָך עפּעס געוואָלט. זיין קוק זוכט. פון אַלע מעבל־שטיקער שפּרינגט אַרויס דער גראַמאָפאָן — האָסט מיך גערופן? געוויס! הערסט אַ מעשה! פינגער וואַרפן פיבעריש די פּלאַסטינקעס. אָט, פריץ קרייזלער: ליבעס פרייד, ליבעסלייד. שפּיל, קרייזלער! געמאָסטענער די טריט, פּאַמעליכער דער גאַנג. ליבעס לייד? נו יאָ, שפּילסט פיין, פאַרענדיקסט נאָך פיינער, אָבער... ניט דאָס. ניט דאָס. צו... ווינעריש. וואַרט. אָט. פּאַבלאָ קאַסאַלס. טשעלאָ. ניטאָ קיין וואונדער־קינדער טשעליסטן. אויף דער טשעלאָ ווייזט מען ניט קיין קונצן, טשעלאָ — דאָס רעדט אַ מאַן. שפּיל פּאַבלאָ! טרוימעריי? זאָל זיין טרוימעריי. פּאַמעליכער, פּאַ־מע־לי־כער דער גאַנג, די אויערן באַפוילן — ריר זיך ניט פון אָרט. בלייבט בנימין שטיין. וואָס? דו הערסט שוין אויף? דיך ניט אָפּלאָזן אַזוי גיך. אַ וויג־ליד? שפּיל, פּאַבלאָ, שפּיל!

די נאָדל האָט געקראַצט דעם רעקאָרד. אַ קלאַפּקעלע האָט אַ קליק געטון, דאָס רעדל האָט זיך אָפּגעשטעלט. איינגענורעט אין ווייכן שטול איז בנימין באַרדאָס געזעסן מיט פאַרמאַכטע אויגן. האָט ער געהערט די טשעלאָ שפּילן?

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ טרייסל פון קערפּער, איין האַנט האָט ער אַ כאַפּ געטון אויף צוריק, אָט די האַנט פאַר וועלכער עמיצער האָט אים געצויגן, געצויגן...

די נאַקעטע וואַנט אַנטקעגן האָט שטום אָבער דייטליך געזאָגט — ביסט דאָ, האָסט אויפגעוואַכט. דער שלאָף, אַ פאַרשלייערטער, האָט זיך אַ דריי געטון פאַר די אויגן, דער חלום שפּינוועב, באַהאַלטן אין די שלייער־פאַלדן, שפּרייט זיך ווידער איבער זיין פּנים. אַ פּיר מיט דער האַנט — אָפּווישן דעם שפּינוועב, דאַן אַ קוק אויף די פינגער. דינע, דינע פעדימלעך. וואַרט, וואָס האָט זיך אים געחלומט? אַזוי פיל אָנגע־פּלאָנטערט. צעפּלאָנטערן. ער איז געגאַנגען, דאָס געדיינקט ער, גע־גאַנגען לאַנג, זייער לאַנג, אַרויף באַרג. יאָ, אַרויפגעקראָכן אויף אַ שפּיץ באַרג. ניין, ניט באַרג, אויפן „שפּיץ פון דער ערד." אויפ'ן פּאַליוס איז ער געשטאַנען, געקוקט, געקוקט. קיין זאַך אויף דער ערד, אַריבער־געקוקט איבער דער ערד. דאָרט — פּוסט, ליידיק. אים האָט גענו־מען שווינדלען אין די אויגן, ער איז אַרונטערגעפאַלן, ניין, ער האָט אַ שפּרונג געטון, אַ שפּרונג געטון אויף יענער זייט ערד, געפאַלן, געפאַלן, לאַנג געפאַלן און אַריינגעפאַלן אין... וואַסער. אַ האַנט האָט אָנגעכאַפּט זיין האַנט, געצויגן, געצויגן, אַרויפגעצויגן אויף אַ... שיף. יאָ, איצט געדיינקט ער — אַ שיף. דאָ האָט ער אָפּנים זיך אויפגעכאַפּט.

בנימין האָט באַטראַכט זיין האַנט. דאָס האָט דער קאַפּ זיינער גע־פּרעסט אויף דער האַנט, ער קען דייטליך זען די סימנים פון דעם שטול־ווענטל. די פינגער טוען זיך אַ בויג, פאַרמאַכן זיך אין אַ קולאַק, גריי־פעלעך טוען זיך אַ שאָט, די פינגער גלייכן זיך אויס. יאָ, צוגעפּרעסט די האַנט. דאָך אַ מאָדנער חלום. אָט איצט קען ער נאָך זען ווייט אַריבער דער ערד. דעם שפּרונג? ווי איז ער געשפּרונגען? ניין, דאָס קען ער איצט ניט פילן, אָבער דאָס וואַסער... אַ שיף, וואַסער...

בנימין איז ניט קיין גלויביקער, פון זיין טאַטן ניט געקראָגן קיין גלויבן בירושה און אַליין ניט דערוואָרבן, אָבערגלויבן איז אָבער

עלטער פון גלויבן. פון עלטערן, אורעלטערן גייט עס איבער צו קינדער, אייניקלעך, אוראייניקלעך, און בנימין האָט זיך זיינע אבערגלויבנס. עס חלומט זיך וואַסער איז אַ גוטער סימן. און אַ שיף? אַ שיף... אפשר...

ער האָט אַ קוק געטון אַרום זיך. די עלעקטרישע ליכט, אַ טונקעלע, אַ מידע האָט פאַרגעוואָרפן: נו, פרעג איך דיך! דער אָפענער גראַמאָ־פאָן האָט געטענהט: זעסט? בנימין האָט זיך אַ הויב געטון און מיט דער זיכערקייט פון אַ נאַכט־וואַנדלער געשטעלט די ערשטע פאַר טריט. ער האָט שוין געוואוסט וואָס ער וויל. דער דערפרישנדיקער קאַלטער שפריץ האָט געקרעפטיקט זיין באַשלוס. רייבנדיק דעם קערפער, ווישנ־דיק זיך, האָט זיין מח געשאַפן קאָמבינאַציעס ווי איינצואָרדענען זיינע געשעפטן. ביים אָנבייסן, אַריינקוקנדיק אין דער מאָרגן־צייטונג, האָט ער די ערשטע זאַך אויפגעזוכט די אָפטיילונג — ר י י ז ן.

.5

הימל און וואַסער און אַ שיף אינמיטן. שפּאַלט דער שטאָלענער קלין דאָס וואַסער, שניידט זיך אַריין אין הימל, אָבער אין וואַסער בלייבט קיין שפור, אין הימל קיין צייכן. הימל און וואַסער— צווויי געעפנטע ליפּן פון אַ וועלט־מויל, וואו עס שאָקלט זיך אַ צאָן — אַ שיף, זאָל ער זיך שאָק־לען, ווען גייט עס אָן, זיכער ניט דעם ים און אָוודאי ניט דעם הימל.

ים און הימל גייען אָבער יאָ אָן די פּאַסאַזשירן. גייענדיק אויף דער ערד, פאָרנדיק אין אויטאָמאָבילן אָדער באַנען, זיינען אָט די מענטשן ניט געווען „ערד־באַוואוסטזיניק,” דאָ אויפן שיף זיינען אַלע, אַפילו די וואָס האָבן ניט געליטן פון ים־קראַנקהייט, געווען ים־באַוואוסטזיניק. שטאָ־טישע מענטשן וואָס האָבן טעג נאָכאַנאַנד געקענט ניט „באַמערקן” דעם אויסזען פון הימל, די זון, לבנה אָדער שטערן, זיינען געוואָרן מעטעראָ־לאָגן, אַסטראָנאָמער, זיך געפרייט מיטן וועטער אָדער זיך באַקלאָגט דאַ־רויף, פאַראויסגעזאָגט, געטראָפן, אייניקע האָבן פונדעסטוועגן גענומען צו הילף זייערע אייגענע באַראָמעטערס — הינער־אויגן, רומאַטיזם. דער „פיינער וועטער!” אָדער „אַ שיינער פרימאָרגן” ביים באַגעגענען זיך האָט דאָ אויפן שיף געקלונגען אַ סך אויפריכטיקער ווי ווען אַרויסגע־

זאָגט אין שטאָט ערגעץ. באַקאַנטשאַפט האָט דאָך זיך געשלאָסן ניט פון דעם וועטער נאָר פון... דאָס ערשטע מאָל?

— דאָס ערשטע מאָל? — האָט אַ פרעג געטון בנימין באַרדאַסן אַ קליין געוויקסיק פאַרשוינדל מיט לאַנגע געקרויזטע, סאַזשע־שוואַרצע האָר. די שוואַרצקייט האָט אַזש געשריען: קוקט זיך צו, זיינען דאָס ניט קיין געפאַרבטע האָר? פאַרדאַכט האָט אַרויסגערופן דאָס קליינע גע־קנייטשטע פנימל אונטער דער היטל שוואַרצע האָר, דאָס פאַרשנורעוועט קליין מויל פון וועלכן עס איז אַרונטערגעהאַנגען אַן אויסגעבויגענע ליולקע; פאַרדאַכט האָט אַרויסגערופן דער שוואַרצער אנצוג גלאַנציק ביי די עלנבויגן, קני און זיץ־פלאַץ; שטאַרקן חשד האָבן אַרויסגערופן די הויכע קנאַפּל אונטער די לאַקירטע שיך. דער מענטש מוז זיין זייער קליין אויב ער וויל העכער ווערן בדאַי דורך די קנאַפּל. צוליב אָט די קנאַפּל איז דאָס קליינע מענשטל ניט געגאַנגען נאָר אונטערגעטענצלט. דער גאַנג פון דעם מענטשן, זיין הילוך, זיין באַוועגליך פנימל, זיינע שאַרפע, פּאַטשערקע־קיילעכיקע, בלישטשענדיקע, אומרואיקע אויגלעך האָבן געוועקט חשד און אויך געצויגן אויפמערקזאַמקייט. באַרדאַס האָט אים באַמערקט דעם ערשטן טאָג. אַ שוואַכקייט ביי באַרדאַסן — אַריינ־קומענדיק אין אַ טראַמוויי, באַן, אין אַ פרעמדער שטאָט צו „דערשמעקן" אידן. שטילערהייט האָט ער זיך שוין אַפילו אַליין קאָמפּלימענטירט אַז ער איז אַ גוטער יאַגד־איד — ער דערשמעקט אַ אידן מעג יענער אַפילו אויסזען ווי אַן אמתער נאָרדיק. אין אָט דעם קליינעם מענטשל האָט ער גלייך דערשפּירט דעם אידן, און ווייל ער איז אים ניט געפעלן געוואָרן האָט ער אים פיינט געקראָגן מיט דער שנאה פון דעם „לייטישן ברודער" צום ברודער אויסוואורף און אויסגעמיטן אים צו באַגעגענען. עס האָט אים געגליקט, געעסן האָט ער ביי אַן אַנדער טיש, אָבער דאָס קליינע פאַרשוינדל איז ניט אויסצומיידן. אַלע האָבן שוין געקראָגן אַ שמייכל פון אים, מיט אַלעמען האָט ער זיך שוין געגריסט, האָט שוין שפּאַצירט מיט עטליכע מיידלעך, ווייבלעך, מיט באַרדאַסן האָט ער זיך שוין עט־ליכע מאָל איבערגעקוקט, און אַז באַרדאַס, נאָך שפּאַנען און אַרומ־שפּאַנען איבערן דעק, שטעלט זיך אָפּ ביי דער פאַרענטשע און קוקט אַרונטער, פאַרוואָס זאָל דאָס קליינע פאַרשוינדל זיך אויך ניט אָפּשטעלן און אַ פרעג טון: „דאָס ערשטע מאָל?"

באַרדאַס האָט ניט געזען דעם פּרעגער, האָט אָבער געהערט די ווערטער און דערפילט וועמעס שטימע דאָס מוז זיין. איין אויג האָט זיך אַ קער געטון, א י י ז י ק אַ גלאַנץ געטון און אויפגעכאַפּט אַ שפּיציקן זונען־שטראַל. וויפיל שאַטירונגען אין שיין פון איין אויג! דער פאַרשוין איז ניט גענאַרט, פילט די קעלט פון באַרדאַס״ קוק, זיין ענטפער־קוק איז אויך ניט קיין וואַרימער, ער זאָגט: פאַר קעלט האָב איך קיין מורא, שוין געזען גרעסערע פרעסט און בייגעקומען, דיך אויך בייקומען. אָט דאָס איז עס — בייקומען. און ער הויבט אָן:

— ביי מיר איז עס שוין דאָס דריטע מאָל, דאָס דריטע מאָל אַרום דער וועלט. דאָס ערשטע מאָל איז געווען אין ...19, אין מאַי. דעם 19טן מאַי זיינען מיר אַרויסגעפאָרן. דעם 19טן? יאָ, דעם 19־טן. איך געדיינק עס ווי היינט, ווייל דעם דריטן יולי האָב איך שוין באַדאַרפט אויפטרעטן אין בענאַרעס...

די שיף האָט פאַרענטשעס. אַ נס וואָס זיי זיינען דאָ. ניט מענטשן זאָלן זיך קענען אָנשפאַרן, שטיין, קוקן אויפן הימל, אין וואַסער אַריין, טראַכטן, אָדער גאָר זיך איבערבויגן און אָפּברעכן. ניט צוליב דעם. פאַרענטשעס זיינען געשאַפן געוואָרן כדי מענטשן וואָס גייען אַרום איבערן דעק, פאַרטיפט אין אַ געשפרעך אָדער צעהיצט פוןריידן, זאָלן ניט אַ שטעל טון אַ פוס אַריבערן דעק, אַריינשפאַנען אין דער אייביקייט.

באַרדאַס ווייסט שוין אַז מאַריאָ טשעליני, דאָס מענטשל ביי זיין זייט, איז „אויפגעטראָטן״ אין בענאַרעס, באָמביי, סינגאַפּאָר, טאָקיאָ, פּעקינג, אַלעקסאַנדריאָ, קאָנסטאַנטינאָפּאָל, פּעטערבורג, בערלין, מאַד־ריד, פאַריז, לאָנדאָן, ניו־יאָרק, פון מילאַן און רוים דאָך אָפּגערעדט, און איבעראַל געהאַט קאָלאָסאַלע דערפאָלגן. מאַריאָ טשעליני! גענוג געווען איין מודעה אַז ער קומט אין די „הייזער״ זיינען אויספאַרקויפט געוואָרן דעם צווייטן טאָג. כינעזישע מאַנדאַרינען, פּערסישע שאַכן, רוסישע גענעראַלן, דייטשישע פּרינצן און פּרינצעסינס האָבן אים באַוואָרפן, באַ־שאָנקען מיט מתנות. — זעט אָט דעם פּאָרטסיגאַר? — אַ טענצל אונטער, און באַרדאַס׳ אויגן שלאָגן זיך אָן אָן אַ זילבערנעם פּאָרטסיגאַר. — זעט אָט די אַלע מאָנאָגראַמען? אָט דער מאָנאָגראַם איז... און דער מאָנאָ־גראַם...

ווען אַלע מאַנאַגראַמען זיינען דערקלערט איז שוין באַרדאַס' אָרעם אַ געפאַנגענער אין מאַריאַ טשעליני'ס, און דער באַריר, אויב אַפילו דורך קליידער, איז שוין צופיל פאַר באַרדאַסן. ער שטעלט זיך ראַש אַפּ.
— אָבער זאָגט מיר נאָר, איך בעט אייך — אויף פשוטן אידישן מאַמע־לשון — פון וואַנען קומט צו אייך דער נאָמען מאַריאַ טשעליני, אַז הייסן הייסט איר...?

עס האָט געווירקט, אָבער ניט ווי באַרדאַס האָט דערוואַרט. דער בחור וועט זיך מסתם אַנטשולדיקן, ער האָט ניט פאַרשטאַנען, וועט איבערפרעגן וואָס פאַר אַ שפּראַך דאָס איז, וועט עפּעס אַ בורטשע טאָן און וועט זיך אָפּטראָגן, און וועט שוין אויסמיידן אַפילו זיך באַגריסן מיט אים. הויבט זיך ניט אָן.

— מענדל זעלינסקי,— האָט מאַריאַ טשעליני פאַרענדיקט די פראַגע און זיך צעלאַכט. — אָבער באַלד דערשמעקט אַז איך האָב צו טון מיט אַ יהודי. — אַן אינטימער טאָן פון פאַרטרויען אַ טרייפענעם סוד.— פאַרשטייט איר מיך, מיין פריינד, אויב איר ווילט האָבן דערפאָלג אין דער וועלט פון קונסט קענט איר ניט הייסן מענדל זעלינסקי. הערט זיך אומישנע צו: מענדל זעלינסקי. מענדל זע־לינ־סקי. ווער וועט גיין הערן אָדער זען אַ מענדל זעלינסקי? דערפאַר אָבער מאַ־רי־אַ טשע־לי־ני! מאַריאַ טשעליני, פאַרשטייט איר מיך...

באַרדאַס האָט שוין געוואָלט פאַרשטיין וואָס איז דאָס פאַר אַ מענטש. שווייגט ער בלויז ווען ער שלאָפט אָדער ער האָט שוין יאָרן־לאַנג גע־שוויגן און איצט נעמט ער אָפּ? דער איינזאַמסטער איז דער באַרייד־זאַמסטער. אָבער גיי קלייב זיך פאַנאַנדער, טראַכט, קלער, ווען אין אויער מאַלט אַ מיל. פטור ווערן פון אים, דער עיקר פון זיין ריידן, אים אָנ־קוקן, גוט באַטראַכטן. — איר שפּילט אפשר שאַך?

— שאַך? אין ... 19 האָב איך געשפּילט שאַך מיט ניט קיין אַנ־דערן ווי מיטן פערסישן שאַך גופא. עס האָט שוין געהאַלטן דערביי איך זאָל אים געבן אַ מאַט, אָבער אין אַזאַ פאַל מוז מען זיין דיפּלאָמאַטיש, געמאַכט אַ רעמי, דער שאַך האָט אָבער געזען עס איז אַ געמאַכטע רעמי, דערפאַר אַפּנים האָט ער אים געשאָנקען אַ שאַך פון לויטער העלפאַנט־ביין, אמתער העלפאַנט־ביין. און אַ ברעטל! היינט דאָס קעסטל! אַ

וואונדער אין דער וועלט. קען עס, פֿאַרשטייט זיך, ניט מיטפּירן, שטייט באַהאַלטן מיט אַלע אַנדערע זיינע קאָסטבאַרע מתּנות, אָנדיינקען. צו ער שפּילט שאָך!

ער האָט גערעדט אַפילו ביים שפּילן און געמאַכט איין צוג אַזאַ נאַרישן אַז באַרדאַס האָט זיך פֿאַרטראַכט: וואָס איז אָט דער מענטש, אָט דער מענדל־מאַריאַ זעלינסקי־טשעליני וואָס ער האָט געשפּילט שאָך מיט פּערסישן שאָך, אויסן מיט אָט דעם גאַנג? וואָס איז דאָס פֿאַר אַ סטראַטעגיע? לאָמיך נאָר אַ טראַכט טון. אָבער דער מענטש לאָזט ניט טראַכטן, ער רעדט. הויבט באַרדאַס אויף די אויגן פֿון שאָך־ברעטל, אַ קוק טון אויפֿן מיטשפּילער און דערזעט הינטער דעם שפּילער, אַ ביסל אָן אַ זייט אַ מענטשן מיט אַ לייגליכן פּערדישן קאָפּ, אַ גרויסן שווערן קין וואָס ציט ממש אַרונטער דאָס מויל. דאָס מויל איז אָבער פֿאַרשלאָסן, בלויז אויף דער אויבערשטער ליפּ און אין די קאַלטע גרויע אויגן זעט זיך אַ שפּאָטישער שמייכל. אַ קוק אַרונטער אויפֿן מיטשפּילער, און וואָס פֿאַר אַ מיזעראַבעלע באַשעפֿעניש דאָס זעט איצט אויס. וואָס פֿאַר אַ טיפּוש, וואָס פֿאַר אַ שלעכטער שפּילער! דער איד הויבט דאָך ניט אָן צו וויסן וואָס שאָך איז! אַרונטער דעם לויפֿער, אַטאַקירן דעם טורעם, שטעלן אין געפֿאַר די מלכּה, אין פֿינף צוגן וועט ער דאָך ביי אים זיין מאַט, אַזאַ...

די אויבערשטע ליפּ איבערן ענגלענדער'ס מויל קוועטשט אַרונטער דעם שמייכל צו דער אונטערשטער און די אויגן פֿאַרגינען זיך שוין צו זאָגן: אָט אַזוי, שלאָג אים, שלאָג אים, אַ ביטול קוק אויף דער געשלאָגענעם און אַן אַרויסרוף קוק צום שלאָגער. די פּאַרטיע איז געענדיקט. אַ געשלאָגענער טומלט זיך מאַריאַ טשעליני. ער האָט פֿאַרזען איין גאַנג, אָט דעם איינעם גאַנג. באַרדאַס איז שוין אין כּעס, אים ווילט זיך זאָגן, אויסשרייען: קאַליקע! איך וועל דיר געבן אַ מלכּה פֿאָראויס, דו וויסטע קאַליקע! אָבער ער זאָגט דאָס ניט. גיי שפּיל מיט אַ קאַליקע. ער קוקט אַרויף צום ענגלענדער, פֿרעגט מיטן קוק: איר שפּילט? דער ענגלענדער גיט אַ קוק אַרונטער אויפֿן ברעטל, וויל מיטן קוק אַרונטער־שאַרן די פֿיגורן וואָס מאַריאַ טשעליני האַלט אין צושטעלן און אויך טשעלינין גופֿא. באַרדאַס העלפֿט אים אַרויס: לאָזט דעם דזשענטלמען שפּילן אַ פּאַרטיע.

זעצט זיך דער דזשענטלמען, שיקט אַרויף אַ קוק צו טשעלינין און יענער שטעלט זיך גלייך אַוועק הינטער באַרדאַסן.

ווי אים גייט עס אין לעבן אַז זיין שלאָגער זאָל אויף שלאָגן דעם נייעם שפּילער! ווי ער קאָכט זיך דאָס ביי יעדן גאַנג! עס גייט אַזוי ווייט אַז ער כאַפּט אַ פיגור, גיט זי אַ שטעל אַוועק. גיט דער ענגלענדער אַ קוק אויף באַרדאַסן. — א י י ע ר צוג, סער.

טשעליני האָט על פּי טעות געמאַכט אַ גוטן צוג, באַרדאַס אַליין האָט געוואָלט גיין דעם גאַנג, אָבער קען ער איצט זאָגן ער איז שוין גע־גאַנגען, איצט נאָכן ענגלענדער׳ס: א י י ע ר צוג, סער? נעמט ער דעם פערד פאַרן קאָפּ, שטעלט אים צוריק וואו ער איז געשטאַנען און גיט אַ זאָג צו טשעלינין: א י ך שפּיל די פּאַרטיע. דאָ גיט שוין טשעליני אַ מאַך מיט דער האַנט — גיי גיב אַ מענטשן אַ גוטע עצה, וויז אים אַ גוטן גאַנג, אַז דער מענטש איז בלינד, קען ניט שפּילן, לוינט זיך ניט צו שטיין און קוקן אַפילו אויף אַזאַ שפּיל. ער דערווייטערט זיך.

געמעגט שווערן, דעם ענגלענדער׳ס אויגן האָבן, קוקנדיק אויפן שאַך־ברעטל, דאָך באַגלייט מאַריאָ טשעלינין, אַניט וואָס באַדייט זיין אויפהויבן די אויגן איצט צו באַרדאַסן. ער מאָנט אַ גאַנג. וואַרט, סער, לאָמיך אַרויסקריכן פון דער בלאָטע וואָס מאַריאָ טשעליני האָט מיך אַריינגעשלעפּט.

באַרדאַס האָט שווער געהאָרעוועט איבער דער פּאַרטיע. מיט צרות האָט ער זיך אַרויסגעדרייט, געמאַכט אַ רעמי און געענדיקט, האָט ער אָן אויפגערעגטער אַ פרעג געטון: נאָך איינע? אים איז געגאַנגען אין לעבן שפּילן נאָך איין פּאַרטיע און געווינען. און ער האָט געשפּילט און געוואונען, איז געוועזן פאַרמאַטערט און צופרידן, אָבער די צופרידנקייט האָט מען קוים געקענט זען, פון הערן איז אָפּגערעדט. ער האָט גאָרניט געזאָגט און דער ענגלענדער אויך ניט, נאָר אויף מאָרגן אין דער זעלבער צייט זיינען ביידע געזעסןביים שאַך־ברעטל, שווייגנדיק געשפּילט, און אַזוי יעדן טאָג ביז די שיף איז אַריין אין פּאָרט. אַרונטערגייענדיק פון שיף האָט דער ענגלענדער אַ פרעג געטון: דאָס ערשטע מאָל?

דער ענגלענדער האָט זיך באַקענט...

.6

מאַריאַ טשעליני און דער ענגלענדער. אויפֿן פּאַסיפֿישן, אַטלאַנטישן, מיטללענדישן, אויף אַלע ימען און אַלע שיפֿן האָט באַרדאַס „זיי" באַגעגנט. דעם ערשטן האָט ער צייטנווייז באַדויערט, צייטנווייז אים מקנא געווען, גראַוויטירט האָט ער דאָך צום צווייטן. אמת, מענטשן זיינען פֿאַר אים ניט געווען קיין שיטערע לופֿט אָדער גלאָז ווי פֿאַרן ענגלענדער, מענטשן זיינען ממש געקראָכן אין די אויגן, און די אויגן האָבן זיך אָפֿט פֿאַרטשעפּעט אין אַ פּנים, זיך צוגעבונדן צו אַ פּלייצע, אַ נאַקן, צום גאַנג פֿון מענטשן, געפּרוּווט לייענען דעם פּנים, אויסטייטשן דעם גאַנג, אָבער צוגיין צו יענעם און אַ פֿרעג טון: דאָס ערשטע מאָל? איז אים אָנגעקומען פּונקט אַזוי שווער ווי דעם ענגלענדער, און ערשט אויף דער דריטער רייזע האָט ער עס אַ פֿרעג געטון... איינער.

אויסגעמאָסטן די דעק צום וויפֿילסטן מאָל, געשפּאַנט הין און צוריק אַן אויסגעשיילטער פֿון דער וועלט, אַן אויסגעטוענער פֿון זיך, זיין געדאַנקען־גאַנג — די שיטערע וואָלקנס אויפֿן הימל איבער אים, קריכן איינס אויפֿ׳ס אַנדערע, צעגייען זיך, און הורבען זיך ווידער אויף, און די פֿיס באַוועגן זיך שוין ניט געגרן — גייך, נו מילא, וואָלטן מיר נאָך געגאַנגען, אָבער אַרומגיין, סתם זיך שלעפּן?... האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביי דער פּאָרענטשע, געקוקט אויף אַרונטער.

„די קוואַלן מישן זיך אויס מיטן טייך,
די טייכן מיטן ים —

. . . .

. . . .

קיין זאַך איז אין דער וועלט אַליין פֿאַר זיך...

. . . .

די בערג קושן די הימלען,
איין כוואַליע נעמט אַרום די צווייטע..."

נעמט אַרום, אומארעמט? דאָס איז פּאָעזיע. איצט לאָמיר נאָר זיך גוט צוקוקן. אָט „אומארעמט" איין כוואַליע די צווייטע. אַרומגענומען? צוזאַמענגעשטויסן און אָפּגעשטויסן! די כוואַליעס ווערן צעקלאַפּט, דער ים בלייבט, איינצעלנע טראָפּנס שפּרינגען אָפּ, ווייסע שוים אויפֿן וואַסער,

וואַסער־שטויב אין דער לופֿט. ים און טראָפּן, וואַסער־שוים, וואַסער־שטויב, אַ נעבל...

פֿאַרנעבלט דער געדאַנק. הויבט באַרדאַס אויף דעם קאָפּ, דרייט זיך אום, זעט מיט פֿאַרנעבלטע אויגן אַ מענטש, אַ פֿרוי, דרייט זיך אויפֿן לען־שטול, באַמיט זיך אַרונטעררוקן די געשטרייפֿטע קאָלדרע אונטער די אויסגעצויגענע שיינקלען, פּיס, באַנוצנדיק איין האַנט בלויז, עס קומט איר אָן שווער די אַרבעט, און ווען די איינע האַנט וואָס האָט באַדאַרפֿט גוט אַרונטערשטורכן די קאָלדרע נידעריק ביי די קנעכל גיט גאָר אַ שלעפּ אַרויס אַ שטיקל קאָלדרע און עס הויבט אַזש אָן צו פֿלאַטערן אַנט־קעגן ווינט גיט זיך דער אויבערשטער האַלבער קערפּער אַ וואָרף אויף צוריק צום אנלען וועגטל און די אויגן שיקן אַ שמייכל פֿראַגע צו באַר־דאַסן: האָסטו געזען אַזעלעכס?

טונקט זיך דער שמייכל שטראַל אין נעבל, פֿאַרלירט זיך אין אים, אָבער טרוקנט אים צו דער זעלבער צייט. באַרדאַס׳ אויג און געדאַנק איז קלאָרער געוואָרן, און שיקט די פֿרוי נאָך אַ שמייכל באַגעגנט ער שוין באַרדאַס׳ קלאָרן קוק, אַפֿילו אַן אַנצוהערעניש אויף אַ שמייכל, די פּיס, אויפֿגעוואַכטע, ווייסן שוין וואוהין זיי דאַרפֿן איצט גיין.

— קען איך אייך באַהילפֿיק זיין? — דאָס מויל האָט כלומרשט גע־פֿרעגט, די הענט וואָרטן אַפֿילו ניט אויף אַן ענטפֿער, זיי רוקן אַרונטער די קאָלדרע אונטער דער פֿרוי׳ס פּיס, שיינקלען, אַ ציטער אין די פֿינגער, אַ וואַרימקייט, און די וואַרימקייט שטראָמט צום פּנים, קאָפּ.

— אַ דאַנק, אַ שיינעם דאַנק.

אַ דאַנק. אַזאַ הויל קאַלט וואָרט ווען אַ קרעמער פֿאַרלירט עס פֿאַר אַ קונה אין די אויגן ווען יענער באַצאָלט אים, און ווי מעלאָדיש עס קלינגט איצט פֿון אָט דעם אָפֿענעם פּנים, פֿון די העל־ברוינע, פֿרומע אויגן. אַ שעפּעלע. איר פֿרומער קוק, דער ברייטער פֿלאַץ צווישן די ברעמען, מאַכנדיק דאָס פּנים אַזוי אָפֿן, דער שניט פֿון מויל, דאָס אַלץ פֿאַרמולירט זיך ביי אים אין מח אין דעם איינעם וואָרט — שעפּעלע. די ציטערנדיקע פֿינגער כאַפּן זיך אָן אַן דאַשעק פֿון דער וועלאָסיפּעדקע, דער קאָפּ נויגט זיך, די ליפּן באַוועגן זיך, ווילן דוכט זיך זאָגן: ביטע, ביטע, אָבער זיינע אויערן הערן ניט דאָס מויל זאָל האָבן עפּעס געזאָגט, דערפֿאַר זיינע אויגן זעען ווי אירע אויגן האָבן זיך אַ קער געטון עטוואָס

— איר? אָן אַ זײַט. האָבן זײ אָנגעװיזן אױף דעם לײדיקן שטול לעבן איר — געװיס! — ענטפערן שױן זײַנע אױגן, — מיר האָבן אַלײן געזען, — און זײַנער אַ שמײכל באַשטעטיקט און זאָגט: אױב אַזױ?...

ער האָט זיך אָװעקגעזעצט, אױפגעהױבן די אױגן און אַ פרעג געטון: דאָס ערשטע מאָל?

— אידיאָט! גולם! פערד! — האָט דער געדאַנק געפּאַטשט, — טיפּוש!

— דאָס צװײטע. — דער שמײכל דערבײַ זאָגט: נו יאָ, מיר װײסן שױן, אַזױ גײט עס. נאַריש, אָבער אַזױ לאַנג װי מיר בײדע װײסן פון דער נאַרישקײט שאַדט ניט. איבערגעקומען. איצט קענסטו שױן רײדן.

— קיל...

אַי דו שעמעװדיקער גרױסער אינגל. — יאָ, גאַנץ קיל, האָב איך זיך גענומען אײַנדעקן מיט דער דעקע און זי, אױף צו להכעיס, פאָלגט ניט. אַ נס װאָס איר זײַט צוגעקומען.

װען ער קען איצט אַ קוק טון אין שפּיגל, זען צי איז ער כאָטש ניט רױט געװאָרן. זאָג עפּעס. װאָס זאָל איך זאָגן? פרעגן זײַנע אױגן.

— און איר װאַרימט זיך אָן אַרומגײענדיק.

אַרױסגעשלעפּט דעם קאַריק פון פלאַש. איצט!

די פלאַש איז צופיל איבערגעקערט מיט אַמאָל, טוט זיך אַ שפּאַר די פליסיקײט. זי, אָט די פרומע אױגן, האָבן אים נאָכגעקוקט, באַאָבאַכט.

— יאָ, כ'האָב ליב אַרומשפּאַצירן. אַרומשפּאַנען... אַ געװאױנהײט...

— און איך האָב ליב צו ליגן. אױף אַ שיף. װײסט איר, אין די בערג — געװען אין דער שװײץ? — אַז איר שטײט אױף אַ באַרג, דוכט זיך אַזױ הױך, אַזױ פיל ערד אונטער זיך, דאָך פילט זיך עפּעס אַן אימה, אַ שרעק, אומהײמליך, מענטש און באַרג — פרעמדע. פאַרקערט װידער אױפן ים, גאָר קײן ערד אונטער זיך, הײנט כװאַליעס, דאָך אַז איך ליג פיל איך אַז איך בין אַ טײל פון דער שיף, פון ים, פון דער װעלט, אַלעס װיגט זיך און איך װיג זיך מיט, מענטש און שיף און ים און װעלט — אײנס. דײנקט איר ניט אַזױ? איך מײן האָט איר ניט אָט דעם געפיל?

דער שמײכל, דער „שעפּעלע״־קוק ניט ער פרעגט נאָר ער בעט: זאָג יאָ. גוטע אױגן. די ברעמען — אַזאַ פײַנער אַרק, און די נאָז, די נאָז־לעכלעך אַביסל „צעצױגן,״ אָבער ס'אַראַ ראָזעװע רײנקײט, אַנטקעגן

דער זון איז דאָס נאָז־ווענטל פּייער־רויט, רויטער פון זיינע פינגער אָנט־קעגן ליכט, דאָס מויל . . . איר שמייכל, דאָס פּנים מאָגט, בעט: וואָס זאָגסטו? זאָג עפּעס! זי איז אַ אידישע, כאַפּט נאָך אַריין דער געדאַנק פאַר זיך, באַהאַלט עס, און הויבט אָן אַרבעטן: וואָרט נאָר, וואָרט, וואָס האָסטו געזאָגט? בערג, מענטש, שיף און ים און וועלט אַלץ איינס. שוין ניט קיין פּאָעזיע. דאָס רעדט אַ מענטש, אַ געוויינליכער מענטש און פילט זיך איינס מיט שיף און ים און וועלט.

— איך? איך, הלוואי וואָלט איך געקענט אַזוי פילן.

אַרויסגעזאָגט האָט ער זיך דערשראָקן. צופיל זיך אויסגעגעבן. זיינע ווערטער זיינען טאָקע געווען אָן ענטפער אויף אויפריכטיקע ווער־טער, די פרוי האָט גערעדט אויפריכטיק, אָבער איז דאָס ניט צופיל אויסגעטון זיך פאַר אַ אַ פרעמדער פרוי? די אַרויסגעזאָגטע ווערטער— אַ וואָלקנדל וואָס איז געבליבן הייגען צווישן אים און דער פרוי, אַ וואָלקנדל אָנגעלאָדן מיט שווייגן. זי נעמט זיך צעזייען דאָס וואָלקנדל, דאָס פאַרטרייבן.

— איר פאָרט דאָס ערשטע מאָל?

באַמערקנדיק זיין שמייכל, שמייכלט זי שולדיק: די אורזאַך וואָס איך האָב געפרעגט די נאַרישע פראַגע איז ווייל דאָס ערשטע מאָל קען מען אַמאָל פשוט פ י ז י ש פילן ניט גוט. אָבער אַז מ׳איז ניט קראַנק, מ׳קען אַרומגיין, ליגן רואיק, איז אַ שיף, דוכט מיר, דער בעסטער פּלאַץ. איר ווייסט, אויף די בערג זיינען אַפילו די מענטשן פרעמדע. דוכט זיך אַלע מענטשן זיינען . . . ענגלענדער, יעדער ענגלענדער מיט זיין קאַמע־רע, מיט ז י י ן באַרג, זיין האָטעל. דאָ אויפן שיף איז אַנדערש, אַ שיף איז פאַר מיר אַ פאַמיליען האָטעל, אַלע פאַסאַזשירן איין פאַמיליע, צו איר ווילט צו איר ווילט ניט, באַלאַנגט איר צו דער פאַמיליע.

— דער ענגלענדער אויך?

— יאָ, אַפילו דער ענגלענדער.

— פון מאַריאַ טשעליני איז דאָך אָפּגערעדט.

— מאַריאַ טשעליני? ווער איז דער?

— אַ, מיינער אַ באַקאַנטער.— אַ קוים קוים באַמערקבאַרער שמייכל.

— דעם ערשטן טאָג אויף אַ שיף איז ער שוין באַקאַנט מיט אַלעמען.

— ווי זעט ער אויס?

— וואָסי ?

— דאָ אויפֿן שיף אַזאַ פּאַרשוין. ניטאָ איין מענטש וואָס ער זאָל ניט קענען, אפשר איז דאָס דער באַקאַנטער אייערער.

— קען זיין.

— איר זייט ניט אַזוי נייגעריק צו זען אים, ווי איך פּאַרשטיי.

— ניין, ניין. איך בין ניט קיין פאַמיליען־מאַן.

— איך האָב אויך קיין פאַמיליע.

האָט זי ניט געהערט זיין געלעכטער אין זיין „ניט קיין פאַמיליען מאַן"? האָט זי ניט פאַרשטאַנען וואָס ער האָט געמיינט? אַן אַנצוהערע־ניש אַז זי איז פריי? אינמיטן דרינען? ער האָט געווענדט זיין קוק צו איר. צו שפּעט. אַרויסגעזאָגט די ווערטער, האָט זי דערשראָקן אַ קוק געטון אויף אים. זיין „פאַמיליען מאַן" האָט אַ ר ו י ס ג ע כ אַ פּ ט ביי איר פון מויל די ווערטער, זי האָט ווירקליך ניט געמיינט, ניט געוואָלט אים זאָגן אַז זי האָט ניט קיין פאַמיליע, איז אַן אַלמנה. ווי דאָס האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פאַרשטייט זי אַליין ניט. אַ האָפנונג אַז ער האָט פאַרהערט. האָט ער פאַרהערט? ניט כאַפּנדיק גלייך זיין קוק, האָט זי פאַרביסן אַ ליפּ און באַלד שוין געלעגן אויף איר שטול אַנגעלענט, אַ צוריקגעצוי־גענע, אַ פרעמדע.

— איר רויכערט?

— אַ דאַנק. איך בין... — דאָ דער שמייכל — קאָנסערוואַטיוו, רויכער ניט.

איר קאָנסערוואַטיזם געפעלט אים און זיינער אַ שמייכל פאַר־שווינדט אין רויך פון זיין פּאַפּיראָס.

— אַנטשולדיקט, איר זייט אַ אידישע, ניין?

— איר זעט ניט אויף מיין פּנים?

— אַ פּנים נאַרט אָמאָל אָפּ. איך בין אויך אַ איד, מיין נאָמען איז...

מ'האָט זיך באַקאַנט. זי האָט צוזאַמען מיט אים אַרומגעשפּאַצירט איבערן שיף. ער איז געזעסן מיט איר. ביים עסן — זיי זיינען געזעסן ביי פאַרשיידענע טישן און ער האָט ביי זיך ניט געפּועלט צו טראַכטן אַפילו וועגן בייטן זיין פּלאַץ — האָט מען זיך איבערגעקוקט. האָט זי אָמאָל פאַרשפּעטיקט אָדער איז גאָר ניט אַרונטערגעקומען, האָבן די אויגן געבלאָנדזשעט, געזוכט זי, דאָס עסן האָט ניט געהאַט ד ע ם טעם.

לייגנדיק זיך שלאָפן האָבן זיינע אויערן זיך איינגעהערט: זיינען דאָס אירע טריט? איר צימער איז... בנימין, שלאָף!

בנימין באַרדאַס איז געשלאָפן, געשלאָפן רואיק, אָבער אינדערפרי, שטייענדיק פאַרן שפּיגל האָט ער זיך געגאָלט אַזוי מאָדנע אויפמערקזאַם, איבערגעגאַנגען אַ דריטן מאָל מיטן ראַזיר־מעסער, די באַקן זאָלן זיין גאָר גלאַט, שווער געאַרבעט מיטן קרומען שערעלע אויסצושערן די האָר פון די נאָזלעכער, האָבנדיק פאַר די באַהאַלטענע אויגן אירע ראָזעווע, אָזעלכע ריינע, שטאַרק ריינע נאָזלעכער. ביים פאַרציען דעם שניפּס זיך געישובט: ד ע ם שניפּס אָדער... אַריינגעקומען אין עס־צימער האָבן די אויגן דאָס ערשטע אַ זוך געטאָן ניט זיין פּלאַץ נאָר אירן, און געפינענדיק זי האָבן די אויגן אַ זאָג געטון: גוט מאָרגן און אַפילו אָפּ־גערעדט זיך: גלייך נאָכן עסן גייען מיר.

מ'איז געגאַנגען, געזעסן, גערעדט, און אין פאַרלויף פון אַ פּאָר טעג איז איר געזעלשאַפט אים געווען אַזוי אַנגענעם, אַז ער האָט גאָר ניט באַמערקט אַז זי איז זיין איינציקער, ער איר איינציקער קאָמפּאַניאָן. צוויי טעג פאַרן לאַנדן איז אויפן שיף געווען אַ טאַנץ און ניט נאָר האָט ער זיך געישובט יאָ גיין צום טאַנץ אָדער ניט, ער האָט אַפילו ניט באַ־מערקט מיט וואָס פאַר אַ פיבערישער פּינקטליכקייט ער האָט זיך איבער־געטון צום טאַנצן, און אַריינגעקומען אין זאַל, דערזען זי, דערזען אַז זי האָט געוואַרט אויף אים, האָט ער זיך דערפילט ניט נאָר צופרידן, נאָר אויך שטאָלץ.

איר פאַרפיום האָט אים אַ קיצל געטון אין נאָז, איר דעקאָלטירטע פּלייצע האָט אַ ברי געטון זיינע פינגער. די פיס האָבן זיך באַוועגט, ער האָט געטאַנצט, געפירט זיין ליידי, אָבער זיינע אויגן זיינען געווען פאַר־צויגן מיט אַ הייסן טומאַן, די ליפּן, האָט ער געפילט, טרוקענען אים, און, דורך די ריטמישע באַוועגונגען, האָט זיך דורכגעטראָגן אַ ציטער, וואָס האָט אויפגעטרייסלט דעם גאַנצן קערפּער, געשטייפט טיילן פון קערפּער. אָפּשטעלן אָט דעם ציטער, זי צוציען צו זיך, זיך איינזאַפּן מיט די ליפּן אין אירע, איינבייסן איר האַלז, זי אַוועקלייגן, זיך אַרויפוואַרפן אויף איר. ס'אַראַ מאָדנע ווייכקייט אין איר הויט, ניט די שיטערע ווייכקייט פון אַ שלאַבערדיגער הויט, שטייף און דאָך ווייך, און די ווייסקייט, אַזאַ ווייס־קייט ניט פאַרדעכטיגט, בלויז רויטע קענען האָבן אַזאַ ווייסע הויט האָט

ער געדיינקט. הויט, לייב, לייב, לייב! זיין אָרעם אָרום איר טאַליע פאַרשטייפט זיך, שפּאַרט איר רוקן, די האַנט, פינגער שאַרן, גראָבן זיך איין. אַ קוק... און —

ער פילט איר קערפּער איז געוואָרן נאָכגיביקער, ווייכער, ער קען פילן איר אָטעם, אַ נייער, פרעמדער, אָבער וואַרימער רייצנדער אָטעם און דער פאַרפיום... גאַרדעניא? ניין, אָבער...

דער טאַנץ איז געענדיקט, דער קאַוואַליער פירט זיין לידי, פאַר בײדנס אויגן פאַרצויגן אַ הייסער גאַז. — הייס! — רופט זי אויס, און ער גיט צו: יאָ, ס'איז הייס, אָבער דאָס זאָגט ער ניט צו איר זיין טאַנץ פּאַרטנער, דאָס האָט אַ שטראָמעלע פּאַרע זיך אַרויסגעריסן פון אַ קאָכיקן קעסל. ער קען ניט ריידן, ער קען אַפילו ניט קוקן אויף איר. זיך אַוועק־זעצן, פאַרמאַכן די אויגן, לאָזן דעם קערפּער אָפּגיין, הענט, פיס, קאָפּ, אַלץ, אַלץ זאָל רוען, רוען, רוען.

עמיצער לאַדט זי איין צום טאַנץ. זי הויבט זיך אויף, שיינקט אים אַ שמייכל, ער ענטפערט מיט אַ שמייכל, זעט זי אָבער ניט מער. דער טאַנץ. די ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט איר, די עטליכע ווערטער אירע וועגן מענטש, שיף, ים, וועלט, גראַדע דאַן ווען ער האָט אַזוי טיף גע־פילט זיין זיין אַליין, האָבן זיך אַריינגעגנבעט אין אים, אַנגערירט אַ טיפע, טיפע סטרונע, אים האָט געצויגן צו איר, איצט, איצט האָבן זיך די קערפּערס באַקאַנט, און... וואו איז זי? ער האָט אַן עפן געטון די אויגן, דאַן אָנגעשטריינגט געּנומען זוכן צווישן די טענצער. אָט איז זי. מיט וועמען טאַנצט זי? ווער איז ער? ער האָט זיך אויפגעהויבן. מ'האָט ווידער געטאַנצט,ביים טאַנצן האָט קיינער ניט אַרויסגעזאָגט אַ וואָרט, אָבער די אויגן האָבן זיך באַגעגנט, דאָס „שעפּעלע" איז גוט, אָבער ווייט, ווייט ניט פרום... האָט ער איבערגעלייענט. געענדיקט טאַנצן האָבן זיי ביידע פאַרלאָזט דעם זאַל.

— ווי קומט שוין די שיף אין פּאָרט! — האָט ער אַרויסגעזאָגט הויך אויפן קול ליגנדיק אין בעט. דערהערט זיין אייגן קול, האָט ער אַ דערשראָקענער, מיט צעעפנטע אויגן געקוקט אין דער פינסטערניש, זיך געכאַפּט דאָס האָט ער געלייגט אַ חתימה אויף זיין באַשלוס זי ניט זען מער ביזן אַרונטערגיין, ביים אַרונטערגיין, פאַרשווינדן, אַנטלויפן. יאָ, אַזוי וועט ער טון. האָבן זיינע אויגן געשמייכלט פון אָט דעם באַשלוס?

די אויגן־לעדלעך לאָזן זיך אַרונטער, פֿאַרדעקן די אויגן און זי מיט איר פּריזור, דעקאָלטע, וויגט זיך פֿאַר זיין געזיכט, דער פּאַרפיום קיצלט די נאָז. זי אַ נאַקעטע אין זיינע הענט, אין זיינע אָרעמס. פֿאַרדאַמט זאָל עס ווערן!

אַ גנבישער פּייערל שניידט זיך אַריין אין דער פֿינסטערניש, וואַרפֿט אַ טונקל ליכט אין די פֿינסטערע ווינקעלעך פֿון מענטשליכן מח. ער ביי איר אין קאַבינע, זי ביי אים אין קאַבינע... ווען ער קען זיין אַ... אַ... מאַטראָז, זי פֿאַרשלעפּן אין אַ טונקל ווינקל פֿון שיף... ווען ער קען פּטור ווערן פֿון אָט דעם געפֿיל, פּטור ווערן פֿון איר... אַן אָפֿענער פּנים, פֿרומע אויגן, און איר מויל... ווי לאַנג אַז ער האָט ניט געפֿילט אַזאַ קוש? ווי לאַנג? קיינמאָל! עפּעס אייגנאַרטיק אין אָט דעם קוש, מויל... נאָך אַזאַ קוש איז אָדער אַנטלויפֿן, קיינמאָל מער ניט זען אָדער גיין וויטער... אַנטלויפֿן, אַנטלויפֿן... דאָס איז ניט קיין שיף אַוואַנטיורע, דאָס איז מער, דאָס איז גורל! קען מען פֿון דעם אַנטלויפֿן? מ׳מוז אַנטלויפֿן!

די שיף ליגט שוין אין האַפֿן, שוין אַריבערגעוואָרפֿן דעם פּלאַנקען, פּאַסאַזשירן גייען אַרונטער. באַרדאַס איז אַ דערפֿאַרענער רייזענדער. זיין באַגאַזש — איין רענצל. זי האָט צוויי רענצלעך אין די הענט אויסער אַ פּידל פֿון אַ היטל, חוץ אַ קאַסטן אין באַגאַזש. נאַטירליך, העלפֿט ער איר. דער טעקסי־טרייבער עפֿנט דאָס טירל פֿאַר זיי ב י י ד ן אַריינצוגיין, און עס איז דאָ פּלאַץ פֿאַר ביידן מיט די פּעקלעך. — וואוהין פֿאָרן? — קאָמאַדאָר — גיט ער אַ וואָרף צו דעם טרייבער און די טעקסי וואָרימט שוין דורך איר וועג צווישן די הונדערטער אויטאָמאָבילן.

— וואוהין פֿאָרן מיר? איך מיין... דער טרייבער, האָט ער אַ באַשטימטן פּלאַץ?

— ער פֿאַרפֿאָרט אין קאָמאַדאָר. ווייסט זי פֿון אַ בעסערן פּלאַץ?

— ניין, זי ווייסט ניט.

עס שווייגן די פּאַסאַזשירן, עס שווייגט דער טרייבער, אַ שווייגנדיק קעסטל טראָגט זיך מיט אויסטערלישן גערויש דורך אַ טונעל פֿון טומל.

פֿאַר דעם אָפֿענעם רעגיסטראַציע בוך אויפֿן האָטעל טאָמבאַנק באַגעגענען זיך זייערע אויגן.

— יעס סער? אַ דאָפּלטן צימער? — רייסט איבער דער האָטעל־קלערק דעם קוק מיט אַזאַ זעלבסטפאַרשטענדליכקייט אַז באַרדאַס גיט אַ זאָג: יאָ, אַ דאָפּלטן צימער. דער קלערק האָט שוין איינגעטונקען די פען, דערלאַנגט זי באַרדאַסן, און באַרדאַס רעגיסטרירט זיך מיט זיין... פרוי, אין דאָפּלטן צימער נומער....

אַרויפפאָרנדיק מיטן ליפט גיט נאָך באַרדאַס אַ טראַכט: שוין דאָס דריטע מאָל קערט ער זיך אום פון אַ ים־רייזע. יעדעס מאָל, אַריינקומענדיק מיטן רענצל אין האָטעל האָט ער געהאַט דעם געפיל אין רענצל דאָרט טראָגט דער פּאָרטער נאָך אַ צווייטן באַרדאַס, אַן אונטער־געוואָרפענעם, פון וועמען ער האָט געוואָלט אַנטלויפן. איצט... דער „באַי" האָט געעפנט די ליפט־טיר, דער צווייטער „באַי" באַלאָדן מיט פּעקלעך, האָט דאָך, ניט אַן דרך־ארץ אין זיין גאַנג, זיי צוגעפירט צו אַ טיר, געעפנט, צעשטעלט די פּעקלעך אויף באַשטימטע פּלעצער, גע־עפנט די טירן פון אַלמער, וואַש־צימער, אַרויפגעצויגן די רולעטן, זיין האַנט האָט פלינק אַרונטערגעשלונגען דעם טיפּ, אַ נויג, און די טיר האָט זיך לייכט צוגעמאַכט הינטער אים, איינשליסנדיק זיי צווייען.

.7

געקלאַנג פון געשיר האָט געשריען: שטום! דער טיק־טאַק פון זייגער האָט פּאַטאַקעוועט: טויב.

— געוועזן אין שטאָט?

אַ שטיינדל האָט זיך אָפּגעריסן פון באַרג. ווי הילכיק עס קלינגט דאָס קייקלען זיך אין טיפן טאָל, ווי פרעמד.

— יאָ, — ענטפערט באַרדאַס און קוקט פאַרוואונדערט: וואָס איז דאָס פאַר אַ פראַגע, ווייסט'אַך איך בין געוועזן אין שטאָט.

— געזען עמיצן?

— וועמען האָב איך באַדאַרפט ספּעציעל זען?

— כ'ווייס, מ'גייט אין שטאָט, באַגעגנט מען, זעט מען...

— געזען אויף מיין סטריט, מיין און צווייטע, דאָ אַ קאַטוילישע קירך. קומט אַ מאַן פון אַ יאָר פערציק, שטעלט זיך אַוועק אויף די קני,

אויף די טרעפּ אין דרויסן, צלמט זיך איבער, בוקט זיך מיטן קאָפּ צו די טרעפּ, צלמט זיך ווידער איבער, הויבט זיך אויף און גייט אַוועק. אין מיטן העלן טאָג.

— דאָ משוגעים. — דער נאָכקלאַנג נאָך די ווערטער — האָסט שוין ניט קיין אינטערעסאַנטערעס צו דערציילן?

— משוגעים?

בנימין קוקט אויף זיין ווייב ביים איבערפרעגן: משוגעים? זען זעט ער אָבער אָט יענעם קרעפּטיקן, זעקס־פוסיקן מאַן מיטן קורצן האַרטן געוועבטענעם מאַנטל פון וועלכן עס סטאַרטשען אַרויס לאַנגע שיינקלען אין בלויע אויבערהויזן, זיינע האַמעטנע שיך מיט דיקע זוילן און ברייטע נעזער. זיין פּנים? אַ ברייט פינף־קאַנטיק פּנים פאַרברענט און פאַרהאַרטעוועט פון זון און ווינט און אַ פּאָר טונקעלע, גליענדיקע אויגן. משוגע? ווי לייכט זי פּסקנט עס. דער פינגער גלעט דעם גלאַטן גלאָז־ראַנד, די אויגן קוקן כּלומרשט אויף גלאָז, טישטוך, אָבער זיי פאַר־פאַלגן נאָך אַלץ יענעם מאַן און פרעגן: וואָס פאַר אַ שווערע זינד טראָגסטו עס אויף די פּלייצעס, אויפן האַרצן וואָס עס בויגט דיין קאָפּ צו די קירכן־טרעפּ אינמיטן העלן טאָג? און דערציילן דאָס דיינע גליענדיקע אויגן פון אַ גליענדיקן גלויבן וואָס קען „איבעררוקן בערג״? קען דער צייכן פון קרייץ אַרונטערנעמען דעם קרייץ פון רוקן, די לאַסט פון האַרצן?

אין גאַס איז באַרדאַס געבליבן שטיין, מיט די אויגן נאָכגעגאַנגען אָט דעם מאָדנעם מענטשן, איצט אין אָוונט ביי זיך אין הויז גייט אָט דער מענטש נאָך באַרדאַסן איבערן צימער הין־און־צוריק און מאָנט: פאַר־וואָס קענסטו, בנימין באַרדאַס, ניט בעטן ביי גאָט? דיר איז דאָך שלעכט. האָסט ניט קיין גאָט? וויפיל מענטשן זיינען דאָ וואָס האָבן ניט קיין גאָט בייטאָג, אַזוי לאַנג ווי זיי איז גוט, ביינאַכט אָבער, ווען זיי ווערט שלעכט, בעטן זיי דאָך גאָט, וואַרטן אויף עפּעס, אויף עמיצן ער זאָל זיי העלפן, און אָט דאָס עפּעס, אָט דער עמיצער האָט קיין געשטאַלט, קיין קערפּער, און איז דאָך דער אַלטער גאָט אויב אַפילו זיי רופן אים ניט אָן ביים נאָמען. שיקט זיך עס דו האָסט שוין ג אָ ר קיין גאָט? אַלע קוואַלן אויסגעטרוקנט? ניט גוט. ניט גוט.

ווייסט ער דאָס בנימין באַרדאַס, אָבער וויסן אַליין איז ניט גענוג, מ׳דאַרף מאַכן בעסער. פרעגט זיך ווי אַזוי? געשטאַרבן גאָט, זיין ירושה

— דער מענש. מענטש, ביי אים זוכן שטאַרקייט, אין אים געפינען גלויבן. מענטש. באַרדאַס' קוק פאַלט אויף אַ בילד אויפן וואַנט. שאָף אין אַ שטורעם. איינע טוליעט זיך צו דער צווייטער, פּנים צו פּנים, דער רוקן, דער הינטן צום שטורעם. אַזוי שאָף, אַזוי מענטשן. דער קוק טוט אַ שפּרונג פון בילד, דאָס באַהאַלטענע אויג דערזעט נאָך אַ בילד. אויפן צענטן שטאָק פון אַ געביידע. ער, בנימין, אין איין שופלאָד פון אַט דער צען־שטאָקיקער שאַפע. מיט אַמאָל הויבט אָן אַט די צען־שטאָקיקע געביידע זיך וויגן, אַ טעמפּער טומל ווי פון אַ ווייטער קאַנאָנאַדע, אַ בראַזג פון גלאָז, שרייב־טישן, שרייב־מאַשינען, די ווענט, די סטעליע, די פּאָדלאָגע אונטער די פיס, אַלץ וויגט זיך. — אַן ערדציטערניש — פליט דורך גערכן געדאַנק ביי בנימין באַרדאַס און ביי הונדערטער אַנדערע אין דער געביידע און ביי טויזענטער אַנדערע אין אַנדערע געביידעס, און עס קלאַפּן און פאַרהאַקן זיך טירן, מענטשן לויפן. בימין באַרדאַס איז אויך אַרויסגעלאָפן. גיכער, וואָס גיכער זיין אינדרויסן. ווען ער האָט אָבער דערזען אין קאָרידאָר אויפן וועג צום ליפט ווי מענטשן זיינען געלאָפן, איינער נאָכן אַנדערן, איינער איבערן אַנדערן, זיך געשטופּט, געדריינגט, געשריען, געליאַרמט, איז ער געבליבן שטיין אין אַ ווינקל. וואָלט זיין געדאַנק דאַן געאַרבעט קלאָר וואָלט ער דאַן פאַרמולירט זיין בלייבן שטיין אין: בעסער דערקוועטשט ווערן פון אַ וואַנט, שטיינער, ציגל, איידער פון מענטשן. אַ גרויסער צווייפל צו ער האָט דאַן אַזוי רואיק געטראַכט, אים האָט פּשוט אָפּגעעקלט פון זיין אַריינגעקוועטשט צווישן מענטשן, איז ער געבליבן שטיין אַליין אין אַ ווינקל. ניין, אין דער סטאַדע פּאַסט ער זיך ניט אַריין אַפילו אין אַ שטורעם. מענטשן? נו יאָ, ער לעבט צווישן זיי. פּעט פּיצימאָנס, נעלי בעבקאַק, דייוויד האַנסען, מאָריס לעוועטאַל, זיידענבערג, הונדערטער, אפשר טויזנטער, געזען, דער מאַרך האָט אויפגענומען, אַריינגענומען, באַהאַלטן, פלוצלונג שווימען זיי אַרויס, פאַרוואָס, צוליב וואָס, וואָס האָבן זיי בייגעטראָגן צו זיין לעבן, ער צו זייערס? צופעליק געזען אַ מענטשן, צופעליק פאַרלאָרן, פאַרגעסן, און צופעליק שווימט ער ווידער אַרויף. צופעליק?

„דאָס קאַפּיטאַל ,צופאַלן' איז די ביבל פון די נאַראָנים." ניטאָ קיין צופאַל, אַלץ איז געקנופּט און געבונדן, און אויך דער איינצעלנער מענטש איז מיט אַן אַ שיר פעדים פאַרבונדן מיט זיינע מיטמענטשן, און ניט נאָר

מיט די לעבעדיקע, נאָר אויך מיט די טויטע פּאָר אים און אַפילו מיט די ניט־געבוירענע וואָס וועלן קומען נאָך אים. און דאָך, וויפיל ראַבינזאָן קרוזאָס בלאָנזען אַרום אויף בראָדוויי!

די שטילקייט עפנט זיך פאַר בנימין באַרדאָס, שליסט זיך הינטער אים, און בלייבט ער שטיין, שטעלט זיך אָפּ די שטילקייט, וואַרט אויף אים.

— קום אַהער אַ ווײַלע, — גיט אַ פּליעשטש אַ שטיינדל אין דער שטילקייט. קוקט זיך בנימין אום — ווער האָט עס אַ וואָרף געטון דאָס שטיינדל? — דערזעט אַן אָפן פּנים, אַ שמייכל וואָס רופט, גיט שוין דער קוק זיך אַ גליטש איבערן גאַנצן ליגנדיקן קערפּער אירן, זייט, היפּט, שיינקל, פוס. ווי גוט ער קען דעם קערפּער און ווי... פרעמד. — קום אַהער, — הערט ער ווידער אַמאָל, די פּיס באַוועגן זיך, ער דערנעענטערט זיך צו איר געלעגער, צו דער סאָפע, אָבער אַזוי מיושבדיק, פּאַמעלאַך, און ווען שוין לעבן איר ווייסט ער ניט וואָס צו זאָגן, פרעגן, טון. זי גיט אַ ציִ זיין האַנט, זעצט אים אַנידער, זיין זייט רירט אָן איר בוזים, איר אָרעם אַרום זיין האַלז, ציט זיין קאָפּ אַרונטער צו איר פּנים, ער פילט שוין איר אָטעם.

— וואָס טראַכסטו?

זי גיט זיך אַ הויב, מאַסטעט זיך איין אויף איר געלעגער, טוט אים אַ ציִ צו זיך, זיין ברוסט איז שוין נאָענט צו איר בוזים, נאָך אַ באַוועג און איר פּנים איז אַזוי נאָענט צום זיינעם אַז אירע אויגן רירן אַקאָרשט אָן זיינע, און אויגן און ליפּן זאָגן: גייסט אַרום הין און צוריק, און טראַכסט, און טראַכסט, וואָס טראַכסטו אַזוי פיל? האַ? — אַ לייכטער אָפּגעריסע־נער קוש.

אַ באַקאַנטע פראַגע, אַ באַקאַנטע סצענע. ער האָט דאָך שוין אַמאָל געהערט אָט די פראַגע, זיין ווייב האָט אים... ניין, יענע האָט ניט גע־פרעגט און אויך ניט צוגעצויגן צו זיך, אַ קוש געטון. יענע האָט אַ שמיץ געטון די צייטונג, אַנטלאָפן, די האָט לייכט אָנגעקלאַפּט אין זיין טיר. עפענען. אָבער אָנשטאָט ריידן, זאָגן אַ וואָרט, נורעט ער איין דעם קאָפּ אין איר בוזים. בלאָנזען אירע פינגער אין זיינע האָר, פאַרבלאָנזען צום שלייף, איין פינגער אירער, פילט ער, גייט איבער זיין בולטער אַר־טעריע ווי זי וואָלט איבערגעגאַנגען מיט אַ פען איבער קריץ. טוט ער אַ טרייסל דעם קאָפּ, דער פינגער גליטשט זיך אַראָפּ, זי נעמט אָן דעם

קאָפּ זיינעם אין אירע האַנט־פלאַכן, אירע אויגן, גרויסע אין דער האַלב־טונקלקייט, פאַרשטעלן פאַר אים אַלץ, ער זעט גאַרניט, ער הערט בלויז: וואָס איז דיר?

— גאָרניט.

— טאָ וואָס־זשע גייסטו אַרום און טראַכסט? עפּעס פּאַסירט אין געשעפט?

זיין טיר האָט זיך פאַרהאַקט, פאַרשלאָסן, פאַרריגלט. אַ קוים באַ־מערקבאַרע באַוועגונג פון זיין קערפּער און זי פילט די פאַרהאַקטע טיר, אירע הענט לאָזן נאָך, איר גאַנצער קערפּער טוט זיך אַ צי, דער שטח צווישן זיי איז ברייטער געוואָרן, אַ קאַלט ווינטל הויבט שוין אָן אַרויס־שטויסן די וואַרימקייט פון צווישן ביידע קערפּערס, גיט ער זיך אַ ריר און טוט אַ זאָג: ס'טראַכט זיך.

— וועגן ע פּ ע ס טראַכסטו דאָך!

— וועגן עפּעס?

— אַ מענטש טראַכט דאָך ניט סתּם אין דער וועלט אַריין, אַ פּוסטע ווינט־מיל.

— אַ פּוסטע ווינט־מיל?

ער פאַרקוקט איר אין די אויגן. ווער איז אָט די פרוי מיט אָט דעם אומשולדיקן שפּעלע־קוק וואָס זאָגט צייטנווייז אַרויס אַזעלכע טרעפנ־דיקע באַמערקונגען? אַ פּוסטע ווינט־מיל. ניט שלעכט. ער בעסערט עס אָבער אויס. — האָסט אַמאָל געזען קליינע ווייסע וואָלקנדלעך? זיי ברייגנען קיין רעגן, טראָגן זיך סתּם אין דער וועלט אַריין.

— גיי, ביסט אַ שלעכטער!

ווידער פאַרפּלייצן אירע גרויסע אויגן זיין זעאונגס פעלד. אַ זונען־שטראַל אויף אַ שטראָם. אַן אויגנבליק, און דער זונענשטראַל פאַר־שווינדט צוזאַמען מיטן שטראָם, ער פילט איר נאָז רייבט זיך אָן זיינעם, אַן אָפּגעריסענער קוש, אַן אָפּגעריסענער „ביסט אַ שלעכטער,“ און זי רייסט זיך אָפּ פון אים, ליגט אויסגעצויגן, שטייף, די אויגן פאַרמאַכט.

פליגל פלאַטערן פאַר די אויגן, קיין פויגל ניט צו זען. וואָס איז דאָס געווען? „ביסט אַ שלעכטער,“ און נאָז רייבט נאָז; אַן אָפּגעריסע־נער קוש, און „ביסט אַ שלעכטער.“ וואָס איז אויפריכטיק און וואָס איז אָנשטעל? ביידע. אַ שלעכטער, אַזוי מוז זי דיינקען, פילן. שלעכטער?

אַ כלומרשט זייטיקער ריכטער גיט שנעל אַרויס אַ פּסק: ניין, ניט קיין שלעכטער, און תּוך־כּדי־דיבור, גיט אַ נאָענטער, אַ ברודער, אַ באַדויערנדיקן קוק: דיר איז שלעכט, און בנימין באַרדאַס קריגט רחמנות אויף זיך אַליין ווען עס איז אַזוי שלעכט, אַקאָרשט צום וויינען. אַ קוק אויף זיין ווייב ווי זי ליגט די אויגן פאַרמאַכט, די ליפּן עטוואָס אָפן, די בריסט...

איר קערפּער האָט אַ ציטער געטון ביי זיין „אָנפאַל" אויף איר, זי האָט אָן עפן געטון די אויגן, זיי גלייך צוגעמאַכט, אים שטאַרקער צוגעדריקט, די פינגער האָבן געבלאַנזשעט איבערן נאַקן, האָר...

אַ בליץ, אַ דונער, די לופט איז אָנגעלאָדן, אָבער קיין רעגן, עס דאַרף אַ צי טון פריער אַ קאַלט ווינטל.

— די שיינבערגס האָבן געבעטן אַריבערקומען.

זיינע אויגן זיינען נאָך געווען פאַרנומען מיט זען די שיינבערגס אין זייער הויז און די אויערן האָבן שוין געהערט: זיי קלייבן זיך פאָרן קיין איירּאָפּע.

— אַזוי?

— אפשר וואָלטן מיר אויך געפאָרן?

דער טאָן פון איר פראַגע — עמיצער פּרוּוט שטילערהייט, גנביש עפענען אַ טיר. גיט ער אַ קער דעם קאָפּ. האָט זי ניט מיט אָט דעם שמייכל אין די אויגן אים דערלויבט אַמאָל... אַרונטערשפּאַרן די געשטרייפטע קאָלדרע אונטער אירע שיינקלען, פיס אויפן לען־שטול?

אויג און אויער ווערן זיך. — דאָך שוין געווען אין איירּאָפּע!

— יאָ, אָבער דאַן זיינען מיר געווען באַזונדער. אויפן שיף ערשט... איצטביידע... צוזאַמען...

דער שטורעם האָט אויסגעבראָכן.

פאַרמאַכט די אויגן, דער נאָז זאַפּט אַריין דעם גערוך, דעם אַזוי באַקאַנטען, רייצנדיקן גערוך פון איר קערפּער, דער קלאָרער ווערטער־געדאַנק פאַררוקט, אויערן פאַרנעמען אַ ליידנשאַפטליך ברומען וואָס קלינגט דאָך אַזוי מילד, ליפּן פילן אַ גלאַטן, גליטשיקן שפּיץ צונג — פייכט פייער, און דער פלאַם צעגיסט זיך, פאַרפלייצט ביידע קערפּערס...

— מיר'ן פאָרן, יאָ?

סאַמעט רינגען אַרום זיין רוקן, פּוך בענדער אַרום זיינע קנעכל,

אָבער אַ קאַלטער שטראָם יאָגט דורך, זיין קערפּער — אַ פאַרשטאַרטער שטעקן, אַרום דעם שטעקן וויקלט זיך, קלעטערט די וויסטאַריא פלאַנץ, נאָך אַ ביסל און די וויסטאַריא וועט אים אינגאַנצן אַרומנעמען, אַרומ־וויקלען. זיך אויסשיילן, אַרויסשאַרן, אַרויסרייסן...

— ביסט אַ שלעכטער!

דער פּאַליש פון אויער האָט פאַרנומען די ווערטער, די אינעווייניק־סטע טיר האָט זיך פאַרהאַקט פאַר זיי. אַ שוואַרם מוראַשקעס האָט זיך אַ לאָז געטון, גענומען לויפן כאַאָטיש אינם מאַרך אין זיינעם. איין מוראַש־קע, די גרעסטע, האָט געטראָגן די שווערסטע משא און האַרטנעקיק דורכגעשטופּט זיך אַ וועג ערגעץ טיף אין זיין מאַרך אַריין: לאָזט דורך! איך טראָג כאַבאַר פון רחלען צו איר מאַן בנימין. כאַבאַר קונציק גע־געבן. „מיר'ן פאָרן, יאָ?"

די גאַסן אין דרויסן זיינען פון גומי געגאָסן, די ווענט פון הויז זיינען פון קאָרעק געבויט, בלויז אין בעט הערט זיך אַ לייכטער אָטעם פון אַ פרוי, אַ טליפּ־טליפּ פון אַ האַרצנס זייגער און פון צייט צו צייט אַ שאָרך פון האָר אָן ציכל, אַ באַוועגונג פון אַ קאָפּ וואָס רייסט זיך פון אַ באַרג מוראַשקעס, וויל אַרויסקריכן, זיי אַוועקשאַרן, דערקוועטשן — ניט פאָרן! ניט פאָרן! ניט פאָרן! פאָרן. ניט... פאַר־ר־ן. שלאָף.

8.

פיר „הינערשע" פיסלעך האַלטן אונטער דאָס לייכטע טישל, פיר מענטשליכע קעפּ טורעמען איבער דעם, פיר מענטשליכע קעפּ און אַ פינפטער קאָפּ — אַ קיבעצער.

פּ־פּ־לי־פּ.

דאָס דעקל קאָרטן איז צעשניטן. דער טיילער טיילט מיט דער פלינקייט פון אַ באַנק־קלערק וואָס ציילט פּאַפּיר־געלט. אויסגעטיילט. פליען פינגער איבער שפּיצן קאָרטן ווי פלאַכע שטיינדלעך, „קאַטשקעס" איבערן וואַסער. איבערגעטאַפּט, איבערגעלייענט, הערט זיך:

— איין צלם.

— פּאַס.

— איין דימענט.
— איין האַרץ.
ברידזש.

דער „בריק" איז פאַרצאַמט פון אַלע פיר זייטן. אַנטקעגן בנימין באַרדאַס די מרס. שיינבערג — אַ ווידערשפּרוך צום פּירקאַנטיקן, הינער־פּיסלדיקן טישל. קיילעכיק. אַ קיילעכדיק קעפּל, קיילעכיקע בעקלעך— פּריש־געבאַקענע פּוכקע זעמעלעך מיט צוויי ראָזשינקעלעך אויגעלעך, קיילעכיקע, פּוכקע, קורצע אָרעמס, פּאַמפּושקע הענטלעך, קורצע, פּוכקע פינגערלעך, אַ פּוכקער בוזים וואו צוויי בולקעלעך־בריסט צייכענען זיך גאַנץ בולט, דערפאַר דער גאַנצער האַלז ניט מער ווי אַ דין שנירל איינגעשניטן צווישן קאָפּ און פּלייצע, די „נאַט" צווישן איין בולקעלע און אַ צווייטן. וואו איז דער קנה, ושט? דער גאַנצער מענטש — קיילעכדיקע בולקעלעך צוזאַמענגעבאַקן. אָבער אָט דערלאַנגען די פּוכקע פינגערלעך אַ צוקערקע צו די קאַרמין־געפאַרבטע ליפּעלעך, אַ שלונג — דאָ אַ ושט. און אָט פרעגט זי, באַפעלט איר מאַן: נו, עס האַלט ביי דיר!— דאָ אַ קנה.

איך פּאַס צו מיין פאַרטנער,— קומט אַ דעמבענע שטימע פון דער סאָלידער פאַרענטשע מר. שיינבערג.

דער פאַרטנער, רחל באַרדאַס, לייענט לאַנג אירע קאַרטן, קען זיי דאָך ניט איבערלייענען, הויבט זי אויף די קאָרטן, פאַררייסט די אויגן צום „לאַמטערן" וואָס שטייט הינטער איר— מאָו ליווי, מרס. שיינבערג'ס ברודער.

רחל באַרדאַס' אויגן אַנטקעגן „לאַמטערן"— אַ שטראָם אַנטקעגן אַ ליכט־שטראַל. בנימין באַרדאַס' ברעמען בערשטלען זיך, שטעכן דעם שאָטן איבער זיי, באַלד, באַלד וועט דער שאָטן אַ שפּרונג טון, זיך אַוועקשטעלן פאַר זיין ווייב'ס אויגן מיטן רוקן צום לאַמטערן. צו שפּעט. דער לאַמטערן האָט זיך אַ בויג געטון, דער פלאַם — אַ פינגער— טיקעט אין די קאָרטן און רחל'ס אויגן גייען נאָך דעם פינגער.

— צוויי האַרץ! — רופט זי אויס האַפערדיק.

מרס. שיינבערג'ס שאַרפע קרעלן־אויגן האָבן אַ לאָף געטון איבער די קאָרטן, דאַן אַ שפּרונג געטון צו איר פאַרטנער'ס אויגן: וואָס זאָגט איר?

בנימינ'ס אויגן ענטפערן ניט, זיי זעען אַפילו ניט די פראַגע, די אונטערשטע וויעס קוקן כלומרשט אין די קאָרטן, די אויגן פאַרריסן

אַרויף שפּיאַנירן מאָו ליוויס אויגן. מאָו ליוויס אויבערשטע וויעס קוקן כּלומרשט אין רחלס קאָרטן, די אויגן, אַרונטערגעלאָזט, בלאָנזען איבער רחלס ברוסטקאַסטן, פאַרלירן זיך אינם שאָטנדיקן צווישן־בריסט. פילט זי ניט זיין קוק? ווען האָט זי דאָס אָנגעהויבן טראָגן בלוזקעס מיט אַזוי־נע טיף־אויסגעשניטענע העלזער? די שפּילקע ביים ברוסט ניט זי פאַר־שליסט די בלוזקע נאָר זי שרייט: קוק... וואָס איז דאָס פאַר אַ קלייד? געזען אַמאָל אויף איר? געזען! ניט געזען! געזען, אָבער עס האָט זיך ניט געזוואָרפן אין די אויגן, איצט...

—„אַי דאָבל יו״— רופט מרס. שיינבערג אויס קריגעריש, געמעגט שווערן זי רופט די מרס. באַרדאַס אויף אַ דועל. וואַכט אויף בנימין באַרדאַס צו דער שפּיל. וואָס איז דאָ פאַרגעקומען?

— אָל־רייט,— נעמט דווקא מאָו ליווי אָן דעם אַרויסרוף און זעצט זיך צו צו רחל באַרדאַס אויף אַ שפּיץ ביינקל איר העלפן אויסקעמפן דעם דועל.— נ־ב־י־ט די,— שטעלט ער אָפּ איר באַוועגונג, דערביי רוט שיר ניט זיין באַק אויף אירער.— אַז איר׳ט גיין מיט דער וועלן זיי געבן... דאַן פאַרלירן מיר. גייט מיט דער. אָט אַזוי.

פאָלגט אים רחל, און זעענדיק דער גאַנג איז אַ געלונגענער, קאָמ־פּלימענטירט זי אים מיט ווערטער: ער קען די שפּיל, באַגלייט דעם קאָמפּלימענט מיט אַ קוק — ביסט אַ דורכגעטריבענער יונג, און דער קוק קריגט אָן אויגן ענטפער: ניין, ניין! האָסט זיך עס ערשט דער־וואוסט? דו גיב נאָר אַ קוק אויף מיר.

דער אויגן־געשפּרעך ווערט איבערגעריסן פון מרס. שיינבערג׳ס אויסגעשריי: וואָס איז דער שכל? און פון אַ באַוועגונג צוריקכאַפּן די קאָרט וואָס בנימין באַרדאַס האָט אַ לייג געטון. אָבער מאָו ליוויס האַנט איז שוין אויפן טיש. אַ גאַנג איז אַ גאַנג.

— וואָס איז אַזוי שלעכט? — פרעגט בנימין באַרדאַס, און זיין ווייב קוקט אויך: וואָס האָט פּאַסירט?

— וואָס אַזוי שלעכט! מיט דעם געווינען זיי דעם קאָן! און גע־דאָבלט! — איז שוין די מרס. שיינבערג אויסער זיך.

— פיין! — שמייכלט חוצפּהדיק מאָו ליווי,— דאָס איז געווען ממש אַ מתּנה פון גאָט. איצט.

קוקט בנימין באַרדאַס אין די קאָרטן. רויט, שוואַרץ, האַרץ, פּיק, טויז, מלך, מלכה, מאַו ליווי. זיין שמייכעלע, זיינע וואָנצעלעך. אַ מענטש טראָגט עס וואָנצן. אונטערן נאָז אַ געדיכטער טאַבאַק סטראָמפּ און פון דעם טאַבאַק סטראָמפּ ציען זיך דינע, צוויי שטייף פאַרדרייטע שפּיצן. אים אָנגעמען ביי די שפּיצן, אַ צי טון. דער גאַנצער פּנים זיינער. אַ מענטש זאָל האָבן אַן אויסגעפּרעסטן פּנים. היינט גלאָנצט ער, געמעגט שווערן ער האָט צוזאַמען מיט די שיך אָפּגעפּוצט דעם פּנים. ווי פיינט ער האָט אָפּגעפּוצטע פּנימער. היינט די שאַרפע נאָז, דער פאַרשפּיצטער קין, דערמאָנט אים אָן אַ פיש, אַן אָקון. אָבער דער פיש רעדט. אַלץ הייסט ריידן! און ער האָט זיך דאָס געזעצט שפּילן ברידזש כדי מ׳זאָל ניט דאַרפן ריידן, הערן רייד. די באַלעבאָטים פון הויז דאַרפן זיין גאַסט־פריינדליך, אָבער די געסט דאַרפן אויך זיין הויזפריינדליך, פירן, אונ־טערהאַלטן אַ געשפּרעך, אַגן פיר אַ געשפּרעך מיט אַ מר. שיינבערג, אָט דעם סאָלידן, פון דעמב אויסגעהאַקטן מר. שיינבערג, ווען די ערשטע און לעצטע פראַגע איז: ווי איז געשעפט? געטליכער ברידזש. ניט נאָר איז ער אַ לאַנגוויל־אָפּלייטער, ער איז געזעלשאַפטליכער קליי, דער געמיינזאַמער באַריר־פּונקט פון פיר מענטשן ביי איין טישל. פיר מענ־טשן, אָבער וואָס האָט דאָ צו טון דער פינפטער?

— מיר האָבן עס געמאַכט!

— און נאָך ווי! איצט רעכנט אויס: פּופּציק פאַרן דאַבל...

זיין ווייב און מאַו ליווי טריאומפירן, מרס. שיינבערג איז נידער־שלאָגן, איר איינציקע טרייסט איז — שולדיק איז מר. באַרדאַס. ווען ער גייט...

גיט מר. באַרדאַס צו אַז ער האָט געמאַכט אַ פעלער. שלאָגט פאַר מר. שיינבערג, אפשר בייטן פאַרטנערס, אָבער די מרס. שיינבערג דיינקט אַז דער אייגענער מאַן פאַר אַ פאַרטנער טויג ניט. — ניטאָ קיין „פאַן.״ וואָס זאָגט איר, מרס. באַרדאַס, ניט אַזוי?

— זינד איז זיס. דיין מאַן טויג עפּעס? — דערפרעגן די אויגן, און די אויגן פון דריי מענער און צוויי פרויען טוען אַ שפּרונג, דער־שרעקן זיך.

— ווען איר גייט אָבער מיט...

— ווען איר וואַרפט אָבער ניט איבער...

ממש אַ גאונישן קאָפּ אָט דער מאָו ליווי, כאַטש נעם און שפּיל איבער דעם קאָן אויף צוריק און ער וועט געדיינקען יעדן גאַנג. באַרדאַס דער שאַך־שפּילער צווייפלט שטאַרק אין מאָו ליווי'ס גאונות, ער באַ־שטרייט אָבער ניט זיינע „ווען" און „וואָלט". קאַליקעס „געווינען" אַלע מאָל נאָכדעם ווי זיי האָבן פאַרשפּילט. ער נעמט דאָס פּעשל קאָרטן צום טאַשן, טיילן, דערפילט מיט אַמאָל די קאָרטן זיינען קלעפּיק, ער קוקט אויף זיינע קאָרטן, דערזעט זיי זיינען ברודיק. ער שפּילט פויל, נאכלע־סיק, אַ טויטע שפּיל, מ י ט אַלע אַמפּערייען, עס גייט ניט קיינעם צו גוט.

— כ'גלויב מיר האָבן שוין געהאַט גענוג ברידזש. וואָס דיינקסטו מכּח אַ גלעזל טיי, שוירלי?

אָט דער „שוירלי" וואָס פּאַסט זיך אַזוי גוט צו דעם בולקעלע־ווייבעלע קלינגט אַזוי קאָמיש ווען דער דעמב, מר. שיינבערג, זאָגט עס אַרויס, אָבער מר. שיינבערג איז ניט קיין מענטש וואָס זאָגט עפּעס סתּם צוליב זאָגן. פאָרגעשלאָגן אַ גלעזל טיי, האָט ער זיך שוין אויפגעהויבן. איין פאַרענטשע איז אָפּגעבראָכן, די שפּיל איז געענדיקט.

בנימין באַרדאַס איז שטאַרק אָנגעשטריינגט. וועט ער אויסהאַלטן אידישקייט, זיין אַ העפליכער גאַסט, הערן אַלץ וואָס מר. שיינבערג, דער עיקר, וואָס מאָו ליווי זאָגט, ענטפערן צו דער זאַך? אָט הערט ער, דוכט זיך, ווי מאָו ליווי רעדט וועגן אַקציעס, הונדערטער, טויזנטער, אָבער צו דער זעלבער צייט הערט ער זיין ווייב זאָגט: איך קען ניט פאָרן אין דעם מאַנטל! און אויפן שיף...

... הייסט עס, זי פאָרט שוין. ז י האָט באַשלאָסן. נו גוט, מיר'ן נאָך זען. ער פאָרט ניט.— קיינמאָל ניט געהאַנדלט מיט אַקציעס,— ענט־פערט ער מאָו ליווין,— און וועל ניט האַנדלען, איך האָב פיינט געמבלען.

— זיינע אויגן פאַרענדיקן: איך האָב פיינט געמבלען און האָב פיינט דיך!

מאָו ליווי דרייט מיט צוויי פינגער די רעכטע וואָנצע און דאָס לינקע אויג זיינס שפּאָט: וואָלט אַ בעלן געווען אַ שפּיל טון מיט דיר.— אַ מענטש דאַרף אַלץ פּרוּוון,— ענטפערט ער פילאָזאָפיש, און אַ צי־טוענדיק די שפּיצן פון ביידע וואָנצעס לאָזט ער זיך צום טיש וואו טיי איז שוין סערווירט.

— ניט פאָרן! האָט געקלאַפּט אין קאָפּ איין געדאַנק אויפן וועג אַהיים פון די שיינבערגס. אָט דער שטומער געדאַנק האָט עס געדאַרפט

אָפּשטעלן רחל׳ס שטראָם רייד וועגן דער רייזע, רחל האָט אָבער דעם געדאַנק ניט געהערט, זי האָט אַפילו ניט געפילט ווי ביי איר איבערפאָרן פון פּאַריז קיין איטאַליע האָט בנימין שאַרף אַ דריי געטון דאָס רעדל, ווי ביים אַריינפאָרן אין דער שווייץ האָט ער אַזוי אַ דריק געטון דאָס גאַז־קנעפּל אַז דער שנעלמעטער האָט זיך אַ וויג געטון צווישן זעכציק און זיבעציק, ערשט ווען ער איז צוגעפאָרן צום הויז און האָט מיט אַמאָל פאַרהאַקט די ברעמזע, ענטפערנדיק אַזוי אַרום: מיר פאָרן ניט, האָט זי דערפילט אַ שטויס אויף צוריק.

— וואָס איז?

— וואָס, וואָס איז?

— וואָס אַזאַ ראַשער אָפּשטעל?

— ווילסט עפענען דעם גאַראַזש?

בנימין האָט נאָך גענומען אַרומשפּאַנען איבערן גרויסן צימער אין הויז.

— גייסט ניט שלאָפן?

בנימין האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַ קוק געטון אויף זיין פרוי. האַלב אויסגעטון, מיט איין האַנט ביים בויך האָט זי געהאַלטן די קימאָנא פון פאַנאַנדערנעמען זיך, ביים ברוסט איז זי אָבער געווען אָפן.

— ווער איז אָט דער מאָו ליווי?

— מאָו? ווייסט ניט? מרס. שיינבערג׳ס אַ ברודער. וואָס איז?

— דאָס ווייס איך. איך מיין וואָס איז ער?

— ער האָט אַ חלק אין מר .שיינבערג׳ס צירונגס געשעפט, אָבער ער ליגט מערסטנס איבער אויף דער בערזע, געמבלט מיט אַקציעס.

— איך פרעג דיך ניט וואָס ער טוט, איך פרעג וואָס איז ער פאַר אַ מענטש.

— אָה, ער איז ניט קיין שלעכטער חברה־מאַן, בלויז אַ ביסל ציניש. אַן אַלטער בחור. אַנטקעגן וואָס פרעגסטו דאָס?

— אַזוי זיך. קענסט אים שוין לאַנג?

— איך קען אים שוין יאָרן. ער פלעגט זיך חברן מיט ראָבערטן נאָך איידער מיר האָבן חתונה געהאַט. מיר פלעגן צוזאַמען אַרויסגיין, אַרויספאָרן.

די אַלמנה וואָס האָט מיט אינסטינקטיווער ווייבערשער חכמה אויס־געמיטן צו דערמאָנען וועגן פאַרשטאַרבענעם ערשטן מאַן איז איצט באַ־גאַנגען די נאַרישקייט צו דערמאָנען זיין נאָמען, אַרויסרופן אַ טויטן שאָטן, דערצו נאָך אין דער באַגלייטונג פון אַ לעבעדיקן... מאָו ליווי. זיך אַ גליטש געטון, אָבער ניט געפאַלן. — קום! —

דער האַרטסטער קלאַנג קען אַ גלעט טון דעם אויער, דאָס שאַרפ־סטע וואָרט קען צוציען ווען דער טאָן וואָס באַגלייט דעם קלאַנג איז אַזוי מילד און איינלאַדנדיק, ווען דער בליק וואָס לויפט נאָך דעם וואָרט איז אַזוי צוציענדיק, אַזוי צוזאָגנדיק...

— איבער פיר וואָכן אין דער צייט וועלן מיר שוין זיין אויף דער שיף, זיך וויגן...

— פאָרן, פאָרן, פאָרן, — קלאַפּן קליינע העמערלעך. — ניט פאָרן, — טוט אַ קלאַפּ אַ גרויסער האַמער.

— איך ווייס ניט צו איך וועל קענען פאָרן.

אַ צוויי־שאַרפיקע שווערד האָט זיך אַריינגעשלייכט צווישן די צוויי קערפּער.

— פאַרוואָס? און איך האָב שוין געמאַכט אַלע פאָרבערייטונגען, געזאָגט אַלעמען...

— גוט, וועט זי פאָרן מיט די שיינבערגס.

— מיט די שיינבערגס! זיך נאָכשלעפּן ווי אַ פינפטע ראָד צום וואָגן.

— אפשר וועט דער.... מאָו ליווי פאָרן.

אַ פאַרדעכטיק, אָנגעשטריינגט ווינטל האָט אַ בלאָז געטון פון בנימין באַרדאַס קערפּער, און, אַרויסגעשיקט דאָס ווינטל, האָט דער קערפּער אַ פאַרטייעטער געוואַרט, וועט זי עס דערפילן?

אַ דריי פון קאָפּ. ער קען ניט זען אירע אויגן, ער הערט: מאָו? ער דערפילט, דאָס האָט זי איבערגעחזרט דעם נאָמען כדי צו געווינען צייט און באַלד דערהערט ער און דערפילט אַ צווייטע האַלב פראַגע, האַלב רייצן זיך: ביסט אייפערזיכטיק? און נאָך איידער ער האָט צייט צו פרעגן כלומרשט מיט שטאָלץ: ע ר אייפערזיכטיק? דערפילט ער אירע ליפּן. — איך וויל פאָרן מיט דיר, מיט דיר! מיט דיר!

ווערטער איבערגעריסן פון קושן, אָבער די קושן זיינען בלויז אָפּ־געריסן פון זיינע ליפּן. אַ פלאַם גיט זיך אַ לאָז, אַ גלעט דאָס שטיקל

האָלץ, אָבער אַ ווינטל גיט אַ בלאָז אַנטקעגן, פאַרטרייבט עקשנותדיק דעם פלאַם. דער פלאַם, איצט שוין אַ צעוואַקסענער, לאַכט האָפּערדיק פונם ווינטל, גיט זיך אַ יאָג. בנימינ'ס ליפּן ווערן אָפּגעבריט, און דאָס עקשנותדיק ווינטל וואָס האָט פריער געטריבן דעם פלאַם פון די ליפּן האָט זיך אונטערן אימפעט פונם פלאַם פאַרקירעוועט און טראָגט פון די ליפּן צו זיינע אויערן פאַרטושטע ווערטער: בוני... בוזיק... בוזיקל מיינס...

אַ פרומער קוק, אַ שעפּעלע, אַ צנועה. זיי נאָר אינטים מיט דער צנועה און די צנועה איז פרום און דאָך... אויסגעלאָסן, שטילט דעם רייץ און הערט דאָך ניט אויף צו רייצן. פרוי.

איבערגעפּלאָקערט. בלויז קליינע פלעמלעך, פייער־צינגלעך גלעטן אנגענעם. גוט אַזוי איינצודרימלען, איינשלאָפן.

— ווייסט, בוזיק, מר. שיינבערג האָט מיר געזאָגט אַז אויפן וועג צוריק וועט ער זיך אָפּשטעלן אין אַנטווערפּן, צוליב געשעפט, און ער האָט געזאָגט, אויב איך וויל, קען ער פאַר מיר אויך קויפן אַ דימענט אָדער צוויי.

אויסגעלאָשן אַלע פלעמלעך. אַ קאַלטער ווינט האָט אַ צי געטון.

— זייער פיין פון מר. שיינבערג. — זאָל זי פאָרן מיט די שיינבערגס נאָכן דימענט. און אַז מאָן ליווי וועט מיטפאָרן? דאָן אַוודאי ניט פאָרן. זיכער?

פאָרן, פאָרן, פאָרן, ניט פאָרן. ניט פּ־פּ־פאָרן.
דער שלאָף האָט אָפּגעשטעלט די שקלאַ וטריא.

.9

שפּאַלט זיך אָפּ די שיף פון ברעג. שטייט דער ברעג, קוקט נאָך: מיר'ן זען ווי דו וועסט עס אַ שווים טון, און זעענדיק אַז די שיף שווימט טאַקע הויבט דער ברעג אָן זיך דערווייטערן.

ברעג און שיף אין באַוועגונג, בלויז בנימין באַרדאַס ביי דער פּאַ־רענטשע אויפן שיף שטייט באַוועגלאָז. אַן אָפּטישע שפּיל — ווייסט זיין שכל, אָבער די אויגן, און דער עיקר דאָס אויג אין קאָפּ, זעט אַז דער

ברעג דערוויטערט זיך. די שיף וועט זיכער אים ברייגנען צו אַנאַנדער ברעג, אָבער דער ברעג דערווייטערט זיך און ער וויל אים ניט פאַר־לירן אַזוי גיך. פאַראַנקערט ער זיין קוק אויפן ברעג און די „קייט״ איז אַזוי לאַנג, אַז ווען די שיף שווימט שוין אין פולן גאַנג, דער ברעג זעט זיך בלויז ווייל ער ווייסט אַז דאָרטן איז ער, שטייט בנימין נאָך אַלץ און קוקט און זעט דעם ברעג, און עס איז אים אומעטיק, און עס איז אים גוט.

אַזוי איז עס געווען אויף זיינע לעצטע דריי רייזעס. און איצט, אויף זיין פערטער רייזע, ווי נאָר די שיף האָט זיך אַ ריר געטון האָט ער ווידער דערפילט די באַקאַנטע איבערלעבונג. באַקאַנט, היימיש, דאָך ניט פאַרטעמפּט, און ער האָט מיט אַ באַזונדער הנאה זיך איבערגעגעבן צו אָט דער איבערלעבונג, אויסגעטון פון זיך איינגאַנצן, איבערגעגעבן זיך דער שיף, דעם ברעג.

— זעסט, אָן דאָרטן איז . . .

— הם . . . יאָ, יאָ, — פאַלן אַרויס קלאַנגען פון אַ פרעמדן בנימין באַר־דאָס, דער אייגנטליכער בנימין באַרדאָס איז נאָך איינגעטונקען אין זיין פריוואַטער, אינטימער איבערלעבונג. ווען דער ברעג פאַרלירט זיך פון אויג, די קאָנטורן פון די הויכע שטאָטישע געביידעס זיינען שוין פאַר־ווישט, פאַסאַזשירן רייסן זיך אָפּ פון די פאַרענטשעס, שיטן זיך פאַנאַנ־דער אויפן דעק, דערפילט בנימין אַ ציי ביי זיין אָרעם, דערהערט אַ: קום! טוט ער פאַרוואונדערט אַ קוק — ווער ציט עס אים ? ער דערזעט זיין ווייב, הערט ווי זי רעדט פון אויספּאַקן זאַכן און דערוויסט זיך מיט אַ באַזונדער דייטליכקייט אַז דאָס מאָל פאָרט ער ניט אַליין, ער פאָרט מיט זיין ווייב, די שיינבערגס, מאָו ליווי, און ער קריגט פיינט זיין ווייב, די שיינבערגס, דעם מאָו ליווי. פאַרוואָס לאָזט זי אים ניט צורו ? פאַרוואָס לאָזט זי אים ניט זיין אַליין ? איצט, דווקא איצט, ווען ער קען שטיין איינער אַליין ביי דער פאַרענטשע ! שוין גלייך ביים אָנהויב האָט מען איבערגעפירט די רייזע. נאָכוואָס איז ער געפאָרן מיט זיי, מיט איר ? ניט געדאַרפט געווען פאָרן.

— איך גיי שוין.

נאָך אַ קוק צום ברעג. — אַנטשולדיק, — זאָגט דער קוק, — איך וואָלט נאָך לאַנג געשטאַנען, געווען מיט דיר, מיר איז אַזוי גוט, אָבער

זעסט דאָך איך בין אין גלות ביי מיין ווייב, ביי געזעלשאַפט, איך מוז גיין. — גייט ער מיט דער ווייב, שטייט אין דער קאַבינע, ווייסט ניט וואָס האָט ער צו טון ווען זיין ווייב פּאַקט אויס אירע קליידלעך, נעמט אַ קליידל אין האַנט, לייגט עס אַוועק וואו זיין ווייב הייסט אים און וואונדערט זיך למאַי זי קען עס אַליין ניט אַוועקלייגן דאָרט, אָבער זיין ווייב דערלאַנגט נאָך איין קליידל, אַ דריטס, אַ פערטס, באַפוילט וואו אַוועקלייגן, אויפהייגגען, און ווען איר באַפעל, געגעבן מיטן קאָפּ אין אָפענעם קאַסטן, קען ניט אויסגעפאָלגט ווערן — דאָרט ליגט שוין איין קליידל — און בנימין שטייט מיטן קליידל אין האַנט, ווייסט ניט וואָס צו טון דערמיט און זי דערלאַנגט שוין הינטן אַרום נאָך עפּעס אויפצוהייגגען, אַוועקלייגן, גיט זי אַ קוק אויף אים, ווי איינער זאָגט: שטייט ווי אַ ליימענער גולם! טוט אַ נעם פון זיין האַנט דאָס קליידל, גיט עס אַ לייג אַוועק, און בנימין דערפילט זיך שוין אינגאַנצן איבעריק. אַ שפּאַן טון, אַרויסגיין, אָבער צווישן אים און דער טיר — זיין ווייב, דער געעפנטער קאַסטן, די צעעפנטע רענצלעך. בנימין קען ניט אַרויסגיין, מאַדאַם שיינבערג קען אָבער אַריינקומען. קאָמיש ווי די מאַדאַם שיינבערג גריסט זיך מיט אים אָט אַזוי ווי זי וואָלט אים נאָך היינט ניט געזען און פאַרדריסליך וואָס זי איז שוין געקומען. קיין צייט געהאַט. זיין ווייב פאַרדריסט עס, קענטיק, ניט. פאַרקערט, מיט אַזאַ צופרידנקייט ווייזט זי איין קליידל, אַ צווייטס. צוויי ווייבער ישובן זיך וועלכע קלייד ווען אָנצוטון, בנימין איז שוין ניטאָ, מ'דאַרף אים שוין אַפילו ניט ער זאָל אויפהייגגען אָדער אַוועקלייגן אַ קליידל, פאַלט ער אַריין מיט אַן „אַנטשולדיקט, גיין זען וועגן לען־שטולן,“ הערט נאָך אַז מר. שיינבערג איז אויך געגאַנגען זען וועגן דעם, און גייט אַרויס אַ דענערוווירטער, א בייזער. דער אנזיכט פון וואַסער, דער קוק צום ברעג באַרואיגט אים ניט. אַ געפיל, איבערגעריסן, קען שוין ווידער ניט איבערגעפילט ווערן. לען־שטולן. יאָ, מר. שיינבערג האָט שוין טאַקע געזאָרגט וועגן לען־שטולן און ניט נאָר פאַר זיך מיט זיין פרוי, נאָר פאַר אַלעמען. דאָס איז זייער פיין פון זיין זייט, און מר. שיינבערג איז צופרידן פון זיין אויפטו, פון זיך, פון זיין רייזע און אויך פון זיינע מיטרייזענדע, געמעגט שווערן ער און בנימין באַרדאַס זיינען לאַנדסלייט וואָס האָבן זיך יאָרן ניט געזען און איצט זיך צופעליק באַגעגנט דאָ אויפן שיף.

בנימין קען ניט פאַרטראָגן דעם מר. שיינבערג און דער מאָו ליווי איז אים גאָר דערווידער. דער ערשטער מאָלצייט. מאָו ליווי איז באַהאַוונט אין די געקעכצן ווי אַ שעף, באַשטעלן באַשטעלט ער דאָך אַ סטייק; די וויין־קאַרטע איז פאַר אים אַן אָפּענער בוך, געמעגט שווערן ער איז אַ וויין־פאַרזוכער, טרינקען טרינקט ער דאָך פריער זיסן און נאָכדעם זויערן וויין און דאָס גלעזעלע ליקער גיט ער אַ שלונג אַראָפּ ווי דאָס וואָלט געווען אַ גלעזל וויסקי; שיפן? מאַורעטאַניא, אַקוויטאַביא, לוסיטאַניאַ... געמעגט שווערן ער איז געבוירן געוואָרן אויף אַ שיף און וועט שוין שטאַרבן אַ נאַוויגאַטאָר; פון ים־קראַנקהייט האָט ער *ניט* געליטן, אָבער זיינער אַ פריינד איז געווען אַזוי קראַנק, געמיינט ער'ט שטאַרבן. דער בעסטער מיטל איז אַ גוט ביסל בראָנפן. — לעכאַיעם!

דער „לעכאַיעם", אָט דאָס אידישע וואָרט אַרויסגערעדט מיט אַ כלומרשטן אַמעריקאַנעם אַקצענט, אָט דער כאָרכל ביים „כאַ", דאָס קוקעלע דערביי, דער שמייכל, די וואָנצעס רופן אַרויס אַ איבל געפיל ביי בנימין באַרדאַס, ער זעט ממש ווי אָט דער מאָו ליווי דאַרף אונטערשרייבן זיין נאָמען משה לוי און בייט אומישנע זיין אונטערשריפט מ'זאָל זי ניט דערקענען און עס קומט אַרויס אַזאַ מאָדנע אונטערשריפט — מאָו ליווי. וואַרט נאָר, עפּעס אַ באַקאַנטע אונטערשריפט, אַ באַקאַנטער פאַרשוין אויך. געכאַפּט! מאַריאָ טשעליני! ער איז דאָ, מאַריאָ טשעליני, אַלץ וואָס פעלט איז אַן אייגענער ענגלענדער. אַן ענגלענדער?

דער ענגלענדער אויף דער רייזע איז געווען בנימין באַרדאַס. לויט אַלטער געוואוינהייט האָט ער אַרומגעשפּאַנט אַליין איבערן שיף, דער שיפּס געפאַנגענער איז אָבער ניט געווע פריי אין זיינע באַוועגונגען אויף דער שווימענדיקער טורמע ווי אַמאָל. די פינף שטולן, „דער לאַנדסמאַנשאַפט פאַראיין," ווי ער האָט עס אַ נאָמען געגעבן, האָבן געפּענטעט זיין גאַנג, אים געשלעפּט — גיי זעץ זיך אַוועק. האָט ער זיך אַוועקגעזעצט, האָט ער זיך געפילט ווי אַן אָרימער מיטגליד אין דעם לאַנדסמאַנשאַפט פאַראיין. וואָס ריידן זיי אַזוי פיל? „אַז איך ליג אויפן שיף פיל איך זיך אַ טייל פון דער שיף, פון ים, מענטש און שיף און ים — איינס." דאָס האָט זיין ווייב געזאָגט „אַמאָל" צו אים טאַקע אויף אַ שיף. אָט דער אויסדרוק, איר קוק דערביי — ער געדיינקט עס נאָך איצט — האָט אָנגערירט אַזאַ טיפן געפיל אין אים, אַ שליסל צו אַ נשמה איז דאָס געווען,

ער האָט דערזען, דערשפּירט אַ מענטשן וואָס טראַכט, וואָס פּ י ל ט, און דער אינטימער געפּיל, אַזוי וואָרים אויסגעדריקט, האָט אַ בלענד געטון, זי איז מיט אַמאָל אים געוואָרן אַ נאָענטע. און איצט? איצט זיצט זי, ליגט און רעדט, און רעדט... מערסטע מענטשן קענען ריידן זאַלבע־צווייט, אַ סך ריידן צו זיך אַליין, זייער ווינציק מענטשן, קענען שווייגן אין צווייען, און דאָ אין פירן, אין פינפן. וואָס ריידן זיי? ער פּרוּאווט כאַפּן דעם געשפּרעך. אומזיסט. זיי וואָלטן אַפילו געקענט ריידן וועגן אים וואָלט ער אויך ניט געוואוסט. אַ פרעמדער. זיך אויפהויבן, אַרומ־שפּאַנען.

אַלע הויבן זיך אויף. פון פּאַרנט גייען מר. און מרס. שיינבערג, אַ מאַסיווער פּירקאַנטיקער באַלקן און אַ פּוכקע בולקעלע, אַ קלאָץ אויף אַ שטילן וואַסער און אַ באַלונדל וואָס שפּרינגט אונטער, אָבער „דער באַלקן" האַלט דאָס „בולקעלע" אונטערן אָרעם, קאָנטראָלירט דעם גאַנג, אַ פּאַמעליכער, סאָלידער גאַנג. הינטער זיי בנימין מיט זיין ווייב און מאָו ליווי. בנימין באַרדאַס איז ניט געוואוינט צו אַזאַ גאַנג. ער קען אַרומגיין, אַרומשפּאַנען, אָבער ניט שפּאַצירן. גיין הינטער זיי איז ווי נאָכפּאָרן מיט אַ נייעם פּעקאַרד אַן אַלט פּאָרדל. פּאַרלויפט ער פּאָראויס, כאַפּט זיך זיין ווייב און מאָו ליווי זיינען געבליבן הינטן, שטעלט ער זיך אָפּ, וואַרט ביז זיי קומען צו. אַ בליק, און ער זעט ער האָט זיי ניט אויס־געפּעלט. ער גלייכט זיך אויס מיט זיי. זיין געדאַנק אַרבעט שוין אָבער שווער, פּאַמעלאַך, זיין טראָט פאַרהאַלט זיך, ער בלייבט הינטער זיי. ווען ער טוט אַ הויב די אויגן, זעט זיין ווייב און מאָו ליווי גיין פּאָראויס, בלייבט ער שטיין: וואָס שלעפּט ער זיך נאָך? ער איז קיינמאָל קיין גוטער גייער מיט עמיצן, איבערהויפּט מיט זיין ווייב, ניט געווען. גייענ־דיק מיט איר איז רעכט ער זאָל זיין אַ פינף טריט פּאָראויס, זי זאָל אים „נאָכלויפן." זי האָט אים ניט איין מאָל פאַרגעוואָרפן זיין גאַנג, פאַר־וואָס נעמט ער זי ניט אונטערן אָרעם ווי אַלע מענער טוען. ער געדיינקט ער האָט איר איין מאָל אין שפּאַס געענטפערט: איך קען דיך נעמען אין מיינע אָרעמס אָבער ניט אונטערן אָרעם. איר קוק ביי דעם ענטפער, איר אַריינגעמען זיין אָרעם אין אירן, דאָס צוטוליען זיך צו אים האָט געפירט דערצו אַז יענע נאַכט האָט ער זי טאַקע געהאַלטן אין זיינע אָרעמס, דאָך האָט ער זיך אַליין געפרעגט, ווי קומט עס וואָס אים איז

אַזוי פריקרע צו נעמען אָט די זעלבע פרוי אונטערן אָרעם אין גאַס? איבערטריבענע, איינגעוואָרצלטע, אידישע צניעות אָדער ווידערווילן צום באַריר מיט מענטשן, מעג עס זיין זיין ווייב? ער האָט דאָן ניט גע־פונען דעם ענטפער און איצט, קוקנדיק אויף זיין ווייב מיט מאָו ליווי, ווי זיי גייען אין טאַקט, ווי מאָו (מאָו!) גיט אַ נעם רחלען ביים אָרעם ווען עמיצער קומט אָן אַנטקעגן, דערפילט ער אַז ער, רחל׳ס מאַן, איז דאָ אַן איבעריקער, שלעפּט זיך נאָך אומזיסט, מאָו ליווי פּאַסט זיך בעסער. געוויס, אויף זיין ווייב׳ס האַנט־שלאָס געפינט זיך אַ צוגעשלאָ־סענער בראַסלעט, פון בראַסלעט ציט זיך אַ קייט, דעם צווייטן עק פון דער קייט האַלט ער, אַלץ וואָס ער דאַרף איז אַ צי טון, אָבער... אפשר גאָר נאָכלאָזן די קייט...?

אַ פּאָר האַסטיקע טריט. ער גלייכט זיך אויס מיטן „פּאָר פּאַלק״, זי דערפילט זיין נאָענטקייט, דרייט אויס דעם פּנים צו אים, אַ באַלעבט פּנים. — האָסט פאַרגעסן נעמען דיינע פּילן,— גיט ער שטיל אַ זאָג און ווייזט דערביי דעם זייגער.

— גערעכט,— כאַפּט זי זיך, אַנטשולדיקט זיך פאַר מאָו ליווין און לאָזט זיך אין איר קאַבינע. ער בלייבט מיט מאָו ליווי. נו אָט, אַ צי געטון. פּילן צו די נירן. נירן, בלאָדער, שלאָף־צימער, וואַש־צימער, פלעשלעך מיט אורין, קליסטירן — אינטימע פיזיאָלאָגיע, אָט דאָס גריבל צווישן מאַן און ווייב אין וועלכן קיינער וויל ניט אַריינקוקן און פון וועלכןביידע ווייסן וואָס דאָרט טוט זיך, ביידע קערן זיך אָפּ דערפון, דער־ווייטערן זיך איינער פונם צווייטן ווי קיין פרעמדער וואָלט זיך ניט דער־ווייטערט, ביידע קומען אָבער ווידער צום זעלבן גריבל און דערנענטערן זיך איינער צום צווייטן ווי קיין אַנדערער. אינטימיטעט — וואולגאַרי־טעט. וואולגאַר אָבער וואָר. וואָס שווייגט ער, אָט־דער מאָו ליווי? ער האָט דאָך דאָס גריבל ניט געזען.

מאָו ליווי האָט געשוויגן. אַוועקגיין, ניט אַוועקגיין? ער האָט פיינט אָט דעם פאַרריסענעם נאַר, אָבער אַוועקגיין גלייך איצט וועט נאָך אַרויס־רופן אַ חשד. ער האָט באַשלאָסן ניט אַוועקגיין, אָנהויבן רעדן, זאָגן עפּעס. דער באַרעדעוודיקער מאָו ליווי האָט אָבער ניט געפונען קיין שליסל גע־שפּרעך, קוים מיט צרות האָט ער אַרויסגעבראַכט: אַ פיינער טאָג היינט.

בנימין באַרדאַס האָט זיך ניט צעלאַכט פון דעם „פיינעם טאָג", האָט אַ קוק געטון אויף מאָו ליווין און אַ פרעג געטון: איר שפּילט שאַך?

— ניין, — האָט מאָו ליווי שנעל געענטפערט.

— דער מאַריאָ טשעליני שפּילט ניט קיין שאַך, — איז דורכגעלאָפן אַ לץ־געדאַנקל ביי באַרדאַסן. — גיין שפּילן אַ שאַך, — האָט ער אַ זאָג געטון און איבערגעלאָזט מאָו ליווין אַ צופרידענעם וואָס אַוועקגעגאַנגען איז ניט ער נאַר דער... ווי פיינט ער האָט אים! אַ וואונדער וואו זי איז איצט?

— איך נעם די ווייסע, — האָט באַרדאַס אַ זאָג געטון מיט אַנטשלאָסנקייט, ניט איבערלאָזנדיק פאַרן פאַרטנער קיין ברירה. בנימין איז ניט אָבערגלויבעריש אָבער ער האָט זיך זיינע אבערגלויבענישן. צוקומענדיק צום שאַך־טיש איז ביי אים פעסט באַשטימט געוואָרן דאָס מאָל שפּילט ער נישט סתם אַזוי שאַך. אין אינדיע צו אין פּערסיע האָט מען אַמאָל געשפּילט שאַך איינשטעלנדיק אין קאָן דאָס לעבן. ער מוז געווינען, ווייל אויב ער פאַרלירט איז... אַלץ פאַרלאָרן. ער מוז געווינען, ער מוז דעריבער שפּילן ווייס, שפּילן זיין דערעפענונג, די ווינער, מיט דער דערעפענונג האָט ער נאָך קיינמאָל ניט פאַרלאָרן.

— אייער צוג.

בנימין האָט אַ הויב געטון די אויגן פון שאַך־ברעטל. וואָס טרייבט ער אים אַזוי, דער... ווער איז ער? אַ איד, אַ פראַנצויז? ער האָט פיינט דאָס שמייכעלע אין זיינע אויגן. דאָס שמייכעלע האָט געזאָגט: פעטער, מ'קען אייך. אויף דער ווינער דערעפענונג האָט איר קיין פאַרטענט ניט אַרויסגענומען, מיר האָבן שוין אַמאָל געשפּילט שאַך, מיט גרעסערע קנאַקערס פון אייך. נו, גיי שוין אַ גאַנג, גיי, מיר'ן דיר שוין ווייזן. באַרדאַס האָט ניט אַזוי לייכט זיך אונטערגעגעבן, אָבער די פּאַרטיע האָט ער, נאָך אַריבער אַ שטונדע שפּילן, פאַרשפּילט, און ווען דער פאַרטנער האָט אַ פרעג געטון: נאָך איינע? האָט ער אַפילו ניט געענטפערט, זיך אויפגעהויבן און אַרויס פון פאַרווײַלונגס זאַל אויפן דעק. דער קאָפּ איז אים געווען ליידיק און דאָך אַזוי שווער, די באַקן, האָט ער געפילט, פלאַמען אים. אַ פאַרווירטער, האָט ער אַ דריי געטון דעם קאָפּ. זיך אומגעקוקט, דערזען זיין „לאַנדסמאַנשאַפט פאַראיין," דריי שטולן ליידיק, בלויז צוויי פאַרנומען. די שיינבערגס? ניין. נאָך אַ פּאָר טריט.

זיכער ניט. דאָס איז „זי" מיט „אים". אַהאַ. נו, וואָס, פאַרשפּילט. איין גאַנג אַ פאַלשער, ווען ער גייט... אַזוי? די האַנט אונטער דער דעקע!

מאָו ליווי האָט אַרויסגעכאַפּט די האַנט נאָך איידער בנימין באַרדאַס איז צוגעקומען. דערפילט אַז עמיצער קומט האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ, דערזען דעם אָנקומער, איז ער געבליבן זיצן מיט אַ מינע: נו, אַט זיץ איך, איך טו גאָרניט, בנאמנות איך טו גאָרניט. מאָו'ס צוכאַפּן די האַנט, זיין דריי מיטן קאָפּ האָט באַוועגט רחלען זיך אומדרייען אין דער־זעלבער ריכטונג. דערזען בנימינען, האָט זי נאָך געכאַפּט אַ קוק אויף מאָון דערביי, אַ וואָלקנדל האָט זיך פאַרצויגן איבער די אויגן און דאָס מויל האָט מיט אַ געררייצטער בייזקייט אַרויסגעבראַכט: וואו ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן?

— געשפּילט שאַך, — האָט בנימין אויטאָמאַטיש געענטפערט, זיך אָפּשטעלנדיק פונקט אַזוי אויטאָמאַטיש. אַרויסגערעדט די ווערטער האָט ער דערפילט ווי טרוקן עס איז אים אין האַלז, דער קאָפּ ברענט. — איך גיין אַריין, — האָט ער צוגעוואָרפן און זיך געלאָזט אין קאַבינע.

ערשט ליגנדיק אויפן בעט האָט ער ווידער דערהערט דעם „וואו ביסטו עס פאַרפאַלן געוואָרן," דערזען איר פּנים דערביי, אים איז קלאָר געוואָרן זי האָט דאָך זיכער געוואוסט וואו ער איז געווען, יענער האָט דאָך איר זיכער געזאָגט, דאָס האָט זי געוואָלט פאַררייידן די... האַנט אויפן... אונטערן... און אפשר האָט זי געוואָלט זאָגן: ווען דו גייסט אָבער ניט אַוועק, לאָזט מיך ניט איבער... פאַרשפּילט. ווען ער גייט...

קעסטעלעך, פיגורן, מלכה, לויפער, רחל, מאָו...

— גייסט גאָרניט עסן?

— איך האָב אַ קאָפּווייטיק.

מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט ער נאָכגעפאָלגט איר יעדע באַוועגונג ווי זי טוט זיך אויס, זיצט, שטייט פאַרן שפּיגל, טוט זיך אָן. ווי לאַנג עס נעמט איר דאָס אויספּוצן זיך. איר יעדן קער האָט ער געפילט אין קאָפּ ביי זיך. ווען זי האָט אָנגענומען דאָס טיר־הענטל איז זיין געדאַנק געבליבן שטיין, געוואַרט, און ווען דער קלאַפּ פון דער צופאַלנדיקער טיר האָט זיך דערטראָגן צו אים האָט ער אַן עפן געטון די אויגן — אַוועק־געגאַנגען. ער האָט גענומען דאָס שאַך־ברעטל, אויסגעשטעלט די פאַר־טיע. ער האָט אָבער פאָרט געשפּילט ריכטיק. טאָ ווי קומט עס? וואָרט נאָר. נאָך אַמאָל.

מוזיק קלאַנגען האָבן זיך דערטראָגן צו אים. מ'טאַנצט דאָרט. זי מוז טאַנצן מיט אים דאָרט. דער טאַנץ מיט איר אויפן שיף. נאָכדעם אויפן דעק... דאָס האָט פּאַסירט יאָרן, יאָרן צוריק. ווי צייט קען זיך אויסציען אין געדאַנק. קנאַפּע דריי יאָר. אפשר אַריינגיין, זען, בלויז זען. לאָמיך נאָר זען: ער גייט מיטן פערד אַהער, פרעגט מיך שאַך, גיי איך מיט'ן לויפער אַהער, באַשיץ מיין שאַך און זאָג אים מלכּה...

— זיצסט נאָך!

ער האָט אַ הויב געטון די אויגן, דערזען זי, ווי זי שטייט אַזוי מיטן רוקן צום טיר, דאָס פּנים פאַרפלאָמט, אַן עדות נאָר וואָס זיך געוואָרימט אין פריידנס פייער, דער אויסדרוק אויפן פּנים אַ געגרייצטער, אַ ניט־צופרידענער.

— אַוודאי וואָלסטו געוואָלט איך זאָל שוין שלאָפן, כראָפּען און דו זאָלסט קענען זיך „אַרויסגנבענען,” גיין צו...—

ער האָט עס ניט אַרויסגעבראַכט פון מויל. ער האָט געקוקט אויף איר, און דער קוק זיינער, האָט זיך אים געדוכט, לעכערט דורך ניט נאָר זי נאָר אויך די טיר הינטער איר, אָט פראַלט ער אויף די טיר, מאָו ליווי גיט זיך אַ כאַפּ צוריק. די טיר איז פאַרמאַכט, ביי דער טיר זי, זיין ווייב. מיט איר האָט ער עס אַמאָל געטאַנצט אויף אַ שיף, איר פאַרפיום דאַן, איר קערפּער. צוציען צו זיך אָט יענע פּרוי. זי אַריינגעמען אין די אָרעמס, זי צודריקן, זיך צודריקן צו איר, פילן איר לייב, איר הויט. ער האָט אַזש פאַרמאַכט די אויגן. זי איז צוגעגאַנגען צום שפּיגל. ער האָט געעפנט די אויגן. אָט די פּרוי? זי אין זיינע אָרעמס? ער וואָלט גע־האַלזט אַנאַנדער פרוי און זי, זי וואָלט אויך געקושט אַנאַנדער מאַן. ער האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגן צום שאַך־ברעטל, צוויי פינגער האָבן פאַרקנייטשט די אונטערשטע ליפּ.

— מאַכסט מיך קראַנק מיט דיין שאַך! האָט ער דערהערט נאָכדעם ווי דאָס ביינקל אויף וועלכן דאָס שאַך־ברעטל איז געלעגן האָט זיך אַ בויג געטון אַז די שאַך־פיגורן האָבן זיך אַ וואַקל געטון. דאָס האָט זי זיך אומגערן (?) פאַרטשעפּעט אַן ביינקל.— אַ מענטש זאָל זיצן און שפּילן שאַך מיט זיך אַליין!

— מיט זיך אַליין קען מען אויך פאַרשפּילן,— האָט ער אַ זאָג געטון. זי האָט אַ קוק געגעבן אויף אים ווי איינער זאָגט: וואָס רעדסטו דאָרט?

ער האָט אַריינגענומען אין האַנט פיגורן, זיי אַריינגעוואָרפן אין קעסטל, אַ לייג געטון דאָס ברעטל און זיך אַרויסגעלאָזט אויפן דעק.

צוריקפאָרן. מיט דער זעלבער שיף. נעמען זי. מיר פאָרן צוריק און פאַרטיק. ניט וועלן? איז ניט. און צו וועלכע גוטע יאָר איז ער גאָר געפאָרן? פאַרשפּילט. איין גאַנג. ווען ער גייט...

ער איז נאָך לאַנג אַרומגעגאַנגען אויפן דעק. אין האַלז האָט ער געפילט אַ טרוקנקייט. דער קאָפּ מיד, פּוסט, שווער. אַ ביסל בראָנפן. אַ שאָד וואָס די באַר איז שוין פאַרמאַכט. איצט אַ ביסל בראָנפן... פעט נעמט אויך אַ ביסל בראָנפן ווען ער צעקריגט זיך מיט דער ווייב, מער ניט פעט צעקריגט זיך צוליבן ביסל בראָנפן און ער... ער האָט זיך ניט צעקריגט, ער האָט... פאַרשפּילט. ווען ער גייט מיט דער מלכה... צוריקפאָרן. נעמען זי און צוריקפאָרן. ניט וועלן? מוזן איבערשפּילן...

.10

געשרייען פון גאנדאליערן אויף די קאַנאַלן, געפילדער פון דזשאַז אָרקעסטערס אין די קאסינאָס און זאַלן, און איבער דעם געשריי און גע־פילדער טראָגט זיך דער ערנסטער פאַרטראַכטער געקלאַנג—קלויסטער־גלאָקן קלינגען אווע מאַריא. דער זוניקער טאָג האָט זיך אָנגעזעגנט געגנוג זאַכן, די פינסטערע פאַררעטערישע נאַכט וועט געגנוג זאַכן פאַרדעקן, אָבער איצט איז דעמערונג. דער שרייענדיקער טאָג געשטאָרבן, די שטור־מע נאַכט איז אויפן בראָך־שטול, שעה פון רחמים, שעה פון תפילה. קלויסטער־גלאָקן קלינגען, רופן פרומע קאַטאָליקן צו דער אָוונט־תפילה, דזשאַז אָרקעסטערס ליאַרמען, רעוועז, רופן טוריסטן צום טאַנץ, צום טרונק, צו זנות. געשרייען פון גאַנדאליערן, געזאַנגען פאַרשפּרעכן, רופן, לאָקן, מאַניען. די דעמערונג שטילקייט, אַ צעשפּאָלטענע, אַ צעשפּלי־טערטע יאָגט זיך, איילט זיך, זאָל שוין קומען די נאַכט, זאָל זי מיט איר פינסטערניש אַלץ פאַרדעקן, זאָל זי מיט איר געדיכטקייט אַלץ פאַר־שטיקן.

— גייסטו ניט?

ווער רעדט עס? זיין ווייב? ווען איז זי דאָס אַריינגעקומען? וואוהין

וויל זי זאָל ער גיין? ער איז דאָך ערשט געגאַנגען צו דעם טאָג'ס לוויה, אויף דער לידא? נײַן. צו טונקל אין האָטעל־צימער צו זען ווי זי נעמט אויף דעם ניין, צו שטיל דער קלאַפּ פון טיר זאָל ניט אַ געשריי טון: אַוועקגעגאַנגען!

עפנט בנימין באַרדאַס די אויגן, די שוואַרצאַפּלען, פאַרגרעסערטע, זוכן דעם קלאַפּ פון טיר. טונקל, גאַרניט צו זען. שטריינגען זיך אָן די אויערן — שאַ, שטיל. לופט און שטילקייט אין צימער פאַרגליווערט, פון דרויסן בלויז דערטראָגן זיך קלאַנגען. אַ קוק טון אין אָט דעם דרויסן, זען וואָס טוט זיך דאָרט.

זעט בנימין באַרדאַס זיין ווייב גייט צו מיט איילִיקע טריט צו מאָו ליווי, שטעלט זיך אַוועק ביי זיין לינקער זייט, נעמט מאָו ליווי שאַרט זי אַריבער צו זיין רעכטער זייט, אַליין שפּרינגט ער אַקאָרשט אונטער דערביי, נאָכדעם ציט ער דורך זיין אָרעם דורך אירן, פאַרקוקט צו איר, זייערע פּנימער באַגעגענען זיך.

בנימין באַרדאַס איז אָפּגעגאַנגען פון פענסטער.

געמאָסטן זיינען בנימינ'ס טריט איבערן האָטעל־צימער, פּאַמעלאַך אַרבעט זיין געדאַנק. ביים טיר שטעלט ער זיך אָפּ, זעט דעם פענסטער קעגנאיבער, ביים פענסטער שטעלט ער זיך אָפּ, גיט אַ קוק אין דרויסן, זעט גאָרניט, שפּאַנט ער ווייטער, אינמיטן צימער שטעלט ער זיך אָפּ. אַ פינאַל פון אַ דזשאַז אָרקעסטער האָט געפּלאַצט. שטיל. שטילע טריט — אַן אַקאָמפּאַנימענט צו שווערע געדאַנקען.

אויפן שיף, ווען ער האָט געזען ווי מאָו ליווי האָט אַרויסגעכאַפּט די האַנט פון אונטערן פּלעד, האָט אים פאַרדראָסן, ווי געטון, איצט עקלט אים פּשוט. — ווי פאַמיליאַר, מיט די הענט, וואולגאַר... אַ פּאָס־קודנער נפש. אַזוי זאָגסטו, בנימין. און וואָס זאָגט זי? זי? וואָס גייט זי אים אָן? זיכער ניט? ביסטו ניט אייפערזיכטיק? אייפערזיכטיק? ניין. אַ מין באַליידיקונג, אַ פאַרדרוס. זאָל איינער זען ווי עמיצער טוט אַ נעם, אַ לייג אַוועק זיינעם אַ בוך ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין, וועט אים אויך פאַרדריסן. אָבער דער עיקר, ליגט אַ ווייבל, אַן אַלמנה, אין אַ לענ־שטול אויף אַ שיף, רעדט וועגן שיף, ים, מענטש, די רייד קלאַפּן אָן אין אַ פאַרבאַהאַלטענער טיר, דער קוק ביי די רייד גנבעט זיך אַריין נאָך איידער די טיר איז געעפנט, אין דעם פאַרבאַהאַלטענעם קעמערל ווערט

ליכטיק, דערפרייט זיך דער מענטש אין זיין נאַרישקייט, דיינקט אַ נר תּמיד, ווערט אים אויך ליכטיק, קוקט ער מיט ליכטיקע אויגן, הערט מיט וואַכע אויערן, זעט ער אַ פרישער, קאַלטער שטראָם וואַסער שטראָמט פון אַ טיפן קוואַל, אַ נשמה האָט זיך אַנטפּלעקט, זיך באַהעפט מיט אַ צווייטער נשמה. דאָן קיכאָט. אַ דאָן קיכאָט וואָס האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף דער וועלט זוכן אַ... מענטשן, צוויי מענטשן זאָלן זיך פאַרשטיין, זאָלן זיך אַריינפּאַסן ווי די ציין פון זייגער־רעדלעך, זאָלן זיך צופּאַסן ווי צוויי פלאַכע גלאַט־פּאָלירטע שטאָל־פּלאַטן. ווינטמילן. סאַנטשאַ פּאַנטשאַ. טייערער מר. זיידענבערג, זיין פאַרהייראַט איז ניט זיין אין געשעפט. געשעפטן קענען זיין גוטע, נישקשהדיקע און אַפילו שלעכטע און מ'זאָל דאָך זיין אין געשעפט. זיין „נישקשהדיק" פאַרהייראַט, אפשר קענט איר, מר. זיידענבערג, זיין אַזוי פאַרהייראַט, באַרדאַס קען ניט. די ווירקליכקייט שטערט דעם חלום, אַפילו דער איינזאַמקייט שטערט עס. און אמתע איינזאַמקייט מיינט עפּעס, זיין בוכשטעבליך אַליין און חלומען וועגן נאָך עמיצן איז מער ווי צו זיין אין צווייען און בייבנקען נאָך איינזאַמקייט. ניין, ניט קיין געשעפט און אויך ניט קיין ראָמאַנס, אַ צעשטערטער חלום, אָט וואָס דאָס איז. דער פרישער שטראָם וואַסער ווייזט זיך אַרויס אַלס שוים, שוים אויף אַ ביליגער גלאָז ביר. ווער ווייסט, אפשר איז דאָס גאָר געווען אַ מאַנעוורע צו כאַפּן אַ מאַן... די רייד וואָס זיינען געקומען נאָכדעם זיינען געווען הויל ווי די שאָלעכץ פון ניס, רייד סתּם צוליב רייד, ווייל ניטאָ דער פאַרשטאַנד און די פאַרשטענדעניש צו שווייגן אין צווייען. די אויגן לויכטן אַפילו, אָבער פונקט אַזוי לויכטן די אויגן ביי אַ קאַץ ווען זי זעט סמעטענע. אויפעסן, איינשלינגען. דער קערפּער זוכט, דוכט זיך, באַהעפטן זיך, אָבער אָרעמס און שיינקלען זוכן אַרומצואוויקלען,— וויסטאַריאַ, און אפשר דערשטיקן — באָאַ. לאָזט זיך ניט איינער איז גוט אַ צווייטער, איז ניט בנימין באַרדאַס איז מאָו ליווי, אַן אַנדערער, נישקשה, מאָו ליווי קען אויך צורעכט מאַכן דעם פּלעד איבער אירע פיס, שיינקלען, אפשר נאָך בעסער, ער לאָזט די האַנט אונטערן פּלעד...

זי האָט געדאַרפט, דאַרף עמיצן, ווייל אין צווייען איז פריילאַכער, איז ניט בנימין באַרדאַס — מיט אים איז לאַנגווייליק — קען זיין מאָו ליווי, אַן אַנדערער. און בנימין באַרדאַס ? „ניט גוט דעם מענטשן צו זיין

אַליין,״ אָבער אין צווייען איז נאָך ערגער, די איינזאַמקייט ווערט גע־שטערט. און ווער קען נאָך אַזוי שטערן איינזאַמקייט ווי אַ ווייב? זי שטערט אים, זי שטערט אים...

— און נאָך וואָס איז ער איצט געפאָרן? נאָך וואָס פאָרן זיי אַלע? דער ענגלענדער פאָרט אַרויס פון צייט צו צייט זען טאַמער גייט שוין חלילה אונטער די זון אין גרויס בריטאַניע, איבערצייגט זיך אַז דערווייל שיינט נאָך די זון פיר־און־צוואַנציק שעה איבער גרויס בריטאַניע, קומט ער אַ רואיקער צוריק אַהיים; דער אַמעריקאַנער פאָרט אַ קוק טון אויף „יוראָפּ,״ געפינט אויס אַז אין מידלטאָן איז בראָנפן ביליקער ווי אין פאַריז, אַז אין פאַריז איז אַ נעגערטע אַ ליידי, און קערט זיך אום מיט אַ קאַפּוויטיק צוריק אין זיין, גאָט'ס לאַנד. אָבער זיי, די שיינבערגס, די ליוויס און די... מ״ם. באַרדאַס? און דער מר. באַרדאַס? דער מר. באַרדאַס איז אַמאָל ניט געפאָרן, נאָר געלאָפן, אַנטלאָפן פון זיך. לויפּנ־דיק האָט ער געכאַפּט אַ קוק אויף גאָט'ס וועלט, אירע מענטשן, באַגעגנט דעם ענגלענדער, דעם מאַריאָ טשעליני, און קומענדיק צוריק אין האָטעל פון וואַנען ער איז אַרויסגעפאָרן, האָט ער אויסגעפונען אַז ניט נאָר די ערד דרייט זיך אַרום איר אַקס, נאָר דער מענטש דרייט זיך אויך אַרום זיין אייגענער אַקס, דער אונטערשייד איז בלויז אין דעם וואָס די ערד מוז צו דער זעלבער צייט זיך דרייען אַרום דער זון און ער מוז זיך ניט דרייען אַרום דער וועלט. געוויס, מ'דאַרף ניט זיין קיין קאָלאָמבוס דאָס צו אַנטדעקן, פאַר אים גופא איז עס אפשר אויך ניט געווען קיין פולע אַנטדעקונג, דאָך האָט זיך געלוינט די הוצאות, די טעאָריע געווינט איר וואָג אין דער לאַבאָראַטאָריע. „דער קורצסטער וועג צו זיך אַליין פירט אַרום דער וועלט.״ איין רייזע איז גענוג. דאָס איז מר. באַרדאַס. אָבער זי, זיי? מאָו ליווי אַנטלויפט ניט פון זיך, ער האַלט פון זיך אַזוי פיל אַז ער וואָלט זיך געלאָזט אויסשטעלן אין אַ מוזעאום. פאָרן זיי ניט אויסצו־שטעלן זיך? פּאָרטערס און קעלנער פון דער גאָרער וועלט, זעט ווי רייך מיר זיינען! און ניט נאָר פּאָרטערס און קעלנער — קרובים, פריינט און באַקאַנטע דאַרפן אויך זען און צעפּיקעט ווערן, יעדעס יאָר אַ רייזע קיין „יוראָפּ.״ די אייראָפּע פון טוריסטן! אַן אייראָפּע פון מונדירן, טראַקטירן און באָרדעלן, דזשאַז, דזשיגאָלאָ און רולעט; אייראָפּע, דער עיר המקלט פאַר די פּוסט־און־פּאַסניקעס פון דער גאָרער וועלט. יאָ, ער איז אויך

אַ פּוסט־און־פּאַסניק, אָבער ער פּאַסט זיך דאָך ניט אַריין. ווי דערעסן עס איז אים אַט די איראַפּע, ווי דערעסן עס איז אים שוין אַט די ווענע־ציע, דער קוני אײַלאַנד פון איראָפּע, מיט אירע שטינקענדיקע קאַנאַלן, מיט איר לידא, אירע גאַנדאָלן און גאַנדאַליערן. און אַט־דער ווינט, אַט־דער „סיראַקאָ" דערגייט אים גאָר די יאָר. אים האַמערט אין די שלייפן. פיבער? און דאָס איז ערשט אַן אָנהויב. גרענד האָטעל, קאָנטינענטאַל האָטעל, האָטעלן, האָטעלן, האָטעלן... קאַזאַרמעס פאַר די פּוסט און פּאַסניקעס. דאָ אַ וועלט פון האָרעפּאַשניקעס. יאָ, אָבער דאָס מיינט ווי־דער מענטשן, מענטשן וואָס האַלטן זיך צוזאַמען ווי שאָף פאַר אַ שטור־רעם, בלויז דער אויסערליכער שטורעם האַלט זיי צוזאַמען, אינערליך זײַנען זיי אויך ווילד־פרעמד איינער דעם צווייטן, און שוויס, אַפילו פון האָרעפּאַשניקעס, אויב נאָר פון אַ סך, קען איבערפירן די ריינסטע לופט. לופט, אַ ביסל פרישע לופט. — ער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער.

פייערלעך בלינצלען אויפן וואַסער, בלינצלען אויף און פאַרשווינדן, דאָרט שיפן זיך פאַרלעך...

באַרדאָס איז מיד, מיד פון אַרומשפּאַנען, פון טראַכטן. אויסגעצויגן אויף זײַן געלעגער ליגט ער מיט פאַרמאַכטע אויגן און דער קערפּער זײַנער איז פאַרשלאָסן צו דעם אַרום, אַ קערפּער־תּפיסה איינגעשלאָסן אין אַ צימער־תּפיסה, אָבער אין די תּפיסות רייסן זיך אַריין קלאַנגען, דזשאַז און, געמעגט שווערן, ער האָט ווידער געהערט קלויסטער־גלאָקן, דזשאַז און אַווע מאַריאַ!

אַ פעלד, אַ סאָד, אַ גאָרטן, בוימער. זונען אונטערגאַנג. ער זיצט אויפן גאַניק, ניין, אויף דער שוועל פון זײַן הויז, קוקט אויפן פעלד, זײַן פעלד, אויפן גאָרטן, זײַן גאָרטן, הערט זיך צו צו די בוימער, זײַנע בוי־מער, פאַרקוקט זיך אויפן הימל, און אויך דער הימל איז זײַנער, פעלד און סאָד, גאָרטן און הימל באַלאַנגען צו אים און ער צו זיי, ער און וועלט איינס...

אַ חלום?

מיט גרויס־געוואָרענע אויגן קוקט בנימין באַרדאָס אין דער פינס־טערניש. אַ חלום צו אַ וויזיע? אַמאָל האָט אים גערופן דער ים, איצט רופט אים דאָס פעלד, די ערד. אַנטלויפן פון די פּוסט־און־פּאַסניקעס, אויך פון זיך דעם פּוסט־און־פּאַסניק, צום פעלד, גאָרטן, סאָד, הימל, ערד,

האַרעוועץ דעם טאָג, שלאָפן רואיק די נאַכט, אַליין, איינער אַליין, אָבער מיט הימל, מיט ערד — איינס.

אָט די זעאונג האָט אים אויפגעהויבן פון געלעגער. ער האָט זיך ראַש אַ שטעל געטון. די פינסטערניש אין צימער איז אים אויסגעקומען אַזאַ פרעמדע, אַזאַ פלוצלינגע. אָט ערשט האָט ער דאָך געזען אַזוי דייטליך. ער האָט אַ קוועטש געטון דאָס קנעפּל, ליכט האָט פאַרפלייצט דאָס צימער, דאָך האָט אַלץ אויסגעזען אַזוי פרעמד, אַזוי אומבאַקאַנט.

אַ מינוט — און ער האָט זיך אָריענטירט. קלאָר. ער פאָרט. שוין. — וואַרט. נאָר ניט געשפרונגען. און וואָס מכח איר? און ווי אַז זי וועט וועלן מיטפאָרן ? ניין, זי וועט ניט פאָרן,— האָט ער באַשלאָסן, און באַשלאָסן אַז אַזוי וועט זי טון, האָט ער דערפילט אַ דערלייכטערונג, ווי איינער דערפילט אויפן ביינקל ביים דאַנטיסט ווען דער דאַנטיסט ווייזט דעם נאָר וואָס אַרויסגעריסענעם צאָן. דער צאָן איז אָבער נאָך ניט אַרויסגעריסן, ער נויעט נאָך. מ׳דאַרף דאָך מיט איר רעדן, איר זאָגן. ניטאָ וואָס צו רעדן. די וויכטיקסטע „זאַכן״ צווישן מענטש און מענטש ווערן ניט געזאָגט, קענען ניט געזאָגט ווערן, ווען געזאָגט וועלן זיי ניט פאַרשטאַנען ווערן, ווייל קיין אויער, דער אינערליכער אויער, נעמט ניט אויף גענוי וואָס איז געזאָגט געוואָרן. וועט זי פאַרשטיין וואָס ער וועט איר זאָגן, וועט זי דען קענען זען וואָס ער האָט נאָר וואָס געזען ? בלויז דאָס אויבערפלאַכליכע ווערט פאַרשטאַנען. עטוואָס אויבערפלאַכליכעס, אַזוינס וואָס זי זאָל פאַרשטיין. ס׳איז דאָ. געשעפט.

— יאָ, דער סיניאָר קען שיקן אַ קייבל,— ענטפערט דער קלערק,— אַן ענטפער קען נאָך זיין היינט ביינאַכט, פאַרטאָג.

ווען דער ענטפער וועט קומען ניט ברייינגען ביינאַכט, נאָר אינדערפרי, נאָכן אָנבייסן, אָדער ביים אָנבייסן, אין עס־צימער, ס׳מאַכט ניט. און אַ צוג ווען גייט אָפּ ?

— צען אַזייגער אינדערפרי.

— פיין.

— סיניאָר גרייט זיך אָפּפאָרן ?

— ניט באַשטימט.

— אויב דער סיניאָר באַשטימט אָפּצופאָרן קען ער רעזערווירן פלאַץ פאַר אים.

— רעזערווירן פלאַץ? ניין, ניט נויטיק. אַ דאַנק.

— מאָדנע מענטשן די אַמעריקאַנער, — האָט דער קלערק אויסגע־טוישט זיין מיינונג מיט אַ צווייטן, — קומט זיי עפּעס אָן איז אויף דער מינוט. געזען דעם . . . ?

— אַ קאָמישער מענטש דער „סיניאָר" קלערק, — האָט געשמייכלט צו זיך באַרדאַס. — קלינגט שיין דער „סיניאָר" און דאָך אַזוי קאָמיש. סיניאָר גרייט זיך אָפּפאָרן? איך גרייט זיך ניט. אַלץ איז גרייט. און זי?

בנימין באַרדאַס האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, פאַר זיך אַרויס־געזאָגט: זען מאָרגן. איצט, בנימין, שלאָפן.

די נאַכט איז ער געשלאָפן אַזוי געשמאַק, אַז ער האָט ניט געהערט ווען זיין ווייב איז אַריינגעקומען, ווען זי האָט זיך געלייגט שלאָפן. אויפ־געכאַפּט זיך, דערזען זי, האָט אויפגעוואַכט דער געדאַנק: נו, פאָרסט? און זי?

— שטייסט שוין אויף? — האָט זי זיך אויפגעכאַפּט פון זיינע באַ־וועגונגען אין צימער. — ווי שפּעט איז? וואָלט נאָך אַזוי געשלאָפן!

— שפּעט געקומען?

— ניט שפּעט. געווען אַרום איינס, נאָך איינס. דו ביסט געשלאָפן ווי אַ געהרגעטער.

— גוט פאַרבראַכט?

— נע . . .

באַרדאַס האָט פאַרדעכטיק אַ קוק געטון אויף זיין ווייב. דער אויער האָט זיך אָנגעשטריינגט נאָכאַמאָל דערהערן דעם טאָן פון דעם „נע . . ." אָט דער טאָן וואָלט אים געקענט דערציילן צו דער אַרויספאָר איז טאַקע געווען אַ ניט געלונגענער, אָדער זי האָט שוין גאָר גוט „פאַרבראַכט" און דער „נע" איז געזאָגט געוואָרן אים צו „באַרואיקן." אַ הוילער קלאַנג, אַ שאָלעכץ וואָס זי האָט אַרויסגעשפּיגן, דער טעם פונם יאָדער איז נאָך ביי איר אויף די ליפּן. בערל קען דעם טאָן ניט כאַפּן נאָכאַמאָל. ער פאָרט! — וועסט זיין שפּעט צום אָנבייסן.

— איך שטיי שוין אויף.

ביים אָנבייסן, אין אנוועזנהייט פון די שיינבערגס און מאָו ליווי, האָט מען אים דערלאַנגט אויף אַ טעצעלע אַ טעלעגראַמע. ניט אויפגע־ריסענערהייט האָט ער זי אַריינגעלייגט אין בוזים־קעשענע. אויף זיין

ווייב'ס פרעגנדיקן קוק האָט ער געענטפערט מיט אַ שטרייגגן קוק — שפּעטער. די שטומע ניט געעפנטע טעלעגראַמע האָט געליימט די צינ־גער, ניט געלאָזט ריידן, דער טעלעגראַמע סוד האָט געזאָגט: עסט גיכער.

נאָר וואָס פאַרמאַכט די טיר פון האָטעל־צימער, האָט בערל אויפ־געריסן דעם קאָנווערט, איבערגעלאָפן מיט די אויגן די טעלעגראַמע און שטום זי דערלאַנגט זיין ווייב. איבערגעלייענט — אייער אנוועזנהייט אומ־באַדינגט נויטיק — האָט זי אויף אים שטום און פרעגנדיק אַ קוק געטון.

— נו, דאָס מיינט פאָרן.

— מיינסט צו זאָגן אַז מיר פאָרן צוריק ?

דער דאַנטיסט האָט צוגעלייגט דאָס צווייגגל צום צאָן. ס'אַראַ שרעק אינם טאָן פון דער פראַגע. — עס מיינט אפשר ניט אַז מ י ר פאָרן צוריק, זיכער איז איך פאָר.

— און איך ?

— נו, דאָס וועגדט זיך שוין אָן דיר.

— און מיר האָבן ערשט אָנגעהויבן די רייזע ! מיר דאַרפן נאָך זיין אין פלאָרענס, נעאַפּאָל. היינט . . .

— דו קענסט פאָרזעצן די רייזע. איך מוז פאָרן.

— יאָ, אָבער ווי וועל איך פאָרזעצן די רייזע אַליין, אָן דיר ?

דער דאַנטיסט רייסט שוין דעם צאָן. זאָגן איר : פאָרסט דאָך מיט מאָן ליווי ? נאָר ניט געשריען. וואָס איז אַ צאָן אַרויסרייסן ? זעסטו ? אָט . . . גייך.

— דאָס מוזטו שוין באַשטימען. איך מוז פאָרן, און גלייך, שוין. — ער איז שוין געשטאַנען ביים טעלעפאָן, גערעדט מיטן האָטעל־קלערק וועגן אַ צוג און צו דערזעלבער צייט געבעטן זיין ווייב זי זאָל אַרויס־נעמען זיינע זאַכן, רענצלעך. פאַרטיק מיטן טעלעפאָן געשפּרעך האָט ער האַסטיק גענומען צוזאַמענלייגן די זאַכן. צען אַזייגער גייט אָפּ דער צוג און איצט איז שוין ניין פינף־און־צוואַנציק.

— וועסט דאָך אַריינגיין זיך געזעגענען מיט די שיינבערגס !

— איך ווייס ניט צו איך וועל האָבן צייט. דו וועסט שוין דערקלערן.

דרינגענדיקע געשעפטן, געמוזט גלייך אָפּפאָרן. אַגב, געלט האָסטו גענוג?

— געלט ?

בנימין האָט שוין געעפנט זיין פּאָרטמאָנע, געפינגערט פּאַפּיר־געלט, דערלאַנגט עטלאכע פּאַפּירלעך. — זיין גענוג ?

רחל האָט נעצנדיק די פינגער ביי די ליפּן געציילט די פּאַפּירלעך און, איבערגעציילט, אַרויסגעזאָגט: אויף דער רייזע וועט מסתּם זיין גענוג, אָבער אויף אַ דימענט, האָב איך מורא, וועט ניט קלעקן.

— אַ דימענט ?

— האָסט שוין פאַרגעסן ? מר. שיינבערג האָט צוגעזאָגט אין אַנט־ווערפּען קויפן אַ דימענט אָדער צוויי פאַר מיר.

— אָה,— האָט זיך בנימין געכאַפּט,— דאָס מיינסטו ! טאָקע שיר ניט פאַרגעסן. נאַ. וועט זיין גענוג ?

— איך דיינק אַזוי.

— נו, אַלעס, דוכט זיך, פאַרטיק. — ער האָט אַ קוק געטון אויפן זייגער.

— איך גיי שוין,— האָט רחל אַ זאָג געטון, כאַפּנדיק דעם לעצטן קוק אין שפּיגל.

בנימין מיט זיין פרוי זיינען אָנגעקומען צום באַן נאָך פינף מינוט פאַרן אַוועקגיין, דאָך האָט בנימין אויף שנעל זיך אָפּגעזעגנט, צעקושט זיך מיט זיין ווייב און זיך אַריינגעכאַפּט אין וואַגאָן. זיין ווייב איז נאָך געשטאַנען אין דרויסן, געקוקט צום פענסטער און ער האָט אַרויסגע־שטעקט דעם קאָפּ, מאַן און ווייב האָבן געקוקט איינס אויף ס'אַנדערע, אָבערביים מינדסטן ריר האָבן ביידע געקוקט צו רירט זיך שוין ניט דער צוג, און ווען דער צוג האָט זיך ענדליך אַ ריר געטון, רחל האָט אַ פאָכע געטון מיט דער האַנט און בנימין האָט איר געענטפערט מיט אַ האַנט־באַוועגונג, האָט ער דערפילט אַ דערלייכטערונג — איבערגעקומען. ער האָט באַשטאַט זיין רענצל ווי עס באַדאַרף צו זיין, זיך איינגעמאָסטעט אויף זיין זיץ און זיך אַ טאַפּ געטון ביי דער בוזים־קעשענע וואו זיין פּאָרטמאָנע איז געלעגן. דערביי איז פון מויל אַרויסגעפאַלן: אויף אַ דימענט.

דערהערט זיינע אייגענע ווערטער, האָט ער דערשראָקן זיך אומ־געקוקט: האָט ווער געהערט ? אַ באַרואיקטער אַז קיינער האָט ניט גע־הערט האָט ער אומגעקערט דעם קאָפּ צום פענסטער.

אים אַנטקעגן האָבן זיך געטראָגן גערטנער, סעדער, פעלדער.

אַ גאָרטן, אַ סאָד, אַ פעלד. פאַרנאַכט, די זון פאַרגייט, ער זיצט אויפן שוועל פון הויז, דער גאָרטן — זיין גאָרטן, דאָס פעלד— זיין פעלד, דער הימל— זיין הימל, ערד און הימל באַלאַנגען צו אים, ער צו זיי, ער, הימל און ערד — איינס.

— און דאַן ?

עס לויפט די באַן...

די בלינדע וואַנט

דאָס פענסטער און דער שפּיגל — אַלץ וואָס אים איז פאַרבליבן, אַ רעשטל פון זיין עשירות. ער איז רייך געווען. די ש״י עולמות זיינען געווען זיינע. די זון האָט געשיינט פון זיינעטוועגן, די לבנה האָט צו אים געשמייכלט, די שטערן האָבען צו אים געוואונקען. די ערד האָט געטאַנצט פאַר פרייד ווען זיינע פיס האָבן זי באַטראָטן, מיט גראָז און בוים האָט ער געשפּרעכן געפירט, ער האָט דעם שטומען שטיין פאַרשטאַנען. געדיכט זיינען געווען זיינע האָר, זיין שטערן גלאַט, זיין קוק פריי. ער איז יונג געווען, האָט שיר השירים געזונגען.

אַ זינגענדיקן האָט אים נאָך דער זומער געטראָפן, אָבער אין זיין שטים איז שוין ניט געווען די פרילינג פרישקייט, און ווען די לעצטע זומער רייפע טענער זיינען פאַרקלונגען, האָט ער זיך דערשראָקן פאַר דער אנטשטאַנענער שטילקייט, דערפילט אַז עפּעס איז איבערגעריסן געוואָרן. אויף זיין שטערן האָט זיך אַ קנייטש באַוויזן. ער האָט געטראַכט: די וועלט איז קלענער געוואָרן. די ערד — „דאָס שטיקל בלאָטע" — דאָס איז זיין וועלט. דאָס, און ניט מער. אָבער....

דאָס „שטיקל בלאָטע" איז זיינס. ער טראָגט עס ניט אין האַנט אָדער אויף די פּלייצעס, אָבער ער איז די אַקס אַרום וועלכער די ערד דרייט זיך. אַן ערדציטערניש אין סאַן פראַנציסקאָ, אַ רעוואָלוציע אין כינע, דער וואולקאַן מאונא לאָאַ שפּייט ווידער פייער — לאַווע, אַ ווינער פּראָפעסאָר האָט אויסגעפונען אַ נייעם הייל־מיטל, אַ בור האָט מען אָפּ־

געשונדן לעבעדיקערהייט — אַלץ דערפילט ער, ווייסט ער. פון דער פעריפעריע צו דער אַקס. ער. קומען שוין מער ניט פאַר קיין ערד־ציטערנישן ? ברעכן שוין מער ניט אויס קיין רעוואָלוציעס ? האָבן שוין אַלע וואולקאַנען אויסגעשפיגן זייער לאַווע ? געפינט מען שוין מער ניט קיין הייל־מיטלען קעגן קראַנקהייטן ? שינדט מען שוין מער ניט די הויט פון לעבעדיקע מענטשן ? פאַרוואָס פילט ער דאָס ניט מער ? פאַרוואָס ציטערט ניט אויף זיין קערפער פון פרייד, ווייטיק אָדער שרעק ? אַלץ וואָס ער פילט איז אַ דריקעניש. די „בלאָטע" טרוקנט, שרימפּט. אים איז איינג. אַרויסקריכן. מוז ער שטיין אין דער מיט ? מ׳קען דאָך שטיין אין אַ זייט, אַ ווינקל. אַרויסקריכן.

גרינג צו טראַכטן, שווער צו טון. פון דער אַקס צו דער פעריפעריע ציען זיך ראַדיוסן, איינס ביי איינס דאַרף מען זיי איבערברעכן. שווער, אָבער אין אַ שריפה געווינט דער מענטש כח, חנק איז ניט אַזוי ראַשיק ווי שריפה, נעמט עס לייִנגער, אָבער איבערגעבראָכן האָט ער זיי. ער איז פריי, קיין זאָך וואַרגט אים ניט, ביי זיינע פיס, אַ הוילע רייף. ער קען ניט אַריבערשפּרינגען דעם עיגול, אים פעלט דער שם דערצו, ער קען זיך אָבער אויפהויבן, אַרויף אין דער הויך, ניט צו הויך, אָבער הויך גענוג צו קענען אַרונטערקוקן. זיין פענסטער איז געוואָרן זיין אָבּ־סערוואַטאָריע. די פיר ווענט לאָזן ניט צו וואָס ער וויל ניט זען, דאַרף ניט זען. אידעאַל.

באַווייזט זיך די זון ביי זיין פענסטער, זאָגט אים אָן פון אַ וועלט אין דרויסן, קוקט ער אַריין אין שפּיגל, זעט ער ס׳איז דאָ אַ וועלט אינע־ווייניק. פון פענסטער צום שפּיגל, פון שפּיגל צום פענסטער — אַ דין פעדימל צווישן. דאָס פעדימל דין, זייער דין, אָבער ער קען דאַרויף אויפצילעווען אַלערליי פּאַטשערקעס, אַפילו פּערל. ער איז צופרידן.

אַ גרויער פרימאָרגן. אין פענסטער שיינט ניט די זון און אויפן שפּיגל שפּילט ניט קיין זונענשטראַל. האָט ער אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער, פאַרריסן דעם קאָפּ אין דער הויך, ווען ער האָט דערפילט אַז עפּעס ציט זיין קוק אויף אַרונטער. איינגעבויגענע, קליינע, גרויע באַ־שעפענישן גראָבן מיט גרויע רידלען האַרט לעבן זיין פענסטער. „מ׳גראָבט די ערד אונטער זיינע פיס" — איז איבערגעלאָפן אַ מחשבה. האָט ער אַריינגעקוקט, די גרוב ניט טיף, דאָך, ווען ער האָט באַלד נאָכ־

דעם אַריינגעקוקט אין שפּיגל, האָט ער דערזען אַ פֿאַרכמורעט פּנים. דאָס פּעדימל האָט זיך געצויגן פֿון אויבן אַרונטער, געהאַנגען נאַכלעסיק, ניט אָנצוניזעווען דאַרויף קיין פֿאַטשערקעס, פֿון פּערל איז שוין אָפּגערעדט.

צומאַרגנס האָט ער געזען ווי ציגל ווערן געלייגט. איין ציגל אויף אַ צווייטן, צעמענט צווישן. אַ וואַנט, אַ שטאַרקע וואַנט ווערט געמויערט האַרט ביי זיין פֿענסטער. ער איז געשטאַנען, געקוקט, און פּאָר זיינע אויגן איז די וואַנט געוואַקסן. אַ גלייכע, גלאַטע וואַנט, אָבער אים דוכט זי איז שפּיציק, שטעכט אים אין די אויגן, רייצט זיך מיט אים: נו, פֿינסטער דיין פֿענסטער, האַ? לאַנג איז ער געשטאַנען און געקוקט ביז אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיינע ליפּן. ער איז אָפּגעטראָטן פֿון פֿענסטער, אָנגעהויבן שנעל אַרומגיין איבערן צימער, צופֿרידן געריבן די הענט, און פֿון צייט צו צייט געוואָרפֿן אַ געהיימניספֿולן שמייכל צו דער וואַקסנדער וואַנט.

ער האָט געאַרבעט פֿאַר דריי. עפּעס קעצישעס איז געווען אין זיינע באַוועגונגען, שטיל, לייכט און דאָך עקשנותדיק געריסן איין ציגל נאָך דעם צווייטן, מיט די הענט, מיט די נעגל געריסן, מיט די פֿיס געשטויסן, געוואָרפֿן, און אַלץ שטיל, קיין הויכן קלאַפּ, און אַלץ ביי דער באַלייכטונג פֿון זיינע פֿיבעריש־גליענדיקע אויגן. אַ בליאַסק אויף טאָג איז ער גע־ווען צוריק ביי זיך אין צימער, געשטאַנעןביים פֿענסטער, געוואַרט. די מויערער זיינען געקומען. זיי האָבן דערזען אַז עמיצער האָט צעשטערט זייער אַרבעט, האָבן זיי געקוקט פֿון אַלע זייטן, אַפֿילו צו אים אַרויפֿגע־קוקט. ער האָט געשמייכלט. אַ צופֿרידענער האָט ער זיך געלייגט אָפּ־רוען. ער איז אַנדרימלט געוואָרן. אים האָט זיך געחלומט:

אַ הויכע, גלאַטע וואַנט, ער קריכט אויף איר, דראַפּעט זיך מיט די הענט און פֿיס. אונטן שטייט אַ גרויסער עולם, קוקט אויף אים, באַ־וואונדערט זיין קריכן, און ער דראַפּעט זיך אַלץ העכער און העכער, אָט דערלאַנגט ער שוין דעם געזימס אויבן, נאָך איין צי, איין הויב. אָבער דאָ פֿאַרלירט זיין פֿוס דעם אָנהאַלט. ער וויגט דעם פֿוס, פּאַכעט מיט אים אין דער לופֿטן, און די הענט, די פֿינגער, די נעגל דראַפּען די וואַנט, זוכן זיך צו פֿאַרטשעפּען אָן עפּעס, זיך אָנהאַלטן; די פֿינגער זיינע ציטערן אַזש פֿון אָנשטריינגונג, אָבער די נעגל האַלטן ניט אויס, די הענט לאָזן נאָך, ער פֿאַלט. — אַ־ך! — הערט ער נאָך אַן אויסגעשריי פֿון אונטן און... ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט.

זיין קערפּער איז געווען נאָס. שוויס. אין די שלייפן האָט ווי מיט האַמערס געקלאַפּט. אַ פאַרמאַטערטער האָט ער זיך אויפגעהויבן, צוגע־גאַנגען צום פענסטער. די וואַנט איז געוואַקסן. ער האָט שוין ניט געזען קיין איינצעלנע ציגל. איין גרויסע, הויכע וואַנט שטייגט, וואַקסט אַלץ העכער און העכער; זי איז שוין גלייך מיט זיין פענסטער, קוקט אים פּרעך אין די אויגן אַריין — פינסטער דיין פענסטער! שוין בעסער ניט זען. האָט ער גענומען אַרומשפּאַנען איבערן צימער, אָבער אויך דאָ ווענט. פריער האָט ער זיי ניט באַמערקט, ניט געפילט, און איצט — מיטן נאָז אָנצוקלאַפּן זיך. אין שפּיגל אַפילו זעט ער אַ וואַנט הינטער זיין רוקן. ניט געזען זאָל עס ווערן!

ער האָט געזען ווי די נאַכט האָט זיך פריצייטיק געקליבן אין זיין צימער. זיין קוק איז פינסטער געוואָרן, טונקעלע מחשבות האָבן זיך גע־צויגן. עפּעס אַ בייזע שטים האָט גערופן: גיי ווידער צו דער אַרבעט! אָבער די הענט האָבן זיך ניט געהויבן. — נו, צעשטערט אַ שטיקל וואַנט, אָבער וואָס פאַר אַ ווערט האָט איינער— ווען אַפילו אַ צעשטערער— קעגן אַזוי פיל מויערער. אַזוי פיל, אַזוי פיל! אַלע קעגן אים. סיידן אַריבער־שפּרינגען די וואַנט. ברעכן האַלז און נאַקן און בלייבן ליגן טאַקע ביי דער זעלבער וואַנט . . . ניט צו אַנטלויפן פון איר. ער איז איינגעשלאָפן אַן אומרואיקן שלאָף. עס האָט זיך אים געחלומט: ער איז געקומען אַהיים שפּעט ביינאַכט, וויל אַריינגיין אין הויז — פאַרשלאָסן. קלאַפּט ער אין טיר, אין די פענסטער, קיינער ענטפערט ניט. הויבט ער אָן קלאַפּן שטאַרקער, מיט די פויסטן. קיין ענטפער. וואָס קען דאָס זיין? ער פּרובירט אויפשליסן, קיין שליסל עפנט ניט. ווערט ער אין כּעס, נעמט קלאַפּן שנעל און שטאַרק, און ווען מ'ענטפערט אים נאָך אַלץ ניט, שפּאַרט ער זיך איין מיטן אַקסל אין טיר, איין זעץ, אָפּגעשפּרונגען צוריק, און ווידער אַ זעץ, שטאַרקער, מיטן גאַנצן קערפּער, אַזוי אַ פּאָר מאָל, ביז די טיר גיט אַ קראַך, פאַלט אַריין, ער נאָך דער טיר, און אויף אים הויבט אָן פאַלן דאָס גאַנצע הויז. שטויב קריכט אים אין די אויגן, אין מויל, אים איז אַזוי שווער, ער ווערט דערשטיקט. ער וויל זיך אויפ־הויבן און קען ניט, וויל שרייען, ניין, ער שרייט מיט אַ ווילד צעעפנטן מויל, אָבער קיין געשריי הערט ער ניט. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט.

אַ שטיק צייט איז ער האַלב געזעסן אויף זיין געלעגער, ניט באַ־

גרייפנדיק וואָס מיט אים טוט זיך. ווען ער איז צו זיך געקומען, איז ער אַראָפּ פון געלעגער און גלייך אַ קוק געטון אין פענסטער. די וואַנט האָט אים שטום געקוקט אין די אויגן. אַ האַלב נאַקעטער, אַ באָרוועסער איז ער געשטאַנען, זיין קוק האָט געשטאָכן די וואַנט, אָבער קיין לאָך איז דאָרט ניט געוואָרן. האָט ער אַרויסגערוקט דעם קאָפּ, אים פאַרריסן אין דער הויך, אויסגעצויגן דעם האַלז, די וואַנט איז שוין אָבער געווען צו הויך אַריבערצוקוקן. די זונענשטראַלן האָבן זיך בגנבה אַריינגעשלייכט אין דעם שמאָלן שטח צווישן דער וואַנט און זיין פענסטער, אים אין איילעניש איבערגעגעבן אַז ס'איז טאָג אין דרויסן און באַלד פאַר־שוואונדן. מיט כּעס האָט ער פאַרהאַקט דעם פענסטער, אַרונטערגעצויגן דעם פאָרהאַנג. ער האָט די וואַנט ניט געזען. אין צימער איז פינסטער געוואָרן. ביי דער שיין פון אַ ליכט איז ער געזעסן און געקוקט אין שפּיגל אַריין. דאָס ב י ן א י ך.

די אַנטדעקונג האָט אים איבערראַשט. וואַרט נאָר. ער האָט זיך גוט איינגעקוקט אין שפּיגל און באַלד זיך אָפּגעקערט. ער האָט געפּרואווט זיך זען אָן דעם שפּיגל. פון זיין קאָפּ קען ער מיט די אויגן זען בלויז זיין שפּיץ נאָז — אפשר דערפאַר ווייל ער איז קיין עין הרע גוט געוואַקסן — און זיינע ליפּן. דעם לינקן אויער קען מען, ווייזט אויס, טאַקע ניט זען. און זיינע אויגן קען ער מיט די אייגענע אויגן ניט זען. און אָן די אויגן? מיטן „קאָפּ“? מאָדנע, אַ יעקב מרדכי קאָביליאַנסקי, וועמען ער האָט געזען מיט אַ יאָר צען צוריק, וועלכער איז גראָדע איצט, גאָט ווייסט צוליב וואָס, אים אַרויף אויפן זינען, אים קען ער זען ווי ער וואָלט איצט געשטאַנען פאַר אים. זיין נאָז, זיין שטערן, זיינע אויגן, אַפילו די צוויי פּאָדערשטע פוילע ציין וועלכע האָבן זיך אַרויסגעוויזן ווען יענער האָט גערעדט, זעט ער איצט, און זיך אַליין קען ער ניט זען. און זיך זעט ער דאָך יעדע מינוט פון טאָג און יעדן טאָג זעט ער זיך אין שפּיגל. ניט אַנדערש אַז אַפילו אין שפּיגל זעט מען זיך ניט ריכטיק. אַנו אַקאָרשט איצט אַ קוק טון.

אַ אינגל פון אַ יאָר צוועלף האָט אויף אים געקוקט. דערזעענדיק דאָס אינגלשע פּנים איז ער געבליבן געפּלעפּט. — וו־וו־ער, ווער ביסטו?

— איך,— ענטפערט דאָס אינגל.

— ווער איך?

— איך. וואָס, קענסט מיך ניט?

— ניין, קיינמאָל ניט געזען.

—ווירקליך? קיינמאָל ניט געזען? דערמאָן זיך אַקאָרשט. געדיינקסט מיט אַ יאָר זעקס־זיבן־און־צוואַנציק יאָר צוריק, ערב פּסח, לופטערנדיק די ספרים, האָב איך אויפגעעפנט דעם חומש בראשית און איבערלייענענדיק די ערשטע ווערטער „בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ" האָב איך מיט אַ בלייפעדער צוגעשריבן אַ פּאָסיקל, אָט אַזוי (—) און „פון מיינעטוועגן"? בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ — פון מיינעטוועגן. געדיינקסט?

— אָבער דאָס האָב איך דאָך געטון! איך!

— זאָג איך דאָך — איך.

— אָבער די ווערטער, געשריבן מיט אַ בלייפעדער, זיינען שוין לאַנג אָפּגעמעקט געוואָרן. יענער איז שוין לאַנג ניטאָ. ווי קומסטו אַהער?

דאָס אינגל אין שפּיגל האָט זיך דערוויטערט. ער האָט זיך אַ בויג געטון, צוגעפּרעסט ביידע האַנטפלאַכן צום שפּיגל, אָבער אויף אים האָט שוין געקוקט אַנאַנדער געשטאַלט. ער האָט אויסגעשטאַרעט די אויגן, מיט אַ געעפנטן מויל האָט ער שטומערהייט געפרעגט: ווער ביסטו?

— איך.

— איך? ווידער איך? ווער איך?

— דערקענסט ניט, וואָס? — האָט דאָס געשטאַלט געשמייכלט מיט אַ פריילאַכן שמייכל. — גיי שוין גיי, דו דערקענסט מיך, מאַכסט זיך בלויז טאַמעוואַטע.

ער האָט שטוינענד געצויגן מיט די אַקסל.

— ווי פאַרגעסט מען דאָס אַזוי גיך? — האָט דאָס געשטאַלט פריינדליך פריילאַך גערעדט. געדיינקסט מיט אַ יאָר צוויי־און־צוואַנציק צוריק, אַן אָוונט איז דאָס געווען, אַ שיינער, שטילער, ליכטיקער זומער אָוונט. מיר זיינען געזעסן ביים וואַסער.

— מיר? ווער איז דער מיר? — ער האָט זיך פאַראינטערעסירט אין דעם נייעם געשטאַלט.

— ווער מיר? איך און מיין שולמית.

— שולמית? וועלכע שולמית?

— געדיינקסט ניט שולמיתן?

ער האָט אַ הויב געטון די אויגן.

— אַהאַ, זעסטו שוין, דו געדיינקסט. איז יאָ, בין איך געזעסן מיט מיין שולמיתן ביים וואַסער אויף אַ שטיין, די לבנה האָט געשיינט...

— וואַרט, דאָס בין איך דאָך געזעסן.

— נו, יאָ, איך. איך בין געזעסן און שולמיתעס קאָפּ, די האָר, די לאַנגע בלאָנדע האָר צעלאָזן, איז געליגן מיטן פּנים אַרויף ביי מיר אויפן שויס, זי האָט געקוקט צו מיר און איך האָב געזאָגט צו איר, צו מיין שולמיתן: משכּני, אַחריך נרוצה. פרעגט זי: וואוהין? זאָג איך: פון זעפיר וועל איך אַ הוידע מאַכן, זי אַנטשעפּען הויך אין הימל, ערגעץ דאָרט צווישן צוויי בוימער פון גן־עדן און מיר וועלן זיך וויגן פון איין וועלט אין דער צווייטער, און יעדעס מאָל וואָס מיר וועלן זיך אַ וויג טון וועלן די מענטשן דאָ אויף דער ערד מיינען אַז צוויי שטערן פאַלן, וועלן זיי אויסשפּייען און זאָגן: ניט מיינער, ניט מיינער, און איך וועל זאָגן: זיכער ניט אייערער, מיין שולמית, מיינע! — און איך וועל זאָגן, האָט שולמית אונטערגעכאַפּט,— זיכער ניט אייערער, מיין שלמה, מיין שיימע!

— האָב איך גערעדט אַזעלכע נאַרישע רייד? גאָט, ווי יונג, ווי נאַריש איך בין דאַן געווען!

— געווען? — האָט דאָס געשטאַלט געשמייכלט. — ביסט זיכער אַז דאַן ביסטו געווען נאַריש און איצט ביסטו קלוג? דיינקסטו אַז אין פּנים קנייטשן ליגט חכמה באַהאַלטן? דאָס ווייזט ווי נאַריש דו ביסט איצט. קנייטשן זיינען ניט קיין חכמה־היילן. האָסטו זיך אַמאָל צוגעקוקט צו אַ בהמה, זיך גוט צוגעקוקט? קיינמאָל ניט? נו אַוודאי, פאַרנומען מיט וויכטיקערע זאַכן. נו טאָ זיי אַזוי גוט, קוק זיך צו איצט. זעסט וויפיל קנייטשן אַרום די אויגן, און דו קענסט אָט די בהמה ניט חושד זיין אין חכמה! ער האָט אַ פיר געטון מיט די אויגן, ערשט אין שפּיגל זעט זיך אַ בהמה. אַ בהמהישער פּנים מיט גרויסע, טאַמעוואַטע, „פאַר־טראַכטע" אויגן און ביי די אויגן אַזעלכע גרויסע קנייטשן, פאַלדן גאַנצע, און זי קוקט אַזוי ערנסט, פאַרטראַכט, קוקט, קוקט, נעמט אַריין גאָט'ס וועלט אין איר קאַמערא אבסקורא. — בהמה! וואָס קוקסטו? — האָט ער אויסגעשריען אויסער זיך, אַזש מיטן פויסט דערלאַנגט איר איבערן פּנים.

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָט זיך אַ געשטאַלט אין שפּיגל צעלאַכט.

— וואָס! זי מרוקעט נאָך אויך!

— כאַ־כאַ־כאַ! — וועגן וועלכער בהמה רעדסטו דאָס? — האָט דאָס געשטאַלט ברייט און גוטמוטיק געלאַכט.

— וו־ווער ביסטו ? וואָס לאַכסטו פון מיר ?

— ווי זאָל איך ניט לאַכן. כאַ־כאַ־כאַ, ווי קען מען ניט לאַכן ? אוי, ס'טוט מיר אַזש ווי דער בויך לאַכנדיק, טרערן רינען אַזש. יונגע ציגן שפּרינגען אויף די דעכער און מיטליאַריקע בהמות פילאָזאָפירן מיט אַזאַ ערנסטקייט, מיט אַזאַ חשיבות. כאַ־כאַ־כאַ.

ער האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ, האָט פאַר זיך גאָרניט געזען. דעם שפּיגל אויך ניט, בלויז דאָס פייערדיקע ליכט־צינגל האָט זיך גע־רייצט מיטן צינגל אין שפּיגל.

— און וואָס דיינקסטו עפּעס, פילאָזאָף מיינער, מכּח וועגטלעך ?

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דערזען אין שפּיגל אַ באַקאַנט פּנים, מער ניט, אַ שפּאָטישער שמייכל אויף די ליפּן. — מכּח וואָסערע וועגטלעך ?

— שפּאַנישע אַ שטייגער.

— שפּאַנישע וועגטלעך,— האָט ער גענומען ריידן בנעימותדיק,— זיינען זייער באַקוועם, צייטנווייז קומען זיי זייער צונוץ. מ'דאַרף זיי האָבן, יאָ, מ'דאַרף זיי האָבן אַפילו ווען זיי קומען ניט צונוץ. שפּאַנישע וועגטלעך דאָס זיינען וואָלקענדלעך פאַר אַ זונען־אונטערגאַנג, ליידן פאַר אַ מענטשליך לעבן, זיי גיבן צו קאָליר, און אַ מעלה האָבן זיי, ווען מ'נוצט זיי מאַכן זיי ניט צו איינג און ווען מ'נעמט זיי צו ווערט דאָך גראַמער.

— און אַזוי וועגטלעך, ניט קיין שפּאַנישע ? — דערזעלבער שפּאָ־טישער שמייכל.

— אַזוי וועגטלעך זיינען ניט אַזוי באַקוועם,— האָט ער עטוואָס שווערער געענטפערט.

— און אַ וואַנט ? אַ גרויסע, בלינדע וואַנט ?

— איז שלעכט,— האָט ער אָפּגעריסן.

— פאַרוואָס ?

ער האָט געקוקט מיט פאַרוואונדערונג, אָבער קיין שפּאָטישען שמייכל האָט ער ניט געזען. — ווייל אַ גרויסע, בלינדע וואַנט קען מען ניט אַוועקנעמען ווען מ'וויל, יאָ, דערפאַר איז שלעכט.

— ווער קען ניט ?

— קיינער. צען מענטשן קענען אַוועקשטעלן אַ וואַנט, אַוועקנעמען קענען אַפילו ניט הונדערט.

— און דורכברעכן?

— אוממעגליך?

— פּרובירט?

— מיט אַלע מיטלען.

— מיטן קאָפּ אויך?

— האַ? — ער האָט געקוקט אויף דעם געזיכט אין שפּיגל. ווידער דער שפּאָטישער שמייכל.

— לאַכסט פון מיר?

— ניין.

— ביסט אַ ליגנער!

— הע, דו זידלסט זיך גאָר.

— טאָ וואָס שמייכלסטו אַזוי?

— אָה, איך האָב זיך דערמאָנט אָן איינעם וואָס האָט געזאָגט ער קען אַרומנעמען די גאַנצע וועלט. אין דער וועלט זיינען דאַן אויך געווען אַ פּאָר ווענט מסתּם, ער וואָלט יענע ווענט אויך אַרומגענומען, אַוועקגענומען אָדער גאָר דורכגעבראָכן.

— אַהאַ, אַ קאַפּוליער אַנצוהערעניש. איך פאַרשטיי. אַוועק די יאָרן. איך וועל עס איצט ניט טאָן. אויסגעשפּילט. אַ פּייגלינג, זאָגסטו, בין איך?

— איך האָב עס ניט געזאָגט.

— מיט ווערטער ניט, אָבער מיטן שמייכל יאָ. אָבער איך בין ניט קיין פּייגלינג, דו הערסט?

— אַוודאי הער איך. דו שרייסט דאָך אַז אַ טויבע וואָלט קען הערן.

— און וואָס לאַכסטו?

— ווער לאַכט, ווער?

— דו, דו. איך זע דאָך אַז דו לאַכסט פון מיר. און מיט וואָס פּאָר אַ רעכט, וואָלט איך וועלן וויסן, קומסטו צו מיר לאַכן פון מיר, האַ? ווער, צו אַל די שוואַרצע יאָר, ביסטו, ווער? האַ?

— אַדרבא, קוק זיך צו, טרעף.

ער קוקט אין שפּיגל, באַטראַכט דעם מענטש דאָרט, שטודירט אים. האַרטע, שיטערע האָר, אַ געקנייטשטער שטערן, געדיכטע ברעמען, איינע אַריינגעוואַקסן אין דער צווייטער ביים נאָז, איין ברעם, מער ניט,

אַ ביסעלע איינגעבויגן אינמיטן; אויסגעלאָשענע אויגן, שווער צו זאָגן פון וועלכן קאָליר, גרויע, ברוינע, ביידע קאָלירן; אַ פליישיקער נאָז, שאַרפע קינבאַקן, אַ שפּיציקער קין, גראָבע, טרוקענע ליפּן, די אויבערשטע ליפּ נאָך צו דערליידן, די אונטערשטע, עטוואָס אַרונטערגעלאָזט, הייגנט, דוכט זיך, אויף אַ לויזער ספּרוזשינע, דאָס גאַנצע מויל ציט זיך אויף אַרונטער. אַזוי...

זיינע ליפּן פּאַרציען זיך אין אַ „פלעשעלע."— אָט דאָס בין איך. און אָט אַזוי אָ, מיט אַ מויל צעצויגן פון איין אויער ביזן צווייטן — אויך איך. און מיט דער אויבערשטער ליפּ פּאַרקאַטשעט ביזן נאָז, און דער נאָז אַריינגעזעצט צווישן צוויי שאַרפע קנייטשן — אויך איך. און מיט אַ מויל צערעפּעט און אַ לאַנגע, ברייטע צונג אַרויסגעשטעקט — אויך איך. און מיט אַ צונג איינגעצויגן, בלויז אַ קליין שפּיציקל, אַ רויטס, אַ גליטשיקס וואָס וויגט זיך ווי אַן אומרו צווישן די ליפּן... כי־כי־כי — אויך איך. דאָס בין איך. דאָס ביסטו. כי־כי־כי. שפּאַנישע ווענטלעך. איך, דו. אַ גרויסע, גרויסע וואַנט. זי דורכברעכן מיטן קאָפּ. איך? דו? איך־דו, דו־איך, איך, איך, איך?

— לאַכסט, האַ? לאַכסט פון מיר? הער אויף לאַכן! הער אויף, זאָג איך דיר! — ער איז אָפּגעשפּרונגען פון שפּיגל. — וואָס! דו וואַגסט זיך שטעלן קעגן מיר? דו, ביי מיר! אַרויס! אַרויס פון דאַנען, די מינוט! אַרויס, ווייל איך פּלעט דיר באַלד דעם קאָפּ!

ער האָט באַוועגט מיט די הענט און פיס, כאָטש ער איז ניט אָפּגעטראָטן פון פּלאַץ, זיינע פינגער האָבן זיך אָנגעקלאַפּט אָן ביינקל הינטער אים.

— גיב אים איבערן קאָפּ! איבערן קאָפּ גיב אים! ער אַנטלויפט? יאָג אים נאָך! כאַפּ אים! אָט אַזוי!

בריאַזג!!!

האַ? וואו איז ער? פינסטער. ער האָט אַ ריר געטון מיט אַ פוס, זיך אָנגעקלאַפּט אָן עפּעס. וואָס אַזוי פינסטער? דאָך געווען אַ ליכט. ווענט אַרום. דאָרט איז דאָך געווען אַ שפּיגל. און וואו איז דאָס פענסטער? ער האָט דאָך געהאַט אַ פענסטער. ער האָט זיך אַ לאָז געטון צום פענסטער, אַ ריס געטון דעם פאָרהאַנג. מיט דער וואַנט אַלס הינטער־

גרונד איז דאָס פענסטער געוואָרן אַ שפּיגל און אין שפּיגל האָט ער ווידער דערזען דעמזעלבן פּאַרשוין.

— וואָס! ווידער דאָ! נאַ, נאַ! אַוועק פון דאַנען! אַוועק! גייסט ניט? נאַדיר! נאַ! נאַ!

אַ צעבלוטיקטן האָט מען אים צוגענומען אין שפּיטאָל פּאַר משוגעים.

ער איז אַ פרידלעכער משוגענער. זיין משוגעת באַשטייט אין דעם וואָס ער איז . . . טויט.

איינער פון די דאָקטוירים, אַ יונגערמאַן נאָר וואָס אַרויס פון אוני־ווערסיטעט און אַריין אין משוגעים־הויז פּראַקטיצירן, האָט מיט אים פאַרפירט אַ שמועס: ווי קענט איר זיין טויט אַז אָט רעדט איר דאָך?

ער האָט אַ שמייכל געטון: נאַרישער מענטש וואָס דו ביסט, און געענטפערט: — געוויס רעד איך, אָבער וואָס באַווייזט עס? דאָס באַווייזט אַז טויטע רעדן.

דער דאָקטאר איז געבליבן זיצן אַ געפּלעפטער פון אָט דער לאָגיק, דער „טויטער" איז אַוועקגעגאַנגען. גייענדיק האָט ער זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ שפּיגל. ער האָט זיך גוט איינגעקוקט, דאַן אַ וואונק געטון: טויט, האַ? נו, ווי דען! דער שפּיגל — אַ מעטאַלענער — האָט צוריקגעוואונ־קען: טויט, האַ? נו, ווי דען!

פון פייער אין פלאם

דער לאַנגער פייער־לעשער וואָגן האָט ליאַרמענדיק זיך פאַרבייגעטראָגן. לופט־כוואַליעס האָבען זיך אַ יאָג געטון פאַרפולן, גאַנץ מאַכן דעם צעריסענעם חלל, פאַרדעקן, פאַרשטעלן — קיינער ניט געפאָרן. דער מאַלער דוד דימענט און זיין פרוי חוה האָבן דאָך ביידע גלייכצייטיק אַ טראַכט געטון: עס ברענט, ווי זאָגנדיק דער זיך שטויסנדיקער לופט: אונז קענסטו ניט אָפּנאַרן, מיר האָבן אַליין געהערט דעם ליאַרם, מיט די אייגענע אויגן געזען דעם פייער־לעשער וואָגן. ווען עס האָט זיך דערהערט דער אָפּשטעל פונם פייער־לעשער וואָגן האָט חוה אַ זאָג געטון: דאָ נאָענט. דער עכאָ פון די צוויי ווערטער האָט אָפּגעקלונגען אין דוד'ס קאָפּ — מיין אַטעליע ברענט. אַ שאַרפן דריי דעם קאָפּ, דאַן אַ ריס דעם אָרעם פון אירן און ער איז שוין געלאָפן.

— וואו לויפסטו? — האָט חוה אַ געשריי געטון און זיך געלאָזט לויפן נאָך אים. ניט זי האָט אים דעריאָגט, ניט די פייער־לעשער האָבן באַוויזן אים אָפּצושטעלן. ווי אַן אויסגעשאָסענע קויל האָט ער זיך אַריינגעשניטן אין הויף, מיטן געוויכט פון גאַנצן קערפּער און מיט דער קראַפט פון אימפּעט האָט ער אויסגעזעצט די טיר אַז ער איז שיר ניט אַריינגעפאַלן אינעווייניק. אַ פייער־פעכער האָט אים אַ פאָכע געטון איבערן פנים, אים אַ שטויס געטון אויף צוריק. אַ כאַפּ די הענט צום פנים, דאַן אַ פאַרזשמורעטער קוק דורך די פינגער־שטאַכעטן. די פלאַמען האָבן געשווינדלט פאַר די אויגן, די היץ האָט געשלאָגן, אָבער דער

בליק האָט שוין באַנומען דאָס גאַנצע הויז, האָט אַ שפּרונג געטון אַרויף צו דער אטעליע, זאָגנדיק דודן: אַהין! געקראָגן דעם באַפעל, האָט ער אויגנבליקליך אַ צי געטון זיין מאַנטל איבערן קאָפּ און בלינד זיך אַ וואָרף געטון אויף די טרעפּ צו דער אטעליע.

— ער איז דאָרטן! — האָט חוה געשריען מיט אַ פאַרשלאָגענעם אָטעם צום פייערלעשער, און, זעענדיק אַז ער באַנעמט ניט וואָס זי זאָגט, האָט זי אים גענומען צופּן ביים לעדערנעם רעקל און געשריען: — ער איז אינעווייניק! ער איז אינעווייניק! — האָט זי געטיקעט מיט דער האַנט און, ווי דאָס וואָלט נאָך ניט געווען קיין גענוגנדער אָנווייז, האָט זי זיך אַ לאָז געטון ווי אַריינצולויפן אין דער ברענענדיקער געביידע.

דעם פייערלעשער'ס האַנט — אַ שטאָלענע צוואַנג — האָט אָנגע־כאַפּט חוה'ס מאַנטל, די פינגער האָבן זיך איינגעקלאַמערט אינם קאָלנער און זי אַ צי געטון אַז אירע פיס האָבן זיך נאָכגעשלעפּט נאָכן קערפּער.
— איר שטייט דאָ! — האָט דער פייערלעשער ווייט ניט העפליך, שיר ניט גראָב אַ זאָג געטון. — אָט די ווייבער מיט זייערע היסטעריקעס... שרייט...! ווער איז עס דאָרטן? אַ קינד אירס? אַ מאַן?! באָר וואָס אַריינגעלאָפן? משוגע! אָדער זי איז משוגע, ווייסט ניט וואָס זי רעדט. אָדער, אויב אַ מאַן, איר מאַן איז טאָקע אַריינגעלאָפן — ניט געזען קיינעם אַריינלויפן — איז ער משוגע.ביידע משוגע. סיי ווי...

— ער איז אויבן! אויפן צווייטן שטאָק! אין זיין אטעליע!

פּאַמעלאַך — חוהן האָט זיך געדוכט דער פייערלעשער באַוועגט זיך קוים און דאָס טוט ער איר אויף צו להכעיס — האָט דער פייערלעשער אָנגענומען אַ לייטער, גענומען אים צושטעלן צו דער ברענענדיקער גע־ביידע, שאַרפע האַק אין האַנט, האָט ער גענומען קלעטערן. חוה'ס פיס, שטייענדיק אויף דער ערד, האָבן דאָך מיטגעקלעטערט מיט'ן פייער־לעשער און ווען זיין שאַרפע האַק האָט זיך אַריינגעשניטן אין פענסטער, צעשמעטערט דאָס גלאָז, האָט זיך ביי איר אַרויסגעריסן אַ געשריי. דער פלאַם וואָס האָט אַ זעץ געטון פון פענסטער, אַ יאָג געטון דעם פייער־לעשער אין פנים אַריין, האָט אַ הויב געטון חוה'ס הענט צו איר אייגענעם פּנים, אים פאַרשטעלט און אים אַזוי געדריקט אַז אירע אַקסלען האָבן אַזש גענומען ציטערן.

דוד׳ס אויגן, וואָס האָבן אַ מינוט פריער מיט איין בליק אַרומגענומען דעם גאַנצן אינעווייניק פון הויז און גלייך באַגריפן וואוהין און ווי אַרויפצולויפן, האָבן איצט געשפּרונגען איבער די ווענט, די בילדער. אַט קנייטשט זיך שוין איין לייוונט, קאָרטשעט זיך, ווערט פאַרצערט פון פייער. בילדער, בילדער, בילדער. וועלכע אָנכאַפּן? וואו איז...? ער האָט עס דערזען, אַ כאַפּ געטון און דאַן ערשט ווידער געבליבן שטיין. ווי לויפט מען אַרויס דערמיט? ווידער האָבן די אויגן אַ בלאָנזע געטון. פייער־צינגער האָבן זיך געררייצט: ׳עסט ניט אַנטלויפן! אַנו פּרואוו...! ער האָט אַ רוק געטון דאָס בילד אונטער איין פּאָלע פון מאַנטל, פאַרוואָרפן די צווייטע פּאָלע, פאַרפעסטיקט די הענט אויפן בילד איבערן בויך און איינגורענדיק דעם קאָפּ זיך אַ לאָז געטון אַט ווי ער וואָלט געוואָלט זיך אונטערטיקן.—ווען ער קען נאָר אַרונטערלויפן די טרעפּ—האָט אַ בליץ געטון אַ געדאַנק... די פייער־פינגער וואָס האָבן זיך געדראַפּעט איבער די טרעפּ אויף אַרויף האָבן אַ גראַבל געטון זיין פּנים. איין האַנט האָט זיך אָפּגעטיילט פון בילד, זיך אַ יאָג געטון צום פּנים, דאָס בילד האָט זיך אַ רוק געטון, אָט אָט רוקט זיך עס אַרויס. דוד האָט זיך אַ דריי געטון מיט איין זייט צו דער וואַנט צו, מיטן עלנבויגן פאַרשטייפט דאָס בילד און זיך גענומען רוקן ביי דער וואַנט אויף די טרעפּ אַרונטער. נאָר קומען אונטן. דער מאַנטל סמאַליעט זיך שוין? נאָך אַ פּאָר טרעפּ, נאָך איין שפּרונג, נאָך... אַ פלאַם האָט אַ גלעט געטון די באַק... ער האָט זיך אַ צאַפּל געטון, זיך אויסגעגליטשט, אומגעפאַלן...

.2

Tיינע שפּיץ פינגער האָבן געגלעט איר האַנט. דער באַריר פון דער הויט האָט דערפילט, דערקענט, עס איז זי, חוה, און ער האָט געפילט זיין פּנים אונטער די באַנדאַזשן שמייכלט. גוט צו פילן חוה׳ן לעבן זיך.
—זיי האָבן מיך פיין איינגעוויקלט,—האָט ער געשפּאַסט ווענגן זיך,—אַפילו די אויגן...
—אין אַ פּאָר טעג אַרום, זאָגט דער דאָקטאָר, וועסטו קענען זען.
—און דאָס בילד?
—דאָס בילד איז דאָ.

— ניט פֿאַרברענט?

— בלויז ביי די ברעגן אַ ביסל. דו נאַרישער בחור, — האָט זי שטי־פּעריש ליבליך צוגעגעבן.

זיינע פינגער האָבן אָנגענומען די הויט פון איר האַנט, אַ קניפּ געטון. דער קניפּ האָט געזאָגט: האָסט מיך ליב, האַ? איך האָב דיך אויך ליב, שטאַרק, שטאַרק ליב. און גלייך האָבן די פינגער גענומען גלעטן, צעגלעטן דעם קניפּ: גוט ליב צו האָבן, גוט...

חוה איז שוין לאַנג געווען אַוועקגעגאַנגען פון שפּיטאָל און דוד האָט נאָך אַלץ געפילט דעם באַריר פון איר האַנט, איר נאָענטקייט. פאַר די פאַרבאַנדאַזשירטע אויגן האָבן זיך פאַרבייגעטראָגן אַ רייע בילדער. וויפיל בילדער ער האָט שוין אויסגעמאָלן! איינציקע געדיינקט ער קוים, דערפאַר אָבער אַנדערע אַזוי דייטליך. פאַרברענט. אַלע אַוועק מיטן פייער. בלויז דאָס איינע בילד איז אים געבליבן, געראַטעוועט. איז עס אַ צופאַל וואָס ער האָט דוקא דאָס בילד געראַטעוועט? ניין, ניט קיין צופאַל. ער קען דייטליך געדיינקען ווי ער האָט געזוכט דאָס בילד, דאָס און ניט קיין אַנדערס. ווען עס איז געהאנגען אויף דער אויסשטעלונג האָט מען געשריבן וועגן דעם. חוה, האָבן זיי אויסגעטייטשט, דאָס איז די ביבלישע חוה, די אורפרוי. ער האָט דאַן געשמייכלט. ביבלישע חוה. אורפרוי. דאָס איז דאָך זיין חוה. זיין חוה! וויפיל מאָל זי האָט פאַזירט פאַר דעם בילד. ער קען נאָך איצט זען ווי זי שטייט אַ נאַקעטע, דער קאָפּ עטוואָס אָנגעבויגן אָן אַ זייט, די דיכן צוגעטוליעט איינע צו דער צווייטער... וויפיל מאָל ער האָט זי שוין געמאָלן! דאָך דאָס בילד איז דאָס בילד, און עס איז זי, חוה, זיין חוה... דער פּנים שמאַרצט ניט, דער קאָפּ ברענט ניט, די הענט שמאַרצן ניט. ער'ט עס איבערקומען. דער עיקר — דאָס בילד איז געבליבן. חוה...

ווען די וואַרטערין האָט גענומען איבערבינדן זיין פּנים האָט ער געבעטן אַ שפּיגל. איצט ווען די אויגן זיינען שוין אָפן וויל ער אַ קוק טון אויף זיך. בלויז איין קוק, זען ווי ער קוקט אויס.

— איר'ט נאָך צייט האָבן זען ווען עס וועט זיך פאַרהיילן, — האָט די וואַרטערין באַפעלעריש, דאָך ניט אָן שטיפערישקייט געזאָגט. — איצט זיצט רואיק און לאָזט מיך טון מיין אַרבעט.

— בלויז איין קוק טון.

— איר דאַרפט ניט קוקן. אַלץ וואָס איר דאַרפט איז זיצן שטיל. מיר'ן אייך שוין צורעכטמאַכן, זאָרגט זיך ניט. — און זי האָט ניט געגעבן קיין שפּיגל. ערשט אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, ווען זי האָט אַרונטערגענומען דעם באַנדאַזש, האָט זי אים דערלאַנגט אַ שפּיגל און אַ זאָג געטון: איצט קענט איר זיך שפּיגלען וויפיל איר ווילט.

מיטן ערשטן בליק האָט ער אַרומגעכאַפּט זיין גאַנצן פּנים, דעם קאָפּ, און ערשט דאַן גענומען קוקן, באַטראַכטן איינצעלנע פּלעצער אויפן פּנים, קאָפּ. דאָ האָט די הויט אויסגעזען גרוי, אָט ווי אַ גרויע פּליסניע פּאַרצויגן, דאָ רויט ווי רויע פלייש, און ביי די שלייפן, דאָרט וואו עס האָבן אַמאָל זיך אָנגעהויבן די פּאות, זעט די הויט אויס אַזוי גלאַנציק אָט ווי... ווי... ווי די הויט פון אַ וואורשט. ער האָט געטאַפּט אָט די „וואורשט הויט" און געפילט זי איז אַזוי גלאַט, כאָטש נעם שייל זי אָפּ.

— נו ווי געפעלט אייך די צורה? — האָט די וואַרטערין געפרעגט מיט אַ בייזוויליקער פאַרוואונדערונג וואָס אַ מאַן שפּיגלט זיך אַזוי לאַנג.

— לאַטעס, — האָט דוד אַ זאָג געטון און איר דערלאַנגט דעם שפּיגל.

— דאָס מאָל האָבן מיר אייך גאַנץ גוט פאַרלאַטעט, — האָט זי מיט שטאָלצער צופרידנקייט פון „אונזער" אַרבעט אים געענטפערט, — אָבער געדיינקט, נאָכאַמאָל זאָלט איר אין פייער ניט קריכן. איר... מאַלער!

אויף דעם „איר מאלער" האָט ער זיך ניט געריכט און ער איז דער־פאַר אנגענעם איבערראַשט געוואָרן ווען ער האָט עס דערהערט. — ניין, איך וועל ניט קריכן, — האָט ער לאַכנדיק צוגעגעבן. געדריקט דער וואַר־טערין די האַנט, איר געדאַנקט און אין אַ גוטער שטימונג פאַרלאָזט דעם שפּיטאָל. חוה וואַרט אויף אים אין דער נייער אַטעליע וואָס זי האָט געדונגען. אים דוכט זיך ער קען דעם פּלאַץ. געוועזן דאָרט אַמאָל. וואַרט, ווער האָט דאָרטן געאַרבעט? זשאַק! און ווער נאָך? אָה, ער'ט שוין זען. אפשר קויפן בלומען? נע... זאָל עס גיין. שוין צו...

3.

ווען אַ ריכטער זאָל אים האָבן גענומען אויף אַ קרייץ־פאַרהער, אים אויספרעגן צו האָט ער זי אַריינגעכאַפּט אין זיינע אָרעמס אָדער זי אים, וואָלט דוד ניט געקענט זאָגן מיט זיכערקייט. איינער איז דעם

צווייטן אַריינגעפאַלן אין די אָרעמס, ער האָט אָבער דייטליך געדיינקט ווי נאָכן ערשטן אויפברויז האָט ער אַריינגענומען איר פּנים צווישן זיינע הענט, זיך גוט איינגעקוקט אין אָט דעם פּנים, און ער האָט געזען ווי אירע אויגן האָבן געבלאָנזשעט איבער זיין פּנים, נאָכדעם האָט ער געזען ווי אירע פינגער האָבן אָנגערירט זיין פּנים, לייכט, זייער לייכט אָנגעריִרט און ער האָט דייטליך דערפילט ווי אירע פינגער האָבן אַ ציטער געטון. אַ לייכטער, גאָר אַ לייכטער ציטער. ער האָט דאַן אַ דריי געטון דעם פּנים, דעם קאָפּ, און ער האָט דערזען דאָס בילד. די אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויפן בילד, דאַן אַ פליכטיקער קוקט אויף חוהן, דאַן איז ער צוגעגאַנגען צום בילד, געשטאַנען, געקוקט דאַרויף, געקוקט לאַנג אָט ווי ער וואָלט גאָר פאַרגעסן אָן דער לעבעדיקער חוה וואָס איז געשטאַנען דאָ ניט ווייט.

— דערקענסט עס ניט?

דוד האָט אַ דריי געטון דעם קאָפּ, אַ וואָרף געטון אַ בליק אויף חוהן, דאַן צוריק אויפן בילד, ווי פאַרגלייכנדיקביידן, דאַן צוגעגאַנגען נאָענטער צום בילד, באַטראַכט די פאַרסמאַליעטע ברעגן.

— בלויז עטוואָס צוגעסמאַליעט,— האָט חוה אַ זאָג געטון, שטייענדיק שוין לעבן אים,ביים בילד.

— אַ קלייניקייט,— האָט דוד אַ זאָג געטון. די אויגן האָבן אַ שפּרונג געטון פונם בילד צו חוהן און צוריק און ער איז אָפּגעגאַנגען פון בילד, באַטראַכט דעם נייעם אַרבעטס צימער. אין אַ גרויסן שפּיגל האָט ער מיט אַמאָל דערזען זיין פּנים.— אַנדערש,— האָט אַ קלאַפּ געטון אין קאָפּ. — זיין פּנים אַנדערש, דאָס בילד אַנדערש, חוה אַנדערש. אירע פינגער האָבן אַ ציטער געטון ווען זיי האָבן אָנגערירט זיין פּנים. און אפשר? אפשר האָט זיך עס אים בלויז געדוכט? די נייע אַטעליע. וועט זיין ניט שלעכט צו אַרבעטן. בילדער. מאָלן. נאָך אַ בליק צום בילד און ער האָט זיך אָפּגעריסן פון דעם, זיך צוגעטוליעט צו חוהן.— און איצט, חוהלע...

געמעגט שווערן דוד איז געווען ערגעץ אויף אַ לאַנגער רייזע און חוה האָט אַזוי פיל צו דערציילן וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעטון אין זיין אָפּוועזנהייט, ווי זי האָט געקראָגן די נייע אַטעליע, ווי זי האָט געזען דעם, ווי זי... דוד איז געזעסן, געהערט, געשלונגען אירע רייד, אָבער נאָך מער איר פּנים. ווי גוט ער קען דעם פּנים. שטערן, ברעמען, מויל. אָט

די בערגעלעך און גריבעלעך און די שאָטנדלעך וואָס טאַנצן אַרום דעם מויל, די דינע ליפּן וואָס קענען זיך פאַרשנורעווען אָבער אויך עטוואָס פאַרקאָשערן. אַ מויל וואָס איז געשאַפן געוואָרן צום קושן, שטאַרק קושן. ער קען זיך אָבער אויך צוקאַפּריזעווען... דער ערשטער אָנזאָג אויף אָט די קאַפּריזן איז דער לייַנגליכער נאָז. די דינע נאָז־פליגל וואָס הויבן אָזש אָן צו ציטערן. און די אויגן! אָט די גרויסע, בלויליכע ווייס־לעך, און די שוואַרצאַפּלען... ער האָט זיי געכאַפּט, די אויגן, קוקנדיק אויף זיין פּנים, אויף זיינע „לאַטעס,“ און ווען זי האָט דערזען אַז ער האָט געכאַפּט איר קוק, האָט זי אַ דערשראָקענע אַ דריי געטון מיט די אויגן, אַ שאָטן האָט פאַרבייגעשוועבט איבער איר פּנים. אָט דער שאָטן, דאָס איז געווען פאַר אים עפּעס נייעס. ניט ווילנדיק האָט ער אַ קער געטון דעם קאָפּ, אַ קוק געטון אויפן בילד. דאָרט איז אַזאַ שאָטן ניטאָ. פאַרן באַהאַלטענעם אויג איז אַרויסגעשוואומען אַ בילד. דוכט זיך דאָס זעלבע בילד וואָס אויף דער וואַנט, אָבער מיט אַ שאָטן איבערן פּנים. און אפשר האָט זיך געגנאַרט זיין אויג? וואָלט ער געקענט אַרויפלייגן אָט דעם שאָטן אויפן לייוונט? ער איז ניט אַזוי זיכער. איצט קען ער שוין דעם שאָטן ניט אָנכאַפּן. ניין, ער קען ניט. אָבער האָט זי ניט צו־געכאַפּט איר קוק? ער איז צו סענסיטיוו, און אפשר נערוועז. שאָטן. גייט עס צום טייוול. חוה, חוהלע!...

נאַכט. קיין ליכט, קיינע שאָטנס, אויגן פאַרמאַכט, הענט, אָרעמס, ליפּן, לייבער דערקענען זיך... חוה. די זעלבע חוה. די זעלבע? זיינע ליפּן זאַפּן זיך איין אין אירע, זי ענטפערט, אָבער אים דוכט זיך זי לאָזט זיך בלויז קושן. אָט לאָזט ער נאָך און איר מויל טוט זיך אַ דריי — איבערגעקומען. אַזוי טוט זיך די בלום אַ טרייסל ווען דאָס זום־פייגעלע ציט מיט אַמאָל אַרויס דאָס שנעבעלע פון בעכערל. ניין, אים דוכט זיך בלויז. חוה! ח־ו־ה־ל־ע! אַן אָנפאַל פון קושן. צונעמענדיג די ליפּן פון האַלז, טוליעט זיך זיין באַק צו אירער און ער דערפילט דייטליך ווי זי טוט אַ דריי אַוועק דעם קאָפּ. ער האָט אַן עפן געטון די אויגן. פינס־טער. ער קען קוים זען איר פּנים. אָבער צו וואָס זען ווען ער פילט ווי זיין קערפּער איז מיט אַמאָל אויסגעלאָשן געוואָרן, פאַר די אויגן האָט ווי אַ בליץ געטון און גלייך פינסטער געוואָרן.

— דודיק! איך בין מיד...

דאָס האָט ער שוין אַמאָל געהערט. אַמאָל האָט דער „איך בין מיד" געקיצלט זיין שטאָלץ. זי איז געזעטיקט פריער פון אים. אַ דערגרייכונג פאַר אים, דעם מאַן. זאָגט זי עס איצט אויך אַזוי? האָט עס היינט גע־קלונגען ווי אַמאָל? אָדער זי קען אים שוין מער ניט פאַרטראָגן? ער קען ניט כאַפּן דעם טאָן, קען ניט איבערהערן נאָכאַמאָל. ניין, ער קען ניט הערן גוט, קען ניט זען. ער קען אַפילו ניט פילן... עפּעס, עפּעס איז דאָ אַזוינס. אַנדערש. אַנדערש. זיין פּנים... איז זיין פּנים געוואָרן טאַקע אַזוי העסליך? און אַז אַ פּנים ווערט העסליך? קריגט אַ מאַמע פיינט אַ קינד ווען דעם קינד'ס פּנים ווערט צעברענט? אַ מאַמע. מאַמע, ווייב, פרוי, מאַן... דוד איז אויך געווען מיד. ניט נאָר קערפּערליך, דער מח האָט זיך אָפּגעזאָגט צו אַרבעטן. איינצעלנע ווערטער, געדאַנקען, ביל־דער האָבן זיך צוזאַמענגעשפּאַרט, פאַרפּלאָנטערט. ניט צו פאַנאַנדער־נעמען זיי, ניט צעפּלאָנטערן. — מאָרגן, מאָרגן,— האָט דער מח ווי זיך געבעטן, און דוד האָט נאָכגעגעבן, איינגעשלאָפן.

גאָלנדיק זיך האָט ער פאַמעלאַך באַטראַכט זיין פּנים, אָנגעקוקט דעם גאַנצן פּנים, באַטראַכט איינצעלנע טיילן. — אַ קאָלדרע צוזאַמענ־געשטוקעוועט פון קאָלירטע שטיקלעך,— האָט ער אַ שמייכל געטון פון זיך. אַ גוטמוטיקער שמייכל. ער האָט דערזען אַ געוויסע האַרמאָניע צווישן די אַלע שטיקלעך, אַ שיינקייט אין דער מיאוסקייט. דאַן האָט ער גענומען טאַפּן יעדן פלאַק, אָנגעשטריינגט צו פילן דעם דינסטן, לייכטסטן באַריר. איז דער באַריר אָפּשטויסנדיק? ער קען ניט פילן. ניין, ער פילט קיין אָפּשטויסנדיקעס. פון אייגענע קלעפּ פילט קיינער קיין ווייטיק, אָבער פון עמיצן אַנדערש'ס? קען עמיצער אַנדערש... ניט פילן עפּעס אָפּשטויסנדיקעס? ער איז צו סענסיטיוו, און אפשר גאָר נערוועז. ערשט איצט וואָלט ער געדאַרפט זיך גוט אויסרוען אַ שטיקל צייט, און אפשר גאָר זיך נעמען צו דער אַרבעט. גערעכט, אַרבעטן. אַרבעטן. בילדער. מיט אַן איילעניש, אַט ווי ער וואָלט אין אַ באַשטימטער צייט געמוזט זיין ביי דער אַרבעט, האָט דוד דימענט זיך אַרויסגעלאָזט אין גאַס איינקויפן פאַר זיך כלי מכשירים, פאַרב צו דער אַרבעט. מיטן גיין האָט דער אימפּעט זיך אויסגעוועפּט, ער האָט שוין גאָר ווי פאַרגעסן נאָך וואָס ער איז אייגנטליך אַרויסגעגאַנגען אין גאַס און אַנשטאָט אַריינגיין אין אַ פאַרב־געשעפט האָט ער פאַרקירעוועט אין קאַפע.

חברה מאַלער האָבן אים פריידיק אויפגענומען. — געמיינט מיר'ן שוין נאָכגיין נאָך דיין אַש!

— גיי שוין גיי, ער'ט שוין אַפילו ניט דערטרונקען ווערן.

— ווענסט זען, ער'ט נאָך אויסמאָלן אַ פּאַרסמאַליעטן פּראָמעטעאוס.

— דעם גאָט אַגני וועט ער מאָלן.

— כ'דיינק מיר זיינען אַלע פייער־דינער. די גאַנצע מאלעריי טויג אויפן פייער.

— נו, וואָס מאַכסטו? — האָט פון אַלע מאלער לוריע זיך נאָענטער צוגערוקט צו דודן. — לאָמיך דיך נאָר אָנקוקן,— האָט ער גוטברודעריש גענומען דרייען דוד'ס קאָפּ, און ביי יעדן דריי, ביי יעדן קוק געמאַכט אַן אַנדער מינע מיטן מויל.

— נו, ווי זע איך אויס?

— ווי אַ פאַרדאַמטער נאַר,— האָט לוריע צוגעוואָרפן און אים אַ צי געטון צו אַ טישל.

— אפשר ב י ן איך אַ פאַרדאַמטער נאַר.

— א פ ש ר! אַ מענטש קריכט אין פייער צוליב אַ בילד.

— דו וואָלסט ניט געקראָכן, וואָס?

— ניין. ניט געשאַפן נאָך דאָס בילד וואָס זאָל זיין מיין מזבח. וואָס פאַר אַ בילד איז עס געווען?

— האָסט עס געזען. חוה.—האָט דוד שטיל צוגעגעבן און אַרונטער־געלאָזט די אויגן.

— דאַן ב י ס ט ו טאַקע אַ נאַר.

— דיר געפעלט ניט דאָס בילד? — איצט האָבן שוין דוד'ס אויגן אַרויסגערופן לוריען, געפאָדערט אַן ענטפער.

לוריע האָט געענטפערט מיט אַן אָפענעם קוק און שטיל צוגעגעבן — ביסט געקראָכן אין פייער ניט צוליבן בילד, ביסטו?

דוד האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגן.

— איצט פאַרשטיי איך שוין,— האָט לוריע ווי צו זיך אַליין אַ זאָג געטון.

— וואָס פאַרשטייסטו? — האָט דוד שוין גערייצט געפרעגט. פון אַלע מאַלער האָט ער דעם לוריע אַמבעסטן ליב. אַ גוטער מאַלער און

נאָך אַ בעסערער חבר. ער האָט עפּעס אַ וועג צוצוקומען נאָענט צו אַ מענטשן, טאַקע אמת נאָענט, אָבער אָפּטמאָל גייט ער שוין צו נאָענט. וואָס פאַרשטייט ער, וואָס?

— די הון בלאָזט זיך שוין,— האָט לוריע אַ זאָג געטון.

— איך בלאָז זיך ניט, אָבער רעדסט טאָ רעד ווי אַ מענטש. פאַרשטייסט. וואָס אַזוינס פאַרשטייסטו?

איין אויג לוריע'ס האָט אַ קוק געטון אויף דודן. — דו ביסט אַ נאַר. וואָס ווילסטו טרינקען?

— איך וויל גאָרניט.

— צוויי קאַוועס! — האָט לוריע באַשטעלט ביים קעלנער. — געוואָרן אַזוי קיצלדיק... נעמסט זיך אַרבעטן?

— דאָס בין איך עס געגאַנגען איינקויפן.

— אַ פּלאַץ האָסטו?

— חוה האָט געדונגען.

זי באַגעגנט גלייך נאָך דער שרפה. געגאַנגען אַזוי פאַרריסן דעם קאָפּ, געמיינט כ'וויס, ביסט געוואָרן אַן „אומשטערבליכער," ערשט זי דערציילט מיר דו ליגסט אַ פאַרסמאַלעטער. דאַן האָב איך ניט פאַרשטאַנען וואָס איז אַזוינס די גדולה אויף איר, איצט פאַרשטיי איך שוין. אַ מענטש פאַר ווערמען מ'גייט אין פייער איז דאָך ניט שייך...

— איז זי געווען שטאָלץ, האַ? — האָט דוד אַן אויפגעלעבטער אַ פרעג געטון.

לוריע האָט אויף אים אַ קוק געטון מיט אַ קוק פון אַן עלטערן וואָס באַדויערט אַ יונגערן, אַ נאַרישערן. ער האָט אָבער גאָרניט געזאָגט און זיך „פאַרטיפט" אין זיין טעפּל קאַווע. דוד'ס אויפגעלעבטקייט איז צעראונען געוואָרן אין לוריע'ס שווייגן. ער האָט אויך אַרונטערגעלאָזט די אויגן צום טעפּל קאַווע אָט ווי ער וואָלט אין דער ברוינער טונקעלער פליסיגקייט געוואָלט עפּעס דערזען, זיך עפּעס דערוויסן.

פאַרוואָס טרינקסטו ניט? די קאַווע איז דאָך שוין קאַלט!

— די קאַווע? איך וויל ניט,— האָט דוד אַ זאָג געטון, זיך אויפגעהויבן, אַ מאַך געטון מיט דער האַנט אַ זיי־געזונט צו לוריען, זיך דערווייטערט פון טישל און אַרויסגעגאַנגען פון קאַפע.

.4

— נו, חוהלע, וואָס דיינקסטו עפּעס וועגן פֿאַזירן פֿאַר מיר פֿאַר אַ ניי בילד?

— ווידער?!

דערהערנדיק אַט דעם „ווידער,‟ דעם דערווידערדיקן טאָן, האָט דוד אויפגעהויבן די אויגן, געקוקט אויף חוהן אַזוי לאַנג, אַזוי צודרינג־ליך, אַז זי האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגן. — האָסט דאָך ד אָ ס בילד, — האָט זי מיט תּרעומות אַ זאָג געטון.

— יאָ, איך האָב דאָס בילד,— האָט דוד ניט אָן טרויער צוגעגעבן און, מיט איין אויג פֿאַרזשמורעט, אַ קוק געטון אויפן בילד,— אָבער איצט וויל איך מאַכן אַן אַנדער בילד. אַנדערש! — האָט ער באַטאָנט.

— אויב דו ווילסט מאַכן אַן אַנדער בילד, פֿאַרוואָס נעמסטו ניט אַן אַנדער מיידל? דאָ געננוג מיידלעך. דאָס פֿאַזירן מאַטערט אויס.

דאָס לינקע אויג דוד'ס האָט זיך אַ הויב געטון אויף אַרויף. האָ? דאָס רעדט חוה? שטונדן לאַנג האָט זי דאָך פֿאַר אים פֿאַזירט און זיך קיינמאָל ניט באַקלאָגט אויף מידיגקייט, איצט רעדט זי וועגן אויס־מאַטערן, ראָט אים צו נעמען אַנדערע מיידלעך. ער האָט געפֿילט דער כּעס אין אים שוועלט אָן, באַלד וועט דער כּעס אים פֿאַרפּלייצן. ער האָט זי אַ נעם געטון ביי די אָרעמס, זי אַ טרייסל געטון. — איך וויל ניט קיין אַנדער מיידל! איך וויל דיך! דיך! — די פֿינגער האָבן זיך געגראָבן אין די אָרעם־מוסקולן און די אויגן זיינען געשפּרונגען צום האַלז — איינגראָבן די פֿינגער אין האַלז אין אירן, זי וואַרגן, טרייסלען זי און וואַרגן: דיך! דיך! אָדער גאָר...

חוה האָט זיך אַ באַוועג געטון צו באַפֿרייען זיך פֿון זיינע הענט.— לאָז! דו טוסט מיר וויי.

ער האָט זי אָפּגעלאָזט. — וועסט פֿאַזירן?

— כ'על פֿאַזירן. צופֿרידן?

דוד איז ניט געווען צופֿרידן. איר שטיין, איר פּאָזע אַזאַ באַכלעסיקע: נו, אָט שטיי איך. די ליניע פֿון איר קערפּער האָט זיך געצויגן צו דער ערד, קיין ליניע איבגאַנצן, עפּעס אַ זעקל פֿלייש מיט ביינער. ער האָט געפּרואווט פֿאַרריכטן, איר אָנווייזן, זי אָנגענומען און אַוועקגעשטעלט

אַנדערש, איז זי געשטאַנען און איר פּנים האָט ממש געשריען: נו שוין! מאָל שוין! מיר ווערט ניט גוט פון דיין מאָלן! מיט אַזאַ פאַזירן קען ער ניט מאָלן. ער האָט זי באַפרייט, געקוקט אויף דער אָנגעוואָרפענער אַרבעט, אויפן פריערדיקן בילד. — וואָס וויל ער? וואָס וויל ער אַרויס־ברענגען אין דעם נייעם בילד? אין יענעם בילד... ער געדיינקט ווי ער האָט געאַרבעט אויפן קאָליר פון דער הויט אין יענעם בילד. אַלס פאַר־בילד האָט ער פאַר זיך געהאַט טיציאַנ׳ס אַ בילד פון אַ פרוי. יענע פרוי, איר פּאָזע, די ליניע און, דער עיקר, דער קאָליר פון איר הויט האָט גע־שריען — ווייב — ער וואָלט זאָגן, נקבה, געשלעכט. אויב טיציאַן האָט דאָס געוואָלט אַרויסברענגען האָט ער עס דערגרייכט. די זעלבע פרוי האָט אָבער אַמאָל מסתּם זיך מתוודה געווען אויף אירע זינד, אַן אויפריכטיקע ווידוי דערצו, האָט פאַרגאַסן אַ טרער, איר געכאַליעטער קערפּער איז איר אַמאָל נמאס געוואָרן, ד אָ ס האָט די ליניע פון קערפּער, דער קאָליר פון הויט ניט געוויזן. זיין חוה האָט געדאַרפט זיין ניט נאָר ווייב, אַ פרוי, אַ מענטש האָט זי געדאַרפט זיין, מיט דער גאַנצער קאָמפּליצירטקייט פון מענטשן, און ער האָט געוואָלט אַז דער קאָליר פון דער הויט, די שפּיל פון ליכט און שאָטן זאָל דאָס אַלץ איבערגעבן. מיט איין קוק זאָל מען עס דערזען. ווי ער האָט געאַרבעט אויף דעם קאָליר, די קאָלירן! און ער איז געווען שטאָלץ — ער האָט זיינס דערגרייכט, אַ מענטש טוט אַ קוק אויף אַ נוס, זעט בלויז די שאָלעכץ, דאָך זעט ער שוין אויך דעם יאָדער. אַזוי האָט ער געדיינקט. איצט? איצט צווייפעלט ער. האָט ער אַליין גע־זען דעם יאָדער אין חוהן? און קען מען פון אַ שאָלעכץ זען דעם יאָדער?

שטונדן לאַנג איז ער געזעסן ביים שפּיגל, געקוקט אויף זיין פּנים. „דאָס אויג איז דער פענסטער פון דער נשמה.“ כדי אַריינצוקוקן אין דער אייגענער נשמה דורכן אייגענעם פענסטער מוז מען אָנקומען צום שפּיגל, אַ פרעמדן פענסטער, אַ פענסטער וואָס האָט איין מעלה—קאַלטע ערליכקייט, וואָס מ׳ווייזט אים, ווייזט ער צוריק. אָט די קאַלטע ערליכ־קייט זאָגט: פלעקן, פליאַמעס, לאַטעס. היִנטער די לאַטעס? אַהין גרייכט שוין ניט די קאַלטע ערליכקייט, אַהין דאַרף מען שוין קוקן דורך אַן אַנדער פענסטער. מיט פאַרמאַכטע אויגן זעט ער, פ י ל ט ער אַז דער דוד אין שפּיגל איז ניט דער אמתער דוד, דאָ אַן אַנדער דוד. און אויך חוה איז אַן אַנדערע, ניט וואָס איר פּנים, די הויט פון איר קערפּער

ווייזט, האָט געוויזן. דאַן האָט ער געדיינקט אַז ער האָט זי געזען און וואָס געזען האָט ער אַרויסגעבראַכט אויף „דרויסן," איצט צווייפלט ער. ער צווייפלט צו ער האָט געזען ריכטיק און ער צווייפלט אינם ד ר ו י ס ן. אַרויסברייניגען דעם א י נ ע ו ו י י נ י ק, דעם גאַנצן פאַרבאַרגענעם, פאַרפלאָנטערטן אינעווייניק.

— דאָס רופן זיי „ליטעראַטור."

קאַלטע ערליכקייט — קונסט. וואַרימע אויפריכטיגקייט — ליטע־ראַטור! ביז איצט געלעבט אין קעלט, געמאָלן פנימער, הענט, פיס, מוסקולן, אָבער מוסקולן, גלידער, אַפילו פון אַ טויב־שטומען, ווי ערליך און געטריי געמאָלן, קענען דאָך ניט איבערגעבן די נאָגענישן פון האַרצן. האַרץ. נשמה. זיך אָנוואַרימען, מאָלן די נשמה, מאָלן זיך ניט ווי מ'זעט זיך דורך אַ פענסטער. אַ שפיגל, נאָר מיטן אינערליכן אויג. ווי וועט אויסזען אַזאַ בילד?

ער האָט קיינמאָל ניט געוואָלט מאָלן קיין זעלבסטפּאָרטרעט. אַ צווייטנס פנים, האָט ער געוואוסט, קען ער בעסער זען ווי זיין אייגענעם. „קיינער קען ניט שטיין ביים פענסטער און זען זיך אַליין גיין אין גאַס." אמת, אָבער פון דעם מענטשן וואָס גייט אין גאַס זעט ער בלויז די שאָ־לעכץ — אַזאַ קאָליר, אַזאַ אויסדרוק, אַזאַ גאַנג ה י י נ ט, מאָרגן, דעם מענטש וועט אָנכאַפּן אַ ציין־ווייטיק, ער'ט קריגן דאָס גרויסע געווינס, ער'ט זיך צעקריגן מיט דער ווייב, וועט גיין אויף אַ זעאונג מיט זיין גע־ליבטער, און די שאָלעכץ איז אַן אַנדערע. און דער מענטש דאָך דער־זעלבער, מער ניט, ער איז קאַפּאַבל אויף אַלץ, אָט ד אָ ס, דעם י אָ ד ע ר זען! חוה זעט אויך ניט מער ווי זיין הויט, זיינע לאַטעס און זיי געפעלן איר ניט. פריער האָט ער בלויז געאָנט וועגן דעם, פאַרדעכטיקט, איצט ווייסט ער עס, זי זעט די לאַטעס אויף זיין פנים און זעט ניט אים. אַ טאָג, צוויי האָט זי שטאָלצירט דערמיט וואָס אַ מאַן איז פאַר איר געלאָפן אין פייער אַריין, אָבער צו האָט זי געזען דעם מענטשן וואָס האָט עס געטון, האָט זי באַגריפן זיין טאַט? האָט זי ניט שטאָלצירט אַמאָל בלויז צוליב דעם אירע אַקציעס זאָלן זיך הויבן? לוריע. זיינע רייד, זיין קוק. וואָס וואָס, קיין נאַר איז ער ניט, און פרויען קען ער. קען פרויען. ער האָט אויך געדיינקט אַז ער קען פרויען, זיין חוהן האָט ער זיכער געקענט, אַזוי

האָט ער געדיינקט. איצט צווייפלט ער. געפּרואווט זי מאָלן, עס גייט ניט. ניט דאָס. ליניע, קאָליר — דאָס האָט ער, אָבער ניט דאָס וויל ער. איר... נשמה! דאָס וויל ער אַרויסברייננגען, און אָט די „נשמה," פילט ער, גליטשט זיך אַרויס פון צווישן זיינע פינגער, ער קען זי ניט כאַפּן, קען זי ניט אַרויפכאַפּן אויפן לייוונט. ער'ט אָנהויבן מיט זיך. הויט, לאַטעס אויפן פּנים, דאָס איז נאָך ניט דוד דימענט, ער'ט אַרויסברייננגען דעם אמתן דוד דימענט, אויב אַפילו קיינער זאָל אים ניט דערקענען אַז דאָס איז ער. דער פרעמדער זעט דאָך ניט טיפער פון דער הויט. ער'ט גיין טיפער.

דוד דימענט האָט זיך פאַרטיפט אין זיין אַרבעט, דעם זעלבסט־פּאָרטרעט. שטונדן לאַנג האָט ער געקענט זיצן ביים מאָלעריי־געשטעל, זיצן מיט פאַרמאַכטע אויגן, טויב, טויט צו דעם אַרום און, אויפגעכאַפּט זיך, געעפנט די אויגן, האָט ער אָדער אַ פּיר געטון מיטן פּינזל, צוגע־לייגט אַ שטריך, אָדער גאָר אַ שטויס געטון דאָס געשטעל און זיך גענו־מען אַרומשפּאַנען איבערן צימער.

.5

דער זעלבסטפּאָרטרעט, דאָס וואָס דוד האָט געוואָלט אַרויסברייננגען אין דעם בילד, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ פיל שווערערע אַרבעט אַפילו ווי ער אַליין האָט געדיינקט. דוד — אַ טשערעפּאַכע וואָס שטעקט ווען עס איז אַרויס דאָס קעפּל, מייסטנס אָבער איז אַפילו דער קאָפּ אויך גע־ווען באַהאַלטן, אַרום דעם גאַנצן דוד אַ האַרטע שאָלעכץ, ניט דורכצו־דרינגען. חוה איז שוין געווען געוואוינט צו זיינע משוגעתן. זי האָט געוואוסט אַז ווען ער „בריט אויס הינדעלעך," „גייט צו קינד," דאַרף זי זיין אַ „נעלם," אַפילו ווען זי איז אין שטוב, דאַרף זי ווי ניט זיין. אַזוי איז עס געווען אַלע מאָל, אָבער די משוגעתן ביים מאָלן דאָס בילד, זינט ער איז געקומען פון שפּיטאָל, דאָס קען זי שוין פּשוט ניט פאַרטראָגן. אַ מענטש זאָל ניט אויסריידן אַ וואָרט! און רעדט מען צו אים הערט ער ניט. ער הערט ניט! האָט עס ניט אַמאָל צו טון מיטן... שפּי־טאָל טאָקע? זי האָט געפּרואווט אים אַרויסשלעפּן אין דרויסן, גיין אויף אַ שפּאַציר, אָבער ער האָט ניט געוואָלט. שפּעט ביינאַכט האָט ער יאָ

געקענט זיך אַרויסלאָזן אָן אַ היטל, אָן אַ רעקל, קומען צוגיין אין אַ פּאָר שעה אַרום, און ווען זי האָט געפרעגט וואו ער איז געווען, איז דער ענטפער געווען: איך ווייס ניט. געגאַנגען. זי האָט עס פּשוט ניט גע־קענט פאַרטראָגן. ווען זי האָט נאָר געקענט איז זי אַנטלאָפן פון שטוב. דודן האָט זי אָבער, ווייזט אויס, ניט אויסגעפעלט, ער האָט זי אַפילו ניט איבערגעפרעגט וואו זי איז געווען.

אַ פּאָר חדשים האָט עס אַזוי אָנגעהאַלטן, ביז איין טאָג ווען דוד האָט זיך צוגעכאַפּט צו דער אַרבעט, ווי אַ מענטש אין דער מדבר כאַפּט זיך צו צו אַ קוואַל וואַסער נאָך אַ טאָג גאַנג. ניט נאָר עסן, אַפילו ליכט, האָט זיך געדוכט, האָט ער ניט געדאַרפט, ער האָט ווי געמאָלן בלינד, דערפאַר אָבער האָט די האַנט געאַרבעט אַזוי זיכער אָט ווי די פינגער וואָלטן שוין געקענט דאָס בילד „אויף אויסנווייניק.‟

פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט, איז ער געבליבן זיצן פאַרן בילד, געקוקט, געקוקט, אָבער וואָלט אַ זייטיקער צוגעזען ווי דוד איז געזעסן וואָלט ער געצווייפלט צו דוד האָט גאָר געקוקט אויפן בילד. דוד האָטווירקליך געקוקט מער אויף אין זיך, בלויז ווען ניט ווען גע־וואָרפן אַ בליק אויפן בילד, פרעגנדיק: ענליך? דאָס איז עס? האַר־מאָנירן די פלעקן פון זיין פּנים מיט די נשמה־פלעקן וואָס ער האָט אַנט־פלעקט? איז דאָס דוד דימענט? וואָלט ער אָן די לאַטעס אויפן פּנים געפונען די אינערליכע לאַטעס און זיי אַרויסגעבראַכט? און זיי זיינען דאָך געווען דאָרט? וואָלט ער זיי גאָר געזוכט? איצט האָט ער געפונען אַלטע פלעקן און אויך נייע, צוגעקומען שוין אַ דאַנק די פלעקן אויפן פּנים טאַקע. אָבער ניט נאָר פלעקן און לאַטעס האָט ער געפונען, ער האָט דאָך אויך געפונען ליכט און פרייד, און אָט די ליכט און פרייד דאַרף דורכדרינגען אָט די פלעקן און לאַטעס, זיך דורכשלאָגן דורך זיי. און אָט די פאַרבן־שפּיל דאַרף עס אַרויסברייננגען דוד דימענט, ניט דער דוד דימענט וואָס דער שפּיגל ווייזט, וואָס אַן אַנדערער זעט, נאָר דער אמתער דוד דימענט. וועט עמיצער אַנדערש אויך דערזען וואָס ער האָט געזען, וואָס ער האָט זיך באַמיט אַרויסצוברייננגען און וואָס, ער דיינקט, ער האָט אַרויסגעבראַכט?

נאָך אַזאַ בליק האָט ער אַ דריי געטון דעם קאָפּ און אַ רוף געטון: חוה! קיין ענטפער איז ניט געקומען. — חוה! — האָט ער נאָך אַמאָל

גערופן, און ווען קיין ענטפער איז אַלץ ניט געקומען, האָט ער זיך אויפ־געהויבן, געגומען זוכן אָט ווי מ׳זוכט אַ פאַרלאָרענע מטבע און ניט גע־קענט באַגרייפן וואו איז זי דאָס אַהינגעקומען. ער מוז זי זען. זי מוז זיין די ערשטע צו זען דאָס בילד און ער וועט זיך גוט צוקוקן, זען וואָס וועט זי דערזען אינם בילד, צו וועט זי עפּעס דערזען, זי מער ווי ווער עס ניט איז, האָט ער דאָך געמאָלן דאָס בילד צוליב... איר, זי זאָל אים דערזען, דערקענען, ניט זיין פּנים, זיינע לאַטעס, נאָר אים...

חוה איז ניט געווען און זי איז ניט געקומען. אַ שעה, צוויי און זי איז אַלץ ניט געקומען. וואו קען זי זיין? ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן און אים האָט זיך גענומען דוכטן אַז ער האָט זי שוין ניט געזען אַ פּאָר טעג. איז עס מעגליך אַז זי איז טאַקע די גאַנצע צייט ניט געווען? קען ניט זיין! וואַרט נאָר, וואָס איז געווען נעכטן? דוד האָט זיך באַין אופן ניט געקענט דערמאָנען דעם נעכטיקן טאָג, די נאַכט. האָט ער זיך געלייגט שלאָפן? עפּעס געדענקט ער ניט. זאָל ער האָבן געזעסן פאַרן בילד? ער איז אָבער ניט שלעפעריק. ער א י ז הונגעריק. מיט אַמאָל האָט ער דערפילט דעם הונגער. אין שאַפע וואו עס ליגט גע־וויינליך שפייז, האָט ער, אויסער אַ פאַרדאַרט שטיקל ברויט, גאָרניט געפונען. ער האָט עס אַ נעם געטון אויף די ציין, צעבראָכן, צעקייט, און דאָס דאַרע שטיקל ברויט האָט נאָך פאַרשאַרפט דעם הונגער, געוועקט דעם אַפּעטיט, געזאָגט — גיי עסן! ער וואָלט ניט געוואָלט אַרויסגיין. ווי אַז ער וועט אַרויסגיין און חוה וועט אָנקומען? ער מוז זען איר ערשטן איינדרוק פון דעם בילד. אָבער ווער ווייסט ווען זי וועט קומען. ער׳ט זיך לאַנג ניט זאַמען, ער׳ט בלויז אַרונטערגיין אין קאַפע, כאַפּן אַ ביס. שוין טאַקע לאַנג ניט געווען דאָרט.

וואָס האָבן די חברה מאָלער אים אַזוי אויפגעכאַפּט מיט זייערע אויגן ווען ער איז אַריינגעקומען? אַזעלכע שרייענדיקע קוקן און אַזעל־כע שטילע סודערייען אָדער גאָר סודותדיק שווייגעניש? אפשר האָט זיך עס אים געדוכט. און ווידער, ער איז ה ו נ ג ע ר י ק! עסן וויל ער! עסן!

ער איז געווען פאַרטיפט אין עסן ווען לוריע האָט זיך צוגעזעצט צו זיין טישל. — אָה, העללאָ! — האָט ער ווי אויפגעכאַפּט זיך פון דער אַכילה און געענטפערט אויף לוריע׳ס באַגריסונג.

— רייבסט! — האָט לוריע גוטמוטיק געשפּאַסט, אָנווייזנדיק אויפן טעלער.

— הונגעריק ווי אַ וואָלף—האָט דוד גאָר ניט וועלפּיש געענטפערט.

— וואו ביסטו עס פאַרפאַלן געוואָרן? געאַרבעט? געזען חוהן...

— וואו האָסטו זי געזען? — האָט דוד אַ פרעג געטון מיט מער ווי נייגעריגקייט אין טאָן, אַ הויב טוענדיק דעם פּנים צו לוריען.

דער טאָן פון דער פראַגע, דוד'ס קוק האָט איבערגעגעבן לוריען די אנגעלאָדנקייט פון דער פראַגע. ער האָט מורא געקראָגן פאַר אַן עקספּלאָזיע און געפּרואווט זיך אַרויסדרייען מיט אַ וויץ. — וואָס הייסט וואו? אין פּ נ י ם האָב איך זי געזען!

— איך פרעג דיך ו ו א ו האָסטו זי געזען? — האָט שוין דוד צערייצט געענטפערט. — ווען האָסטו זי געזען?

— ערשט היינט אינדערפרי, גייענדיק אין גאַס...

— ס'אַ ליגן! האָט דוד אַ געשריי געטון, אַ לייג טוענדיק איין האַנט אויפ'ן טיש. לוריע'ס קוק אויף אים — ביסטו משוגע, צו וואָס? — האָט אים געצוואונגען אַרונטערצולאָזן די אויגן, די פינגער האָבן אַריינגע־נומען דעם גאָפּל אָט ווי זיי וואָלטן אים געוואָלט צעבויגן, און נאָך דעם נערוועזן קנייטשן דעם גאָפּל האָט ער שטיל אַ פרעג געטון: מיט וועמען איז זי געגאַנגען?

לוריע האָט אָנגעשטריינגט געקוקט אויף דודן. זיין קוק האָט גע־זאָגט: אַ רחמנות אויף דיר, איך וויל דיר דעם קלאַפּ ניט דערלאַנגען, אָבער די אַלע חברה דאָ ווייסן דאָך שוין, לאַכן פון דיר וואָס דו ביסט אַזוי בלינד, איז דען ניט גלייכער עפענען די אויגן, ווער שמועסט נאָך אַז דו באַשטייסט דארויף, ווילסט דוקא וויסן מיט וועמען. דוד'ס קוק האָט געמאָנט אַן ענטפער און לוריע האָט שטיל, אָט ווי ער וואָלט גע־וואָלט מילדערן דעם קלאַפּ, אַ זאָג געטון: מיט דזשאַקן.

— ד ז ש אַ ק? — האָט דוד איבערגעפרעגט און דאָס מויל זיינס איז געבליבן אָפן. די אויגן האָבן זיך פאַמעלאך אַרונטערגעלאָזט, דאָס מויל האָט זיך צוגעמאַכט, די האַנט האָט אַ נעם געטון דעם גאָפּל און אַ ליידיקן אים צוגעטראָגן צום מויל. כאַפּנדיק זיך אַז אויפן גאָפּל איז גאָרניטאָ, האָט דוד שנעל אַ שטעק געטון דעם גאָפּל אין אַ שטיקל פליישׁ, גענומען קייען האַסטיק. דער טעלער, דאָס עסן — דאָס איינציקע אין

וואָס ער איז פֿאַראינטערעסירט. לוריע? ער זיצט ניט ביי זיין טיש, ער עקזיסטירט ניט.

לוריע האָט זיך אַ הויב געטון, אַ שאָר געטון דאָס ביינקל. דוד האָט אַ הויב געטון די אויגן, פֿאַרשנדיק אַ קוק געטון אויף לוריען. לוריע האָט אַרונטערלאָזנדיק די אויגן ווי צוגעגעבן: יאָ . . . און אין דער הויך אַ זאָג געטון: נו, אַ גוטן . . .

— וואַרט! האָט דוד אַ זאָג געטון. ער האָט אַ טאַפּ געטון זיין קעשענע פֿון אויבן אויף. — האָסט עפּעס געלט ביי זיך?

— וויפֿיל דאַרפֿסטו?

— וויפֿיל דו האָסט.

מיט אַ קוים באַמערקבאַרן שמייכל האָט לוריע אַרויסגעצויגן פֿון קעשענע אַ פּאָר פּאַפּירלעך און דערלאַנגט. דוד האָט זיי צוגענומען ניט אַ קוק טוענדיק אַפֿילו וויפֿיל דאָרט איז געווען און זיי געשטורכעט אין זיין קאַמזויל קעשענע. — דיר אָפּגעבן,— האָט ער אַ זאָג געטון. לוריע האָט, שטייענדיק, נאָך אַמאָל אַ קוק געטון אויף דודן, אַ מיטפֿילנדיקער קוק, אָבער צוליבן שמייכל און צוליב דעם וואָס ער איז געשטאַנען און דוד איז געזעסן איז דער קוק אַרויסגעקומען אַ פֿון אויבן־אַרונטער־קוק. ער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, אַזוי אַרום זיך געזעגנט מיט דודן און אַוועקגעגאַנגען פֿון זיין טישל.

6.

— הייסט עס, דזשאַק,— האָט דוד אַ ברום געטון צו זיך אַליין. ער האָט אומגעדולדיק גערופֿן דעם קעלנער, באַצאָלט און אַרויסגעגאַנגען פֿון קאַפֿע.

דער נאָמען דזשאַק, פֿריער אַ טעמפּער קלאַפּ, איז אין גאַס געוואָרן אַ מין מאָדנע קליין, קיילעכדיק מענטשעלע, אַ יאַנקעלע־באַנקעלע, וואָס האָט געטאַנצט אים אַנטקעגן, געמאַכט גרימאַסן. טוט ער אַ שאָר מיטן אָרעם צו פֿאַרטרייבן דאָס מענטשעלע, גיט זיך עס אַ לאָז אויף הינטן. באַלד אָבער איז עס ווידער פֿון פֿאָרנט, טאַנצט אויף הינטערוויילעכס, מיטן פּנים צו דודן.

— דזשאַק... דזשאַק... איצט פאַרשטייט ער שוין. ניט אומזיסט האָט זי עס געדונגען זיין אַטעליע. און דאָס האָט זי געטון ווען ער איז נאָך געווען אין שפיטאָל, ווען מער ווי באַנדאַזשן האָט זי כמעט גאָרניט געזען. אָבער באַנדאַזשן זיינען שוין אויך געווען אַ געניגנדיקער אָנזאָג. דזשאַק. אַזאַ פּוסטע כּלי. דער מענטש קען אַ פּינזל ניט האַלטן. ניט איין מאָל האָט ער געקוקט אויף אים, באַטראַכט זיין געשניצט פּנימל, זיין שלאַנקן קערפּער. דער גאַנצער מענטש אַ מין דין, איידל וואַזעלע און זיך געוואונדערט — אַ קאַפּריזנע דאַמע די נאַטור, דער פייגנבוים איז צעדרייט, גאַנץ אָפּט אומגעלומפּערט צעוואַקסן, און דער צעדער — פּרוכטלאָז דערפאַר אַזוי צירליך, שיין. דער דזשאַק שיין?

דוד טוט אַ שנעלן שפּאַן, פאַרטרייבט דאָס מענטשעלע וואָס טאַנצט אים אַנטקעגן. אַן אַטעליע מוז ער דינגען. גלייך שוין. אין יענער שטוב קען ער מער ניט זיין. אייגנטליך האָט ער דאָך אויף דעם טאָקע געבעטן געלט ביי לוריען. לוריע... גייט ער אויך צום טייוול. דוד נעמט שפּאַנען נאָך שנעלער, פאַרטרייבנדיק אויך לוריען. אַן אַטעליע דינגען, גלייך, שוין! און אַז זי וועט קומען? קומען און אים ניט טרעפן? ער׳ט וואַרטן. די איינע נאַכט. אַרויסקלייבן זיך, דאָס איז זיכער, אָבער די איינע נאַכט — וואַרטן.

טעפּ־טעפּ־טעפּ. ווייבערישע, הויכע, דינע קנאַפּעלעך אויפן שטייגערנעם טראָטואַר — אַ שטויסל וואָס שטויסט די שטילקייט שנעל, שנעל. די שטילקייט, אַ דיקע, אָבער אַ ווייכע, זאַפּט איין די שטויסן און בלייבט ווידער ליגן אַ תּמעוואַטע: געגאַנגען ווער? איך ווייס ניט.

ניט זי.

טור־רע־רוף. טו־רע־רוף.

עמיצער טאַפּט, גראַבלט די טיר.

— אַריין!

שטיל, און... טו־רע־רוף.

— ס׳איז אָפן! ס׳איז אָ פ ן! ווער...?

דוד האָט זיך אַ הויב געטון, צוגעגאַנגען, אַן עפן געטון די טיר. עמיצער איז אַ לאַף געטון. גרינע, קעצישע אויגן האָבן אַ בלענד געטון.

— גיי צום טייוול!

דוד האָט אַ זעץ געטון מיט דער טיר, אַרויסגעלאָפן אין דרויסן.

7.

אין דער נייער אטעליע האָט דוד איבערגעטראָגן די צוויי בילדער — זיין זעלבסטפּאָרטרעט און דאָס בילד „חוה“, דאָס זעלבע בילד וואָס ער האָט אַרויסגעראַטעוועט פון פייער.

ווידער איז דוד פאַרפאַלן געוואָרן, זיך ניט געוויזן אין קאַפע, אין ערגעץ. בייטאָג איז ער שטונדן לאַנג געזעסן, געקוקט אויף די צוויי בילדער, אויף זיך, אויף חוהן, און אין אָוונט, ווען ער האָט קיין ליכט ניט אָנגעצונדן, בלויז אין קאַמין געמאַכט פייער, איז ער געזעסן, געקוקט אין פייער אַריין און דאָך געזען בילדער, פּנימער.

זיין אויטאָפּאָרטרעט האָט נאָך קיינער חוץ אים ניט געזען. ער מיט די פלעקן, לאַטעס אויפן פּנים. קוקנדיק אין פייער זעט ער דאָס בילד וואָס איז אַרויסגעקומען פון אונטער זיינע פינגער, זעט זיך אויך מיט זיין אינערליך אויג און די צוויי דודס האַרמאָנירן. דאָס איז דוד דימענט. פלעקן, פליאַמעס, אויסערליכע און אויך אינערליכע, אָבער אויך ליכט און פרייד. די פלעקן און פליאַמעס — וואָלקנדלעך פאַר אַ זונענאונטערגאַנג אָדער אויפגאַנג, מאַכט רייכער, קאָלירפולער. ניט אומזיסט זאָגט מען: נאָך אַ שרפה ווערט מען רייכער... ער איז באַרייכערט געוואָרן. וועט אָבער עמיצער אַנדערש זען אָט די פלעקן אין דעם ליכט? דערזען די שפּיל פון פאַרבן, די האַרמאָניע? „עמיצער אַנ־דערש“ זעט דאָך בלויז דאָס ציפּערבלעטל, ניט די רעדעלעך און שרייפעלעך, די שפּרינגפעדער פון זייגער. האָט אַ שיין ציפּערבלעטל דער דזשאָק...

ווי וואָלט געווען ווען ער זאָל אים אויסמאָלן, דעם דזשאָק? אויס־מאָלן ניט נאָר דאָס ציפּערבלעטל, אויסמאָלן... אויסמאָלן... ער האָט עס! דאָך דאָ קינדערישע זייגערלעך מיט אַ ציפּערבלעטל בלויז. אויס־מאָלן אַ „שיין,“ גאָר שיין פּנימל, נאָר פון אונטער אָט דער שיינקייט זאָל אַרויסלייכטן, זאָל זיך דורכזעצן אַ פּוסטקייט, אַ ליידיקייט, די שיינ־קייט זאָל זיך צעגיין אין דער פּוסטקייט.

אים געפעלט עס. ער טוט זיך ראַש אַ הויב — זיך נעמען גלייך מאָלן! די פינסטערקייט אין צימער גיט אים אַ שטויס אויף צוריק. ער בלייבט שטיין. דאָס פייער אין קאַמין וואַרפט ליכט־פלעקן, שאָטנס

טאַנצן, צווישן די ליכט־פלעקן און שאָטנס שפּרינגען אונטער די צוויי בילדער אויף די ווענט — ער און חוה. חוה־דזשאַק. זי האָט אים ניט אויפגעזוכט... זיין בילד האָט זי ניט געזען... ניין, ער'ט ניט גיין... זאָל זי אים זען מיט די פלעקן אויפן פּנים אָט ווי זי איז אַוועקגעגאַנגען, דערפאַר זעט ער זי...

ער בלייבט שטיין פאַרן בילד.

אַ פּייער־ציגל פון קאַמין גיט קוים קוים אַ לעק דאָס בילד, אַ ליכט־פלעק און ווידער פינסטער, דוד שטייט דאָך פאַרן בילד, זעט עס מיט דעם געדעכעניש אויג, אָט דאָס אויג וואָס ווייזט אָבער ניט איין בילד, נאָר עטליכע, פאַרשידענע בילדער — חוה דאַן, חוה דעמאָלט, חוה אַזוי, חוה אַזאַ... די בילדער שווינדלען קינעמאַטאָגראַפיש ביז עס בלייבט בלויז אַ ליידיקער לייוונט און איבער דעם לייוונט, אין דער פולער ברייט איין שורה — חוה. די דריי בוכשטאַבן וואַקסן אין דער הויך, יעדער אות אַ זייל וואָס בויגט זיך, אָט אָט פאַלן אום די דריי זיילן, פאַלן אויף אים...

פּאַמעלאַך האָט דוד אַרונטערגענומען דאָס בילד, זיך אַוועקגעזעצט ביים קאַמין און האַלטנדיק דאָס בילד אַנטקעגן פייער גענומען עס באַ־טראַכטן. פייער, ליכט־שאָטנס, פלעקן... אָט דאַן ווען ער איז גע־שטאַנען אין זיין ברענענדיקער אַטעליע, געזען די פלאַמען זיך דראַפּען אויף די ווענט, איבער די בילדער, האָט ער דאַן געזען דאָס בילד אין יענער ליכט? ניין, דאַן האָט ער ניט געזען. איצט זעט ער — חוה. חוה? ניין, אַ טעות. די ריכטיקע חוה וועט ער ערשט אויסמאָלן. און די?

פּאַמעלאַך דערנעענטערט ער דאָס בילד צום פייער אין קאַמין, אַזוי פּאַמעלאַך אַז ער פילט די היץ, שיר ניט דעם ברען פון פייער, אָט אָט כאַפּן זיך אָן זיינע הענט. פייער אויף זיינע הענט, פייער אויף זיין פּנים... ניין... פּאַמעלאַך לאָזט ער אַרויס דאָס בילד פון די הענט, זעט ווי די פלאַמען נעמען לעקן דעם לייוונט. די הענט טוען זיך אַ שטרעק צום פייער, ער טוט זיך אָבער אַ כאַפּ אויף צוריק, זינקט איין אין זיין שטול, הענט הייננען שלאַבערדיק, בלויז די אויגן זעען צו ווי דער לייוונט, דורכגעברענט אין איין פּלאַץ, נעמט זיך וויקלען, קנייטשן, אָט זעט זיך נאָך דער פּנים, דער שטערן, אָט... פאַרברענט, אָבער נאָך ניט איבערגעברענט. דער לייוונט האַלט זיך נאָך, ער קען נאָך זען, ער קען נאָך דייטליך זען... דער לייוונט שפּאַלט זיך, צעפאַלט זיך. אַש. אַש.

— אַש,— האָט דוד אַ זאָג געטון, נעמענדיק אַ שטיקל איבערגעבּרענטן לייוונט צווישן די פינגער.— אַש.— ער האָט אַ רייב געטון מיט די פינגער — אַש. דער מאלער האָט זיך איינגעקוקט אינם קאָליר פונם אַש. אַש איז גרוי. מ׳פאַרברענט אַ שטיקל האָלץ אָדער אַ מענטשן לעבעדיקערהייט, אַ שמאַטע אָדער אַ בילד פון חוהן... אַש, גרוי. און ווי וועט ער זאָל אויסמאָלן רויט־גרויען אַש? וועט מען זאָגן דער מאַלער איז משוגע אָדער גאָר ער איז בלינד. זאָל מען. ער׳ט מאָלן ווי ער זעט. און ער זעט...

די גליענדיקע רויטע קוילן האָבן זיך גענומען פאַרציען מיט אַ דינעם, ווייכן, ווייס־גרויען אַש. דער אַש איז געוואָרן אַלץ טונקעלער, אָבער די קוילן האָבן נאָך אַלץ געגלימערט...

נסיונות

אונטערן בייטש

דאָס זיידענע שטריקל

אַש

די צוויי נסיונות

דער פייער־טאַנץ

אונטערן בייטש

אַ קלאַפּ פון אַ קולאַק אין לינקן קינבאַק האָט אַ שטויס געטון דעם קאָפּ אויף רעכטס. דער גאַנצער קערפּער האָט זיך אַ וואַקל געטון. די פּינסנע איז אַרונטערגעפאַלן. דער קלאָרער קלאַנג פון צעבראָכן גלאָז איז פאַרשטיקט געוואָרן פון אַ גראָבער שטיוול־פּאָדעשווע וואָס האָט אַרויפגעטראָטן און צעקוועטשט, צעמאָלן די שטיקלעך גלאָז. דער שוואַרץ־העמדלדיקער שוץ־שטאַפּלער פון דער צווייטער זייט האָט דערלאַנגט מיט אַ קולאַק אין רעכטן קינבאַק. דער קאָפּ האָט דאָך ניט צוריקגעקראָגן די גלייכגעוויכט. דאָס מויל פול מיט בלוט, לויזע ציין, די אויגן, נאַקעטע, אָן די ברילן, זיינען פאַרלאָפן געוואָרן מיט וואָס מ׳רופט געוויינליך אָן טרערן. פינסטער. דער צימער האָט זיך גענומען דרייען, די ערד האָט זיך אַ וויג געטון, ער איז אומגעפאַלן.

— אויפשטיין!

אַ נאָז פון אַ שטיוול האָט געשטורכעט אין זייט, געהאַמערט אין די ריפּן. די שפּיץ פינגער האָבן זיך געקלאַמערט אן דיל, די קני האָבן זיך אָנגעשטריינגט, די הענט האָבן זיך אָנגעשפּאַרט, געהאָלפן זיך אויפ־שטעלן. דער קאָפּ האָט זיך אַ הויב געטון און זיך אַראָפּגעלאָזט, קני און הענט האָבן נאָכגעלאָזן, בויך און פּנים זיינען צוגעפאַלן צום באָדן. בלוט, ציין אויפן באָדן.

— דער איז צו שוואַך. מיט אים דאַרף מען זיך באַנעמען איידל...

— האָט דער אויספאָרשער אַ זאָג געטון צו זיינע באַהעלפער מיט אַן איידלען... שמייכל, באַגלייט פון אַ האַנט־באַוועגונג. לעאָן לעווענטאַל

האָט דערפֿילט ווי די האָר פֿון זיין קאָפּ רייסן די הויט פֿון זיין שאַרבן. איין שוץ־שטאָפּלער האָט אים אַזוי אַרום אויפֿגעהויבן, צווייען האָבן אים אַרויסגעשלעפּט פֿון פֿאַרהער־צימער.

ווען ער האָט געעפֿנט די אויגן און דערזען אַ מענטשן לעבן זיך האָט ער דערשראָקן און פֿאַרחידושט אַ קוק געטון. דאָס איז דאָך ניט זיין צעל. ער איז דאָך געזעסן אַליין. האָט מען געבראַכט אַזוי פֿיל נייע אַז עס איז איינג געוואָרן, אָדער איז ער שוין איבערגעקומען זיינס, שוין „גלייכגעשאַלטעט," און קען שוין זיצן מיט נאָך מענטשן? איינער, צוויי, דריי. דער מענטש לעבן אים איז געזעסן אויף דער ערד, זיך ניט גע־רירט, בלויז אַ פּיר מיט די אויגן האָט געגעבן צו וויסן: איך וויס, נאָך אַ מענטש איז אַריינגעוואָרפֿן געוואָרן, איז שוין געקומען צו זיך נאָכן פֿאַרהער. מער ניט. לעאָן לעוועגטאַל האָט געפּרוּווט זיך אויפֿזעצן, דערפֿילט אַ שאַרפֿן שטאָך אין זייט, זיך אַ כאַפּ געטון, צוגעפּרעסט די האַנט צו דער זייט און פֿאַמעלאַך זיך דאָך אויפֿזעצט. די האַנט האָט זיך אָפּגעטיילט פֿון זייט, זיך דערנעענטערט צום פּנים, גענומען טאַפּן אַרום די אויגן, די באַקן, די אונטערשטע יאַסלע.

— וויפֿיל? — האָט דער מענטש דערביי אַ פֿרעג געטון.

לעאָן לעוועגטאַל האָט דערשראָקן אַ דריי געטון דעם קאָפּ, דערזען אַ פֿאַרשוואָלן פּנים. צוויי פֿינגער האָבן אַ צי געטון די אונטערשטע ליפּ, אַנטפּלעקט רויע יאַסלעס. — מיר פֿעלט דריי, — איז אַרויסגעקומען האַלב צעקייט פֿון דעם עטוואָס געעפֿנטן מויל.

לעאָן לעוועגטאַל האָט געטאַפּט מיט די פֿינגער די יאַסלעס, אַזוי אַרום געציילט די אויסגעקלאַפּטע ציין. אַ שפּיגל האָט אַ שימער געטון פֿאַרן אינערליכן אויג, די אויגן האָבן דערזען אַ שפּיגל — זיין שכן. אָט אַזוי מוז איך אויסזען.

אַ צווייטער מענטש — אַ שפּיגל. ניט קיין ביישפּיל — אַ שפּיגל. אָט די נייע דערפֿאַרונג האָט אַזוי שאַרף אַ בלישטשע געטון פֿאַר לעאָן לעוועגטאַל אַז ער האָט מיט אויפֿגעריסענע אויגן גענומען קוקן אויף זיינע דריי שכנים.

— לאַנג דאָ?

— נעכטן. איר?

— פֿיר־און־דרייסיק טעג.

די „פיר־און־דרייסיק טעג“ האָבן נאָך מער אויפגעריסן לעאָן לעווענ־טאַל׳ס אויגן. — פיר־און־דרייסיק טעג און... און איר לעבט נאָך? — האָט ער שיר ניט אויסגערופן, אָבער דאָס מויל האָט ניט אַרויסגעלאָזט קיין קלאַנג. די צעל־שכנים האָבן אויך ניט גערעדט, בלויז מיט די אויגן באַטאַפּט דעם נייעם שכן. לעאָן לעווענטאַל׳ס אויגן האָבן אַריינגענומען אַ ברייטן, געזונטן פּנים מיט אַ צעביילטן שטערן־שלייף און אַ פאַרלאָפן אויג; אַ לייגגליכן פּנים מיט אַ צעקלאַפּטן נאָז; זיין נאָענטסטן שכנ׳ס פּנים מיט דער פאַרשוואָלענער באַק. פאַר אַ מאָמענט האָבן לעווענטאַל׳ס אויגן זיך פאַרגנבעט אונטער די קליידער און דערזען דאָרט מילך־בלויע צייכנס פון גומענע שטעקנס און זיך גלייך פאַרמאַכט.

פויסט. אין זיין וועלט האָט ער קיין פויסט ניט געזען. אין זיין וועלט האָט מען זיך געשלאָגן מיטן צונג, זיך געשטאָכן מיט דער פען. ער האָט געוואוסט עס איז דאָ אַ פויסט, אָבער בלויז געוואוסט, קיינמאָל געפילט, און האָט מורא געהאַט פאַרן פויסט מיט דער מורא פון אַ קינד פאַר פינסטערניש; ביים בלויזן געדאַנק פון אַ פויסטן־קלאַפּ האָט זיין קערפּער זיך איינגעשרומפּן — פויסטאָפּאָביאַ. ערשט דאָ איז ער גע־קומען פּנים לפויסט אין בוכשטאַבליכן, פיזישן זין. זיין האַנט האָט אַ פיר געטון איבערן פּנים, געטאַפּט דעם קינבאַק. ער קען ניט פילן ג ע נ ו י דעם זעלבן ווייטיק, דאָך האָט ער אַ ציטער געטון, געעפנט די אויגן. אויך זיי, אָט די מענטשן דאָ, ברייטפּלייציקע, האַרטפּנימדיקע, קענטיק אַרבעטער, אויך זיי האָבן געפילט דעם פויסט. זיינען זיי אומ־געפאַלן ווי ער? און ווען אומגעפאַלן, זיינען זיי אויפגעשטאַנען? ער איז אומגעפאַלן און נ י ט געקענט אויפשטיין.

אָט די דעראיינערונג, ניט אַזאַ פיזיש פיינליכע ווי דער פויסט גופא, האָט דאָך זיך אַרויפגעלייגט אויף אים זייער שווער, געדריקט זיין געמיט. אומגעפאַלן. שוואַך. זיי און ער. זיין קערפּער. זיצנדיק, מיט פאַר־מאַכטע אויגן, האָט ער זיך געזען אַ נאַקעטן, אין פולן וואוקס. קליין, דאַר, אַ היגערשע ברוסט, אַן אויסגעקיילעכיקטע פּלייצע, די קלעוויקאַל ביינער ביים האַלז קען ער ממש אַרומנעמען מיט די פינגער. די פינגער — לאַנ־גע, דינע, „פאַרשניצטע,“ שרייבערישע פינגער. ער האָט געעפנט די אויגן, באַטראַכט זיינע פינגער, געזען די נעגל זיינע באַזוימט שוואַרץ, אַ טראַכט געטון: געדאַרפט זיי אויסרייניקן, און תוך־כדי־מחשבה אַ

שמייכל געטון — מער פעלט דיר גאָרניט. די ברילן אָבער... ער האָט אַ פיר געטון מיט אַ פינגער איבער די אויגן. אָן די ברילן איז ער אַזוי גוט ווי בלינד. קורצזיכטיק. ניט קיין פלאָץ פאַר ברילן, נאָך פינסנע דערצו. זיך מוזן באַגיין אַזוי. צוגעוואוינען. זיינע שכנים? ער האָט זיי גענומען באַטראַכטן.

די טיר האָט זיך אָן עפן געטון. ער האָט דערפילט, דערזען ווי זיינע שכנים שפּרינגען אויף. אויפשפּרינגענדיק, האָט דער נאָענטסטער שכן זיינער נאָך באַוויזן אים אַ שטורכע טון, און, ניט באַגרייפנדיק וואָס דאָ קומט פאָר, האָט ער זיך אַ הויב געטון, זיך אויפגעשטעלט.

— הייל היטלער!

— איבונגען.

די פיר מענטשן זיינען געשטאַנען אויסגעצויגן, געוואַרט אויף דעם ווייטערדיקן באַפעל. ער איז געקומען.

— שטיי! זיך! שטיין! זיצן! זיך־שטיי! אַרויף! אַרונטער! אַרויף! אַרונטער!

אַ ראַשיקער שטראָם פון געשרייען, באַפעלן, און די מענטשן האָבן געמוזט נאָכפאָלגן דעם שטראָם — זיך אויסציען גלייך ווי אַ ליכט און אויגנבליקליך זיך אַרונטערלאָזן אויף די ציפקעס, דאָס גאַנצע געוויכט פון קערפּער באַלאַנסירט אויף די שפּיץ פינגער.

— אַרויף! אַרונטער! אַרר...— דער שטורם־טרופּער האָט זיך מישב געווען: וואָס דאַרף ער שרייען? בייטש אין האַנט, האָט ער אָן ווערטער גענומען דיריגירן — אַרויף! אַרונטער! — און ווי צו דעם וואָס האָט פאַרזען אַ באַוועגונג פונם דיריגענט'ס „שטעקעלע.“ — אַרויף! האָב איך געוויזן! און די בייטש האָט אַ סווישטשע געטון.

דעם דיריגענט'ס שטעקעלע וואַרפט זיך ניט מער אויף אַרויף און אַרונטער. — הוף! — האָט דער „דיריגענט“ אַ בלאָז געטון, מיד פון זיין שווערער אַרבעט. — אַ ביסל איבונגען פאַרן עסן גיין איז זייער גוט. עס איז געזונט, — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ שמייכל.

די זיך־טרייסלענדיקע קני פון די אויסגעמאַטערטע מענטשן האָבן צוגעשאָקלט: יאָ, יאָ, זייער געזונט.

— און איצט אין עס־צימער!

די פיר מענטשן האָבן געמאַכט אַ טראָט.

— אויף אַלע פיר! חזרים וואָס איר זענט!

קאָסע בליקן האָבן אַ שניט געטון דעם שטורם־טרופּער.

— אויף אַלע פיר האָב איך געזאָגט! — די בייטש איז שוין געהאנגען אין דער לופטן.

זיי האָבן זיך אַרונטערגעלאָזט, גענומען קריכן אויף אַלע פיר, אויגן וואַרפנדיק אַ בליק אויף דער בייטש ווי אַ הונט וואָס איז ניט זיכער אויב זיין באַלעבאָס' צאָרן איז איבערגעגאַנגען אָדער ניט.

— אָט אַזוי שווייגן, צו די שעפעלן! דער שטורם־טרופּער איז געווען צופרידן.

קינדער? חיות? פאַרווילדעטע מענטשן? דעם שטורם־טרופּער'ס אַראַפּניק — דער איינציקער ענטפער. מענטשן קריכן אויף אַלע פיר געענוי אַזוי גיך אָדער פּאַמעלאַך ווי דער שטורם־טרופּער מיט זיין אַראַפּ־ניק פאַרלאַנגט.

לעאָן לעווענטאַל האָט ניט געפילט קיין הונגער. דער ריח פון עסן האָט אים געאיבלט. דער אַנזעען פון אַזוי פיל מענטשן, צעקלאַפּטע, צע־מזיקטע, מענטשן וועלכע זיינען נאָר וואָס געקראָכן אויף אַלע פיר, זיצן און עסן מיט אַזאַ זשעדניקייט אָט די עפּושדיקע שפּייז, האָט אים געוואָרגן אין האַלז. דער טיש־שכן זיינער האָט זייטיק אַ קוק געטון אויף זיין עסן, אויף אים, געשעפּט מיטן לעפל די שיטערע, אַזוי גערופענע זופּ און ווען פאַרטיק דערמיט, ווידער אַ קוק געטון אויף אים.— פאַרוואָס עסט איר ניט?

— איך קען ניט,— האָט לעאָן לעווענטאַל פאַרשעמט געענטפערט.

— מיינע צייך,— האָט ער אָנגעוויזן. — איר קענט עס נעמען אויב איר...

דער שכן האָט גנביש אַ וואָרף געטון אַ קוק צו מ'זעט ניט, אַ רוק געטון דאָס פּולע שיסעלע צו זיך, דאָס ליידיקע צו לעאָנען און, עסנדיק, געפּליסטערט אָפּגעריסענע זאַצן: — דאָס איז פּאַמאַיעס ניט קיין זופּ, אָבער עסן דאַרף מען. צייך, ניט צייך, אַזוי לאַנג ס'איז דאָ אַ מאָגן מוז מען עסן, אַניט קראַפּירט מען. מ'מוז דערהאַלטן דאָס ביסל כח. ווער נאָך צונויץ קומען,— האָט ער אַ וואונק געטון.

די „קאַווע” אין אָוונט האָט ער געטרונקען, די שטיק ברויט מיט מאַרגאַרין געעסן. דער ערשטער ביסן האָט זיך געשטעלט אין האַלז. דער ערשטער שלוק האָט געשלאָגן אויף צוריק, אָבער ער האָט זיך גע־צוואונגען צו טון אַ צווייטן זופּ, אַ דריטן, אַרונטערגעשווינקט דאָס

ברויט. ער האָט אויסגעטרונקען דאָס גאַנצע טעפּל קאַווע און... ער האָט זיך דערפילט מונטערער.

— מ'מוז דערהאַלטן דאָס ביסל כּח, — האָט ער נאָכדעם איבער־געטראַכט זיין שכנ'ס רייד, געזען זיין וואונק „וועט נאָך צונוץ קומען.“ אָט די רייד, אָט דער וואונק האָבן געשאַפן אַ בונד צווישן אים און דעם שכן, די שכנים, די אַלע צעקלאַפּטע, צעממיתטע, געפּייניקטע אין דער תּפיסה. אַ געדאַנק איז דורכגעלאָפן וועגן דער אויסערליכער וועלט.

די אויסערליכע וועלט. איז דאָ אַן אויסערליכע וועלט? ערשט נעכטן אַוועק פון אָט דער וועלט און דוכט זיך שוין יאָרן. אַ צאַם פון שטעכיקן דראָט טיילט אָפּ די תּפיסה פון דער אַרומיקער וועלט, אָבער אים דוכט זיך אַז איבער דעם צאַם, אַרום אים — אַן אומזיכטבאַרער צאַם וואָס טיילט אָפּ נאָך שאַרפער. די גאַנצע תּפיסה אַ שטיינערנער אינזל, די צעלן — היילן, קברים. אויסערליכע וועלט. איין פויסטן־קלאַפּ אין פּנים און די גאַנצע וועלט הויבט זיך אָן צו דרייען פאַר די אויגן, אַ צווייטער קלאַפּ און די וועלט פאַרשווינדט אינגאַנצן. זיין קערפּער האָט זיך אַ צאַפּל געטון. מ'הויבט זיך דאָך אויף. אַפילו אין אָט דער צעל דרינגט דאָך אַריין אַ ביסל ליכט בייטאָג, ליכט פון דער דרויסנ־דיקער וועלט. אַ וויזיע האָט אַ שימער געטון פאַר די אויגן. די אַלפּן־בערג. דער גלאַנץ פון שניי אַנטקעגן דער זון. די ליכטיקע, דרויסנדיקע וועלט — בערג אַזוי דייטליך, אַזוי קלאָר, פון מיילן ווייט מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. די זון נעמט פאַרגייך. אַלפּן־גלי. רויט, באָרדאָ, פיאָלעט, גרוי, שוואַרץ, ווידער גרוי. אַ נעבל פאַרציט זיך, אַ געדיכטער טומאַן. די בערג פאַרשווינדן. זיי זיינען דאָ, אָבער ער זעט זיי מער ניט, פילט זיי ניט, ער ווייסט בלויז, און דאָס איז ניט גענוג. וואו איז די אויסערליכע וועלט? פאַרוואָס שווייגט זי? קרובים, פריינט, חברים, מענטשן! וועלט — דער ווינקל דאָ, דאָס שטיקל באָדן ווען מ'קריכט אויף אַלע פיר. „דערהאַלטן דאָס ביסל כּח. וועט נאָך צונוץ קומען“... דערהאַלטן דאָס ביסל כּח. זיי איז לייכטער. זיין כּח! כּח! אויב ניט קיין פיזישן איז גייסטיקן. איז דאָך דאָ אַזאַ „זאַך“ ווי גייסט אויב אַפילו מ'קען דאָס ניט אָנטאַפּן, אַפילו ווען מ'זעט פאַר זיך שטורם־טרופּן. זאַמלען דאָס ביסל כּח. אויסהאַלטן. אַרויס פון דאַנען. זיך אַרויס־ראַטעווען. דאָרט, אויף דער פריי... קומען דאָך אַרויס מענטשן.

.2

— רעכטס! לינקס! האַלט!

— אידן פאַראויס!

לעאָן לעוועטאַל איז אַרויסגעטראָטן, נאָך צוויי אידן. שטייענדיק אויסגעצויגן, היטנדיק זיך ניט אַ דריי צו טון דעם קאָפּ, האָט איין קורצזיכטיק אויג זיינס דאָך געזוכט די פּנימער פון די אַנדערע צוויי. מענטשליכע פיגורן האָט ער געזען, ניט מער. דער שטורם־טרופּער האָט שוין געפרעגט: נאָמען?

—לעאָן לעוועטאַל.

— באַשעפטיקונג?

— שריפטשטעלער.

— אָה, אַ שרייבער! וואו האָסטו געשריבן, מאַריץ?

— צייטונגען, זשורנאַלן, ביכער.

— קענסטו שרייבן?

וואָס וויל ער מיט אָט דער פראַגע? קיין צייט צו טראַכטן. אַ שטילער „יאָ."

— אַרויס מיט דער פען!

לעאָן לעוועטאַל'ס קורצזיכטיקע אויגן בלאָנזשען איבערן פּנים פונם שטורם־פירער, שטורם־טרופּן, חברים געפאַנגענע. זיי שטייען שטום, גרוי, בלויז דער שטורם־פירער שמייכלט, די ברוינע, די שוואַרץ־העמדלדיקע גרינזען — דער ספּעקטאַקל הויבט זיך אָן.

— אַרויס מיט דער פען! — האָט אַ געשריי געטון דער שטורם־פירער און אַ שטורם־טרופּער האָט אַ זעץ געטון מיטן קולאַק נידעריק אונטערן בויך, אַז לעאָן לעוועטאַל האָט זיך איינגעקאָרטשעט. אַ הויב ביים קאַרק, אַ זעץ מיט דער קני, און לעאָן איז ווידער אויף די פיס, שטייט גלייך.

— די פען אַרויס, דו פאַרשניטענער אידישער שווין!

מיט ציטערנדיקע פינגער האָט ער אָפּגעקנעפּלט דעם קראַק.

— שרייב מאַריץ!

לעאָן לעוועטאַל איז אַ ראַדיקאַלער מענטש. קיין טייל פון קערפּער איז ניט ערגער, ניט מיאוסער פון אַנאַנדערן, אָבער לעאָן לעוועטאַל איז קיינמאָל ניט געווען קיין אַטלעט, האָט קיינמאָל ניט געהאַט די הנאה פון שטיין נאַקעט פאַרן שפּיגל און מיט אַ נאַרציסוס פאַרגעניגן באַטראַכטן זיין אייגענעם קערפּער. פאַרקערט, אַפילו אין וואַנע האָט ער געפילט, זיך געשעמט פאַר זיין נאַקעטקייט, אַ נס וואָס דאָס וואַסער איז אַ וואוּאַל, פאַרדעקט טיילווייז. דעם איצט אַנטבלויזטן טייל פון זיין קערפּער האָט ער געווייגליך באַצייכנט מיט דעם לאַטיינישן וואָרט „פּעניס,“ זיין זיידע האָט אָבער אָט דעם טייל גערופן „ערוה,“ די שאַנד, חרפּה און בושה איז איבערגעגאַנגען בירושה. היינט די באַליידיקונג, די דערנידערונג...

— שרייב, שמוציקער איד!

די בייטש אין שטורם־טרופּער׳ס האַנט איז געהאַנגען אין דער לופטן, אָט אָט לאָזט זי זיך אַרונטער.

ער האָט אָנגעשריבן...

— איצט קענט איר זען די שמוציקע אידישע שרייבערייען, — זאָגט פייערליך דער שטורם־פירער. — מיט זייערע שמוציקע אידישע פּענעס פאַרגיפטן זיי דאָס ריינע אַרישע פאָלק. אויסמעקן!

— אויסמעקן, האָב איך געזאָגט! — האָט אַ ריטשע געטון דער פירער, און תוך־כדי־דיבור האָט לעאָן לעוועטאַל דערפילט אַ ביינער־דיקע צוואַנג אַרום זיין נאַקן, אַ קלאַפּ פון אַ שטיוול איבער זיינע שין־ביינער. זיין גוף — אַ ווייכע שמאַטע אונטער עמיצנס אַ פוס, זיין קאָפּ, זיין פּנים — אַ שמאַטע אין עמיצנס אַ האַנט, און די האַנט רייבט די שמאַטע אין שטויב, אין קויט, רייבט און ווישט, און מעקט... און די פאַרשאָלטענע שמאַטע האָט נאָך לעכער־אויערן וואָס הערן דעם געלעכ־טער, דעם ברייטן געלעכטער פונם שטורם־פירער, און זיין אונטערגעבן חשק: גוט, גוט אָפּמעקן! אָט אַזוי!

— גלייך שטיין! העי, יודן! געזען? היינט וועט זיין גענוג. מאָרגן וועל איך מיט א י י ד ריידן. אין רייע!

— רעכטס! מאַרש!

דריי הונדערט מאַן זיינען געלאָפן לייגנג אויס דעם פּאַרקאַן, אַרום

און אַרום דעם תפיסה־הויף — איבונגען פאַר דער וועטשערע — אַ שטיק ברויט מיט מאַרגאַרין און אַ טעפּל ברוינע פליסיגקייט — קאַווע.

דער שכן האָט צוגערוקט דאָס טעפּל קאַווע נאָענטער צו לעאָנ׳ס שטרוי־זאַק, אָבער לעאָן האָט אַפילו ניט אַ הויב געטון דעם קאָפּ, ניט אַ קער געטון דעם פּנים...

די דריי שכנים האָבן געקייט זייער ברויט, געזופּט זייער קאַווע שווייגנדיק. דאָס שווייגן איז געדיכט געשטאַנען אין קאַמער. דאָס ציאַמקען פון די ציינער, דאָס פּריפּען פון די ליפּן האָט געשיילט דינע שיכטן פון דער שווייגעניש, פון דער שטילקייט, אַ שיכט פון חרפּה, פון שאַנדע פאַר זיך, פאַר יענעם, פאַר דעם מין מענטש; אַ שיכט פון גרינג־שאַצונג, פאַראַכטונג, עקל פאַר דעם שוואַכסטן פון די שוואַכע, און אַ שיכט פון רחמנות — אַ בלודנע הינטל האָט זיך צוגעשלאָגן, אַ קליין, פאַר־מאַרעט, קאָלטענעוואַטע הינטל, האָט אַפילו קיין כח אַ האַוקע צו טון. אַזאַ הינטל וואָלט מען ניט אַריינגענומען אין שטוב, אָבער אַז עס איז שוין דאָ — אַ רחמנות אויף דעם.

אין דער האַלבער שטונדע פאַרן שלאָפן גיין, די האַלבע חסד שטונ־דע, האָט ברונאָ, לעאָן לעווענטאַל׳ס שכן, גאָט וויסט וואו, געקראָגן אַ צודעק און אַריינגעבראַכט אין קאַמער. ער האָט אויך אַריינגעטראָגן זיין קאַווע־טעפּל פול מיט וואַסער. ווען מ׳האָט אויסגעלאָשן די ליכט איז ברונאָ צוגעקראָכן צו לעאָנ׳ס שטרוי־זאַק, אָנגערירט לעאָנען. — דאָ, — האָט ער שטיל געפּליסטערט, צוגעטראָגן דאָס טעפּל וואַסער צו לעאָנ׳ס ליפּן, האַלטנדיק עס, געלאָזט אים טרינקען, נאָכדעם גענומען אַ ביסל וואַסער, אָנגעגאָסן אויף אַ שפּיץ פון צודעק און פאַרזיכטיק געווישט דאָס פּנים פאַרשמירט פון שטויב, קויט און טרערן... מיט אַ צווייטן שפּיץ צודעק האָט ער אָפּגעווישט דאָס פּנים, דאַן אים צוגעדעקט און אַ שעפּ־טשע געטון: שלאָף!

— דאַנק, ברונאָ, — האָט לעאָן קוים אַרויסגעזאָגט און זיך צעוויינט, איצט מיט טרערן פון דאַנקבאַרקייט, גערירט פון דער מענטשליכקייט וואָס האָט זיך אַזוי אומגעריכט פאַר אים אַנטפּלעקט, און אָט די טרערן האָבן אָפּגעווישט די טרערן פון שאַנדע. ער איז איינגעשלאָפן אַ שווערן שלאָף.

.3

דער אײדעלער מאַיאָר האָט אים אויפגענומען זײער אײדל, אַזוי אײדל, אַז לעאָן לעוועטאַל האָט ניט געגלויבט זײַנע אויערן צו האָבן די ריכטיק געהערט ווי מ׳האָט אים געאײרצט, נאָך װינציקער האָט ער געגלויבט זײַנע קורצזיכטיקע אויגן. קען אַזאַ מויל מיט אַ לאַנגן שווערן קין, אַ מויל וואָס ציט זיך פון אונטן אַרויף, די אונטערשטע ליפּ שלינגט אײַן די אויבערשטע, קען אויף אַזאַ מויל שפּילן אַ שמײכל? דער לאַנגער, פּערדישער קאָפּ, די זאַמד־קאָליר, קורץ־געשוירענע האָר מיטן יאָזשיק — אַ שיטערער קעמל מיט גראָבע צײן וואָס ווערן אַלץ קורצער אויפן וועגן פון שטערן צום נאַקן. אַזאַ קאָפּ, אַזאַ פּנים, אַזאַ מויל, און אַ שמײכל, העפליכקײט, אײדלקײט. די אײדלקײט איז אים ניט געפעלן געוואָרן, פאַרדאַכט האָט אויפגעוואַכט. פאַרדעכטיק האָט ער אויפגענומען די פראַגן, פאַרזיכטיק געגעבן ענטפערס, אָבער דער מאַיאָר האָט אָנגעהאַלטן די אײדלקײט, זיך אַפילו געקלאָגט אויף די גראָבע מאַניערן פון די געווײנליכע שטורם־טרופּערס. — האָפענטליך אַז ער איז ניט שלעכט באַהאַנדלט געוואָרן די לעצטע פאַר טעג?

— נײן,— האָט לעאָן לעוועטאַל געענטפערט און אַ פולן קוק געטון אויף זײַן פאַרהערער. ער האָט דערזען זײַן שמײכל און אַ פליכטיקער געדאַנק איז דורכגעלאָפן: קאַץ און מויז. די קאַץ פרעסט ניט אויף, דערוואַרגט ניט דאָס מײזל מיט אַמאָל; זי שפּילט זיך מיט דעם, האָט הנאה פון דער שפּיל אפשר אַזוי פיל ווי פון מײזל גופא. אַ קאַץ שפּילט זיך מיט אַ מײזל אַפילו ווען זי איז ניט הונגעריק, פאַרן פאַרגעניגן פון שפּילן זיך... היט זיך, לעאָן!

דער מאַיאָר מיט זײַנע גרין־גרויע אויגן, ניט קורצזיכטיק, האָט אויפגעכאַפּט דעם וואַכן קוק פון זײַן עקזאַמענירטן, אַ שמײכל האָט אַ שימער געטון אין זײַנע אויגן. די שפּיל האָט זיך אָנגעהויבן.

— קולטורעלע מענטשן קענען זיך פאַרשטײן אָן גוואַלד־מיטלען. ניט אַזוי?

יאָ,— האָט לעאָן פאַרעוו געענטפערט. אַ געדאַנק האָט זיך נאָכגעשלעפּט: שוץ־שטאַפּלער־באַרבאַרן און אָט דער מאַיאָר צי אָפיצער — קולטור. ק ו ל - ט ו ר ! ווי ער האָסט דאָס וואָרט!

— וואָס דיינקט איר וועגן דער נייער ריכטונג, בעסער געזאָגט, וועגן דער נייער דייטשער קולטור?

לעאָן לעוועטאַל האָט געהערט זיין האַרץ קלאַפּן, געשוויגן. דער מאַיאָר האָט אָנגעשטריינגט אַ קוק געטון, באַלד האָט דער שמייכל נאָך שאַרפער געשניטן זיין שווער מויל.

— איך ווייס, ניט אַלע האַלטן פון אונזער נייער קולטור.— ער האָט אַ נעם געטון אַ העפט. — אָט שרייבט איינער: דאָס וואָרט קולטור, אַרויסגעבראַכט פון אַ נאַצי מויל, איז אַ פאַרשוועכונג פון וואָרט. דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, געשריבן אַ איד. איר זייט ניט דער וואָס האָט עס געשריבן?

— ניין.

דער מאַיאָר האָט געמישט אין העפט.— און אָט שרייבט נאָך איי־נער: פייערן געטהע׳ס יובילײ און זינגען דאָס האָרסט וועסל ליד איז פונקט ווי גנבענען פון קעשענע אין אַ קירכע. דאָס האָט, נאַטירליך, אויך געשריבן אַ איד. ניט איר האָט עס געשריבן?

— ניין.

— אייער נאָמען?

— לעאָן לעוועטאַל.

— אַנדערע נעמען?

לעאָן לעוועטאַל האָט דערפילט אַז ער גייט אויף דינעם אייז. וואו איז דאָס אַמדינסטן? וואָס וויל ער, אָט דער אויספאָרשער, וואוהין צילט ער?

דער מאַיאָר האָט געענטפערט אויף דעם פרעגנדיקן קוק. — נו יאָ, איר שרייבער האָט דאָך אַמאָל אַנדערע נעמען אויך, פען־נעמען, וואָס איז אייער פען־נאָמען?

האָט ער עפּעס אין העפט מיט זיין פסעוודאָנים? ווייסט ער אָדער ער ווייסט ניט? אויב ער ווייסט וועט לייקענען זיין נאָך ערגער. — לאלא.

— לאלא. לאָ־לאָ. קלינגט שיין. פריץ!

— צום באַפעל, הער מאַיאָר!

— האָסט מיר צוגעזאָגט אַ הינטל פאַר מיין ווייב.

— יאַוואָל, הער מאַיאָר.

— וועסט עס אַ נאָמען געבן לאַלאַ.

— אַנדערע נעמען? — האָט ער זיך געוווּנדעט צו לעאָן לעוועטאַל ווי ער וואָלט גאָרניט געזאָגט צווישן.

— ניין.

— קענט איר מיר זאָגן די פען־נעמען פון אַנדערע שרייבער ?

— איך ווייס ניט.

דאָס רעכטע אויג פאַרזשמורעט, דאָס לינקע אויג דראָפּעט זיך איבער לעאָן לעוועטנאַל׳ס קין, נאָז, ביז צו די אויגן, דראָענדיק: דו וואגסט מיר זאָגן אַ ליגן ! דאָס אויג דראָפּעט זיך ניט מער, ביידע אויגן מעסטן, וועגן. — איר האַלט מיט אייערע קאַלעגן שריפטשטעלער. אַנו, לאָמיך נאָר זען אייערע הענט, הער שריפטשטעלער !

דער שוץ־שטאַפּלער האָט אַ שטויס געטון לעאָן לעוועטנאַל נאָענ־טער צום טיש. ער האָט אויסגעשטרעקט די הענט. די לאַנגע, דינע פינגער האָבן געציטערט.

— איר האָט פיינע פינגער. לאַנגע, בלייפען פאַרשניצטע פינגער, אָבער די נעגל. איר טרויערט נאָך עמיצן ?

— ניין.

— אַזוי שמוציק. איר דאַרפט זיי לאָזן אויספוצן, אומבאַדינגט אויספוצן. מאַניקור ! — האָט ער באַפעלעריש אַ זאָג געטון צו די שוץ־שטאַפּלער און אַ מאַך געטון מיט די פינגער פון דער האַנט. — מיר׳ן נאָך ריידן,— האָט ער אַ זאָג געטון צו לעאָנען מיט אַ שמייכל.

4.

לעאָן לעוועטנאַל זיצט ביים דאַנטיסט אויפן שטול, דאָס מויל גע־עפנט. באַלד וועט דער דאַנטיסט אַריינטון אַ קאַרביקע נאָדל, זי צולייגן צום צאָן, אַ דרעלעווע טון. דער צאָן פילט שוין דעם שטאָל פון דער נאָדל, לעאָן פילט און הערט ווי דאָס האַרץ זיינס קלאַפּט, האַמערט. ניין, דער דאַנטיסט דרעלעוועט ניט. דער מענטש וואָס האַלט דאָס שאַרפע שפּיזל אונטער זיין נאָגל קראַצט בלויז אַרויס די שמוץ פון דאָרט, קראַצט אַזוי פּאַמעלאַך, אַזוי פאַרזיכטיק, און דער צווייטער, דער וואָס האַלט זיין געליינק, האַלט אים אַזוי לויז, אַזוי... א ו י !

לעאָן לעוועטנאַל האָט זיך אַ הויב געטון. דאָס שפּיזל האָט ניט אַריינגעשטאָכן אין פלייש אונטערן נאָגל, אין מאַרך האָט עס אַריינגע־

שטאָכן. דער מאַרך האָט זיך אַ הויב געטון, די פליסיגקייט פון מאַרך גיסט זיך אַרויס דורך די אויגן.

אויף דעם אויפגעהויבענעם מאַרך האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אַ שווערע פּרעס, אויף די אַקסלען אַן אייזערנער יאָך, אַרום זיין געליינק אַ ביינערנע צוואַנג.

— וואָס שרייסטו אַזוי? מ'רייניקט אים די נעגל, דעם שמוציקן אידן, שרייט ער. דעם צווייטן פינגער!

ער'ט ניט שרייען. ער'ט פאַרשטשעמען די ציין, איינבייסן די ליפּן ביזן בלוט, אָבער ער וועט ניט... — ה־־א־־ה!!!

דאָס שפּיזל האָט געשטאָכן טיפער, טיפער, געשטאָכן פּאַמעלאַך, געדרייט, געעגבערט. לעאָן לעווענטאַל האָט ניט געשריען, ער האָט גע־ריטשעט, געברומט, געקרעכצט. דער קערפּער, איינגעקראַמפּט און איינ־געקלעמט אין מענטשליכן ביינערדיקן קלעם, האָט דאָך קאָנוואולסיוו זיך געצאַפּלט.

— אַזאַ שמוציקער איד! פאַרשטאָפּן דעם שנויץ! מיט רימענס צובינדן. רואיק זיצן! רואיק! אָט אַזוי. די צווייטע האַנט. נאָך פינף פינגער. פינף נעמען פון אידן, שרייבער, קאָמוניסטן און מיר לאָזן די האַנט צורו. מיר וועלן ציילן ביז פינף. איינס... צוויי... דריי... פיר... פינף!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— נאַ, ער איז שוין קאַפּוט.

אַ שעפל וואַסער האָט אים געבראַכט צוריק צום באַוואוסטזיין. גע־שטורכעט פון הינטן, געשטויסן פון פאָרנט, האָט מען אים אַריינגע־שטופּט צוריק אין זיין צעל.

— יאָ דאָס טוען זיי, — האָט ברונאָ אַ זאָג געטון, צוקוקנדיק ווי לעאָן האָט געריסן שטיקלעך פון דער העמד, איבערגעבונדן די צע־שטאָכענע פינגער. — און נאָך ערגערס, — האָט ער צוגעגעבן, שוין קוקנדיק פאַר זיך.

— פאַרוואָס דערשיסן זיי שוין ניט? — האָט לעאָן ווייטיקדיק אויס־געררופן.

— זיי טוען דאָס אויך, — האָט ברונאָ פאַרטראַכט געענטפערט.

— שוין בעסער ווי מאַטערן.

— איר דיינקט אַזוי?

אַ סוד האָט געוויט פון דער פראַגע, אָבער לעאָן לעוועטאַל איז געווען צופיל צעווייטיקט צו כאַפּן אָט דעם געהיימניספולן אומעט וואָס האָט זיך געטראָגן פון אונטער דער פראַגע.

— איך וואָלט זיך ליבערשט אַליין דערשאָסן איידער דורכגיין אָט דעם גיהנם.

— דאָס וואָס זיי ווילן, מענטש! — האָט שוין ברונאָ גערעדט די־רעקט צו אים. — געננוי דאָס ווילן זיי, מיר זאָלן זיך אַליין אויסהרגענען. אָבער מיר'ן ניט שטאַרבן. מיר'ן אויסהאַלטן. — האָט ער שוין גערעדט מער צו זיך. — לעבן, קעמפן. — פּלוצלונג האָט ער זיך געטון אַ שטעל אויף, און לעאָן, דערפילנדיק דעם האַסטיקן אויפשטעל, האָט זיך אויך אויפגעהויבן. אין דער אָפענער טיר איז געשטאַנען דער „איידעלער" מאַיאָר. לעאָנ'ס האַנט, די פינגער נאָך ניט גוט פאַרבונדן, די שמאַטקע־לעך אַרונטערהייגנדיק, האָט זיך אויסגעשטרעקט צוזאַמען מיט אַנ־דערע הענט, באַגריסט: הייל היטלער!

— אַה, הער שריפטשטעלער! די פינגער פאַרבונדן? — אַ קוק צו די שוך־שטאַפּלער.

— שמאַטעס אַרונטער! — האָבן זיי אַ ריס געטון די באַנדאַזשן צוזאַמען מיט די פינגער.

— וואָס איז געשען מיט אייערע פינגער?

אַריינגעלאָבן די פינגער אין אָט דעם לאַנגן האַלז און ניט אַרויס־לאָזן אים ביז די צונג וועט ניט אַרויס. וואָס איז מיט זיינע פינגער!

— איך... — ער האָט שוין געוואוסט אַז דעם אמת טאָר מען ניט זאָגן און זיין מח האָט פיבערהאַפט געאַרבעט צו געפינען אַ תירוץ... אַ וואָרט.

— איך האָב אויסגעפּוצט די נעגל, זיך פאַרשטאָכן.

דער מאַיאָר איז צופרידן. — ווייטער זייט מער פאָרזיכטיק, הער שריפטשטעלער, — האָט ער אַ זאָג געטון מיט אַ געלעכטערל און אַרויס פון צעל.

אַוועקזעצנדיק זיך האָט לעאָן לעוועגטאַל באַטראַכט זיינע פינגער, גרימיק געשמייכלט. אויסגעפּוצט. די פינגער וועלן מסתּם זיך אויסהיילן, אָבער דער „איך האָב אויסגעפּוצט,״ די עובֿדא פון „מאַניקורן״... אָט ד י וואונד! אינקוויזיציע. ער האָט אַמאָל געלייענט אידישע געשיכטע, געלייענט וועגן די מאַטערנישן, אין אַ מוזעאום אַפילו געזען די אינסטרומענטן. ער האָט געזען די סטראַפּאַדאָ, ווי מ׳ציט אַרויף אַ מענטשן ביי די הענט געליינקן, אַרויפגעצויגן און אַרונטערגעלאָזט מיט אַ צי אויף צוריק; ער האָט געזען דאָס סדום־בעטל מיט די צוויי וואַלן אויסצוציען מענטשליכע גלידער; ער האָט אויך געזען דעם שרויף וואו מ׳פּלעגט אַריינטון דעם גראָבן פינגער און שרויפן אַלץ שטייפער און שטייפער. ער האָט אָבער דאָס געזען בלויז ווי מ׳קוקט אויף אַנטיקן. דאָס גאַנצע אידנטום — געשיכטע, אידישקייט — אַ מוזעאום. שטויב פון הונדערטער יאָרן האָט פאַרטונקלט דאָס אויג, ער האָט ניט געזען די געפּייניקטע, ניט געהערט זייערע געשרייען. דערפאַר איצט, אידנטום — אַ פאַקט, אידישקייט — אַ בלוטיקער פאַקט. דער זעלבער איד, בלויז די אינסטרומענטן אויף צו מאַטערן אים, אַנדערע. פּראָגרעס. אָנשטאַט איינשרויפן אַ פינגער מאַניקורט מען... מאַניקור... יענע — פרום: „און מ׳זאָל ניט שטעלן אין געפאַר דאָס לעבן אָדער שעדיקן אַן אבר,״ אַפילו טויט האָט געמוזט זיין אָן בלוט פאַרגיסונג, און די — אײדל, קולטורעל — מאַניקור... אָבער זיי, די זיידעס, די עלטער־זיידעס האָבן אויסגעהאַלטן. און וויפיל האָבן ניט אויסגעהאַלטן? צענדליקער זיינען געגאַנגען אין פייער, הונדערטער אין וואַסער... אויך ברונאָ זאָגט: אויסהאַלטן! אויסהאַלטן. זיך אַרויסרייסן פון דאַנען! ווי אַזוי? ווער ווייסט דען אַפילו אַז ער איז דאָ? קיין בריוו שיקן, קיין בריוו קריגן. אפשר בעסער. קאַרל זאָל זיך ניט דערוויסן. און אויב ער האָט זיך דערוואוסט זאָל ער כאָטש פאַרווישן זיינע אייגענע שפּורן. אַ קייט שמידן זיי דאָך, יעדער נייער מענטש וואָס פאַלט אַריין — אַ רינג וואָס דאַרף מיטשלעפּן נאָך רינגען. נעמען פון שרייבער ווילן זיי. גוט כאָטש וואָס די מאַמע איז ניטאָ. אַזוי וועט איר קאַרל שרייבן, דער ברודער איז אָפּגעפאָרן אויף אַ שטיקל צייט. וועט זי גלויבן? אַרויסשמוגלען אַ בריוו. מ׳דאַרף אַ רעד טון מיט ברונאָן, ער איז דאָך שוין אַן אַלטער....

5.

די פינגער האָבן זיך געיאָטערט. — אַ פּאַסקודנע לייב, היילט זיך ניט. אַלע מאָל אַזוי געווען, אַ שניט האָט גענומען טעג ביז ס'האָט זיך פאַרהיילט, ווער ווייסט ווי לאַנג עס וועט געדויערן דאָ. ווען ער האָט כאָטש מיט עפּעס אויסצוואוואַשן, עפּעס צולייגן.

ברונאָ האָט אָפּגעקראַצט מיטן נאָגל דעם מאַרגאַרין פון זיין ברויט — זיין וועטשערע — און היטנדיק דאָס וועלפּישע אויג אין טיר צו דער וועכטער קוקט ניט, באַשמירט די פינגער פון לעאָנ'ס האַנט. — דאָס וועט העלפן. פעטס העלפט. דאָס איינציקע ביסל פעטס,— האָט ער געסודעט לעאָנען, פאַרבונדן די פינגער פון איין האַנט מיט נייע שמאַטקעלעך, דאַן אָפּגעקראַצט פון לעאָנ'ס ברויט דעם מאַרגאַרין, באַשמירט די פינגער פון דער צווייטער האַנט, זיי פאַרבונדן.

לעאָן האָט זיך צוגעקוקט צו די קורצע, גראָבע פינגער ווי זיי האָבן זיך געפּאָרעט אַרום זיינע לאַנגע, דינע פינגער, אַ טראַכט געטון: ברונאָ מוז שטאַמען פון דאָרפישע עלטערן, מוז אָבער זיין אַן אַרבעטער. וואָס פאַר אַן אַרבעטער? — שטאָל אַרבעטער! — האָט ברונאָ געענטפערט ניט אַן שטאָלץ. ערשט דאַן האָט לעאָן לעווענטאָל מיט זיינע קורצזיכטי־קע אויגן דערזען די שוואַרצע ריצן און קריצן אויף ברונאָ'ס פינגער. אָבער מאָדנע, אָט די שאַרסקע פינגער האָבן זיך געפילט אַזוי ווייך אויף זיינע צעשטאָכענע פינגער. — איר וואָלט געקענט זיין אַ באַרמ־הערציקע שוועסטער,— האָט ער אַ זאָג געטון, אַריינלייגנדיק אין אָט דעם שפּאָס זיין גאַנצע דאַנקבאַרקייט, זיין אויפריכטיקע פרייד צו זען באַרמהערציגקייט אין דעם לעבעדיקן מוזעאום פון אַכזריות.

— נו, שוועסטער,— האָט ברונאָ גוטמוטיק געברומט,— ברודער, אויב איר ווילט.

— ברודער!

די שמאָלע האַנט מיט די לאַנגע, דינע פינגער, צעבלוטיקטע, פאַר־בונדענע, האָט זיך באַהאַלטן אין דער ברייטער, שאַרסקער האַנט מיט די קורצע פינגער. גוט צו פילן אַ ברודערליכע האַנט. ברודער. קאַרל. וואו איז ער?

דאָס ליכט האָט זיך אויסגעלאָשן.

— נו, שלאָפֿן. אַ גוטע נאַכט.
— גוטע נאַכט.
ווייטיק, באַליידיקונג, דערנידערונג. די האַרטע, געקאַרבטע פּינ־גער האָבן דאָס צוגענומען, דער האַרטער שטרוי־זאַק איז גאָר ניט געווען אַזוי האַרט, אַפֿילו דער ריח וואָס האָט זיך געטראָגן פֿון אים איז, דוכט זיך, פֿאַרשוואונדן, זיך אויסגעוועפּט. זיך איינגורען, איינשלאָפֿן.
אַ ווינט רייסט אַ ניט פֿאַרריגלטן טויער. אַ ריס, אַ סקריפּ, אַ קלאַפּ. שוין פֿאַרמאַכט, אָבער באַלד ווידער אַ ריס, אַ סקריפּ, אַ קלאַפּ. אַ... געשריי. אויב פֿריער האָט לעאָן זיך געבעטן אין שלאָף ביים ווינט: הער אויף רייסן דעם טויער, הער אויף קלאַפּן, לאָז שלאָפֿן, און איז גע־שלאָפֿן, האָט ער אָבער, דערהערנדיק דעם געשריי, אויפגעריסן די אויגן, געוואָרן וואַך מיטן גאַנצן קערפּער, זיין גאַנצער גוף — פֿאַרשטייפטע אויפגערעגטקייט. לעאָן האָט געפֿילט די שטילקייט איז געבליבן הייגען איבער אים. צ י י ט האָט זיך אָפּגעשטעלט, געוואַרט. זיינע אויערן, זיין גאַנצער קערפּער—אַנטענעס, להוט אויפצוכאַפּן דעם מינדסטן קלאַנג, שוואַכסטן שאָרך, לייכטסטע באַוועגונג.
אַ קלאַפּ, אַ טעמפּער קלאַפּ. אַ... זעקל מעל איז אַ פֿאַל געטון צו דער ערד... דאָס זעקל מעל... האָט נאָך באַוויזן אַרויסצולאָזן אַ קרעכץ... לעאָן האָט עס דייטליך געהערט. די צייט האָט גענומען יאָגן, די שטיל־קייט האָט זיך אַ ריר געטון, לעאָנ׳ס אויגן האָבן זיך אַ דריי געטון אין דער ריכטונג פֿון וואַנען דער קלאַפּ, דער קרעכץ איז געקומען, די הענט האָבן זיך אַ לאָז געטון צו די אויערן — ניט הערן! ניט הערן! אָבער ער האָט געהערט. ווער שרייט עס? אין וועלכער צעל? אַ טיר האָט זיך געעפֿנט, אַ טיר האָט זיך פֿאַרמאַכט, טריט אין קאָרידאָר, טריט פֿון טורמע־וועכטער, טריט פֿון... זיי זיינען ביי דער צווייטער טיר, ביי... זיין טיר, ביי...
אינספּעקציע.
ליכט פֿון אַ שיין־וואַרפֿער האָט אַ בלאָנזשע געטון איבער די פֿיר איינגעגנורעטע קערפּערס, אַריינגעדרונגען אין זייערע מחות, זיי אָנגע־זאָגט: דאָ אָן אויג וואָס זעט. די מחות זיינען וואָך געוואָרן, געהאַלטן וואָך די קערפּערס זיי זאָלן זיך ניט אַ ריר טון. מיר שלאָפֿן. שלאָ־פֿן.
— אויפשטיין!

— שלאָפן. שלאָפן. ליגן,— האָבן די קערפּערס זיך געוועדט.— אויפשטיין! — האָט אַ שטימע געשפּאָלטן דעם שלאָף און אַ נאָז פון אַ שטיוול האָט זיך געבראָכן אַ וועג צו מענטשליכע ריפּן. די שלאָפנדיקע האָבן זיך אויפגעשטעלט, ציטערנדיק פון קעלט, פון שרעק, דערוואַרטונג. וואָס ווילן זיי?

רעוויזיע.

דאָס ליכט בעזימל פון שיין־וואַרפער האָט אַ קער געטון די פינסטערניש. אַ קער אַהער, אַ קער אַהין און זיך אָפּגעשטעלט. לעאָן לעווענטאַל'ס פאַרבאַנדאַזשירטע פינגער אַנטקעגן דער ליכט פון שיין־וואַרפער — שניי־פלעקן אויף אַ צעאַקערט פעלד.

— וואָס פאַר אַ שמאַטעס אויף די פינגער? שווינערישער איד!

— איך... איך...

הענט האָבן געריסן די באַנדאַזשן, געבראָכן די פינגער. לעאָן לעווענטאַל האָט ניט אַרויסגעלאָזט קיין קלאַנג. — ניט שרייען.— האָט געהאַמערט אין קאָפּ,— און אויב אַ קלאַפּ ניט אומפאַלן, ניט...

— שווייַן! פאַרוואָס זאָגסטו ניט וואָס איז מיט דיינע פינגער?

— איך... איך האָב זיך פאַרשטאָכן.

— לייגסט, געמיינער איד! — אַ הענטל פון אַ בייטש האָט אַ קלאַפּ געטון איבער די אויסגעצויגענע הענט. — האָ־אָ! — האָט ער ניט ווילנדיק אַ געשריי געטון, און די האַנט, די פינגער האָבן זיך אַ לאָז געטון צום מויל דאָרט זיי אָפּקילן, זיי אַנוואַרימען, זיי גאַנץ מאַכן, די צעבראָכענע, צעבלוטיקטע פינגער.

שטיל זאָל זיין! הענט פאַראויס! — אַ קלאַפּ מיטן הענטל פון בייטש איבערן פאַראָרעם האָט באַקרעפטיקט דעם באַפעל. די אָרעמס, די הענט האָבן געפלאַגט, מער ניט די פינגער האָבן געציטערט, געציטערט...

— דאָ קען מען זיך ניט פאַרשטעכן, דו געמיינער ליגנער. ניטאָ מיט וואָס. דאָס האָסטו זיך געקראַצט, שמוציקער איד, ביז דו האָסט זיך צעקראַצט די פינגער, יאָ?

— יאָ.

— וואָס יאָ?

— זיך געקראַצט.

אַ קלאַפּ מיטן הענטל פון דער בייטש איבער די פינגער.— ווע̇סט

ווײסן, איד, מער זיך ניט צו קראַצן,— פֿאַרענדיקט דער װעכטער מיט אַ געלעכטער, שײנקט די איבעריקע דרײ זײער נאַכטיקע פּאַרציע. שױן געהאַט שפּאַס מיט דעם אידן, דעם שרײבער, מיט זײנע פֿינגער. די אינספּעקציע איז געענדיקט. די טיר האָט זיך פֿאַרמאַכט.

— דער האָט עס פּעך,— האָט ברונאָ אַ ברום געטון און זיך געגער־רעט אין שטרױ־זאַק, איבערגעדעקט דעם צודעק איבערן קאָפּ — שלאָפֿן.

לעאָן לעװענטאַל איז אױך צוגעקראָכן צו זײן שטרױ־זאַק, זיך האַלב אָװעקגעזעצט, דער קאָפּ איז צוגעפֿאַלן צו דער װאַנט. אַ װינקל פֿון שטערן האָט דערפֿילט די קעלט פֿון דעם צעמענט, לעאָן האָט דערפֿילט די היץ אין קאָפּ, אין די אױגן, אין די פֿינגער.

אינדערפֿרי האָט אים אַ װעכטער געשטורכעט. לעאָן האָט גע־פּרואװט זיך אױפֿהױבן, זיך שױן כמעט װי אױפֿגעשטעלט און אַװעק־געפֿאַלן צוריק. ברונאָ האָט אַ ברום געטון: דער איז קראַנק.

— מ'פֿרעגט דיך ניט,— האָט אַ רעװע געטון דער װעכטער און אים אַ זעץ געטון מיטן פֿױסט אין פּנים.— האַלט ס'מױל!

— ער האָט היץ, דאַרף אַ דאָקטאָר.

— װאָס! דו...

ברונאָ האָט זיך אַפֿילו ניט אַ ריר געטון אױסצומײדן דעם קלאַפּ. דער װעכטער האָט אַרונטערגעלאָזט דעם פֿױסט ניט אױף ברונאָן, האָט זיך אַ דרײ געטון װי זוכנדיק עפּעס און אַרױס פֿון צעל אַ זאָג טוענדיק: דו װעסט שױן...

דער דאָקטאָר איז דאָך שפּעטער געקומען. ער האָט אַ קוק געטון. — אידישע חוצפּה! מאַכט אַ װעזן פֿון פֿינגער.— ער האָט דאָך געהײסן אים איבערפֿירן אין אַנאַנדער צעל, געלאָזן אױסװאַשן און פֿאַרבאַנדאַ־זשירן די פֿינגער און געגעבן עפּעס אַרונטערצוקלאַפּן די היץ. און פֿאַר דער חוצפּה זיך אַרײנצומישן ניט אין זײנע געשעפֿטן, רעדן אַ װעכטער אַנטקעגן האָט מען ברונאָן פֿריער געװנומען אין קעלער און ערשט נאָכ־דעם אים געגעבן דרײ מעת לעת אין „לאָך" — פֿינסטערן אַרעסט.

װעגן דעם האָט לעאָן ניט געװאוסט. צוליב זײן פֿיבער האָט מען אים באַפֿרײט פֿון די „איבונגען" אױפֿן טורמע הױף. ער האָט קײנעם ניט געזען, און אַזױ שנעל װי דער פֿיבער איז אַרונטער האָט מען אים, מיט פֿאַרבאַנדאַזשירטע פֿינגער נאָך, אַרײנגעבראַכט אױף אַ װײטערדיקן פֿאַרהער.

דער מאַיאָר איז נאָך אַלץ געווען העפליך, זיין „פריינדליכקייט" איז דאָך געווען אַ ביסל געמינערט.

— אה, הער שריפטשטעלער! די פינגער נאָך אַלץ פאַרבונדן? נו, דאָס מאַכט ניט, וועלן אַזוי גיך ניט שמוציק ווערן. יאָ, א י י ע ר ע פינ־גער וועלן שוין אַזוי גיך ניט ווערן שמוציק, אָבער עס זיינען נאָך דאָ געגנוג שמוציקע אידישע פינגער. יאָ, נאָך דאָ געגנוג. ווייסט איר ווער עס האָט געשריבן אָט די שמוציקע שווינעריי?

לעאָן לעווענטאַל'ס אויגן האָבן אָנגעשטריינגט געקוקט אויף דעם בלעטל וואָס דער מאַיאָר האָט אים אונטערגערוקט. די ווערטער, שורות האָבן ראַביעט, ער האָט ניט געזען קיין בוכשטאַבן, ער האָט אָבער דער־קענט עס איז אַ מימעאָגראַפירט בלעטל. אַ פרייד פון דערזען אַ נאָענטן באַקאַנטן אין אַ ווילד פרעמדער שטאָט האָט אַרומגעכאַפּט לעאָנען. זיי שלאָפן ניט. די וועלט שלאָפט ניט. דערפאַר איז דעם מאַיאָר'ס קוק שוין גאָר ניט קיין פריינדליכער, אַפילו זיין מיאוסער שמייכל איז פאַר־שוואונדן. דעם מאַיאָר'ס קוק האָט אים געבראַכט צוריק צו זיך. האָט ער זיך ניט אויסגעגעבן מיט זיין פרייד? — ניין, — האָט ער קורץ געענטפערט.

— איר זייט אַ איד, ניין?

— יאָ.

— און אַ שריפטשטעלער?

— יאָ.

— דאַן מוזט איר וויסן ווער עס שרייבט אָט די שווינערייען.

— איך ווייס ניט.

— איר האָט באַקאַנטע שריפטשטעלער, ניין?

— יאָ.

— ווער זיינען זיי? זייערע נעמען!

שווייגן. ניט נאָר לעאָן, אויך דער מאַיאָר האָט געשוויגן. זיינע אויגן האָבן אַ לאָף געטון איבער לעאָן לעווענטאַל, זיך אָפּגעשטעלט אויף די פאַרבונדענע פינגער, באַטראַכט זיי. דאַן האָט דער קוק, שוין אַ פאַר־שווערערישער, געמאָסטן לעאָנען פון קאָפּ ביז די פיס. אָפּגעמאָסטן, האָט זיך באַוויזן דער „איידעלער" שמייכל אינם קוק און באַלד האָבן די ליפּן אויסגעשמייכלט: וואָך האַלטן!

.6

דאָס שווערסטע אין ערשטן מעת לעת איז געווען דאָס זיצן. לעאָן לעווענטאַל האָט ניט געטאָרט זיך אַוועקלייגן, זיך אויפשטעלן אָדער אַרומגיין אין צעל. אַ פּירקאַנטיק ביינקל אָן אַ ווענטל, אָפּגערוקט פון וואַנט, און אויף דעם האָט ער געמוזט זיצן, זיין וואַך. אַוועקגעזעצט אים אויפן ביינקל און „אָנגעזאָגט" ער זאָל זיצן, זיך ניט רירן, איז דער וועכטער אַרויס פון צעל. ער איז אָבער אַרומגעגאַנגען אין קאָרידאָר און יעדע צען מינוט האָט ער באַדאַרפט אַ קוק טון דורכן וועלפישן אויגל אין טיר אָדער גאָר אַריינגיין זען אויב זיין אָנגעטרויטער איז וואַך.

לעאָן לעווענטאַל איז געבליבן זיצן אויפן ביינקל, באַטראַכט פון דאָס ניי די צעל. דער שמוציקער שטרוי־זאַק אין ווינקל — אַ דעזידעראַטום, אַ באַגערט לאַנד וואוהין מ'לאָזט ניט אַריין. זיצן. ער האָט זיך איינגעמאָסטעט אויפן ביינקל. זיך פאַרטראַכטן וועגן עפּעס, טראַכטן אין זאַך, אָנהויבן שרייבן עפּעס, שרייבן אין קאָפּ. אפשר גאָר פון אָט דער תּפיסה טאַקע. דער שרייבער. „פון מיינע גרויסע ליידן מאַך איך קליינע לידער." היינע. גרויסע ליידן! ער איז ניט געזעסן אין טורמע. אין טורמע זיינען געזעסן: סערוואַנטעס האָט אין געפענגעניש געלעזן קאַפּיטלעך פון זיין דאָן קיכאָט פאַר די אַרעסטאַנטן, פראַנסואַ ווילאָן, דאָסטאָיעווסקי, ווײַלד. די באַלאַדע פון רעדינג תּפיסה. די באַלאַדע. אַ געזאַנג? אַ געשריי! אַ געשריי טון אַז די וועלט זאָל דערהערן. שרייען אין אַ קבר. ער מוז שרייבן, איז ניט פאַר דער וועלט, פאַר זיך, פאַר היינט, ער זאָל ניט אַרונטער פון זינען, זיצנדיק דאָ אויף אָט דעם טויטן שטול. אפשר טאַקע אַזוי אַ נאָמען געבן? „דער טויטן שטול," „דער שטיינערנער קבר," „דער..." מילא, אַ נאָמען וועט שוין אַרויסשפּרינגען פון דער געשיכטע גופא. ווי הויבט מען אָן? די שווערסטע זאַך איז דער אָנהויב. אפשר גאָר אָנהויבן פון... מיטן? „ברונאָ איז געזעסן אויפן שטול..." ניין, ניט ברונאָ, ערנסט. יאָ, ערנסט. ערנסט איז...

ערנסט האָט גענומען לעבן, זיך באַוועגן, רעדן, טראַכטן, טון, האַנדלען, און לעאָן איז געווען אַזוי פאַרנומען מיט זיין ערנסט, אַז ער האָט ניט געזען דעם וועכטער'ס אויג אין טיר, און ווען זיין ערנסט איז אַריינגעפאַלן אין אַ שווערער סיטואַציע, ניט געקענט אַרויס פון דאָרט, האָט

לעאָן לעוועגטאַל, ניט באַגרייפנדיק וואָס ער טוט, זיך אויפגעהויבן פון ביינקל, געגומען אַרומגיין איבערן צעל, די פינגער פון דער רעכטער האַנט האָבן געמאַכט די באַוועגונג ווי ער וואָלט געהאַלטן די פּינסנע, נאָר וואָס אַרונטערגענומען פון נאָז. די טיר האָט געטון אַ פּראַל אויף. דערזען דעם וועכטער, באַגריפן וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, איז לעאָן געבליבן שטיין מיט פאַרגליווערטער שרעק אין די אויגן.

— דיר געזאָגט דו זאָלסט זיך ניט אויפהויבן, דו שווייגערישער איד! — האָט דער וועכטער אים אַ זעץ געטון אויפן ביינקל. — זיץ, הונט איינער, זיץ! און אויב איך וועל דיך נאָכאַמאָל זען זיך אויפהויבן . . .

לעאָן לעוועגטאַל איז געזעסן. דאָס וועלפּישע אויגל אין טיר — אַ שפּאַקטיוו וואָס קוקט אַריין גלייך צו אים אין אויג, אין קאָפּ, די טריט אין קאָרידאָר — טעמפּע קלעפּ אין קאָפּ, קלעפּ וואָס פאַרטעמפּן, פאַרטויבן. וואָס לייגער ער האָט זיך צוגעהערט צו די טריט, אַלץ טעמפּער איז געוואָרן דער קלאַנג, דעם וועכטער'ס טריט — דער גאַנג פון אַ זייגער, ווען ער שטעלט זיך אָפּ דערהערט מען שאַרפער ווי ווען ער איז געגאַנגען. ווי שפּעט איז? טירן עפענען, פאַרמאַכן זיך, באַפעלן, אָפּקלאַנגען פון באַוועגונגען — אַלץ ווייזערס וואָס האָבן געמאָסטן די צייט פאַר לעאָנען. איצט . . . איצט . . . דער דייטליכסטער זייגער — די שוואַכע שיין פון דער זון און די עלעקטרישע ליכט, אַ טאָג פאַראיבער. אָוונט שוין. נאַכט.

ער האָט געעסן דעם אָוונט־ברויט זייער פּאַמעלאַך, געפילט יעדע באַוועגונג פון די פינגער, ציין און אַפילו פון די געדערים, און הנאה געהאַט פון די באַוועגונגען. ער איז געגאַנגען פאַר נאַטירליכע באַדערפענישן און געפילט די פיס זיינע גייען אָפּ, דער רוקן גלייכט זיך אויס, אַפילו דער שטורך פון דעם באַגלייטער איז געווען דערפרישנד. ניט געזען קיינע באַקאַנטע דאָרט, ברונאָ אויך ניט געווען. ווען עס זאָל כאָטש זיין נאָך אַ מענטש.

אויף ביינאַכט האָט מען אים אַריינגעזעצט אַ מענטשן. דער וועכטער איז געזעסן שטום. לעאָן לעוועגטאַל האָט אים פיקסירט מיט די אויגן, אַריינגענומען זיין וואוקס — קורץ, דיק, פעסט —, זיין קיילעכדיקן קאָפּ דעם שווערן, דעם קורצן האַלז, דיקן קאַרק. דעם קאָליר פון די אויגן האָט ער ניט געקענט זען, בלויז דעם שניט זייערן, אַ מאַנדל־שניט,

עטוואָס מאָנגאָלישעס. ניט קיין ריינער אַריער, האָט לעאָן אַ שמייכל געטון. ווער איז ער, אָט דער מענטש, אָט דער וועכטער וואָס דאַרף זיצן אַ גאַנצע אָדער אַ האַלבע נאַכט, אַכטונג געבן, ניט לאָזן שלאָפן אַ צווייטן מענטשן? האָט ער אַ ווייב, קינדער? נאָך גאָר אַ יונגער. אַ געליבטע אפשר. ווער איז ער, וואָס טראַכט ער? אָט האָסטו אַ מענטשן פאַר זיך. ביסט'אָך אַ שרייבער, וואָס איז דער שליסל צו אָט דעם מענטשן? אַדרבה. דער וועכטער אַ מאָדעל, לעאָן לעוועגטאַל אַ מאַלער.

האָט דער וועכטער דערפילט לעאָנ'ס קוק? ער האָט אַ קוק געטון, אַ פינטל געטון מיט די אויגן, זיך איינגעמאָסטעט אויף זיין זיץ, אַרויס־געצויגן פון קעשענע אַ צייטונג, גענומען לייענען.

אַ צייטונג. דער שרייבער האָט זיך אַ צאַפּל געטון. ער האָט ניט געקענט לייענען פון אַזוי ווייט, דאָס קעפּל האָט ער אָבער דערקענט — „דער שטורמער." צייטונגען, שרייבער, שרייבן מיט דער פען... אויף זאַמד... מעקן... לעאָנ'ס פינגער האָבן זיך פאַרקרעמפּט אין קולאַקעס, די אויגן האָבן זיך פאַרמאַכט, פאַרקוועטשט, זיין גאַנצער קערפּער האָט אַ ציטער געטון. דער וועכטער האָט אָפּירגעקוקט פון זיין צייטונג, לעאָן האָט זיך אָפּגעריסן פון דער זאַמד... אויגן האָבן זיך באַגעגענט. קוקן דאָס צוויי מענטשן איינער אויפן צווייטן? צוויי מאַנעקענען אין איין שוי־פענסטער, צוויי מתים אין איין טויטן־שטיבל. אויסרעדן אַ וואָרט. דער וועכטער איז דאָך אַ מענטש. פאַרפירן אַ געשפּרעך. דאָ מענטשן וואָס פאַרפירן לייכט אַ געשפּרעך מיט דער קעלנערין אין רעסטאָראַן, מיטן קאָנדוקטאָר אין טראַמוויי, מיט אַ פרעמדן אין גאַס. אָט די מענטשן האָט ער אָפּט באַוואונדערט פאַר דער פייאיגקייט, צו דער זעלבער צייט געטראַכט: זיי מוזן זיין פלאַכע מענטשן, צוויי פלאַכן קומען זיך צוזאַמען זייער לייכט. נו, אפשר ניט אַזוי פלאַך דער ענין, אפשר דאַרף מען האָבן דעם ריכטיקן שליסל, ברונאָ וואָלט שוין געפונען דאָס פּאַסיקע וואָרט, וואָלט שוין גערעדט מיט אים.

— ווי שפּעט איז?

דער וועכטער האָט פּאַמעלאַך אַ דריי געטון דעם קאָפּ. — האַלט ס'מויל!

די צעל איז אָנגעפילט מיט שווייגן, אין דער שווייגעניש אַריינגע־שטעקט צוויי מענטשן. די צעל — אַ פּויק, די טעמפּע וועכטער טריט —

קלעפּ פון וואַטאָווע פּייקלעך איבער די זייטן פון פּויק. אַ שרילער מענטשליכער געשריי, אַ געשריי פון אַ געווינערין אין די לעצטע וויען, אַ געשריי פון אַ מענטשן וואָס ווערט אפּערירט אָן אַ שלאָף־געטראַנק. האָט פּלוצלונג דורכגעשטאָכן דעם פּויק, זיך אַריינגעשניטן צו לעאָן לעוועטנאַל אין מאַרך אַריין. ער האָט אויפגעציטערט. דער וועכטער האָט זיך אומגעקוקט. באַלד האָט זיך דערהערט אַ געזאַנג פון אַ מענער־רישן כאָר. דאָס האָבן אַרעסטירטע געזונגען צו פאַרדעקן די געשרייען פון זייערע געפּייניקטע חברים. לעאָנ׳ס אויערן האָבן געוואַרט אויף אַ צווייטן געשריי ווי איינער וואַרט אויף אַ צווייטן דונער, אָבער ער האָט בלויז געהערט דאָס געזאַנג.— זינגען פּאַטריאָטישע לידער איז גוטע איבונג פאַר די לונגען און אויך פאַר׳ן דייטשישן גייסט,—אַזוי האָט דער־קלערט דער טורמע אויפזעער. „גוטע איבונג...‟ איבונגען, הויף... מאַניקור... לעאָן האָט שוין ניט געהערט אַפילו דאָס געזאַנג.

צו דעם וועכטער איז געוואָרן לאַנגווייליק, אָדער אַזוי איז געווען די פאַראָרדענונג, ער איז אַרויסגעגאַנגען און באַלד צוריקגעקומען מיט נאָך איינעם. ביידע האָבן אַ קוק געטון אויף זייער אַנגעטרויטן און זיך גלייך געזעצט שפּילן אין קאָרטן.

לעאָן האָט געפּרוווט נאָכפאָלגן די קאָרטן־שפּיל. ער האָט געזען באַוועגונגען, געהערט אויך רייד.— דער האַנס, ווייסט׳אָך, דער באָלשע—קאַפּוט. יאָהאָן, דער גרויסער, דער פון מינכען, אַרויסגעשיקט. מ׳שיקט אַרויס, אַנדערע קומען. היינט אָנגעקומען איינער, אַ געזונטער קערל, אָבער ווען מ׳האָט אים גענומען אין קעלער, ווי נאָר מ׳האָט אים אַריבער־געצויגן איבער דער באַנק האָט ער אָנגעמאַכט פולע הויזן. אָבער האָט דאָס געשטונקען! כאַ־כאַ־כאַ! נאַ, דו טאַשסט.— איבערגעבנדיק דאָס פּעשל קאָרטן האָט ער געכאַפּט אַ קוק אויף לעאָנען.— זיץ, מאַריץ, זיץ. — לאַכנדיק האָט ער גענומען די אויסגעטיילטע קאָרטן.

לעאָן לעוועטנאַל איז געזעסן. דער רוקן האָט געבראָכן, די פיס, האָט ער געפילט, זיינען אים פאַרלאָפן, דער קאָפּ הייס, שווער. זיך אַנידערלייגן, זיך אויסציען, כאָטש אָנשפּאַרן דעם קאָפּ. ווען ער האָט געזען די וועכטער זיינען פאַרטיפט אין די קאָרטן האָט ער געפּרוואוט אויסבויגן דעם רוקן, אפשר וועט דער קאָפּ דערגרייכן די וואַנט. ער

האָט זיך אַ וואַקל געטון, שיר ניט אומגעפאַלן און גלייך דערהערט: העי, דו איד, רואיק זיצן!

די עלעקטריק האָט זיך אויסגעלאָשן. אַ שוואַכע טאָג־ליכט האָט געבומען אַריינדרינגען אין צעל, די וועכטער האָבן זיך געביטן, לעאָן איז נאָך אַלץ געזעסן. דורכן טאָג איז בלויז איין וועכטער געזעסן מיט אים, אים פון צייט צו צייט אַ שטורכע געטון מיטן עלנבויגן אין זייט און ווען לעאָנ׳ס קאָפּ האָט זיך אַ בויג געטון אָן אַ זייט האָט אַ קולאַק אים אַ שטויס געטון אויף צוריק, אַזוי אַרום אים געהאַלטן וואַך דעם גאַנצן טאָג. אין אָונט זיינען ווידער געווען צוויי וועכטער. וואָס ווילן זיי פון אים? ווי לאַנג וועלן זיי אים אַזוי האַלטן? אין דער אינקוויזיציע, לויפט דורך אַ געדאַנק, האָט מען עס „אויסגעפונען״ דעם מיטל — האַלטן וואַך אַ מענטשן צוויי מעת לעת ביז ער וועט זיך מודה זיין, אויסזאָגן. דער „ערפינדער,״ איפּאָליטאָ דע מאַרסיאַי, האָט זיך נאָך באַרימט אַז דאָס איז דער בעסטער מיטל, עס „שעדיקט ניט קיין אבר,״ און זעלטן ווער עס קען ווידערשטיין, ער מוז אויסזאָגן. ווילן זיי אים אויסמאָרען עטליכע נעכט, עטליכע מעת לעת, ער זאָל זיך אויך מודה זיין? אין וואָס? אַרויסגעבן נעמען? וואַך זיין, לעאָן, וואַך זיין, ניט רעדן, ניט אַרויסריידן, ניט אַרויסזאָגן.

אין די אויגן האָט מען זאַמד אַריינגעשאָטן, די זאַמד בייסט און שניידט, די אויגן לעדלעך זיינען אַזוי שווער זיי פאַלן ממש אַרונטער איבער די אויגן, אָבער לעאָן שטריינגט זיך אָן זיי אויפצוהויבן, האַלטן די אויגן אָפן. זיצנדיק מיט אָפענע אויגן האָט ער דאָך געפילט ווי ער שלאָפט איין. צוויי מאַרכן, האָט ער געפילט, זיינען דאָ ביי אים אין קאָפּ, איינער שטייט טאַקע אויף דער וואַך, האַלט די אויגן אָפן, זעט, הערט אַפילו די שטימען פון די וועכטער, אָבער דער צווייטער מאַרך, דער טיפערער, שלאָפט, רוט. ווען ער זאָל נאָר קענען אויסגלייכן דעם רוקן, זיך אויסציען, אַוועקלייגן דעם קאָפּ. אַ קנאַק פון קולאַק האָט אויסגעגלייכט דעם זינקענדיקן קאָפּ. — גלייך זיצן, שווינערישער איד! — איז ער אַנדרימעלט געוואָרן? ניט שלאָפן. וואַך זיין. האַלטן די אויגן אָפן.

לעאָן איז געשלאָפן מיט אָפענע אויגן. זיין „פאָדערשטער מאַרך״ וואָס האָט געדאַרפט האַלטן וואַך האָט זיך געגעבן אַן עצה — ער האָט געהאַלטן די אויגן אָפן אָבער געשלאָפן, דערפאַר אָבער איז זיין „טיפער־

ער מאַרך," קענטיק, געוועזן וואַך. לעאַן איז געגאַנגען צום טייך זיך באָדן. ער האָט שוין אַרונטערגעוואָרפן דאָס רעקל, די העמד, געהאַלטן ביים אַרונטערציען די הויזן, ערשט אַ באַנדע אינגלעך זיינען אָנגעלאָפן, אינגלעך מיט הינט. ער כאַפּט דאָס רעקל, האַלט צו די הויזן און לויפט, לויפט, די הינט נאָך אים. גיכער! גיכער! דער וועג איז פאַרשטעלט. אַ מענטש מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס שטייט, פאַרשטעלט אים דעם וועג. ער וויל אים אויסמיידן דעם מענטשן, יענער כאַפּט אים אַריין אין די אָרעמס. רייסט זיך לעאַן, און דער מענטש לאַכט: לאַלאַ, נאַרישער לאַלאַ, דאָס איז דאָך איך, איך קאַרל, זעסט מיך ניט? ער עפנט די אויגן — טאַקע קאַרל. דריקט ער זיך צו צו אים, כליפּעט און נעמט אים שטאַרק אַרום: קאַרל! קאַרלכען! קאַ־ר־ל...

ער איז אַרונטערגעפאַלן פון ביינקל.ביידע וועכטער זיינען אויפ־געשפּרונגען. סטוסאַקעס פון ביידע זייטן. זיי האָבן אים אָוועקגעזעצט, צוגערוקט זייערע שטולן צו זיין ביינקל. — נו, מאַריץ, ווילסט שלאָפן? ערשט די צווייטע נאַכט און ווילסט שוין שלאָפן. וואָס וועסטו שוין טון אויף דער צענטער?

— צענטער?!

— נו יאָ, אויב דו וועסט ביז דאַן ניט קראַפּירן. דו זאָג בעסער ווער זיינען דיינע חברים, די שווייַנערישע שרייבער, די אידן, די קאָמוניסטן. עטליכע נעמען, לאָזן מיר דיך שלאָפן.

— איך ווייס ניט קיינע נעמען.

— וועסט שוין וויסן. שלאָף, מאַריץ, שלאָף, — האָבן זיי אים גע־שטורכעט אין די זייטן אין שפּאַס בלויז. זיי האָבן זיך ווידער גענומען צו די קאַרטן, האָבן אָבער געהאַלטן אַן אויג אויף לעאָנען, און יעדעס מאָל וואָס דער קאָפּ האָט זיך אַ שאָקל געטון אויף אַרונטער און פאַר יעדן וויג מיטן קאָפּ אָן אַ זייט האָט ער געקראָגן אַ שטורך אין זייט. ער איז דאָך איבערגעזעסן די צווייטע נאַכט, אינדערפרי געטרונקען קאַווע און פאַמעלאַך געקייט דאָס ברויט.

אויף דער דריטער נאַכט זיינען די וועכטער ניט אָפּגעטראָטן פון אים. ניט נאָר האָבן זיי ניט געלאָזט צומאַכן אַן אויג, זיי האָבן אויך אומ־אויפהערליך געהאָגלט מיט פראַגן. צום וויפילטן מאָל האָט ער שוין גע־ענטפערט ווי ער הייסט, וואָס ער האָט געטון, און זיי זיינען אַלץ געקומען

צו דער פראַגע וועלכע שרייבער קען ער, זייערע נעמען. זיין יעדער „איך ווייס ניט" איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ שטורכע אין זייט. — איין שרייבער! איין נאָמען!

— ברעכן דעם ווידערשטאַנד. ער'ט זאָגן איין נאָמען וועט ער שוין זאָגן נאָך,— האָבן געוואוסט די וועכטער. — זיי זאָגן איין נאָמען, אַ נאָמען פון אַ טויטן שרייבער,— איז דורכגעלאָפן אַ געדאַנק ביי לעאָנען, און זיין פאַרנעבלטער מח האָט מיט אַמאָל אויפגעלויכטן.

— איין שרייבער? — האָט ער איבערגעפרעגט. — סערוואַנטעס.

— ערשטער נאָמען?

קיין צו גרויסע ליטעראַטן אָדער ביבליאָגראַפן זיינען זיי, ווייזט אויס, ניט, האָט לעאָן אינערליך געשמייכלט. אָבער מיגועל וועט ניט טויגן.— ערשטער נאָמען? — האָט ער איבערגעפרעגט.— מיכעל. מיכעל סערוואַנטעס,— האָט ער איבערגעזאָגט דעם נאָמען און אַ קוק געטון אויף די וועכטער. איינער האָט פאַרשריבן דעם נאָמען.

— נאָך איין שרייבער?

לעאָן לעוועטאַל איז וואַך געוואָרן. אַ שפיל. נעמען פון טויטע שרייבער. לויטן אַלף בית. — אויערבאַך. בערטאָלד אויערבאַך.

דער שרייבער האָט פאַרשריבן, געמאָנט נאָך אַ נאָמען.

— בערנע. לודוויג בערנע.— אַרויסזאָגנדיק האָט ער אינערליך אַ ציטער געטון, אפשר וועט דער נאָמען עפּעס אַרויסרופן. זעענדיק ווי דער שרייבער האָט רואיק פאַרשריבן האָט ער זיך בלויז געוואָרנט ניט אַרויסצוגעבן זיין שמייכל.

— נאָך דריי נעמען, מאַריץ, לאָזן מיר דיך שלאָפן.

— דריי נעמען?

אַ, בע, צע. צע? צע! ניטאָ. איבערהיפּן.

— דעהמעל. ריכאַרד דעהמעל.

— און? . . .

— ענגעל.

— ערשטער נאָמען?

— ראָבערט,— האָט ער אַ זאָג געטון אויף טרעף.

— און? . . .

— פרייטאַג. גוסטאַוו פרייטאַג.

באַלד וועט ער זיי נאָך זאָגן: גערהע. ניין. דער נאָמען איז געפערליך. שוין זען.

— גוט, מאָריץ, איצט קענסטו שלאָפן.

לעאָן האָט מיסטרויאיש אַ קוק געטון, געמאַכט אַ באַוועגונג אַרונטערצוגיין פון ביינקל. די וועכטער האָבן געלאַכט. — אָט דאָ אָ, זיצנדיק.

זייער געלעכטער, דאָס ביינקל אַלס בעט האָט געוועקט פאַרדאַכט, דער שלאָף, דער דראַנג צו שלאָף האָט פאַרדעקט אַלע פאַרדאַכטן. די וועכטער האָבן זיך נאָך ניט אָפּגעקערט, און זיינע אויגן זיינען שוין געווען צוגעמאַכט, דער שלאָף האָט אים אַרומגענומען.

אַ טרייסל פאַר די האָר און ער האָט דערזען די וועכטער.

— נו, גענוג געשלאָפן. איצט נאָך נעמען.

ווי לאַנג איז ער דען געשלאָפן? אַ מינוט אפשר.

— נאָך נעמען? וואו האָט ער זיך אָפּגעשטעלט? ער האָט ניט געדיינקט. נעמען, נעמען ווילן זיי. און ער גערדיינקט ניט, גערדיינקט ניט קיינע נעמען. דער אויטאָמאָביל איז געלאָפן באַרג אַרונטער און קיין טאָרמאָז אים אָפּצושטעלן, אָפּהאַלטן, דאָס בעסטע וואָס דער טרייבער קען טון איז קירעווען פאַמעלאך, עט־וואָס קירעווען דאָס רעדל, ניט אַריינצופאָרן אין באַרג, ניט אַרונטערקייקלען זיך אין אָפּגרונט. נעמען, מאַכט ניט וועלכע נעמען, נאָר ניט דערמאָנען קיין לעבעדיקן, האָט געהאַמערט אין מח, און פון מויל איז אַרויסגעפאַלן דער נאָמען: פרויד. לעאָן האָט דערשראָקן אַ קוק געטון, געזען דער שרייבער האָט שוין פאַרצייכנט. — ערשטער נאָמען?

— זיגמונד,— האָט לעאָן שוואַך געענטפערט און זיך געטרייסט אין געדאַנק — פרויד איז אין עסטרייך. נאָך פרוידן איז געקומען אַדלער, יונג. ער האָט שוין אַפילו ניט געפרואווט זיך אָנשטריינגען, גיין נאָכן אַלף בית, איין שרייבער'ס נאָמען האָט אַרויסגערופן אַ צווייטן, לעסינג האָט אַרויסגערופן מענדעלסאָן, ניטשע איז געגאַנגען מיט וואַגנערן. אין פאַרלויף פון דער נאַכט האָט ער זיי אָנגעגעבן אַ היבש צעטל פון שרייבער, צווישן זיי אַזעלכע דייטשן ווי שטענדאל, זאָלאַ, באַלזאַק און פרוסט.

וויפיל מינוט שלאָף ער האָט אַריינגעכאַפּט אין די הפסקות צווישן איין אָנגעבן נעמען און אַ צווייטן האָט ער ניט געוואוסט, דאָס אויפרייסן

פון שלאָף איז אַלע מאָל געווען מיט אַ שטויס, אַ שטורך, אַ קנאַק, אַ ריס פאַר די האָר, אָבער דער קערפּער האָט פאַרטראָגן די קלעפּ, זיי כמעט ווי ניט געפילט, ער האָט געמאָנט בלויז איין זאַך — שלאָף. דער קאָפּ, אויף וויפיל ער איז נאָך געווען פייאיק צו טראַכטן, האָט אַ טראַכט געטון: דאָ האָט איר אייך נעמען פון שרייבער.

די וועכטער האָבן אָנגענומען דאָס צעטל, געווען צופרידן מיט אַזוי פיל נעמען. דער מאַיאָר, איבערקוקנדיק דאָס צעטל, האָט אַזש געטופּעט מיט די פיס. — אייזלען! דומקעפּ! דאָס זיינען דאָך טויטע שרייבער! און גאָר קיין דייטשישע אויך!

— מיר וועלן אים דערשלאָגן צום טויט, דעם אידן! — האָבן די וועכטער געברומט אין כעס פאַר חרפּה.

— ניט שלאָגן. בלויז וואַך האַלטן. און פרעגן. פרעגן אַלץ. שרייבער, פריינט, באַקאַנטע, קרובים, נעמען, אַדרעסן, אויב אַפילו ניט קיין נומער איז גאַס, געגנט, שטאָט. ניט לאָזן שלאָפן. די פערטע נאַכט? ער'ט שוין ריידן. פאַרצייכענען אַלץ, אַ ל ץ, גענוי און פּינקטליך.

— ניין, — האָט ער געוואוסט איז דער בעסטער ענטפער, און דאָס וואָרט איז גאַנץ אָפט איבערגעחזרט געוואָרן אויף דער פערטער נאַכט ווען אַ האָגל מיט פראַגן האָט אומאויפהערליך געקלאַפּט. אייניקע מאָל איז אָט דער „ניין" געווען אַזוי שרייעריש ליגנעריש אַז ער אַליין האָט באַגריפן ווי פאַלש דאָס וואָרט קלינגט. מיט שרעק האָט ער דאַן אַ קוק געטון אויף זיינע אויספרעגער, די אויגן האָבן שוין אָבער ניט געקענט באַנעמען זייערע געזיכטער, דער געדאַנק האָט אַוועקגעוואַנדערט. ער האָט געהערט ווערטער אַרויספאַלן פון מויל און ניט געקענט כאַפּן וואָס ער האָט נאָר וואָס אַרויסגעזאָגט. שווייגן. שווייגן. שלאָפן. שלאָפן! זאָלן זיי אים שלאָגן, דערשלאָגן, טויט, אַבי ניט זיצן, ניט רעדן. שווייגן.

אויף דער פינפטער נאַכט האָט שוין לעאָן ניט גערעדט. די מינוט וואָס די וועכטער האָבן זיך אָפּגעקערט איז ער געשלאָפן. אַ פליוך קאַלטע וואַסער אויפן פּנים, און ער איז געווען וואַך, אָבער ער האָט קוים געהערט וואָס מ'פרעגט אים, און זיין ענטפער איז געווען מער אַרויסגעברומט ווי אַרויסגערעדט. דער שרייבער האָט דאָך פאַרצייכנט, און נאָך איידער ער האָט צייט געהאַט צו פרעגן נאָך עפּעס איז שוין לעאָן געשלאָפן. זיי האָבן געפּרואווט אים דורכפירן איבער דער צעל, אָבער ער

איז אַ שלאָפנדיקער געהאנגען אויף זייערע אָרעמס, זיי האָבן אים אַ וואָרף געטון, איז ער געבליבן ליגן. די נעז פון די שטיוול האָבן געשטורכעט די זייטן, דאָס הענטל פון בייטש האָט געקלאַפּט אין די ריפּן, אָבער לעאָן האָט זיך ניט גערירט. איינער פון די וועכטער האָט אַ שמיץ געטון מיטן אַראַפּניק. דער קערפּער האָט אַ צוק געטון אָבער געבליבן ליגן.

פון אַ שמיץ מיט אַן אַראַפּניק זיך ניט אויפכאַפּן! דאָס איז שוין געווען אַ... באַליידיקונג. איינער פון זיי האָט אַ הויב געטון דעם אַראַפּ־ניק, געוואָלט אַ שמיץ טון שטאַרקער, דער צווייטער האָט אים אָפּגע־שטעלט: קעגן דער פאַראָרדנונג. אפשר איז ער גאָר טויט. ער האָט אַ צי געטון דעם קאָפּ פאַר די האָר, איין אויג האָט זיך געעפנט, אַ שפּאַ־רונע בלויז און גלייך זיך פאַרמאַכט. ער האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ צום באָדן. — כאַפּט אים דער... מיר האָבן געהאַט גענוג. שוין באַלד טאָג סיי ווי. זאָל דער מאַיאָר... ער האָט ניט געהייסן שלאָגן.

זיי האָבן איבערגעדעקט די פנימער און גלייך איינגעשלאָפן. אַזוי ביז אינדערפרי ווען זיי האָבן איבערגעגעבן דעם מאַיאָר די קורצע פאַר־צייכענונגען מיטן באַריכט. דער מאַיאָר האָט אַ קוק געטון אויף די פאַרצייכענונגען און געהייסן אים לאָזן שלאָפן.

ווי לאַנג ער איז געשלאָפן האָט לעאָן לעוועגטאַל ניט געוואוסט. ווען דער וועכטער האָט אין אַ מעת לעת אַרום אים אויפגעריסן פון שלאָף האָט ער אַפילו ניט געוואוסט צו איז ער געשלאָפן, ער האָט געהאַט דעם געפיל אַזוי ווי ער וואָלט אַרויסגעקומען פון ערגעץ אַ תהום. דער קער־פּער, מיד און צעבראָכן ווי ער איז געווען, האָט גלייך גענומען פאָדערן זיינס — נאַטירליכע באַדערפעגישן און עסן. וואַקלענדיק זיך איז ער אַרויס אין אַ נויטיקן פּלאַץ.

זיצנדיק איז ער שיר ניט אַריינגעפאַלן ווידער אין שלאָף. ער האָט זיך אַ טרייסל געטון, געוואָרפן אַ קוק אַן אַ זייט און דערזען לעבן זיך ברונאָן, אַ זיצנדיקן.

ברונאָ האָט עטוואָס אַ קער געטון דעם קאָפּ, דערזען לעאָנען און שטיל אַ פרעג געטון: — וואַקאַציע?

— געזעסן שמירה, — האָט ער שטיל געענטפערט.

— דאָס זעט מען, — האָט ברונאָ אַ זאָג געטון און זיין געאייילטער

קוק האָט אַריינגענומען דאָס גרין־ווייס געזיכט, די איינגעפאַלענע אויגן.
— דו זעסט מיר אויך אויס עפּעס...
— איך? דו קוק בעסער אויף זיך!
— ברונאָ! — האָט לעאָן אַ זאָג געטון, אַ פאַרוואונדערטער און אַ פאַרוואונדעטער פון דעם רויען ענטפער. ברונאָ האָט דראָענדיק אַ קוק געטון מיט איין אויג, מיט דער קני אַ שטורכע געטון. דער וועכטער איז געשטאַנען מיטן אַראַפּניק. רעדן פאַרבאָטן.
מער האָט ער ברונאָן דעם טאָג ניט געזען. שפּעטער האָט ער זיך דערוואוסט אַז ברונאָ איז צוליב אים, פאַר זאָגן אַז ער דאַרף אַ דאָקטאָר, געווען אין קעלער... געהאַט טונקעלן אַרעסט, און האָט באַגריפן אַז ברונאָ׳ס רויער ענטפער — דו קוק בעסער אויף זיך — איז געווען ניט מער ווי זיין אופן ניט צו מאַכן קיין וועזן פון זאַכן. דאַן האָט ער עס אָבער ניט געוואוסט, ער האָט בלויז געפילט אַז אַפילו ברונאָ, אָט דער ברונאָ וואָס האָט אַזוי צאַרט באַשמירט זיינע צעבלוטיקטע, צעשטאָכענע פינגער מיטן ביסל מאַרגאַרין, געשלאָסן ברודערשאַפט, אויך אָט דער ברונאָ וויל אים ניט צולאָזן צו זיך, וויל מיט אים מער גאָרניט האָבן צו טון. אַליין, אינגאַנצן אַליין אין אָט דעם גיהנם. ער וועט דאָ אַזוי אומקומען און קיינער וועט פון דעם ניט וויסן.

ניט קיין מעססע וועט מען זינגען,
ניט קיין קדיש וועט מען זאָגן,
ניט מ׳עט זאָגן, ניט מ׳עט זינגען
ווען איך וועל אַ טויטער ליגן.

(היינע)

ביין, ער וועט ניט שטאַרבן. די שוואַכע האַלטן אַמאָל מער אויס ווי די שטאַרקע. וואָלט דען ניט בעסער געווען ער זאָל שטאַרבן? וועלכע נאָך טייוולאָנישע מאַטערנישן האָבן זיי אויסגעטראַכט? נאָך אַזאַ וואָך און ער... אָבער ער לעבט, כאָטש ער איז אַזוי שוואַך, אַזוי שוואַך...
דער שוואַכער האָט געגומען רחמנות האָבן אויף זיך אַליין, רחמנות ביז צום וויינען. ניט טראַכטן, רוען, שלאָפן, ניט פילן גאָרניט, שלאָפן.

.7

מ'האָט אים געלאָזט זיך אויסשלאָפן. אין פאַרלויף פון אַ מעת לעת — קיין פאַרהער, קיינע איבונגען, אַפילו קיינע קלעפּ פון די וועכטער. אין די פאָר וואַכע שטונדן האָט צו לעאָן לעוועטאַל זיך אַריינגעגנבעט די האָפענונג: אפשר שוין איבערגעקומען דאָס ערגסטע, שוין גלייכ־געשאַלטעט, איצט קומט... זיי וועלן אים אייביק ניט האַלטן דאָ אין תפיסה. אַ קאָנצענטראַציע לאַגער... שוין אויך בעסער. און אפשר גאָר אַרויסלאָזן. זיי האָבן דאָך קיין באַשולדיקונג קעגן אים אויסער וואָס ער איז אַ איד און אַ שריפטשטעלער. — דאָס איז גענוג,— האָט אונטערגע־זאָגט אַ געדאַנק, אָבער לעאָן האָט ניט געוואָלט הערן און ווידער איינגע־שלאָפן. דער קערפּער האָט זיך גאָרניט געקענט אָנזעטיקן מיט שלאָף. לעאָן האָט זיך שוין אַפילו געשראָקן פאַר אָט דער שלעפעריגקייט. וועט ער שוין אַזוי בלייבן, פאַרשלעפּערט, פאַרטעמפּט? איידער אַזאַ פאַר־טעמפּטקייט שוין בעסער געשלאָגן, געמאַטערט ווערן, אַבי פילן אַז ער לעבט. דאָס איז אָבער בלויז געווען אַ געדאַנקען בליץ, באַלד נאָך דעם בליץ איז געקומען נאָך אַ שטאַרקערע פינסטערניש, ער איז פאַרזונקען געוואָרן אין שלאָף.

מ'האָט אים אויפגעוועקט און גלייך נאָכן אָנבייסן אים אַריינגעפירט אויף אַ פאַרהער. לאַנג איז ער געשטאַנען מיטן פּנים צו דער וואַנט, געוואַרט ביז מ'וועט אים רופן, צורופן צום טיש. די פיס האָבן געבראָכן, די וואַנט האָט זיך געוויגט, געדרייט פאַר זיינע אויגן, אָט אָט פאַלט זי אויף אים... דער קאָפּ איז צוגעפאַלן צו דער וואַנט.

— גלייך שטיין! — האָט אַ ריטשע געטון אַ שטימע, אַ האַנט האָט אַ צי געטון ביים באַקן, אַ קני האָט אַ זעץ געטון אין הינטן. ער איז געווען וואַך. ענדליך האָט מען אים צוגעפירט צום טיש.

דערזען דעם מאַיאָר, זיין אויסגעשלאָפענעם, צופרידענעם פּנים, זיין „שמייכל,“ האָט לעאָן לעוועטאַל דערפילט אַ כעס כוואַליע האָט פאַרפלייצט זיין גאַנצן קערפּער. זיין טעמפּקייט, פאַרשלאָפנקייט איז צערודערט געוואָרן. אָט זיצט ער, דער אַכזר, דער אינקוויזיטאָר מיטן שמייכל, אָט די אייזערנע האַנט אין דער זיידענער הענטשקע.

— ווי פילט זיך דער הער שריפטשטעלער? אויסגעשלאָפן?

ווען ער קען אים פאַרפאָרן אין אַט שמייכלענדיקן פּרצוף, אַ זעץ טון! און ניט נאָר אים, די אַלע היינקער דאָ. שלאָגן רעכטס און לינקס. שמשון. אַ וואונדער זאָל געשען, פּועלן ביי גאָט: לעאָן לעווענטאַל דאַרף נאָך לעבן צען, פופצן, צוואַנציק יאָר, ער שיינקט זיי אַוועק פאַר איין שטונדע, פינף מינוט, נאָר אין די פינף מינוט זאָל ער זיין אַ ריז, אַ איבערנאַטירליך ווען וואָס זאָל קענען אויפטון אַלץ, צעברעכן אַט די תפיסה, אַט די אַלע היינקער דאָ דערוורגן, דערשטיקן...

— דאָ האָב איך אַ לאַנגן צעטל פון שרייבער, — האָט דער מאַיאָר אַ זאָג געטון און אָרונטערגעבראַכט לעאָנען אין דער רעאַלער וועלט וואו קיינע ניסים געשעען נישט. — אַ גאַנץ לאַנגער צעטל. איר קענט, ווייזט אויס, אַ סך שרייבער, אָבער די מערסטע פון זיי זיינען טויט. זייט איר אַ ספּיריטואַליסט?

— ניין.

— איך אויך ניט. איך גלויב אין קיינע גייסטער. די גייסטער פון טויטע שרייבער, זיי קימערן אונז זייער ווינציק. זייערע ביכער? נו, מיט די גיבן מיר זיך שוין אַן עצה. — אַ פּיל באַדייטנדער שמייכל: דו ווייסט וואָס מיר טוען מיט ביכער. — מיר דאַרפן די לעבעדיקע שרייבער. — ווידער אַ באַדייטנדיקער שמייכל. די לעבעדיקע שרייבער דאַרף ער. זיי צו טויטן, פאַרמאַטערן צום טויט, אָבער טויטערהייט וועלן זיי אויך...

דאָ האָב איך די נעמען אויך פון עטליכע לעבעדיקע, — האָט דער מאַיאָר ווייטער גערעדט, ניט געשטערט פון לעאָנ׳ס שווייגן. דערהערנ־דיק אַז אויפן צעטל זיינען אויך דאָ נעמען פון לעבעדיקע שרייבער, האָט לעאָן דערשראָקן אַ קוק געטון און, באַגעגנדיק דעם מאַיאָר׳ס קוק, זיין זיגערישן שמייכל וואָס האָט געזאָגט: אַהאַ, געפּאַקט! — האָט לעאָן אָרונטערגעלאָזט די אויגן. — דאָ איז דער קאַרל אָסיעצקי, אָבער דעם האָבן מיר שוין. ווייסט איר פון אַנדערע שרייבער?

— ניין.

האָט ער דערמאָנט קאַרל אָסיעצקי? ווען נאָך האָט ער דערמאָנט אין היינהער־פּלעט? האָט ער כאָטש ניט דערמאָנט דעם ברודער קאַרל?

— איר ווייסט ניט. אַ שאָד, אַ שאָד. איר׳ט זיך נאָך אפשר דערמאָנען. אויף וואָס גיט ער אַן אָנצוהערעניש?

— פאַסירט גאַנץ אָפט, גראַדע דאַן ווען מ'וויל זיך עפּעס דערמאָנען פאַרשווינדט עס פון זכרון. נו, דאָס ווועלן מיר נאָך זען. דאָ האָט איר אָבער אייניקע נעמען וואָס איר האָט אָנגעגעבן ניט אינגאַנצן קלאָר, ווועט איר אַזוי גוט זיין איצט קלאָר מאַכן? דאָ האָבן מיר איין נאָמען וואָס ווידערהאָלט זיך עטליכע מאָל, אָבער בלויז דער ערשטער נאָמען, קאַרל. מוז זיין זייער אַ נאָענטער פריינד ווען איר רופט אים בלויז ביים ערשטן נאָמען, איינמאָל אַפילו גערופן קאַרלכען... קענט איר מיר זאָגן ווער דער קאַרל איז?

דער נאָמען האָט אַ קלאַפּ געטון לעאָנען. האָט ער דערמאָנט קאַר־לען? וואָס נאָך האָט ער געזאָגט? נאָר זיך ניט אויסגעבן, מיט קיין וואָרט אָדער באַוועגונג. ווען ער קען זען דעם אייגענעם פּנים, צו האָט ער זיך ניט אויסגעגעבן מיט אַ מינע. — איך ווייס ניט,— האָט ער גע־ענטפערט מיט אַ נייטראַלער שטימע.

— אַ שריפטשטעלער, אַ קולטורעלער מענטש און ווייסט ניט אַזוי פיל. ווייסט איר אַז מיט אייער „ניט וויסן" צווינגט איר אונז אָפּצו־ווייכן פון אונזער קולטורעלער האַנדלונג, מיר מוזן געברויכן ניט קול־טורעלע מיטלען אַרויסצוקריגן דעם אמת?

אָט דער אַכזר, אָט דער סאַדיסט רעדט וועגן קולטור, קולטורעלע מיטלען. מאַניקור, וואַך האַלטן... וואָס נאָך?

— אין אייערע אייגענע אינטערעסן, אַלס קולטורעלער מענטש צו אַ קולטורעלן מענטשן פרעג איך אייך: ווער איז דער קאַרל?

שווייגן.

— מ'פרעגט אייך, ווער איז דער קאַרל?

דעם מאַיאָר'ס האַנט אויפן טיש האָט זיך פאַרקראַמפּט אין אַ קולאַק. לעאָן האָט דאָס באַמערקט און, מאָדנע, אָט דער קולאַק פון דעם „קול־טורעלן" מאַיאָר האָט ניט אַרויסגערופן דעם געפיל פון שרעק ווי פאַרן קולאַק פון שטורם־טרופּער. פאַרקערט, אים האָט זיך געוואָלט שמייכ־לען: האָסט אַרונטערגעוואָרפן די זיידענע הענטשקע, ווייזט דיין אײ־זערנע האַנט, אָבער דו מוזט שוין זיין גאַנץ שוואַך אויב דו מוזט אָנקו־מען דערצו. פּחדנות איז די מוטער פון אַכזריות. ער האָט געקוקט דעם מאַיאָר גלייך אין די אויגן.

— ווער איז דער קאַרל ? — האָט דער מאַיאָר איבערגעפרעגט מיט אַן אָנגעשטריינגטער שטימע.

— קאַרל ? קאַרל מאַרקס.

— קאַרל מאַר־ק־ס ?

דער נאָמען מאַרקס האָט זיך עפּעס ניט פּאַטויפּעט ביים מאַיאָר אין מאַרך. ווען ער האָט געכאַפּט אָט דעם „אידישן" פּאַטש האָט זיין פּנים זיך אַזש פאַרקרימט פון כעס, די פאַרשטשעמעטע ציין האָבן זיך אַנטפּלעקט און אַ פאַרקלעמטער פויסט האָט זיך אַ יאָג געטון צו לעאָנען.

ער איז אומגעפאַלן. די וועכטער האָבן אים אויפגעשטעלט.

— ווער איז דער קאַרל ? — האָט שוין געברומט דער מאַיאָר שטייענדיק, גרייט צו שלאָגן, ממיתן.

אין לעאָנ'ס שטערן־שליף האָט געשטעקט אַן אייזערנער טשוואָק און פון דעם טשוואָק האָבן שאַרפע שפּיזלעך זיך געטראָגן איבערן גאַנצן קאָפּ. דער קין האָט געציטערט, די פיס — ליימענע, אָבער די וועכטער האָבן אים אונטערגעהאַלטן. מיט אַ גרימיקן שמייכל פון אַ בלינדן אויף איין אויג, האָט ער מיט זיין רעכטן אויג אַ בליק געטון צום מאַיאָר, אַריינגעצויגן אָטעם און אַרויסגעלאָזט : קאַרל ליבקנעכט.

דעם קלאַפּ נאָכדעם האָט ער נאָך געפילט, אָבער אים איז שוין געווען אַלצאיינס. אַ בייזער הונט איז געשפּרונגען, אָט דעם בייזן הונט, האָט ער דערפילט, מוז ער אַריינשטעקן אַ שטעקן אין די ציין אויב אַפילו דער הונט זאָל נאָך מיט מער בייזקייט זיך אַ וואַרף טון אויף אים. אַריינגעשטעקט דעם שטעקן, אַרויסגעזאָגט פריער קאַרל מאַרקס, נאָכדעם קאַרל ליבקנעכט האָט ער אין קאָפּ צו זיך געזאָגט : נאָ, דאָ האָסטו דיר צוויי טויטע „שרייבער" פאַר וועלכע דו זאָגסט דו האָסט קיין מורא ניט. און מיך, דעם לעבעדיקן שרייבער, קענסטו איצט שלאָגן וויפיל דו ווילסט, קענסט מיך דערשלאָגן צום טויט, איך האָב מיין שטעקן דיר אַריינגעשטופּט צווישן דיינע ציין, מיין קלאַפּ דערלאַנגט.

זיי האָבן געשלאָגן וויפיל זיי האָבן געוואָלט, אָבער דער מאַיאָר האָט ניט געקענט שטילן זיין כעס, ניט מיט די קלעפּ פון די וועכטער, אַפילו ניט מיט זיינע אייגענע קלעפּ.

— האַלט ! — האָט ער אַ געשריי געטון. — אבער ביי אבר וועל איך פון אים שניידן און שינדן און ער'ט מיר שוין זאָגן ווער דער קאַרל איז.

ניט טשעפּען, איר'ט אים דערהרגענען וועט ניט טויגן. לאָזט אים אויס־רוען, צוויי טעג, דריי טעג, נאָכדעם, נאָכדעם אין קעלער! פּופּציק. איר דיינקט ער'ט אויסהאַלטן? זיין פאַרזיכטיק, און פּאַמעלאַך, ניט איילנ־דיק זיך... איר ווייסט דאָך... און דעם קאַרל וועל איך שוין קריגן.

8.

— הויזן אַרונטער!

לעאָן לעוועגטאַל האָט זיך ניט גערירט.

פייערלעשער האָבן זיך אַ לאָז געטון צו אַ פלאַמענדיקער געביידע. העק־העגט שניידן זיך אַריין, פינגער־האַטשעקעס רייסן, ציען, שלעפּן. דער דאַך איז אַרונטערגעריסן, די קליידער ליגן אויף דער ערד, די גאַנ־צע געביידע, לעאָן לעוועגטאַל, איז אומגעוואָרפן, דערדריקט פון מענטש־ליכער משא אויף אים. די האַרטע שמייס־באַנק איז אונטער אים, און די לעדערנע בייטשן, געווייקטע אין וואַסער, איבער אים.

— איינס!

שאַרפע, הייסע מעסערס האָבן אַ שניט, אַ ברען געטון דאָס לייב. דער שניט און ברען האָט זיך צעיאָגט איבערן גאַנצן קערפּער, פאַר־פלייצט דעם מאַרך. דערדריקט אונטער מענטשליכער משא, איינגע־געקלעמט אין ביינערדיקע צוואַנגען, האָט דער קערפּער זיך דאָך אַ וואָרף געטון, פון מויל, פון בויך, פון די געדערים האָט זיך אַרויסגעריסן אַ שרילער, שוידערליכער געשריי. באַשלוס ניט צו שרייען, פאַרקלעמען די ציין; באַליידיקונג, דערנידערונג — פאַרשוואונדן, אַלץ איז פאַר־שוואונדן, בלויז דער שניט, דער ברען, די משא, דער קלעם. זיך אויפ־הויבן, אויפרייסן זיך און זיי אָדער שטאַרבן. שטאַ־אַר...

— צוויי!

— מאַמע!

— כאַ־כאַ! די מאַמע רופט ער! ער רופט די מאַמע! זויגן וויל ער. נו, דאָס איז דער טאַטע, דער טאַטע מיט דער רוט. דריי... לאַנגזאַם...

פּאַמעלאַך, מיט לייגגערע הפסקות האָבן זיי געשמיסן מיט די לעדערנע רימענס, צילעוועגדיק אַלע מאָל אין אַ פרישן פלאַץ אויפן

הינטן, רוקן, פלייצע. אַ פייער האָט געברענט אונטער לעאָן לעווענטאַל, אַ פייער וואָס אָט האָט עמיצער עס אַרונטערגעדרייט אַ ביסל, דער זידנ־דיקער קערפּער האָט זיך גענומען איינשטילן, איינלייגן, און אָט האָט מען עס ווידער אַרויסגעדרייט, צעבלאָזן דאָס פייער, און דער גאַנצער קערפּער זידט, קאָכט. אין האַלז האָבן זיך געגאָרגלט יאַגנדיקע געשריי־ען, זיך אויסגעמישט דאָרט מיט אַרויפגעקומענער שפּייז, דאָס געמיש האָט זיך געבויטעט, געוואָרגן און געשפּאַרט זיך אויף אַרויס, דער גאַנ־צער איינגעווייד האָט זיך געריסן — אַרויס! אַרויס! נישט זיך אויפ־הויבן, נישט אויפרייסן — אַרויסציען זיך, איבערלאָזן זיי דעם קערפּער, אָט דאָס געלעכערט זעקל מיט ביינער, טוט וואָס איר ווילט, דער מענטש איז ניט דערביי. דער מענטש לעאָן לעווענטאַל האָט זיך ניט אַרויסגע־צויגן פון זיין „געלעכערט זעקל,“ ער האָט זיך בלויז צוריקגעצויגן, באַ־האַלטן. דאָס זעקל לעאָן לעווענטאַל איז געלעגן באַוואוסטלאָז. קיין קלאַנג פון מויל, קיין באַוועגונג פון אברים.

די שטורם־טרופּער, האַלטער און שמייסער, האָבן אָפּגעווישט דעם שוויס, באַטראַכט זייער האַנטווערק.

— וויפיל?

— צוואַנציק ערשט.

— דאַן קען מען נאָך.

אַ שעפל וואַסער, אַ פליוך איבערן קאָפּ, לייב, און דער קערפּער האָט זיך אַ צאַפּל געטון. דער באַוואוסטזיניקער לעאָן לעווענטאַל איז אַרויסגעיאָגט געוואָרן פון זיין באַהעלטעניש, דאָ וועמען צו שמייסן.

— איין און צוואַנציק, צוויי און צוואַנציק, דריי...

קיינע געשרייען מער. אַ וויינען, אַ ווימפּערן פון אַ קליין דערשלאָגן הינטל וואָס גייט אויס, אַ קוים הערבאַרער גסיסה־קרעכץ, און שטיל.

— וואַסער.

איין שעפל וואַסער, אַ צווייטס. דער קערפּער האָט זיך אַ צאַפּל געטון, גלייך זיך איינגעשטילט.

— וויפיל?

— בלויז עטליכע און דרייסיק און דער מאַיאָר האָט געהייסן פופציק.

— דער מאַיאָר האָט אויך געהייסן זיין פאַרזיכטיק. שוואַכלייביק. לעבט ער נאָך?

קורצע קאָנסולטאַציע.

ניט דערשמייסנדיק די פולע פופציק האָבן זיי אים אָוועקגעשלעפּט צוריק אין צעל, אויף דער טיר מיט קרייד אָנגעשריבן: אַכטונג! דאָס האָט געמיינט: געפערליך צעשלאָגן, מוז האָבן אַ דאָקטאָר'ס באַהאַנדלונג.

טעג נאָכאַנאַנד איז לעאָן לעווענטאַל געלעגן אין אַ געדיכטן טומאַן, אַפילו די וואונדן ניט געפילט. ווען דער דאָקטאָר האָט זיך צוגערירט צו זיין לייב, דער וועכטער האָט געבראַכט עסן, האָבן זיינע אויגן ווי דורכגעשטאָכן דעם טומאַן, געזען וואָס עס טוט זיך, געפילט ווייטיק, הונגער, אַפילו געפילט דעם שווערן גערוך וואָס האָט זיך געטראָגן פון זיינע פאַרבלוטיקטע, מיט אייטער פאַרפּאַפּטע קליידער, פון שטרוי־זאַק, פון זיין קערפער, אַ גערוך וואָס האָט געאיבלט צום ברעכן. ער האָט געעסן. די לעדערנע צונג האָט געפילט עפּעס אַ טעם, דער געדאַנק האָט זיך באַמיט צעזייען דעם נעבל, אַרויסקומען אויף דער קלאָר. דאָס איז שוין אָבער געווען צופיל אָנשטריינגונג און לעאָן לעוועטאַל איז צוריק־געפאַלן צו זיין שטרוי־זאַק, צוריק אַריינגעפאַלן אין נעבל, געזונקען דאָרט. בלויז איין אָוונט, ווען אַ שרילער מענטשליכער געשריי האָט דורכגעשטאָכן די לופט, זיך אַריינגעשניטן אין צעל, האָט לעאָן דערפילט אַ בליץ, אַ קלאַנגען בליץ האָט אַ שניט געטון זיין אויער, דורכגעלאָפן דורכן מאַרך און אַרויס, איבערלאָזנדיק חושך, שטאָק פינסטערניש.

איין אָוונט האָט דער מענטש וואָס האָט געבראַכט די קאַווע מיטן ברויט זיך עטוואָס פאַרהאַלטן ביי זיין שטרוי־זאַק. לעאָן לעוועטאַל האָט אַן עפן געטון די אויגן און מיט פאַרוואונדערונג, פרייד און שרעק אויסגערופן: ברונאָ!?

ברונאָ האָט אַ הויב געטון אַ פינגער וואָרענענדיק: שטילער! און אַ פרעג געטון: וואָס מאַכסטו?

לעאָן האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

— נו, דאָס מאַכט דורך יעדער איינער,— האָט ברונאָ געענטפערט.

— שוין אויך געווען אין קעלער. מער ווי איין מאָל. אָבער שטאַרק זיין. אויסהאַלטן. מיר'ן זיך אָפּרעכענען. נאָ, עס, טרינק!

— ווי... קומסטו...?

ברונאָ האָט שאַרף אַ קוק געטון און, ניט ענטפערנדיק אויף לעאָנ'ס פראַגע, זיך געלאָזט צו דער טיר. דער וועכטער איז געשטאַנען.

— דער האָט עס פּעך,— האָט ברונאָ אַ זאָג געטון צום װעכטער און גוטבערודעריש, מיט אַ װאונק צוגעגעבן — װײַכלײַביק.

מיט דעם „װײַכלײַביק" אױף לעאָנ'ס חשבון האָט ברונאָ אױסגעקױפט זײַנע זינד פון באַמערקן אַז עמיצער „האָט פּעך." ער האָט געװאוסט װי אָנצוגײן מיט די װעכטער. װײַכלײַביק איז ער זיכער ניט געװען, און װי זײ האָבן אים פײַנט געהאַט אַלס קאָמוניסט האָבן זײ דאָך געפילט אַז ער איז אַ זײַעריקער, ער איז האַרטלײַביק. אַ בראַװער קערל. מ'קען אים אַ קלאַפּ טון, פאַרשטײט זיך, אָבער מ'מעג אים אױך אָנפאַרטרױען זאַכן, מ'מעג פאַרקוקן װען ער כאַפּט זיך אַמאָל אַרײַן אין קיך, האָט ער דאָך פאַרקוקט װען די װעכטער האָבן געמאַכט אַ שנאַפּס. דער קערל װעט ניט אױסגעבן. און װײַל ער העלפן צעטראָגן ברױט מיט קאַװע, זאָל ער. צוגעקומען אַזױ פיל מענטשן, שװער זיך ספּראַװען מיט זײ אַלעמען. אָבער רעדן מיט עמיצן, דאָס ניט.

בראַװער ברונאָ. זײַן דערשײַנען אַזױ אומגעריכט פאַר לעאָנען האָט צעזײט אָביסל דעם טומאַן. שטאַרק זײַן. אױסהאַלטן. װײַטיקן, פיזישע װײטיקן װאָלט ער אױך געקענט אױסהאַלטן, אַ קלאַפּ פון אַ קולאַק אין פּנים קען ער אױך אױסהאַלטן, קען אַפילו דערלאַנגען צוריק אַ פּאַטש, אַ שריפטשטעלערישן, אַ... אידישן פּאַטש אין פּנים — קאַרל מאַרקס — אָבער װאָס פאַר אַ װערט האָט אַ פּאַטש אין פּנים קעגן שמיץ אין הינטן? אין הינטן, אין הינטן! װי קען מען נאָכדעם אָנקוקן אַ מענטשן, װי קען מען אַפילו אַ קוק טון אין שפּיגל? ער איז דער געשמיסענער, אָבער מ ע נ ט ש ן האָבן דאָך געשמיסן! מענטשן...

דער גע־דיכטער נעבל נעמט זיך װידער פאַרציען. ברונאָ מיט זײַן געזונטן פּנים, זײַנע שאַרפע און דאָך צאַרטע פינגער, זײַן זיכערע, אױפריכטיקע שטימע לאָזט ניט דעם נעבל זיך פאַרציען.

האָט דאָך ברונאָ אױך געקראָגן שמיץ, אַנדערע. „מיר'ן אױסהאַלטן. זיך אָפּרעכענען." נקמה דער קװאַל פון האָפענונג. ברונאָ איז דער געשמיסענער, ער קען אָבער אפשר אױך װערן דער שמײַסער, אָבער ער, לעאָן, ער קען ניט שמײַסן, ער קען אָבער אױך ניט זײַן געשמיסן.

אַ מײדל מיט אַ בוריקעס קאָליר פליאַם אױפן פּנים, באַגעגנט אַמאָל אין דער אונטערערדישער באַן, שװימט אַרױס פון נעבל. אַ פליאַם אױפן פּנים, ניט שײן, דאָך האָט דאָס מײדל, דער פליאַם געצױגן זײַן

אויפמערקזאַמקייט, ער האָט ניט געקענט אָפּרייסן די אויגן פון יענעם פּנים און האָט זיך דאָך געהיט ניט צו קוקן, ווייל ער האָט געפילט, געזען אויף דער מיידל'ס פּנים: איך בעט דיך, קוק ניט אויף מיין פלעק! שרייבערישע פאַנטאַזיע. אַזוי האָט ער דאָן צו זיך אַליין געזאָגט. די מיידל איז שוין אַזוי געוואוינט צו איר פלעק אַז זי זעט אים שוין אַפילו ניט אין שפּיגל, אָפּגערעדט שוין פון פילן אים אין גאַס. און וואָס איז זי שולדיק? זי האָט אים געקויפט אָט דעם פלעק? ווי פילט אַ מיידל מיט אַ פלעק אויפן פּנים?

דאָן אַ פסיכאָלאָגישע ספּעקולאַציע, שרייבערישע איבונג. אָבער איצט, איצט, ווען דער שרייבער איבט זיין פּען... אויפן זאַמד... שרייבט און מעקט... איצט פילט ער דעם פלעק. ניט אויפן פּנים, אַ פלעק, בלוטיקע, בלויע פלעקמעס אויפן הינטן, לייב, דערפאַר אָבער נאָך שריי־ענדיקער, און וואו ער זאָל ניט גיין, וועמען ער זאָל ניט זען וועט ער פילן זיין פלעק אויף דער נשמה און וועט זיך בעטן: קוק ניט!

און ברונאָ? ברו־נאָ? זיינע וואונדן וועלן זיך פאַרציען, ביי אים וועט אפשר גאָרניט בלייבן קיין פלעק, אויב יאָ, וועט ער ווינציק וואָס זיך שעמען מיט אים. אייניקע וועלן ניט נאָר באַהאַלטן דעם פלעק, זיי וועלן אים אָפּדעקן: נאָט זעט, קוקט און... אַ פעניג אַ קוק. אַנדערע וועלן מיט אָט די שמיץ אין הינטן דערלאַנגען אַ שמיץ אין פּנים ניט נאָר די שטורם־טרופּער, נאָר דער וועלט, דער גאַנצער וועלט, דעם מענטשן. יאָ, מעגליך. אָבער יענע מיידל האָט פאַרט געבעטן שטומערהייט: קוקט ניט אויף מיין פלעק. און די מיידל האָט געפילט ריכטיק. אַלע תירוצים — פּודער, שמינקע, קענען דעם פלעק ניט פאַרדעקן. געשמיסן. גע־שמיסן אין הינטן, אין הינטן...

דער געדיכטער נעבל האָט זיך ווידער פאַרצויגן.

ער האָט זיך ניט אויפגעשטעלט ווען אַן עלטסטער איז אַריינגע־קומען, האָט קוים געעסן וואָס מ'האָט דערלאַנגט, אַפילו די זאַלב וואָס דער דאָקטאָר האָט איבערגעלאָזט פאַר אים ער זאָל זיך אַליין שמירן — דער דאָקטאָר וועט זיך מער ניט פּאַטשקען מיט אָט דעם אידן — האָט ער אויך ניט באַנוצט. איין מאָל האָט נאָך אַ וועכטער אים אַ ציי געטון פאַר די האָר, אים אויפגעשטעלט, לעאָן איז אָבער גלייך אומגעפאַלן, דער איינציקער קלאַנג דערביי — דער טעמפּער קלאַנג פון אַ מענטש־

ליכן קערפער אַנגעקלאַפּט אַן באַדן. מער האָבן אים שוין אַפילו די וועכטער ניט געטשעפּעט.

— דער גייט קאַפּוט,— האָבן באַשלאָסן די וועכטער. ניט אַזוי האָט באַשלאָסן דער מאַיאָר.

איין פאַרנאַכט זיינען געקומען צוויי וועכטער, אויפגעהויבן לעאָנען, אים געגומען אונטער די אָרעמס. — וואוהין? — האָט ער פאַרווירט גע־פרעגט. — נאַכוואָס? — האָבן די אויגן מיט טויטער גלייכגילטיגקייט געקוקט. די וועכטער האָבן שטום געשוויגן, אים אַוועקגעפירט אין פאַר־הער צימער.

לעאָן לעוועגטאַל האָט געזען דעם מאַיאָר׳ס שמייכלענדיקן פּנים. יאָ, ער האָט שוין אַמאָל געזען דעם פּנים, דעם שמייכל, אָבער דאָס גייט אים ניט אָן. — אַנטבלויזן! — באַפעלט דער מאַיאָר. שטורם־טרופּער ציען פון אים דאָס רעקל, די העמד, די הויזן. זאָלן זיי. אָבער אָט פירט מען אַריין אַ מענטשן. ניט פון הויכן וואוקס. זיינע האָר... זיין פּנים צעקלאַפּט, פאַרשוואָלן, בלויז איין אויג איז אָפן, אָבער דאָס איינע אויג קוקט אויף אים, קוקט אַזוי שאַרף. לעאָן האָט אַ פּולן קוק געטון. דער טומאַן וואָס איז געהאנגען איבער אים, איז אַרומגענומען, האָט מיט אַמאָל זיך אַ הויב געטון, אַ העלער געדאַנק האָט אַ בליץ געטון. די אויגן האָבן זיך אויפגעריסן, זיין מויל האָט זיך געעפנט. דאָס איז דאָך...

— קאַרל! — האָט ער אַרויסגעכריפּעט און מיט אויסגעשטרעקטע אָבער לויזע אָרעמס זיך אַ צי געטון. דער אויבערשטער האַלבער קער־פּער האָט זיך איבערגעבויגן און דער גאַנצער קערפּער האָט אַ שלאַפּ געטון צום באָדן.

אַ האַנט באַוועגונג פון מאַיאָר און מ׳האָט אים אויפגעהויבן, אַרויס־געפירט.

.9

זיי האָבן אים געפּאַקט!

דורך דעם געדיכטסטן נעבל האָט זיך עס דורכגעשטאָכן, אויפגע־ריסן לעאָן לעוועגטאַל פון זיין געלעגער. קורצע שפּאַן, שווערע טריט אויף אַ באַשריינקטן פּלאַץ. — קאַרל, קאַרל,— האָבן די טריט אויסגע־קלאַפּט. קאַרל. קאַרל. פּיס און געדאַנק זיינען מיד פון טאַפּטשען זיך

אויף איין פלאַץ, און לעאָן לעוואָנטאַל איז צוגעפאַלן צו זיין געלעגער. באַוועגלאָז דער קערפּער, געדאַנקענלאָז דער מאָרך, קיין תפיסה, קיין מענטש, תהו ובהו, הינהער־פּלעט. אָבער „גאָט׳ס גייסט האָט געשוועבט איבערן וואַסער, און גאָט האָט געזאָגט: עס זאָל זיין ליכט!" אַ שטראַל ליכט שטעכט דורך די פינסטערניש, לעאָן דערזעט זיין ברודער קאַרל, און ער טוט זיך אַ זעץ אויף, די אויגן ברייט געעפנט. זיי האָבן אים געפּאַקט. ער איז איצט אין ... קעלער. לעאָן האָט פאַרמאַכט די אויגן, אַזש געפילט די אויגן־לעדלעך, די ציין האָבן זיך פאַרשטשעמעט. ווען ער האָט אויפגעעפנט די אויגן האָט ער „דערזען" דאָס סלאָיעקל מיטן ביסל שמירעכץ וואָס דער דאָקטאָר האָט איבערגעלאָזט ער זאָל אַליין היילן זיינע וואונדן.

ער האָט געהאַט באַהאַלטן דאָס סלאָיעקל, איצט, ווען דאָס האָט אַ שימער געטון פאַר די אויגן, האָט ער עס אַרויסגענומען פון אונטערן שטרוי־זאַק צעקאָפּנס, עס באַטראַכט. וואַזעלין צי וואָס? וואָס איז דער חילוק? אָט דאָס סלאָיעקל, ווען ער וואַרפט עס אַרונטער... טריט. איבערוואַרטן ... באַרמהערציקע! לאָזן ניט אַפילו די שיך־בענדלעך, טאָמער וועט מען זיך אויפהייגגען אויף זיי. אָט איצט. ניט אַ וואָרף טון, בלויז אַרונטערלאָזן צום באָדן. אָט אַזוי. קיינער האָט ניט געהערט. און ... גוט צעשפּאָלטן. די זייטן, און דער עיקר, די דעק ... שאַרף געגוג ... באַהאַלטן.

ער האָט אויף גיך באַהאַלטן די שערבלעך אונטערן שטרוי־זאַק, זיך צוגעהערט. טריט. ווערטער. טירן עפענען זיך, פאַרמאַכן זיך. אַלע תפיסה קלאַנגען — עכאָס פון אַ ווייטער וועלט, לעאָן האָט זיי קוים גע־הערט. ער האָט ניט געפילט די תפיסה־ווענט, דעם צעמענטענעם באָדן, אַפילו ניט דעם שטרוי־זאַק אונטער וועלכן די שערבלעך זיינען געליגן.

האָט זיך ז י י ן טיר געעפנט? עס איז שוין אָוונט. און דער מענטש וואָס איז אַריינגעקומען? ברונאָ?!

ברונאָ האָט אָװעקגעשטעלט דאָס טעפּל קאַווע, דערלאַנגט דאָס ריפּטל ברויט און דערלאַנגענדיק עס נעמט ער אַריין לעאָנ׳ס האַנט. — נו, ברודער, לעב וואויל, מאָרגן פריי פאַרלאָז איך.

— פריי?!

פרייד, האָפנונג, קנאה, האָט זיך אַרויסגעריסן אין דעם איינעם וואָרט.

— ניין, אַזוי ווייט גייט עס ניט. מיר דוכט דאַכאַו. (אַ קאָנצענטראַ־ציע לאַגער).

ערשט איצט האָט לעאָן אָנגעכאַפּט ברונאָ'ס האַנט, זי געדריקט. באַלד האָט ער צוריקגעכאַפּט די האַנט, דערשראָקן אַ קוק געטון אויף ברונאָן, דער קאָפּ האָט זיך אַריינגעצויגן אין די אַקסל אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט ברונאָ וועט אים דערלאַנגען אַ קלאַפּ. ברונאָ האָט קיין קלאַפּ ניט דערלאַנג.

— נו, זיי געזונט. עס, ברודער. שטאַרק זיין. אויסהאַלטן. צום ווידערזען...

די טיר האָט זיך פאַרמאַכט, די תפיסה־צעל — אַ פּוסט, וויסט פעלד. אויף דעם וויסטן פעלד האָט גענומען דרייען אַ זאַווערוכע. — זיי שטאַרק. זיי שטאַרק. און ווי אַז דער קערפּער חלשט נאָך שלאָף, ניין, ער שלאָפט און דאָס מויל עפנט זיך, לאָזט פאַלן אַ וואָרט: קאַרל. קאַרל. זיי האָבן אים געפּאַקט. און ער... ער... האָט ער געקענט פאַרהיטן זיין מאַרך, זיין מויל, ער זאָל ניט טראַכטן, ניט אויסריידן, ניט אַרויסלאָזן קיין וואָרט, ווען זיין קאָפּ, זיין גאַנצער קערפּער איז געווען אין אַ היגהער פלעט? זיי שטאַרק! ער איז געווען שטאַרק. בלויז מיט גייסטיקער שטאַרקייט האָט ער געקענט אַ וואָרף טון דעם מאַיאָר אין פּנים אַריין דעם „קאַרל מאַרקס, קאַרל ליבקנעכט,‟ אָבער קען דער שטאַרקער גייסט באַוואָרענען דעם שוואַכן קערפּער.

שטאַרקער גייסט, שוואַכער קערפּער. וואָס איז שטאַרק, וואָס איז שוואַך? וואָס איז קערפּער, וואָס איז גייסט? גייסט. איז דאָס ניט אַן איינרעדעניש? אַן איינרעדעניש פון די שוואַכע? דער שטורם־טרופּער, פון היינט און פון אַלע צייטן, ער באַגייט זיך אָן גייסט, בלויז די שוואַכע האָבן זיך איינגערעדט עס איז דאָ אַזאַ כּח. גייסטיקע קאַוואַלעריע... אויסגעשפּילט. דער קולאַק, די בייטש הערשט, האָט אַלע מאָל געהערשט. די „איינרעדעניש‟ האָט אָבער פאַרט געגעבן כּח, אויב ניט בייצוקומען, איז בייצושטיין דעם קולאַק, זיינען דאָך די זיידעס בייגעשטאַנען. יאָ, די וועלכע האָבן געגלויבט אין ג אָ ט. ער? ער האָט אויך געגלויבט — אינם מענטשן. איצט? דער שטורם־טרופּער איז דאָך אויך אַ מענטש, פאַרמאָגט ער אויך אַ גייסט? וואָס איז דאָס פאַר אַ גייסט וואָס קען הויזן אין פּייניקער און געפּייניקטן? דער קולאַק — אַ „גייסטיקער אויס־

דרוק" פונם פייניקער, אַ „גייסטיקער איינדרוק" פאַרן געפייניקטן.

לעאָן לעווענטאַל'ס מויל האָט זיך פאַרקרומט אין אַ גרימאַסן שמייכל. גייסטיקער איינדרוק. ער האָט מיט אַמאָל ווידער דערפילט זיין צעווייטיקטן קערפּער, דער גאַנצער קערפּער — אַ שוואָם וואָס ציט זיך פאַנאַנדער, די וואונדן גרעסער, טיפער. און ער האָט ניט נאָר געפילט די וואונדן, ער האָט זיי אויך געזען מיט זיין אינערליכן אויג, און ער האָט פאַרמאַכט די אויגן ניט צו זען. געפייניקט, געשענדעט. קען אַ ריינער, שטאַרקער גייסט הויזן אין אַ געפייניקטן, געשענדעטן קערפּער? אַ לאַמטערן. די טאַפּליעס פאַררויכערט, פאַרשמירט, איין טאַפּליע אויסגעבראָכן אַפילו, דער ליכט פלאַם וויגט זיך, דאָך לויכט ער.

לעאָן האָט אָן עפן געטאָן די אויגן. לאַמטערן, ליכט. און אַז אַ שיכּור שלאָגט אויס אַלע טאַפּליעס, אַ ווינט גיט אַ צי, דאַן — אויס ליכט, אויס לאַמטערן, אַ סלופּ, אַ קערפּער. און דער שיכּור? וואו איז זיין ליכט? אויך אויסגעלאָשן, דאָך דער לאַמטערן געבליבן. אַ פינסטערער לאַמטערן. לאַמטערן, ליכט. דאַן מוז דאָך זיין אַ ליכט־צינדער... ניין. ניין.

לעאָנ'ס קאָפּ האָט זיך געוויגט אין דער ברייט — ניין, ניין. דער האַלז האָט פאַרהאַמעוועט דעם קאָפּ, די אויגן האָבן זיך אָן עפן געטאָן. אַ בוים. אַ בוים געטראָפן פון אַ בליץ. ווען האָט ער עס געזען אַזאַ בוים? ער קען אים איצט זען. פון איין זייט אָפּגעברענט, אויסגעהוילט, די קרוין איז דאָך געוועזן גרין, באַוואַקסן מיט בלעטער. אַ פאַרוואונדעטער בוים, דאָך געלעבט.

אַ בליץ, אַ ראַשער אומגליק, דער שטורעם פאַרביי קען דאָס לעבן אפשר גובר זיין, דער בוים קען אפשר בלייבן מיט זיין גרינער קרוין. ווי אָבער אַז בייזע ווינטן בלאָזן אָן אויפהער? וועט דער בוים אויסהאַלטן? וואָס איז שטאַרקער, דער דעמב וואָס ברעכט זיך, פאַלט, אָדער די ווערבע וואָס בויגט זיך און בלייבט שטיין?

זיך בויגן, דרייען זיך אין דרייען... און בלייבן שטיין אַ... צעבויגענער, אַ צעדרייטער. בלייבן... בלייבן. וואָס איז שטאַרקער, בלייבן לעבן פילנדיק די מיאוסקייט, אָדער שטאַרבן אַ שיינעם טויט? שיינער טויט! אַ „מכשפה" האָט מען אַזוי לאַנג געמאַטערט מיט קעלט, אַז ווען מ'האָט זי אַרויסגעפירט פון דער קאַלטער תפיסה צום שייטערהויפן האָט

זי אויסגעשטרעקט די הענט צום פייער, מיט הנאה זיך געוואָרימט...

לעאָן האָט אַ ציטער געטון מיטן גאַנצן קערפּער, דער קאָפּ האָט זיך ווידער געגומען וויגן — ניין, ניין. ער וועט זיינע הענט ניט וואַרימען ביי זיין שייטערהויפן, אַזוי נידעריק וועט ער ניט זינקען. קיין שייטער־הויפן, קיין העלדישקייט... די הענט, פרעמדע, ניט זיינע, האָבן זיך דערנעענטערט צו זיינע אויגן. ער האָט באַטראַכט די האַנט־פלאַכן, די קנייטשן אין די דלאָניעס, ביי די פינגער געליינקען. די הענט האָבן זיך איבערגעדרייט און ער האָט באַטראַכט די הויט, די אָנגעלאָפענע בלוט־געפעסן, די ביינדלעך. די הענט — פרעמדע, ניט זיינע. דער קוק גליטשט זיך איבער אָט די פרעמדע הענט, דערזעט מיט אַמאָל די פינגער ציטערן. דער קוק הויבט אָן אונטערשפּרינגען, שטויסט זיך אָן אָן די שפּיץ פינ־גער, און די שפּיץ פינגער טוען אַ שטויס דעם קוק. דער קוק טוט אַ שפּרונג, דער גאַנצער קערפּער וואָס האָט מיט די הענט זיך גאַרניט אָנ־געקערט, דערפילט מיט אַמאָל אַ שאַרפן שטאָך, טוט זיך אַ צאַפּל. די אויגן פאַרקנייטשן זיך, די פינגער פאַרקלעמען זיך, בייסן זיך איין אין די דלאָניעס... מאַניקור...

מאַניקור... וואָך זיין... שמיץ... וואָס נאָך?

זעקס הונדערט אינסטרומענטן זיינען געשאַפן געוואָרן אויף צו מאַטערן, פּייניקן מענטשן, און אופנים צו מאַטערן מענטשן אפשר צוויי מאָל אַזוי פיל. מאַטערן. מאַ־טע־רן...

לעאָנ׳ס אויבערשטער האַלבער קערפּער — אַן אונטערגעהאַקטער בוים — האָט זיך גענומען בויגן, דאַן ראָש אַ פאַל געטון צום געלעגער. ווען ער איז געקומען צו זיך האָט ער דערפילט עפּעס האַרטעס אונטערן זייט. ער האָט זיך צוגעהערט פאַרדעכטיק צו דער האַרטקייט, דאַן ערשט פּאַמעלאַך געשטרעקט די האַנט, אָנגעטאַפּט און אַרויסגעצויגן אַ האַרט שטיקל ברויט.

ברונאָ. גוטער בראַווער ברונאָ. אויסהאַלטן. צום ווידערזען. אים איז גוט, ער גלויבט, אין זיין גלויבן גייט דער מענטש ניט אַריין אין חשבון, גייט יאָ אַריין, ווי אַ נול, אַ נול פון דער רעכטער זייט איינס אָדער פון דער לינקער זייט, אָבער ניט מער ווי אַ נול, דער עיקר — דער איינס, דערפאַר קען ער האָפן מיט דער גוטער קאָנסערוואַטיווער האָפע־נונג וואָס קאָנסערווירט די כּחות, גיט כּח אויסצוהאַלטן. אויף וואָס קען

ער אָבער האָפן? ז י י ן האָפענונג וואָלט געווען די רעאַקציאָנערע האָפענונג וואָס פאַרטעמפּט בלויז, ברעכט אָפּ די שאַרפע שפּיצן, לאָזט ליגן אין קלעם, אין בלאָטע... זינקען... ליגן אין בלאָטע און לעבן... בלויז זיי אויף צו להכעיס? ניין. נאָר ניט זינקען... ווער ווייסט ווי טיף. וואָס קען אָפּשטעלן? אויף וואָס קען ער האָפן? איידער אַזאַ האָפע־נונג שוין בעסער פאַרצווייפלונג. ניט די פינסטערע פאַרצווייפלונג וואָס נעמט אַרום, אין וועלכער מ'זינקט איין, נאָר די שאַרפע פאַרצווייפלונג וואָס שטויסט אַרויס, פירט צו... שערבלעך זיינען שאַרף גענוג... גייסטער קימערן ניט דעם מאַיאָר. פאַר טויטע שרייבער האָט ער קיין מורא ניט. אַזוי זאָגט ער. אָבער קאַרל מאַרקס, קאַרל ליבקנעכט, קאַרל... קאַרל...

.10

נאַכט. שלאָף. מענטשלעכע קערפּערס האָבן פאַררוקט דעם שאָדן וואָס דער טאָג האָט אָנגעטון, מענטשליכע קערפּערס האָבן פאַרצירע־וועט די געוועבן וואָס דער טאָג האָט צעריסן. ביי וועמען די וועבעריי איז אָנגעגאַנגען רואיק, ניט געשטערט, און ביי וועמען דאָס געוועב האָט זיך געקניפּלט, געריסן. ווער עס האָט אַרויסגעלאָזט אַ קרעכץ, אַ זיפץ, און ווער עס האָט זיך געוואָרפן אין שלאָף, געשריען.

לעאָן לעוועטאַל איז געלעגן רואיק. לעבן אים איז געלעגן דאָס שטיקל ברויט וואָס ברונאָ האָט אים געבראַכט. טייער איז אָט דאָס שטיקל ברויט. גוטער, בראַווער ברונאָ. מאָרגן גייסטו קיין דאַכאַו. דאָרטן ווידער „עקזאַמען,״ ווידער קעלער...

אַ ציטער איז דורכגעלאָפן איבער לעאָנ׳ס קערפּער, אַלע וואונדן האָבן מיט אַמאָל גענומען שמאַרצן. שמיץ, שמייסן. ניין! קאַרל! קאַרל! וועסטו פאַרשטיין, וועסטו באַגרייפן?

קאַרל — אַ פאַרשוואָלן פּנים, אַ פאַרלאָפן אויג, בלויז איין אויג אָפן, דאָס אָפענע אויג קוקט אויף זיינע בלויע וואונדן, זיין געשמיסן לייב, זיינע פליאַמעס... קאַרל — אַ קליינינקער, בלאָנדע לאָקן, ליכטיקע, בלויע אויגן. ער האָט אים אָפּטמאָל געשלאָגן דעם קליינינקן ברודערל. אַן עלטערער ברודער. יוסף מיט זיינע ברידער. פאַרקויפן אים. ניין,

קאַרל, ניין, גלויב עס ניט. ניט איך, א י ך האָב דיין נאָמען ניט דערמאָנט, דיין נאָמען איז אַרויסגעפאַלן, אַ ר ו י ס ג ע פ אַ ל ן פון מיין מויל ווען איך האָב איבער אים קיין שליטה ניט געהאַט. דאָס האָט דער שוואַכער קערפּער...

קערפּער, גייסט, שוואַך, שטאַרק, שוואַך... נאָר ניט שוואַך זיין איצט. איצט, ווען קאַרל שטייט אים פאַר די אויגן. די שלייקעס, די בענדלעך פון די שיך האָבן זיי צוגענומען, ז י י פאַרהיטן דאָס לעבן, אָבער דער דאָקטאָר, ער האָט באַוואָרנט דעם טויט, געלאָזט דאָס סלאָיעקל. אָט זייגען די שערבלעך. שאַרף, שאַרף גענוג. דאָס וועט ניט וויי טון. ניט שטאַרקער ווי אין קעלער... דאָס וועט ניט וו־וו־יי טון, דאָס ט־ו־ט נבנ־יט וו־־יי.....

לעאָן האָט געפילט די געפעסן האָבן זיך געעפנט, דאָס בלוט האָט גערונען, אויסגערונען פון קערפּער. לייכטער, לייכטער ווערט דער קערפּער, און אויך זיין געמיט ווערט לייכטער. פינסטער אין די אויגן, אָבער ער זעט קאַרלען, זיין קאַרל, און ער קען קוקן אויף אים, ניט אַרונטערלאָזן די אויגן. ער האָט אים אַזוי ליב, ער וואָלט אים אַרומגענומען, צוגעדריקט צו זיך. די הענט הויבן זיך ניט אויף, רעדט ער צו אים, פליסטערט אין דער שטיל: קאַרל, ברודער מיינער, זיי שטאַרק! זיי שטאַרק! ברונאָ, ברודער מיינער, גייסט קיין דאַכאַו, איך גיי... זיי שטאַרק, קאַ־־אַרר־ל!

דאס זיידענע שטריקל

אַכמעד הוסיין, דער רייכער שניט־קערעמער פון ברינדאַבאַן, האָט אַ ניי ווייב געקויפט, די דריטע. האָט ער אַ סעודה געפּראַוועט. ער האָט איינגעלאַדן אַ גרויסע צאָל מענטשן, און זיי זיינען אַלע געקומען. די אָרימע, ווייל זיי האָבן אים פיינט געהאַט, אים געוועז שולדיק געלט, זיי־נען געשטאַנען אין זיין לאַסקע; די רייכערע פון אים, ווייל זיי האָבן אים אויך פיינט געהאַט, טאָ זאָל עס ניט הייסן זיי האַלטן זיך גרויס. אַכמעד הוסיין האָט זיי אַלעמען אויפגענומען מיט דער גרעסטער פריינדליכקייט. דער רייך־געדעקטער טיש האָט עדות געזאָגט אַז וואָס וואָס, אָבער גאַסט־פריינדליך איז אַכמעד הוסיין, און פּראַוועט ער אַ סעודה איז מיט דער פולער האַנט.

האָט מען געגעסן, געטרונקען, געלויבט דעם גוטן ווייַן, שפּאַסנדיק דערביי, אַז איידער אַ פלאַש ווייַן אויף יענער וועלט, אין דעם מאַכמעדאַ־נישן גן־עדן, איז שוין בעסער אַ גלאָז ווייַן אויף דער וועלט, אין דעם קריסטליכן גיהנום. זיך פאַסמאַקעוועט מיט דעם פריש־געבראָטענעם קעלבערנעם פלייש, און חוזק געמאַכט פון די בהמות, די הינדוסן — הייליקע קו!

זיי אויף צו להכעיס האָט אַכמעד הוסיין געקוילעט דאָס קעלבל ביי זיך אויפן הויף, דאָרט עס אויך אָפּגעבראָטן. — אַ פיין קעלבל. נעמט נאָך אַ שטיקל! לחיים!...

די מאַמע פונם קעלבל איז אַרומגעגאַנגען, געשמעקט די ערד און אַרויסגעלאָזט אַ יאָמערליכן מרוקע. דער רויך און ריח פונם געבראָטעט־

געם קעלבל האָט זיך פֿאַרשפּרייט ווייט אַרויס פֿון אַכמעד הוסיינ'ס הויף, אַריינגעדרונגען אין די נאָזלעכער פֿון די הינדוסן, זיי געריצט, דערצערנט.

פֿאַרטיפֿט אין זיינע רעיונות איז געגאַנגען דער הייליקער נאַראַדאַ, ווען זיין נאָז האָט דערשמעקט דעם ריח פֿון געבראָטן פֿלייש, זיין אויער האָט פֿאַרנומען דאָס מרוקען פֿון דער בהמה. דער נאָז האָט געשריען: אַנטלויף! טמא איז דאָס אָרט פֿון וואַנען דער ריח קומט. די קו האָט גערופֿן: קום, העלף! און ער האָט פֿאַרנומען דעם רוף פֿון דער בהמה, דאָס קול פֿון דער קו.

פֿאַר אַכמעד הוסיינ'ס הויף איז ער שטיין געבליבן. ווידער האָט אַ בהמה אַ מרוקע געטון. דער הייליקער נאַראַדאַ האָט אויפֿגעהויבן די אויגן ווי וועלנדיק זען פֿון וואַנען דאָס מרוקען קומט, אָבער אַנשטאָט אַ בהמישן פֿאַרזאָרגטן פּנים האָט ער דאָרט דערזען לוסטיקע, גלאַנציקע פּנימער, און אַנשטאַט אַ מרוקען דערהערט אַ געלעכטער, אַ ברייטער, האָפּערדיקער געלעכטער האָט זיך געקוילערט אים אין די אויערן אַריין.

— געקומען צו מיר אויף דער חתונה? פֿיין! זייער פֿיין! אַן אָנ־געלייגטער גאַסט! ברוך הבא! — אַכמעד הוסיין פֿאַרנויגט זיך פֿאַרן „גאַסט", לייגט צו איין האַנט צום ברוסט, מיט דער אַנדערער האַנט ווייזט ער דעם וועג אין הויף אַריין. דער הייליקער נאַראַדאַ רירט זיך ניט. אויגן געזונקען צו דער ערד, טוען ניט קיין פּינטל.

אַכמעד הוסיין האָט זיך אויסגעגלייכט. זיין דיקער פּנים איז מער ניט געקנייטשט פֿון געלעכטער, זיינע פֿאַרלאָפֿענע אויגן זיינען שטעכיק געוואָרן. די געסט האָבן שטום געקוקט, געוואַרט. דער הייליקער נאַראַ־דאַ האָט געמאַכט אַ טריט אַוועקצוגיין. אַכמעד הוסיין האָט אַ שפּרונג געטון, פֿאַרשטעלט דעם הייליקן נאַראַדאַ זיין וועג, זיך איבערגעוואונקען מיט זיינע געסט. אַ פּאָר האָבן זיך געשטעלט הינטער דעם הייליקן נאַראַדאַ, אַ פּאָר האָבן דורכגעצויגן זייערע קרעפּטיקע אָרעמס אונטער זיינע אָרעמס. דער באַלעבאָס האָט זיך געלאָזט גיין הינטערווייליעכס, בוקנדיק זיך פֿאַרן הייליקן, קאָמיש־ערנסט אויסרופֿנדיק: געלויבט איז קרישנאַ'ס נאָמען וואָס ער האָט אַריינגעגעבן דעם געדאַנק איינעם פֿון זיינע זין צו באַשיינען מיין שמחה; געבענטשט וועט זיין דער באָדן פֿון הויף וואָס די הייליקע פֿיס פֿון דעם הייליקן נאַראַדאַ וועלן באַטרעטן. אַ „פֿריינדליכע" האַנט האָט אַ שאַר געטון אַ קישעלע פֿאַרן הייליקן

נאַראַדאַ זיך צוצוזעצן, פיר געזונטע הענט האָבן אים אַוועקגעזעצט.
דער באַלעבאָס איז מכבד דעם הייליקן נאַראַדאַ מיט אַ טרונק.
די הענט רירן זיך ניט, די ליפּן זיינען פאַרזיגלט.
— דער הייליקער נאַראַדאַ טרינקט ניט? נו, פאַרשטייט זיך, דארויף איז ער דאָך אַ הייליקער. אָבער עסן וועט ער דאָך געוויס. אַ גוט שטיקל געבראָטן קאַלב, ערשט היינט אָפּגעבראָטן, אַ פיין קעלבעלע, אַ יונגס.
דער דאַרער קערפּער פון דעם הייליקן נאַראַדאַ האָט זיך צוזאַמענגעקאַרטשעט, געוואָרן אַזוי קליין, אַז ער האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון דעם אָרעם־בויגן וואָס האָט אים געהאַלטן אַרומגענומען, און ווען דער זעלבער אָרעם האָט זיך אַ צי געטון אים אָנצוכאַפּן, איז דער הייליקער נאַראַדאַ אויסגעוואַקסן, זיך אויסגעצויגן אין דער לייַנג, און די דיקע, קורצע געסט האָבן זיך ממש געדראָפּעט אויף אים, צו דערלאַנגען זיין מויל, איבערפירן די שטיקלעך פליש איבער זיינע פאַרקלעמטע ליפּן. דאָס איז זיי אָבער ניט געלונגען. דעם הייליקן נאַראַדאַ׳ס נאַקן איז שטייף ווי שטאָל, ניט איינצובויגן, דער קאָפּ פאַררייסן, דאָס מויל פאַרשלאָסן.
— זי בריקעט זיך די קו? טאָ וואַרט!
ווער אויפן קאָפּ, ווער אויפן רוקן, ווער אויף די פיס, דער הייליקער נאַראַדאַ, מיטן פנים צו דער ערד, האָט זיך ניט געקענט אַ ריר טון. מיטן צעריסענעם „כאַדאַר" (אַ מין מאַנטל) האָט מען די הענט געבונדן אויף הינטן, די „דאטי" (אַ מין הויזן) אַראָפּגעצויגן פון די לענדן און די פיס געבונדן. — און איצט . . . —
אַכמעד הוסיין׳ס אויגן שפּילן ווי יונגער וויין. — ער האָט עס!
— וואָס? וואָס? וואָס אַזוינס?
אַכמעד הוסיין פאַרגייט זיך אַזש פון געלעכטער. די הענט־פלאַכן אויף די קני, וואַרפט זיך זיין רוקן, שפּרינגט אַזש אונטער פון געלעכטער. אַכמעד הוסיין קען זיך ממש ניט אויסגלייכן, אַזאַ געלעכטער קראַמף האָט אים אָנגעכאַפּט.
— עטוואָס . . . עטוואָס . . . — די הענט פלאַטערן פון געלעכטער ווען ער דערוויטערט זיך פון זיינע געסט.
ער איז צוריקגעקומען מיט דעם איינגעווייד פון דעם געשאָכטענעם קעלבל — קישקעס, מאָגן, גראָשיצע, עס אַ לייג געטון פאַר די געסט.
— דאָס פלייש איז אָסור, אָבער דאָס מיסט איז דאָך מותּר, הייליק איז עס.

נו, ווּעלן מיר אים היילִיקן. האָ? די פּיס אויף געבונדן? טויג ניט. בינדט אָפּ די פּיס! שטעלט אים אויף. אַט אַזוי. און איצט, אין נאָמען פון היילִיקן קרישנאַ, דעם זון פון דעוואַקי, באַשיינקען מיר זיין נביא נאַראַדאַ מיטן אָרדן „דער פּאַסטוך פון דער היילִיקער קו." און אַלס צייכן לייגן מיר אַרויף דעם קראַנץ פון היילִיקן מיסט אויף זיינע פּלייצעס.

אויסגעגלייכט דאָס אינגעווייד אויף נאַראַדאַ'ס אַקסל, ברוסט און רוקן, פאַררוכט ווי מ'פאַררייכט אַ שנירל פּערל, האָט מען אים מכבד געווען מיט אַ פּאָר שטורכעס אין די זייטן און, מיט הענט געבונדענע אויף הינטן, אים משלח געווען פון הויף.

.2

איז געפאַלן דער פּאַריאַ מיטן פּנים צו דער ערד, זיך אויפגעהויבן, אָפּגעטראָטן עטליכע טריט און אַרויסגעשטאַמלט: היילִיקער נאַראַדאַ! דער היילִיקער נאַראַדאַ האָט געשוויגן, געוואַרט אַ ווײַלע ביז דער פּאַריאַ האָט זיך דערווייטערט און ווידער גענומען גיין מיט געמאָסטענע טריט. דער פּאַריאַ האָט זיך גענומען לויפן. אינגיכן זיינען לעבן היילִיקן נאַראַ־דאַ געווען זיינע בעסטע צוויי תּלמידים, אַרום אים — אַ געזעמל, אַ מחנה אַ גאַנצע. אַ טומל, אַ געפּילדער און אין דעם טומל הערט זיך דאָך אַ געפּליסטער — אַכמעד הוסיין. ווי קעראָסין אויף טרוקן האָלץ גיסן זיך די צוויי ווערטער, פאַרשפּרייטן זיך ווייטער און ווייטער, אַלץ וואָס פעלט איז דאָס שוועבעלע.

אומזיסט האָט דער היילִיקער נאַראַדאַ — שוין מיט צעבונדענע הענט, אַ באַפרייטער פון דעם קעלבל־אינגעווייד — אויפגעהויבן זיין אָרעם אָפּצושטעלן דעם המון, אומזיסט האָט זיך שוין געעפנט זיין מויל צו ריידן צום המון — ווער מיט אַ שטעקן, ווער מיט אַ שטיין, אַלע האָבן זיך געלאָזט צו אַכמעד הוסיין. דער היילִיקער נאַראַדאַ מיט זיינע צוויי תּלמידים האָבן נאָכגעאיילט נאָכ'ן המון. אפשר דאַרט וועט אים געלינ־גען זיי איינהאַלטן, זיי אָפּצושטעלן, פאַרמיידן אַן איבערגעאיילטן שריט. אומזיסט. שטורמדיקער פון די ים־כוואַליעס ביים ברעג איז דער כּעס פון המון . . .

און עס איז שוין געווען שפעט פאַרנאַכט, דער הייליקער נאַראַדאַ האָט נאָך אַ לאַנגן שטילשווייגן געגומען זאָגן זיין אָוונט תּפילה: „...מיט אַלץ, צו עס איז איבער אָדער אונטער, ווייט אָדער נאָענט, זיכטבאַר אָדער אומזיכטבאַר, זאָלסטו אָנהאַלטן אַ באַציאונג פון אומבאַגרעניצטער ליבע, אָן קיין שום שנאה און אָן קיין פאַרלאַנג צו הרגענען... נאָר יענער איז אָן אמתער וואישנאווא, ווער עס נידערט צו יעדערן, גרויסט זיך ניט פאַר קיינעם, איז ריין אין געדאַנק, אין וואָרט, אין טאַט."

דער הייליקער איז אַנטשוויגן געוואָרן. געשוויגן האָבן די תּלמידים, די ערד — אַ קאָנדענסירטער שטיק שוויגן — איז געשוואומען אין דעם אומגעהויער גרויסן ים פון שוויגן — דעם רוים. תּלמידים, ערד און הימל האָבן געשוויגן, פאַרטראַכט וועגן די רייד פון דעם הייליקן, גע־וואָרט: וועט ער נאָך עפּעס זאָגן?

די שטילקייט איז דורכגעשטאָכן געוואָרן פון אַ מענטשליכן קוויטש, איבערגעריסן געוואָרן פון אַ מענטשליכן געלאָף. הימל און ערד האָבן זיך אַ וויג געטון. אויפגעשפרונגען זיינען די תּלמידים, אויפגעהויבן האָט זיך דער הייליקער נאַראַדאַ. זיי האָבן דערזען אַ הינדוס לויפט, נאָך אים אַכמעד הוסיין. דער הינדוס האָט זיך געטוליעט צו נאַראַדאַ'ס תּלמידים, צו נאַראַדאַן, זוכנדיק שוץ ווי אַ שאָף אין דער סטאַדע אין דער צייט פון אַ שטורעם. אַכמעד הוסיין איז שטיין געבליבן — זיך ניט גע־ריכט אויף אַזאַ באַגעגעניש, אָבער באַגעגנט זיך וועט ע ר דעם וועג ניט אָפּטרעטן. ער לאָזט זיך גלייך, זיינע אויגן געריכט צום הייליקן נאַראַדאַ. איינער פון די תּלמידים האָט זיך אַ ריס געטון, אָבער ווען ער האָט אָנגע־כאַפּט אַכמעד הוסיינ'ס אָרעם האָט שוין פון מעסער אין אַכמעד הוסיינ'ס האַנט געטריפט בלוט, דאָס בלוט פון דעם הייליקן נאַראַדאַ.

אַכמעד הוסיין איז דיק און שטאַרק, און אין האַנט האָט ער אַ מעסער. נאַראַדאַ'ס תּלמידים זיינען דאַר און שוואַך, און קיינע כלי זיין אין זייערע הענט, דאָך קען דער דיקער אַכמעד הוסיין ניט אַרויסרייסן זיין אָרעם פון דער האַנט וואָס האָט אים אָנגעכאַפּט. דאָס מעסער איז שוין אַרויסגעפאַלן פון זיין האַנט, דער פויסט זיינער האָט ניט אויסגע־האַלטן דעם שאַרפן קוועטש פון אַיין דאַרן פינגער צווישן דיביינדלעך, פּונקט אויפן אָדער. זיין צווייטע האַנט איז אַזוי פאַרשטייפט, פאַרדרייט אויפן רוקן, אַז דער קאָפּ קערט זיך צו דער האַנט צו. פּרוּווט ער זיך

אַ דריי טון, זיך אַרויסרייסן, אַזוי האָט עמיצער אונטער זיינע קני. זיין האַלז ווערט דערדריקט צווישן צוויי שאַרפע, ביינערדיקע קני, זיינע פיס זיינען אַרומגעבונדן מיט האַרטע ביינערדיקע שטריק, זיך ניט אַרויס־צורייסן, זיך ניט אַ ריר צו טון. ער הערט דעם הייליקנ׳ס שוואַכע שטי־מע, פילט די ביינערדיקע שטריק אַרום אים ווערן עטוואָס לויזער, פּרוּווט ער אַ דריי טון אַ פּוס, גלייך ווערן די ביינער־שטריק ווידער פאַרשטייפט. ער הערט ווידער: לאָזט אים! זיין בלוט וועט מיין וואונד ניט פאַרהיילן, מיין ליבשאַפט צו אים וועט אים אויסהיילן. לאָזט דעם קראַנקן!

די תלמידים האָבן געצעגערט. האָט דער הייליקער נאַראַדאַ צום דריטן מאָל זיך געווענדעט צו זיי: לאָזט אים! איז קרישנא געגאַנגען אין וואַלד, און די פייל פון אַ יעגער האָט אים געטראָפן אין פוס. פול מיט חרטה איז דער יעגער געפאַלן קרישנאַן צו די פיס, געבעטן ער זאָל אים פאַרגעבן, און קרישנא האָט אַ שמייכל געטון צום יעגער, אים געבענשט און געטרייסט. לאָזט אָפּ דעם יעגער...

אַ באַפרייטער, איז אַכמעד הוסיין אויפגעשפּרונגען, אַ קוק געטון אויפ׳ן הייליקן נאַראַדאַ. ער איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, געשוויגן. די תלמידים זיינען געשטאַנען, געוואַרט. אַכמעד הוסיין איז ניט געפאַלן צו די פיס פאַרן הייליקן נאַראַדאַ. הינטערווילעכס האָט ער זיך גענומען רוקן אויף צוריק. ווייט גענוג, האָט ער זיך אומגעקערט מיטן רוקן צום הייליקן נאַראַדאַ, גענומען לויפן.

.3

דער ענגלישער ריכטער האָט געהאַלטן דאָס מעסער—קאָפּ און שפּיץ צווישן צוויי פינגער פוןביידע הענט ווי שפּילנדיק זיך דערמיט —

דערביי געפרעגט: דערקענסטו דאָס מעסער?

— ניין,—האָט נאַראַדאַ געענטפערט.

דער ריכטער האָט אָנגענומען דאָס מעסער פאַרן שטילכל און טרייסלענדיק עס מיט צוויי פינגער אַז דער שפּיץ האָט זיך געוויגט, האָט ער געפרעגט: האָסטו געזען דאָס מעסער אין אַכמעד הוסיינ׳ס האַנט?

— ווען איך האָב אים געזען האָב איך ניט געזען קיין מעסער, און ווען איך האָב דערפילט דאָס מעסער האָט איך קיין מענטשן ניט געזען.

— דערקענסטו דעם מענטשן דאָ אַלס דעמיעניקן וואָס האָט דיך געשטאָכן?

— ניין.

— האָסטו אים געזען אין טאָג פון אָנפאַל?

— יאָ.

— פאַר אָדער נאָכן אָנפאַל?

— פאַר.

— האָט ער דיר עפּעס שלעכטס געטון? דיך באַליידיקט?

— נ־־י־־ין, ניט מיך.

— וועמען דען?

— ער האָט גע וואָ ל ט באַליידיקן קרישנאַן, אָבער קרישנא קען ניט באַליידיקט ווערן פון אַ מענטשן.

— קרישנא! — אַ דינער, שאַרפער שמייכל שפּאַרט זיך דורך די אויגן שפּאַרונעס פון דעם ענגלישן ריכטער צום סעקרעטאַר וואָס פאַר־שרייבט וואָרט אין וואָרט דעם פאַרהער. — גיי האָב צו טון מיט אַזעלכע בהמות, — זאָגט דער שמייכל, — ק ר י ש נ א ן האָט ער געוואָלט באַ־ליידיקן. — אין דער הויך זאָגט דער ריכטער: נו, גענוג.

דער הייליקער נאַראַדאַ איז באַפרייט פון עדות שטול, אַכמעד הוסיין איז אָבער ניט באַפרייט. נאָך אַ הינדוס איז געשטאָכן געוואָרן יענעם טאָג, געשטאָכן אויף טויט, און איינער פון אַכמעד הוסיינ׳ס געסט האָט אָנגעגעבן אויפן עדות שטול אַז ער האָט אַליין געזען ווי אַכמעד הוסיין האָט אים געשטאָכן. ער האָט אויך דערקענט דאָס מעסער. דער אַדוואָ־קאַט האָט געפּרוואווט באַווייזן אַז אַכמעד הוסיין האָט געשטאָכן יענעם אין זעלבסטפאַרטיידיקונג, אָבער אַכמעד הוסיינ׳ס גאַסט האָט געשוואָרן אַז דער געשטאָכענער הינדוס האָט ביי זיך נישט געהאַט קיין געווער, קיין שטיין, קיין שטעקן אַפילו, האָט זיך ניט באַטייליקט אינם איבערפאַל אויף אַכמעד הוסיינ׳ס הויף, געווען אַ זייטיקער, אַ צושויער בלויז.

דער ענגלישער ריכטער האָט שטאַרק באַדויערט דעם טויט פון אַן אומשולדיקן הינדוס, האָט אויסגעדריקט זיין מיטגעפיל מיט אַכמעד הוסיין, ער האָט געמוזט פילן זייער שלעכט ווען זיין שמחה יענעם טאָג איז צעשטערט געוואָרן, אָבער גערעכטיקייט מוז הערשן אין לאַנד, דער ריכטער מוז אויסטיילן די גערעכטע שטראָף, פאַרמילדערט צוליב די אומשטאַנדן — צוואַנציק יאָר תפיסה.

.4

שוין צען טעג, צוואַנציק, אַ חודש, צוויי חדשים, אַ יאָר, צוויי יאָר. אַכמעד הוסיין האָט אויפגעהערט ציילן. זיין גאַנץ לעבן, פון דעם טאָג וואָס מ׳האָט אים איינגעשפּאַרט, איז אויסגעמישט, איבערגעמישט, און די טיר פון תּפיסה פאַרשטעלט דעם אַריינגאַנג אַהין, ניט אַריינצוגיין און מאַכן דאָרט אַ לאַד. אַכמעד הוסיין פוילט זיך אַפילו איבערלייגן אין קאָפּ ביי זיך דאָס דאָזיקע לעבן זיינס. דער טויטער הינדוס איז טויט ווי אַלע טויטע, אַפילו דעם גלויבנס־ברודער זיינעם, אַ דאַנק וועמעס עדות זאָגן מ׳האָט אים דאָ איינגעשפּאַרט, האָט ער ווי פאַרגעסן. געבליבן איז דאָס דריטע ווייב, די יונגע קאַזימאַ, און אָט דער נאַראַדאַ. אין די לאַנגע, לאַנגע נעכט, אויפן שלעכטן, האַרטן געלעגערביינקט זיך נאָך איר — זי אַ קוש טון און זי דערשטעכן! ניט מזלדיק. ניט מזלדיק. און פון אָט דעם הייליקן קען ער אויך ניט פּטור ווערן. ע ר איז דער שולדיקער, צוליב א י ם זיצט ער דאָ. ווען ער רעדט ניט זיינע נאַרישע רייד, ווען ער הייסט ניט זיינע תּלמידים אים אָפּלאָזן וואָלט ער דאָרט געבליבן ליגן אַ דערוואָרגענער פון זייערע ביינערדיקע קני (די האַנט טוט אַ שאַר דעם האַלז) אָדער ער וואָלט מיטן זעלבן מעסער דערשטאָכן יענע צוויי (די האַנט פאַרשטייפט זיך) און דאָס מעסער נאָך אַהיים גענומען פאַר אַ פערטן, אַ פינפטן, פאַר זיין גאַסט, אים די צונג אויסגעשניטן. דער דערוויש, אָט דער נאַראַדאַ מיט זיינע רייד האָט געליימט זיינע הענט, אים צעטומלט, אָן מעסער פאַרגעסן. „זיין בלוט וועט מיין וואונד ניט פאַרהיילן, מיין ליבשאַפט צו אים וועט אים אפשר אויסהיילן.” ליבשאַפט! פּשא! דאָך, ביים עדות זאָגן — ניין, און ניין, און ניין. ער א י ז אַ הייליקער. אָבער הייליקער אַללאַה! העלף! העלף אַרויס פון דאַנען, העלף זיך אַרויסרייסן פון די הענט פון דעם ווייסן ענגלענדער. מיט דעם ברויגעם, דעם הייליקן, שוין ווי ס׳איז זיך ספּראַווען. אָה, הייליקער אַללאַה! אָה, מעכטיקער אַללאַה!

מיט דער הילף פון מעכטיקן אַללאַה און נאָך מעכטיקערן פויסט פון אַכמעד הוסיין איז אַכמעדן געלונגען אַרויסצורייסן זיך פון די הענט פונם ענגלענדער. אין אַ פּאַסיקער מינוט האָט ער אַ שפּרונג געטון אויפן וועכטער, אַ הינדוס, מיט איין קלאַפּ אונטערן אויער אים אַוועקגעלייגט

באָוואָוסטלאָז, זיך איבערגעטון אין זיינע קליידער, אַ כאַפּ געטון די ביקס און פאַרשוואונדן אין נאָענטן דזשאַנגל. אַללאַה איז מעכטיק, דער פויסט פון זיינעם אַ נאָכפאָלגער, נאָך מעכטיקער.

צוויי טעג האָט דער דזשאַנגל אויסבאַהאַלטן אַכמעד הוסיין און אויפן דריטן טאָג אים אַרויסגעגעבן. אַן אָפּגעשוואַכטער פון עסן ווינציק — די ביקס, אַ פּוסטע, האָט ער אויפן צווייטן טאָג אַוועקגעוואָרפן, — אַ פאַרמאַטערטער פון גיין, אַן אויסגעמוטשעטער פון שרעק, האָט ער זיך געשלעפּט אין דזשאַנגל אַן אַ ריכטונג. קאַזימאַ׳ס געלעגער האָט שוין מער ניט געלויכטן פאַר די אויגן, ניט געדופן, ניט געפּירט. וואו ס׳ניט איז, אין תּפיסה בדאַי, אַבי אַן אָרט וואו אַוועקצולייגן דעם קאָפּ רואיק, שלאָפן, שלאָפן און עסן. פייערדיקע רינגען דרייען זיך פאַר אַכמעד׳ס אויגן, אַ הייסער געפּילדער אין קאָפּ, אין די אויערן, און ער זעט ניט, הערט ניט ווי ער טרעט אַרויף אויף אַ שלאַנג, צעשטערט איר רו. דער־פילט אַז ער האָט אַרויפגעטראָטן, האָט ער זיך אַ צאַפּל געטון, באַנומען די געפאַר, זיך אַ ריס געטון, — אַנטלויפן! צו שפּעט. דער טראָט פון איין פוס האָט געברענט, און דאָס טרוקן פייער שפּרייט זיך איבערן גאַנצן קערפּער. זיין מעסער! ווען ער האָט זיין מעסער! אויפשניידן, אויס־זויגן דעם גיפט. ער האָט צעריסן די העמד אויף זיך, פאַרשטייפט די פוס, פאַרקרעמפּט די ליטקע, ניט לאָזן דאָס פייער ווייטער גיין, און ווי אַ שלאַנג, בויך אויף דער ערד, קאָפּ אויפגעהויבן, האָט ער גענומען קריכן. זיך דערשלאָגן צו אַ ישוב, אַ הויז, אַ לעבעדיקן מענטשן.

5.

דער הייליקער נאַראַדאַ האָט פאַרנומען אַ שאָרן ביי דער טיר פון זיין אָרימען געצעלט. פאַרזיכטיק — ניט איין מאָל האָט אַ טיגער שוין פאַרבלאָנזשעט צו זיין שטיבל אויפן סאַמע ברעג פון דזשאַנגל — האָט ער אויפגעעפנט די טיר און, דערזעענדיק אַ מענטשליכן קערפּער ליגן, האָט ער אַ דערשראָקענער זיך אָנגעבויגן, אונטערגעהויבן דעם קאָפּ.

דער מענטש האָט אַן עפן געטון די אויגן. אַ לאַנגער קוק וואָס מאַטערט זיך דורכצורייסן אַ דיקע צייט־פלעווקע און, ווען מיט גרויס אָנשטרענגונג, זיך דורכגעריסן, האָט זיך דער קאָפּ אַ צאַפּל געטון, די

אויגן האָבן זיך צוגעמאַכט, די ליפּן האָבן געפּליסטערט: איל אַללאַה.

נאַראַדאַ האָט אים אַריינגעצויגן אין שטיבל, באַקוקט, באַטראַכט זיין געשוואָלענעם, פאַרקרעמפּטן פוס.

— קאַוואַליאַ! אַה, קאַוואַליאַ! קום אַהער, מיין קינד, גיכער! ברייננ דאָס שאַרפע קלינגל. גוט. איצט ברייננ דאָס וואַסער. דאָרט אויפן פּאָליצע שטייט עס, דאָס פּורפּור קאָלירטע וואַסער. און לייוונט, ריינע לייוונט.

— אַ שלאַנג. אַ פאַרשאָלטענע שלאַנג...— האָט אַכמעד הוסיין געפּיבערט.

— לעסטער ניט די שלאַנג. בראַהמאַן הויזט אין יעדער לעבעדיקער באַשעפעניש. זי האָט ניט דערפילט קיין ליבשאַפט אין דיר האָט זי געביסן. קיין שלעכטס זאָל געטון ווערן צו דער שלאַנג, ווייל אַפילו אַ גיפטיקן בוים טאָר ניט אויסהאַקן דער וואָס האָט אים ניט געפלאַנצט.

אַכמעד הוסיין האָט ניט געהערט נאַראַדאַ'ס רייד. ער האָט קוים דערפילט אַ שניט און דאַן דערזען און דערפילט ווי נאַראַדאַ זויגט מיט זיינע ליפּן זיין, אַכמעד'ס, פוס־טראָט, זויגט שטאַרק, זויגט און שפּייט. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן — ניט זען דאָס, ער האָט זיי אָבער געמוזט באַלד עפענען און ווידער זען. און ווען ער האָט זיך באַגעגנט מיט נאַראַדאַ'ס קוק וואָס האָט געפרעגט: וואָס, בעסער? — האָט ער ווידער פאַרמאַכט די אויגן. פאַר די פאַרמאַכטע אויגן שווינדלען מעסערס, שטעקנס, שטיינער, תפיסה, וועכטער, דזשאָנגל, שלאַנגען, און ער, דער הייליקער נאַראַדאַ, דער הייליקער מיטן קעלבל־איינגעווייד אויפן ברוסט, אַ פאַרוואונדעטער, אַ פאַרבלוטיקטער, קניט פאַר אים, זויגט דעם גיפט פון זיין פוס־טראָט. הייליקער... אַללאַה!

6.

— האָט דער גורו געזען עמיצן לויפן אין אָדער פון דזשאָנגל?

— ניין, ער האָט קיינעם ניט געזען ל ו י פ ן.

— אַנטלאָפן די קאַנאַליע.

שטילשווייגן.

— מיר'ן אים כאַפּן. ער'ט שוין מער נ י ט אַנטלויפן.

די ענגלישע סאָלדאַטן זיינען זיך אַוועק זייער וועג צום דזשאַנגל זוכן אַכמעד הוסיינען און דער היילּיקער נאַראַדאַ האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין שטאָט אַריין, ברייינגען אַ ביסל רייז צום עסן. דער ווייב זיינער האָט ער ניט געטרויט זי זאָל איצט אַרויסגיין אין גאַס — אַ פּרוי, וועט אַרויסרעדן אַ וואָרט, דער ווינט וועט עס פאַרטראָגן...

איז געזעסן אַכמעד הוסיין אין נאַראַדאַ'ס שטיבל, געזעסן, געקוקט אויף זיין באַנדאַזשירטן פוס. היילט זיך, אָבער נאָך ניט גענוג פאַרהיילט צו קענען לויפן. זיך אַרויסכאַפּן פון דאַנען. כאָטש אויף איין נאַכט זיך דערלאַנגען אַהיים, צו זיין יונגער קאַזימאַ, און דאַן אפשר ווידער אין דזשאַנגל... און ד י... היילּיקע... נאָך אויך אַ יונגע. איין און איינציקע ביי אים, און אין די פּאָר נעכט האָט ער גאָרניט געזען, גאָרניט געהערט, כאָטש זיין שלאָף איז לייכט, אַ הינטישער שלאָף ממש. און בייטאָג אויך, קיין קוש, קיין גלעט אַפילו. אַ היילּיקער... אַרום אַכמעד הוסיינ'ס מויל שוועבט אַ שמייכל און ווען ער הויבט אויף די אויגן אַ קוק טון אויף דער „היילּיקער," שפּרינגט איבער דער שמייכל פון אַרום מויל אין די אויגן אַריין. ביים איבערשפּרינגען בייט דער שמייכל זיין אויסדרוק. אַכמעד'ס אויגן לאַכן מער ניט, זיי רופן פאַרשייט, באַלד שטעכן זיי דורך די קליידער, רייסן חוצפּהדיק אויף דאָס קלייד און שניידן זיך אַריין אין איר נאַקעטן לייב. קאַוואַליאַ האָט דערפילט איר נאַקעטקייט. זי האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגן, די אָרעמס האָבן אַרומגענומען די בריסט, איר פּלייצע האָט זיך אויסגעבויגן, די קני האָבן געציטערט.

— זי איז אַזוי גוט צו אים. ווי וועט ער איר גאָר קענען אָפּדאַנקען?

— שלעכטס טאָר מען ניט געדיינקען, פּאָר גוטס דאַרף מען ניט דאַנקען.

— און ער איז אַזוי דאַנקבאַר! ער פילט ווי צו פאַלן צו אירע פיס, קושן דעם זוים פון איר קלייד, די טריט פון אירע פיס...

— מעכטיקער סיוואַ! היילּיקער... נאַ־ראַ־דאַ!

מיט אַלע אירע כחות האָט זי זיך געריסן פון אַכמעד הוסיינ'ס אָרעמס, וועלכער האָט, אויס דאַנקבאַרקייט, געוואָלט קושן שוין ניט אירע טריט, נאָר דווקא די ליפּן. אָבער אַכמעד הוסיינ'ס אָרעמס זיינען שטאַרק, ווי זי זאָל ניט ברעכן איר רוקן, ווי זי זאָל ניט דרייען, אָפּקערן

דעם קאָפּ, אַכמעד הוסיינ'ס פּנים גייט איר נאָך. אָט פילט זי שוין זיינע וואָנצעס אונטער איר נאָז, אויף איר אויבערשטער ליפּ.

— אָה! נאַ־ראַ־דאַאַ!!!

דער הייליקער נאַראַדאַ איז פון שוועל אויסגעוואַקסן, געבליבן שטיין אין טיר — אַ בילד אין אַ ראָם.

אַכמעד הוסיינ'ס אָרעמס — איבעריקע אברים — זיינען לויז געהאנגען. דער גאַנצער קערפּער איז איבעריק, בלויז אַ ווינקל פון אַן אויג איז וואַך אויפגעכאַפּט נאַראַדאַ'ס אַ באַוועגונג. דער הייליקער נאַראַדאַ רירט זיך ניט, ערשט ווען קאַוזאַליאַ גיט זיך אַ לאָז צו אים, איר מאַן, איר באַשיצער, באַפעלט ער מיט אַ באַוועגונג זי זאָל שטיין פון וויטן, און מיט ווערטער זאָגט ער: רייניק זיך פריער. טמא. זי האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. זיינען טרערן מטהר? קען זיין.

אַכמעד קען די טרערן ניט פאַרטראָגן. ער האָט זיך אַ לאָז געטון צו דער טיר. אַנטלויפן פון דאַנען, פון אים! פון דעם הייליקן! אָט דעם טייוול! דערשטיקן אים פאַר איר אין די אויגן!

דער הייליקער נאַראַדאַ האָט אויסגעשטעלט די האַנט פלאַך און אַכמעד הוסיינ'ס אימפּעט איז צוריקגעשטויסן. — לויף ניט. ענגלישע סאָלדאַטן דרייען זיך אַרום דאָ דערביי. אַכמעד איז געבליבן.

ביז שפּעט אין אָוונט איז מען שווייגנדיק געזעסן. ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן האָט דער הייליקער נאַראַדאַ זיך פאַרצויגן אין זיין אָוונט תּפילה:

האַר מיינער! לאָז מיך ניט קוקן אויף זאַכן
וואָס דערוועקן שלעכטע געדאַנקען.
גלייכער וואָלט איך בלינד געוואָרן.
האַר מיינער! לאָז מיך ניט לעסטיקן מיינע לעפצן
מיט אומווירדיקע רייד.
גלייכער וואָלט איך שטום געוואָרן.
האַר מיינער! לאָז מיך ניט קוקן מיט באַגער אויף די
וואָס דאַרפן זיין מיינע שוועסטער.
גלייכער וואָלט איך געשטאָרבן.

אַכמעד הוסיין איז אויפגעשפרונגען, אַרויסגעלאָפן אין דרויסן. דער הייליקער איז געבליבן זיצן פאַרטיפט אין זיינע רעיונות.

7.

דיקע, געדיכטע פינסטערניש נעמט אַרום אַכמעד הוסיינען, האַלט אים אַ געפּאַנגענעם. וואוהין ער זאָל זיך ניט וואַרפן רוקט זיך די פינסטערניש אים אַנטקעגן, און די פינסטערניש איז ניט קיין בלינדע, עס איז דאָס פינסטערע אויג פון דער נאַכט, שרעקליכער פון טיגער־אויגן.— איך זע,— זאָגט דאָס אויג,— וועסט פון מיר ניט אַנטלויפן.— און די ערד שפּירט נאָך זיין יעדן טראָט, גיט אים אַרויס צו די בוימער. און בוים צו בוים פליסטערט: אָט איז ער, אָט לויפט ער. פאַרהאַלט אים. שטרעקן זיך די צווייגן־פינגער אים אָנצוכאַפּן, אַריינכאַפּן, פאַרהאַלטן. און היבּטער יעדן בוים אַן ענגלענדער— דער ענגלענדער מיטן גרויסן אויער, שאַרפן אויג, לאַנגע הענט, פלינקע פיס. אַ קרייז, אַ פינסטערער, פאַרכישופטער קרייז, ניט דורכצורייסן אים. אַללאַה, מעכטיקער אַללאַה, העלף!

צערייס דעם פינסטערן צודעק אין צווייען,
און זאָל דער שטראַל פון דיין חסד שמייכל
דורכשניידן די נאַכט פון פינסטערניש
און אויפוועקן מיין נשמה.
פיר מיך פון פינסטערניש צו ליכט,
פון טויט צו טויטלאָזיגקייט.

— האָט אַללאַה אים געענטפערט? אַללאַה? דאָס זינגט דאָך דער... הייליקער נאַראַדאַ, דער... טייוול. יעדעס מאָל וואָס ער טרעפט אים מוז אַן אומגליק פּאַסירן. דעם טאָג פון דער חתונה, אין געריכט, און איצט. דריי מאָל. דריי מאָל. אַרויס פון אָט דעם כישוף־קרייז! אַרויס! אויב ער קען אים ניט דורכרייסן, איז אַרויסשפּרינגען, זיך אַ הויב טון און פּטור ווערן פון אים, פונם הייליקן... פון ענגלענדער, פון אַלץ....

— — — — — — — — — — — — — — —

ווען די ענגלישע סאָלדאַטן האָבן אויף מאָרגן געפונען אַכמעד הוסיין הייגנען אויף אַ בוים ניט ווייט פון נאַראַדאַ'ס שטיבל, איז איינער

אַוועקגעגאַנגען מעלדן וועגן דעם געהאנגענעם, אַ צווייטער איז געשטאַ־נען שמירה, אַ דריטער האָט גערופן דעם הייליקן נאַראַדאַ.

— דערקענט ער דעם געהאנגענעם?

דער הייליקער נאַראַדאַ האָט דערקענט דעם געהאנגענעם, דער־קענט די „שטריק" אַפילו. אויף די באַנדאַזשן פון דער געביסענער פוס, אויף די ווייסע לייווענטענע באַנדאַזשן מיט וועלכע ער האָט אַרומגעבונדן זיין פוס, אויף זיי האָט אַכמעד הוסיין זיך אויפגעהאָנגען. דער הייליקער נאַראַדאַ האָט פאַרמאַכט די אויגן און זיינע ליפּן האָבן שטיל געשעפּטשעט:

איך דיינק ניט אַז איך קען א י ם גוט,
אָדער אַז איך קען א י ם ,
אָדער אַפילו אַז איך קען א י ם נ י ט .

נאָך אַ קורצער מעדיטאַציע האָט ער צוגעגעבן:

דער לאָמפּ איז פאַרלאָשן
אָבער די זון שיינט.

אש

אַ שפּיצקער, צעשפּליטערטער קלונג וועקט און מאָנט — עפנט!
אַזוי צעקלינגט זיך אַ טעלעפאָן אינמיטן נאַכט, וועקנדיק: שטייט אויף!
אַזוי קלינגט פּאָליציי ווען זי קומט זוכן, אַרעסטירן און פאָדערט: עפנט!
עס איז געווען אַ שוצמאַן, אָבער ניט ער איז געקומען זוכן, ניט אַרעס־טירן. ער האָט אָן ווערטער דערלאַנגט הוגאָן אַ פּעקעלע.

הוגאָ׳ס האַנט — אַ האַנט פון אַ בלינדן וואָס טאַפּט פאַרדעכטיק דעם חלל פאַר זיך — האָט איבערגענומען דאָס פּעקעלע פון שוצמאַנ׳ס האַנט: אַ פּעקל? פאַר מיר? דער שוצמאַן האָט דערלאַנגט אַ פּאַפּירל אונטערצושרייבן. דאָס רעכטע אויג האָט זיך אַ צי געטון אַרויף, פאַר־דעכטיק אַ קוק געטון אויפן שוצמאַן, דאַן אַרונטער אויפן פּאַפּירל. — מ׳דאַרף אונטערשרייבן, — האָט אונטערגעזאָגט דער געדאַנק. איין האַנט האָט דערמאָנט — איך בין ניט פריי. אַ טישעלע — געוויינלעך פאַר וויזיט קאַרטלעך — איז אויסגעוואַקסן, אויפגענומען דאָס פּעקעלע פון הוגאָ׳ס האַנט, און הוגאָ האָט שנעל אונטערגעשריבן זיין נאָמען. — איבערקומען וואָס גיכער.

— דריי און אַ האַלב מאַרק, — האָט דער שוצמאַן אַרויסגערעדט.

הוגאָ האָט פרעגעריש אַ קוק געטון אויפן שוצמאַן. דער קיווער, דאָס פּנים, די וואָנצעס — אַ שוצמאַן, אַ „שופּא“, ווי אַ שופּא דאַרף זיין. אַ שופּא איז ניט שייך צו פרעגן. האָט ער געגעבן די פאַרלאַנגטע דריי און אַ האַלב מאַרק, געזען ווי דער שוצמאַן האָט געציילט, איבערגעציילט דאָס געלט, עס אַריינגעלייגט אין אַ טייסטער, אויך אַריינגעלייגט די

אונטערגעשריבענע קוויטאַנציע: ער האָט אויך געהערט אַ „גוד־דאַה" (גוטן טאָג), געזען דעם שוצמאַן אַרויסגיין. די פאַרמאַכטע טיר האָט שטום באַשטעטיקט — ניטאָ דער שוצמאַן, די אויערן האָבן אָבער פאַר־נומען דעם שוצמאַנ׳ס טריט, און דער טעפּ־טעפּ האָט געהאַלטן הוגאָן, אים ניט געלאָזט אַ טראָט טון. ערשט ווען די טריט זיינען אָפּגעשטאָרבן האָט ער זיך אַ ריר געטון פון אָרט, אַ נעם געטון דאָס פּעקל. אַזוי לייכט ... ער האָט עס אַ דריי געטון אויף איין זייט, אַ צווייטער, געמאַכט אַ פּאָר טריט נאָענטער צום טיש, אַ ריס געטון דעם פּאָדים, פּאַפּיר. אָן אויפ־שריפט: דר. אָטטאָ בערנהיים. געשטאָרבן פון האַרץ־שלאָג. דאַטום ...

טונקעלע אָנונג האָט זיך אָפּגעטראָגן, העלע, שאַרפע וואָר האָט אַ שניט געטון — דאָס האַלט ער אין די הענט זיין טויטן פאָטער! ער האָט שיר ניט אַרויסגעלאָזט דאָס קעסטעלע אַש, מאָמענטאַל האָט ער פאַר־קלעמט די הענט אַרום דעם. טריט האָבן זיך דערהערט, דער מוטער׳ס טריט. זיינע אויגן האָבן גענומען שפּרינגען איבער טיר, פענצטער, גע־זימס, שאַפע, טיש, שופלאַד. דער קוק האָט זיך שוין אַ שטרעק געטון צום שופלאַד, אָבער דער מוטער׳ס שטימע האָט איבערגעיאָגט זיין האַנט. ער האָט שוין געהערט: ווער איז דאָ געוועזן?

די שרעק אין דער פראַגע האָט געליימט זיין האַנט, פּאַראַליזירט זיין צונג. געכאַפּט דעם גנב ביי דער האַנט. דער גנב האָט באַוויזן זיך אומצודרייען מיטן פּנים צו דער מוטער, איין האַנט האָט הינטערוויילעכס אַרויפגעשטעלט דאָס קעסטעלע אַש אויפן טיש, מיט די פינגער עס גע־שאַרט אַרויף, אַרויף, עס זאָל חלילה ניט אַרונטערפאַלן.

— ווער איז דאָ געוועזן?

שרעק? ניין, זיכערקייט פון אומגליק און אויך מאָנונג, פאָדערונג

— זאָג! איך ווייס אַ ניט גוטער איז געוועזן, אָבער זאָג, דערצייל!

— אַ שוצמאַן, — האָט ער געענטפערט שטיל אין דער לופט אַריין.

די מוטער האָט געמאַכט אַ טראָט, דאַן שיר ניט אַ לאָף געטון, איז געשאַנען הארט לעבן אים. ער האָט געמוזט אויפהויבן די אויגן און מיט אַ שמייכל... יאָ, ער האָט געפילט ווי ער האָט אַ שמייכל געטון צו דער מאַמען, אַ זאָג געטון: ניט נאָך מיר.

זיין ענטפער, זיין שמייכל האָט ניט באַרואיקט די מוטער. פאַר־קערט, טאַקע אָט דער גרימאַסע שמייכל האָט אויפגעוועקט נאָך שטאַר־

קערן חשד, אומרו. — וואָס האָט ער געוואָלט? הוגאָ!

פון דעם רוף: הוגאָ! נאָך מער פון איר אָנכאַפּן זיין האַנט — אַ לעבעדיקער עלעקטרישער דראָט האָט זיך צוגערירט צו אים — האָט ער זיך אַ צאַפּל געטון, דערזען מיט אַמאָל זיין מוטער׳ס פּנים, און זיין קאָפּ האָט זיך אַ וויג געטון, צוגעפאַלן צו איר אַקסל. ער האָט דערפילט דער מוטער׳ס פינגער אין זיינע האָר, באַלד דערשפּירט ווי אירע פינגער זייַנען פאַרגליווערט געוואָרן, און מיט אַלע חושים האָט ער זיך דערוואוסט — די מאַמע האָט דערזען דאָס קעסטעלע אַש אויפן טיש. דער מאַמע׳ס אַקסל פון אונטער זיין קאָפּ האָט זיך אַ צי געטון... ווען ער האָט זיך אויסגעגלייכט האָט ער דערזען דער מוטער׳ס רוקן איבערגעצויגן איבערן טיש, אירע אָרעמס אויסגעצויגן, די שפּיץ פינגער גרייכנדיק דאָס אומגעוואָרפענע קעסטעלע אַש.

ער האָט מורא געהאַט זיך צורירן צו איר, האָט זי דאָך אָנגערירט, צוערשט אַ לייכטער באַריר, דאַן שטייף און דאָך צאַרט, אַן אפּצווייגנגע מיט סאַמעט באַשלאָגן, אָנגענומען אירע אַקסל, זי אויפגעהויבן, אויפגעשטעלט דאָס קעסטעלע אַש.

— הו־גאָ! — האָט די מוטער אויסגעשריען. דער אויסגעשריי — אַ שפּונט אַרויסגעזעצט, אַ געוויין האָט אויסגעפּלאַצט. דער געוויין האָט זי צעטרייסלט. ער האָט זי מער געטראָגן ווי געפירט. ער האָט זי אַזוי אַריינגעפירט אין אַ צווייטן צימער, זי אַוועקגעלייגט.

אַ פּאָר טעג שפּעטער איז מען ביידע געזעסן, דאָס קעסטעלע אַש איז געשטאַנען אויפן טיש, די מוטער האָט גערעדט:

— ... פון האַרץ־שלאַג... צען, צוועלף שטונדן אַ טאָג האָט ער דאָך געקענט זיין אויף די פיס, און ערשט נאָכדעם זיך זעצן שרייבן, טון זיין אַרבעט אָדער גיין אויף אַ פאַרזאַמלונג, צו סתּם פאַרברייינגען, און קיינמאָל ניט געוועזן מיד. און יעדן טאָג האָט ער געהאַט וואָס צו דערציילן. אַלע זיינע פּאַציענטן האָב איך דאָך געקענט. איך האָב זיי ניט געזען, אַפילו קיין נעמען ניט געוואוסט, ער האָט אָבער דערציילט וועגן זיי, ער האָט זיי ל י ב געהאַט. ניט איין מאָל האָב איך זיך געוואונדערט: ווי קומט עס צו אים? ער, אַ באַנקיר׳ס אַ זון, אַ דאָקטאָר צווישן די אָרימסטע פון די אָרימע, און האָט זיי ליב, אַפילו זייער רויקייט, זייער שמוציגקייט האָט ער פאַרטראָגן. „דו לאָז זיי נאָר לעבן ווי מענטשן,“

פלעגט ער זאָגן, „וועסטו זען וואָס פון זיי קען ווערן. מיר ווערן אַלע געבוירן אין שמוץ, אָבער מ׳וואַשט אונז אַרום. מ׳דאַרף זיי אַביסל אַרומוואַשן, לאַטכען!“

האָט זי דערפילט איר מאַנ׳ס גראָבן פינגער אונטער איר גאָמבע, האָט זי דערזען זיין שמייכלענדיקן קוק, ווען ער האָט צו איר אַזוי גערעדט? זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, די אויגן האָבן אָבער גערעדט פון צערטלעכקייטן, און דער לופט האָט זיך געטראָגן דאָס וואָרקען פון אַ טירקלטויב — לאַטכען!

— דער פאָטער זיינער, — האָט זי ווייטער גערעדט, — האָט פון אָנהויב זיך געבייזערט: ווילסט ניט זיין קיין באַנקיר, ווילסט דוקא זיין אַ מעדיצינער, מילא, פאַרפאַלן, אָבער זיי כאָטש אַ דאָקטאָר, האָב אַ רייכע פּראַקטיק, ניט זיך אַרומשלעפּן צווישן די... אָבער ער האָט געלאַכט. „געלט, פאָטער, האָסטו שוין געמאַכט, לאָז מיך מאַכן עפּעס אַנדערש.“

— האָט זיך געבייזערט דער אַלטער, אים געסטראַשעט, ער וועט אים ניט געבן, אים ניט איבערלאָזן קיין פּעניג. אָבער עס האָט ניט געהאָלפן. און דער אַלטער האָט זיך אונטערגעגעבן. האָט אים ליב געהאַט. און ווער האָט אים ניט ליב געהאַט? אַ ל ע האָבן אים ליב געהאַט. און ווי זיי האָבן אים עקספּלואַטירט!

— איך געדענק איין אָוונט, איין נאַכט. עס איז געווען דיין געבורטסטאָג, דיין צווייטער געבורטסטאָג. עס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען געסט, מ׳האָט געגעסן, געטרונקען, פאַרבראַכט, געווען מוזיק. ווי איצט געדענק איך עס. דער אָנקל וואָלטער איז געזעסן ביי דער פּיאַנאָ, פריילין אָפּענהיים האָט געזונגען. פּלוצלונג אַ קלונג, אָט ווי אַ... שוצמאַן...

— איז יאָ, מ׳קלינגט. מאַגדאַ איז געגאַנגען עפענען און קומט צוריק — מ׳וויל זען דעם הער פּראָפעסאָר.

איך האָב שוין פאַרשטאַנען, דאָס איז מען געקומען אים רופן צו אַ חולה, און איך האָב זיך געלאָזט נאָך אים, אַנטשלאָסן ניט צו לאָזן אים גיין, זאָל מען רופן אַן אַנדערן, ניט צעשטערן מיין שמחה, מיין קינד׳ס געבורטסטאָג. און אַזוי איז טאַקע געווען. אַ הויכער, געזונטער יונג שטייט, קנייטשט דאָס היטל אין די הענט, און זיין פּנים, זיין גאַנצער קערפּער קנייטשט זיך אויך און בעט — דער הער פּראָפעסאָר מוז גיין, זיין ווייב איז פאַרביי.

— מאַגדאַ! דעם מאַנטל, הוט...

— האָב איך שוין גענומען פּראָטעסטירן. אָבער מ׳קען דאָך רופן אַ צווייטן!

— גיי שוין, גיי, מסתּם האָבן זיי ניט מיט וואָס צו באַצאָלן, זעסט דאָך,— האָט ער שטיל אַ זאָג געטון, אָנווייזנדיק אויפן מאַנ׳ס הילוך.

— אָבער ד ו קענסט דאָך רופן עמיצן אַנדערש! — בין איך שוין געווען אין כּעס.

— אָבער זי וויל קיין אַנדערן,— האָט זיך אַריינגעמישט דער מאַן,

— זי וויל נאָר דעם הער פּראָפעסאָר.

— און ער איז אַוועקגעגאַנגען.

— אַ שעה, צווי, דריי, ער איז נאָך אַלץ ניטאָ. די געסט זיינען זיך אַלע צעגאַנגען. איך בין געבליבן זיצן איינע אַליין, געזעסן, געוואַרט און, חייסטו מיין זון, איך האָב געפילט ניט ווי עס וואָלט געווען אַ שמחה, דיין געבורטסטאָג, נאָר, באַהיט גאָט, ווי מ׳וואָלט נאָר וואָס אַרויסגעטראָגן אַ טויטן. און וואָס טיפער אין דער נאַכט אַלץ טרויעריקער איז מיר געוואָרן. דאַן בין איך שוין געוואָרן אומרואיק, וואו איז ער עס אַזוי שפּעט? עפּעס האָט מיט אים געמוזט פּאַסירן. און איך בין אין כּעס געווען אויף אים, געטראַכט: גוט אַזוי, זאָל ער וויסן. ערשט אַרום דריי אַזייגער האָט ער זיך אַריינגעשטעלט. דערזען מיך זיצן, האָט ער אַ פרעג געטון: זע, דו זיצסט נאָך? און נאָך איידער איך האָב צייט געהאַט עפּענען דאָס מויל, איז ער צוגעגאַנגען. „לאַטכען! כ׳וועל זיך נאָר אָרומוואַשן וועל איך דיר אַלץ דערציילן, דו מאַך דערווייל אַ טעפּל קאַווע, אַ הייס טעפּל קאַווע!"

— ערשט ביי דער קאַווע האָט ער גענומען ריידן. — „ברוגז, האַ? ווען דו זאָלסט אָבער וויסן וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט היינט ביינאַכט."

— נו, טראַכט איך, בין איך דאָך געווען גערעכט.

„וועסט עס קיינמאָל ניט טרעפן. איך בין דאָך היינט געוואָרן אַ גינעקאָלאָג!"

— אַ וואָס?

„אַן אַקושאָר! איך האָב היינט גענומען אַ קינד ביי אַ פרוי. יאָ, יאָ. הער אַ געשיכטע. האָסט דאָך געזען דעם יונגערמאַן ווי ער איז געשטאַנען און געקנייטשט דאָס היטל. ער איז נאָר וואָס געוואָרן אַ טאַטע און איך אַן אַקושאָר. פאַרנדיק אַהין האָב איך אים אַ פרעג געטון וואָס

איז דאָרטן מיט זיין פרוי. — זי האָט שרעקליכע ווייטיקן, — האָט ער געענטפערט. געקומען אַהין, דערזען די פרוי גייט צו קינד, בין איך געוואָרן אויפגעבראַכט, געוואָלט אַוועקגיין, ערשט דער בחור פאַרשטעלט די טיר — דאָס גייט ניט. מיין פרוי האָט נאָר געוואָלט דעם הער פּראָ־פעסאָר. זי האָט אים איין מאָל געהערט ריידן ביי אַ פאַרזאַמלונג און ער איז איר אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז...

„דו הערסט? זי האָט זיך פאַרליבט אין מיין ריידן, און דערפאַר מוז איך ביי איר אָפּנעמען דאָס קינד. איך בין ניט קיין אַקושאָר, האָב גאָר ניט מיט זיך די נויטיקע אינסטרומענטן. עס האָט ניט געהאָלפן קיינע טענות. און ווייסטו, אינמיטן די געשרייען, ווען איך בין צוגעגאַנגען צו איר, האָט זי אַרויסגעבראַכט אַ שמייכל.

„און אַ שווער האָבן געוועזן. אַן ערשטלינג. און די דירה! קענסט זיך פאָרשטעלן! ביז איך האָב געקראָגן אַ ביטל מיט הייסע וואַסער, האָט גענומען אפשר אַ שעה. דאָס הייסע וואַסער האָט אפשר יאָ געהאָלפן, אפשר ניט. ווייסט וואָס האָט געהאָלפן — מיינע הענט! זי האָט זיך איינגעקלאַמערט אין מיינע הענט, אַז זי האָט מיך שיר ניט אומגעוואָרפן. אָבער זי האָט דאָך אַרויסגעבראַכט דאָס קינד. אַ געזונט מיידעלע. איר דערלאַנגט דעם פּאַטש האָט זי געגעבן אַ געשריי! און פון דעם געשריי איז מיר געוואָרן אַזוי פריילאַך. ווייסט'אַך, וואָס טוט דען אַ דאָקטאָר אויב ניט העלפן אַ מענטשן שטאַרבן? און דאָ געבראַכט אַ מענטשן צום לעבן! נו, ביסט נאָך אַלץ ברוגז?"

די מוטער האָט גערעדט, אָבער זי האָט איבערגערעדט דעם פּאָ־טער'ס רייד, און הוגאָ האָט געהערט דעם פּאָטער זיינעם ריידן, ער האָט אים געזען.

— ווי האָב איך געקענט זיין ברוגז אויף אים? און שטעל זיך פאָר, מיט אַ זעקס יאָר שפּעטער, מיר גייען אין גאַס, ערשט עס שטעלט אונז אָפּ אַ פּאָר פּאָלק מיט אַ קינד. — הער און מאַדאַם פּראָפעסאָר! דאָס איז אייער טאָכטער! האַנעלע! גיב דעם הער פּראָפעסאָר די האַנט. — און האַנעלע האָט אַ פאַרשעמטע דערלאַנגט דאָס הענטל אים און מיר. אַ שיין קינד, אַ גאָלד. מוז שוין איצט זיין אַ דערוואַקסן מיידל, שוין אפשר פאַרהייראַט, האָט שוין אפשר אַ קינד... זי געבראַכט צום לעבן...

— ווי איז איר צווייטער נאָמען, ווייסט ניט?

— דער צווייטער נאָמען? כ׳ווייס ניט. האַנעלע איז מיר פאַרבליבן אין זיכּרון. וואָסי?

— גאָרניט. כ׳פרעג עס.

— זי איינע? געווען צענדליקער, הונדערטער. געבראַכט צום לעבן, געהאָלפן שטאַרבן... זיי האָבן אים ליב געהאַט, אין לאַנדטאַג אים געשיקט, און איצט האָבן זיי אים...

.2

— וואָס האָט פּאַסירט?

ביינקעניש פון טעג ניט זען אים, אומרואיגקייט, שרעק און פינס־טערע אַנונג האָט זיך אויסגעדריקט אין דער איינער פראַגע.

— מיין פאָטער....

— ????

— געקראָגן דאָס אַש... האַרץ־שלאַג...

איר האַנט האָט זיך אַרויפגעלייגט אויף זיינער. קיין ענטפער אין זיין האַנט. איין פינגער, אַ צווייטער האָט קוים אַנרירנדיק די הויט אַ גלעט געטון, געבליבן שטיל, זיך צוגעהערט. האָבן די פינגער דער־שפּירט ווי זיין האַנט האָט זיך אַ ריר געטון אויף זיך אַרויסציען פון אונטער אירע פינגער?

— און איך האָב אויך פאַרלוירן מיין פאָטער.

זיין דריי מיטן קאָפּ, דער קיין שאַרף געווענדעט צו איר, האָט גע־פרעגט: וואָס מיינסטו?

— מיך אַרויסגעטריבן.

— ????

— די עטליכע טעג וואָס דו ביסט ניט געווען, יעדן אָונט געגאַנגען אַהער, דיך ניט געטראָפן. פאַרשטאַנען, אַז עפּעס האָט פּאַסירט. אין טעלעפאָן האָט עמיצער געענטפערט: דער הער איז ניטאָ אין דערהיים. גיין צו דיר אַהיים האָב איך ניט געוואָגט, בין איך געווען אומרואיק, קענ־טיק אויך נערוועז. די מוטער האָט גערופן צום טיש, בין איך ניט גע־גאַנגען, נו האָט ער זיך אַנגעכאַפּט. — לאָז זי, זי האָט שוין געגעסן מיט איר אידישן... בענקאַרט. כ׳ווייס ניט, צי דאָס איז געווען דאָס וואָרט

„בענקאַרט,‟ צי דאָס אַקצענטירטע וואָרט „אידישער,‟ אפשר גאָר מײַן נערוועזיטעט, אָבער איך האָב אַ געשריי געטון: שווייג! ער איז ניט אַנטשוויגן געוואָרן. פאַרקערט, ער האָט גענומען ריידן...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— וואָס האָט ער געזאָגט?

ניט סתּם נייגיר האָט זי דערהערט אין דער פראַגע, און זי האָט אַ טראַכט געטון, ווי גיט מען אים איבער דעם פאָטער'ס רייד מיט וואָס ווינציקער ווייטיק פאַר אים.

— קעגן אידן,—האָט ער געזאָגט, האָט ער גאַרניט, און קעגן דיר אַוודאי ניט, אָבער ער וויל ניט אַז זיין טאָכטער זאָל אויף אים אַרויפּ־ציען... ראַסן־שאַנדע. ער באַלאַנגט צום פאַך פאַראיין און וויל ניט אַז צוליב איר זאָל מען אים פון דאָרט אַרויסוואַרפן, בלייבן אין דרויסן, אפשר בלייבן אָן אַרבעט, און יעדער איינער זאָל אויף אים טייטן מיט די פינגער.

— אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, און ער האָט מיר געהייסן גיין. בין איך געגאַנגען. געדונגען אַ צימער. די מאַמע האָט געוויינט.

— און דו?

— איך האָב... אויך געוויינט. ניט וואָס איך בין אַוועקגעגאַנגען. געוויינט, ווייל...— איר האָנט האָט פאַרקלעמט זיינע.— איך האָב גע־טראַכט אפשר זאָל איך, אפשר דאַרף איך דיך לאָזן צורו. איך קען דיר נאָך ברענגען אומגליק. ביסט ניט געקומען אַ טאָג, צוויי, דריי, האָב איך שוין איבערגעטראַכט, ווער ווייסט, אפשר האָבן זיי שפּיאָנירט נאָך אונז, אויסגעשפּיאָנירט, אפשר האָט עמיצער געמסרט און מ'האָט דיך פאַר־נומען. געוואָלט דיר אָנשרייבן—קום ניט מער! אָבער... איך וואָלט עס געטון, איך וואָלט געוועזן שטאַרק גענוג דאָס צו טון, אָבער... דאָס וואָלט געמיינט אַז איך גיב זיך אונטער צו ז י י... זיי שטראָפן פאַר ראַסן...שאַנדע, און איך האָב מורא פאַר זייער שטראָף, זאָג זיך אָפּ פון דיר צוליב זיי, גיב צו אַז זיי זיינען שטאַרקער, און דו וואָלסט נאָך אפשר געמיינט אַז איך גיב צו, אַז זיי זיינען אויך די גערעכטע. אָבער גערעכט זיינען מיר, און מיר דאַרפן אויך זיין שטאַרק...

— אַזוי האָסטו געטראַכט?

— האָב איך געטראַכט ניט ריכטיק?

— דו האָסט געטראַכט ריכטיק, אָבער דו ווייסט ניט וואָס איך האָב געטראַכט, האַנעלע. — אַרויסגערעדט דעם נאָמען, האָט אַ שוועב געטון אַ פּנימל פון אַ זעקסיאָריק מיידעלע וועמען אירע עלטערן האָבן פאַר־געשטעלט פאַר זיין פאָטער און מוטער, און ער האָט שאַרף אַ קוק געטון וועלנדיק דערקענען צי איז דאָס די האַנעלע.

— וואָס איך האָב געטראַכט? — האָט ער זיך אָפּגעריסן פון דער קינדערישער האַנעלע און זיך געווענדט צו דער דערוואַקסענער. — פון אָנהויב האָב איך גאָרניט געטראַכט. אַ ווייטיק, אַ טעמפּער ווייטיק, אָט ווי מ'וואָלט דערלאַנגט מיט דער טעמפּער זייט האַק איבערן קאָפּ. נאָכדעם, ווען דער ווייטיק איז פאַראיבער, איז געקומען דער שאַר־פער ווייטיק, און אויך דער שאַרפער האַס. אַ צוויי שאַרפיקע שווערד. איך בין ניט געגאַנגען אין לאַבאָראַטאָריע, אָבער אין קאָפּ האָב איך געאַרבעט, צוגעגרייט אַן אויפרייס־שטאָף, ניט אַ דינאַמיט אָדער אַפילו ט.נ.ט., נאָר עפּעס שרעקליכעס, אַזאַ וואָס זאָל אין איין אויגנבליק אויפ־רייסן אַלץ, חרוב מאַכן אַלץ, צערייסן אַלעמען, מיך, זיי, דיך. יאָ, דיך אויך. ביסטו דאָך איינע פון זיי, בלוט פון זייער בלוט, לייב פון זייער לייב. איך זאָג דיר אויס דעם אמת. נאָך מער, אין דיר האָב איך געוואָלט זיך נוקם זיין, נוקם זיין פאַר אים... נעמען אַ מענטשן, אַ מענטש וואָס האָט אָפּגעגעבן זיין לעבן פאַר אַנדערע, פאַר זיי, און אים אַוועקהרגענען... זיך אָפּרעכענען פאַר זיין טויט. און שולדיק זיינע אַלע, דו אויך. איר און מיר... ניט געקומען דיך זען, אָבער יעדער טאָג, יעדע נאַכט איז געווען אַ גיהנם, איך האָב געהאַלטן דיין האַלז אין מיינע פינגער, דיך געוואָרגן, געוואָרגן, און מיט די ליפּן צוגעפאַלן צו דיין פּנים, גע־קושט און געברומט. די מוטער האָט מיך ניט איין מאָל אויפגעוועקט. איך האָב געמיינט, איך גיי פון זינען אַרונטער. וואָס איז זי שולדיק? אויב זי איז אויך שולדיק, אויב ס'איז טאַקע מיר און זיי, יעדער איך — מיר, יעדע זי — זיי, דאַן גיב איך דאָך צו אַז גערעכט זיינען זיי, און גערעכט זיינען מיר. איך און דו זיינען גערעכט, דיין פאָטער איז אומגערעכט, און מיין... פאָטער... די מוטער האָט מיר דערציילט...

— זאָג מיר, האַנעלע, ווי אַלט ביסטו? — האָט ער פּלוצלונג אַ פרעג געטון.

— איך? ווי אַלט? — האָט זי דערשטוינט געפרעגט. — דו ווייסט!

— איך מיין, ווען איז דיין געבורטסטאָג ?

— מיין געבורטסטאָג איז דעם זיבעטן אויגוסט. וואָסי ?

— שטימט,— האָט ער אַ זאָג געטון מיט זיכערקייט. דאָס איז דאָך זיין געבורטסטאָג אויך. דאָס האָט זיין פאָטער זי געבראַכט צום לעבן, דאָס איז ד י האַנעלע. ער האָט אַ קוק געטון אויף איר און ער האָט זי דערקענט, דאָס איז זיין פאָטער'ס... טאָכטער, זיין... שוועסטער, און ער האָט אַרומגעכאַפּט זיין שוועסטער, אַ קלענער שוועסטערל, נאָך וועלכער ער האָט זיין גאַנצן לעבן געבענקט, זי געקושט, זי געהאַלזט...

— האַנעלע ! שוועסטער מיינע ! — האַנעלע, אַ שוועסטער און... האַנעלע...

.3

— מיין מוטער, האַנעלע.

האַנעלע האָט זיך פאַרנייגט, ניט דרייסט אויסגעשטרעקט די האַנט, די מוטער האָט מיט די אויגן געפרעגט און אַפילו אַרויסגעזאָגט : האַנע־לע?—האָט דאָך פאַמעלאַך באַוועגט איר האַנט צו באַגעגענען האַנעלע'ס.

— האַנעלע ווייסקאָפּף. געדיינקסט, מאַמע, דו האָסט מיר דערציילט וועגן אַ קינד...

— אָה ! האָט די מוטער זיך געכאַפּט, די אויגן האָבן זיך אַן עפן געטון ברייטער, אַריינגענומען דאָס געוויקסיקע בלאָנדע מיידל, וואָס איז געשטאַנען פאַר איר. פאַר די געעפנטע אויגן האָט מיטאַמאָל אַ שווינדל געטון, אַ פילם האָט זיך געביטן — זי און ער... גייען שפּאַצירן, מ'שטעלט זיי אָפּ : הער און מאַדאַם פּראָפעסאָר ! דאָס איז אייער טאָכטער...

— ווי אויסגעוואַקסן ! — רופט זי אויס. האָט זי דאָס אויסגערופן צו איר מאַן און, ניט געפינענדיק א י ם , ווענדט זי זיך צו איר זון ? דערזען דעם זון, פאַרשווינדט די באַוואונדערונג. פאַרוואונדערט ווערט איר קוק : נאָך וואָס האָט ער זי געבראַכט ? ווי קומט ער צו איר ? איז זי...? ווידער אַ קוק אויף איר. זי איז שיין. דאָס שיינע זעקסיאָריק קינד איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן, פאַר די אויגן אַ שיין, דערוואַקסן מיידל. דאָס מיינט... פרעגנדיק, גיט זי אַ קוק אויפן זון, זי קוקט זיך צו ווי ער העלפט איר אויסטון דעם מאַנטל. זיינע באַוועגונגען, זיין אויסדרוק... קיין צווייפל... איר זון — אַ מאַן, אַט דאָס מיידל, זיין פרוי, איר שנור,

אַ טאָכטער, אַ קינד... אָבער זי איז דאָך אַ... קריסטין, אַ... אירע פינגער האָבן גענומען ציטערן, אַ שנעלער, דראָבנער ציטער.

— איר'ט מיר אַנטשולדיקן, איכ'ל גיין אין קיך, זען...

זי האָט זיך געלאָזט גיין צו דער קיך צו, כלומרשט ברייגגען עפּעס טרינקען, צובייסן. הוגאָ און האַנעלע האָבן צוגעשמייכלט: לאָזט אונז אַליין? מהיכא תיתי... ווען די מוטער האָט זיך אָבער צו לאַנג געזאַמט, ניט צוריקגעקומען, איז הוגאָ געגאַנגען זען וואָס זי זאַמט זיך דאָרט אַזוי לאַנג. ער האָט זי געטראָפן זיצנדיק אויף אַ קיך־טאַבורעט, די אויגן אָפן, געריכט ערגעץ אין דער וועלט אַריין. זי האָט אַפילו ניט געזען ווי ער איז אַריינגעקומען. ערשט ווען ער איז צוגעקומען צו איר, האָט זי זיך אַ צאַפּל געטון.

—וואָסי, מאַמע? האָט ער דערשראָקן אַ פרעג געטון.

— נאָך וואָס האָסטו זי געבראַכט? — האָט זי אויסגערופן שיר ניט מיט אַ געשריי. ער האָט דערפילט דעם ווייטיק אין דעם אויסרוף, אָבער נאָך שאַרפער האָט ער דערפילט דעם אויסגעשריי, מורא געקראָגן, טאָמער האָט האַנעלע דערהערט.

— דער פאָטער אירער האָט זי אַרויסגעטריבן,— האָט ער סודות־דיק איינגערוימט, און אַנבויגנדיק זיך צו דער מוטער, געמאַכט אַ באַוועגונג זי אויפצוהויבן, אַרויספירן זי פון קיך. זי האָט זיך געלאָזט פירן.

— דער פאָטער אירער, אַן ערלעכער מענטש,— האָט הוגאָ געפליסטערט,

— אָבער אַ פאַרפירטער, האָט מורא פאַר... ראַסן־שאַנדע.

— איך האָב אויך מורא! — האָט זי ספּאָנטאַן אויסגערופן, און ער האָט דייטלעך געזען ווי איר קערפּער האָט זיך אַ צאַפּל געטון.

— מוטער!

— זון מיינער! — איז זי צוגעפאַלן צו אים,— איך בעט דיך! מיין קינד! מיין א י י נ צ י ק קינד! — זי האָט אים אַרומגענומען אַזוי שטאַרק, אַזוי... ליידנשאַפטלעך, אַז ז י י ן קערפּער האָט זיך אַ פאַר־שטייף געטון ווידערצושטיין די אומאַרמונג. דער מוטער'ס קערפּער האָט זיך אָבער געדריקט נעענטער צו זיינעם. איר פּנים האָט געזוכט זיינעם, איר מויל אַזוי נאָענט צו זיינעם, אַז ער האָט געשפּירט איר אָטעם, און ער האָט געהערט: גרויס איז מיין אומגליק, ברייננג ניט אויף מיר נאָך אַ גרעסערן אומגליק! מיין זון, מיין קינד, מיין איינציק קינד...

ער האָט דערפילט אירע טרערן אויף זיין פנים, געפילט איר ציטערנ־דיקן קערפּער אין זיינע אָרעמס. אַזאַ האָט ער זי ניט געזען אַפילו דאַן ווען מ׳האָט געבראַכט דעם פאָטער׳ס אַש.

— מוטער! מוטער! מוטערכען! — האָט ער געשטאַמלט. זיין האַנט האָט געגלעט אירע האָר. דאָס גלעטן, האָט ער געפילט, באַרואיקט זי, און אויך ער ווערט רואיקער. ערשט איצט האָט ער דערפילט ווי צעבראָכן ער איז געוואָרן פון איר געוויין־אויסברוך. ער האָט אויך געהאַלטן ביים צוזאַמענברעכן. שטאַרק זיין. אַ געשטאַרקטער, אַ באַרו־איקטער רעדט ער צו דער מוטער, רעדט איר איין, טרייסט זי: קיין בייז וועט ניט געשען. זאָל האַנעלע זיין דאָ מיט זיי. אַ קורצע צייט בלויז. ער׳ט פאַרקויפן דאָס הויז, ער׳ט געפינען אַ קונה, געפינען אויך אַ וועג ווי אַרויסצופירן דאָס ביסל געלט, דאַן וועלן זיי אַרויספאָרן, לעבן אַלע צוזאַמען. זי איז אַ וואוילע, האַנעלע, אַזאַ וואוילע! די מוטער וועט זי דאָך ניט אַרויסטרייבן?

— ניין, אַרויסטרייבן וועט זי ניט.

— דאַן קען זי דאָ בלייבן.

די מוטער האָט געשוויגן.

האַנעלע איז געבליבן.

4.

די מוטער האָט אויסגעמיטן צו בלייבן מיט האַנעלען אויג אויף אויג, ריידן מיט איר ווען דער זון איז ניט געווען אין דער היים, כאָטש ביידע פרויען זיינען גאַנצע טעג ניט אַרויסגעגאַנגען פון שטוב, אָט ווי זיי וואָלטן ביידע געווען אַרעסטירט, געזעסן אין באַזונדערע קאַמערן, בלויז עסן האָט מען געגעסן צוזאַמען. דאָס שוויגן ביים עסן איז געווען דאָס שווערסטע. ערשט ווען הוגאָ איז אַהיים געקומען, איז מען געזעסן אין דרייען, גערעדט, דער הויפּט־רעדנער — הוגאָ.

יעדן אָוונט האָט ער געבראַכט נייע פּלענער ווי צו פאַרקויפן דאָס הויז, ווי ער וועט קריגן פּאַספּאָרטן, ווי מ׳וועט זיך באַזעצן אין דער שווייץ. יאָ, אין דער שווייץ וועלן זיי פאָרן.

אין דער שווייץ איז די מוטער שוין געווען אַמאָל, און ווען עס האַנדלט זיך וועגן באַזעצן זיך דאָרט, ווי זיך איינצואָרדענען, נעמט די

מוטער שוין אויך ריידן, און הערנדיק ווי זיין מוטער רעדט, וואַנדערן זיינע אויגן פון דער מוטער צו האַנעלען און פון האַנעלען צו דער מוטער: זעסט, ווי די מוטער האָט זיך שוין צוגעוואוינט, האָט זיין קוק געזאָגט האַנעלען, און מיט דעם קוק פאַרענטפערט איר וויינען דורך די נעכט, ווען זיי זיינען געלעגן אַליין ביי זיך און זי האָט זיך געבעטן — לאָז מיך גיין! איך קען ניט צוזען דיין מוטער'ס ליידן, קען ניט פאַרטראָגן איר האַס צו מיר.— און דער מאַמען האָט זיין קוק געזאָגט: אָט אַזוי, מאַמעלע, אָט אַזוי, מיר'ן נאָך לעבן, וועסט זען, מאַמע, סאַראַ געטרייע טאָכטער דו וועסט האָבן. האָסט דאָך אַלעמאָל געוואָלט אַ טאָכטער. איצט אַ טאָכ־טער, אַ... אייניקל...

איין אָוונט איז הוגאָ געקומען גאָר אַ פריילעכער. ער האָט שוין אַ קונה. באַשטימט. אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט ער קומען זען דאָס הויז. און אַ גוטער פּרייז אויך. ביי די אומשטענדן, פאַרשטייט זיך. פּאַספּאַרטן וועט ער קריגן. און דאָס געלט אַרויספירן? דארויף האָט ער אויך אַ פּלאַן. האַנעלע וועט אַרויספאָרן מיט אַ פּאָר טעג פריער, אַרויספירן דאָס ביסל געלט. זי איז דאָך אַן... אַרישע, — האָט ער דאָס ערשטע מאָל דערמאָנט דאָס וואָרט מיט אַ שפּאַסיקן טאָן. — זי וועט מען אַזוי שטאַרק ניט באַזוכן. אַריבער די גרענעץ, וועט זי לאָזן וויסן — דאָס וועטער איז פיין, און זיי וועלן אַרויספאָרן, וועלן קומען אין דער שווייץ...

רעדנדיק אַזוי באַגייסטערט וועגן זייער אַרויספאָרן, האָט ער גע־כאַפּט דער מוטער'ס קוק געווענדט צו דעם קעסטעלע אַש. זיין טאָן איז אַרונטערגעפאַלן. באַלד איז ער אינגאַנצן אַנטשוויגן געוואָרן, בלויז אַ זאָג געטון: איצט, שלאָפן. באַגלייטנדיק כלומרשט די מוטער אין איר שלאָף־צימער, האָט ער איר איינגערוימט: זאָרג ניט, מוטער, מיר'ן אים מיטנעמען. דער „אים" איז אַרויסגעקומען ווי דער פאָטער וואָלט געווען אַ לעבעדיקער, מער ניט — אַ קראַנקער. ער האָט זי אַ קוש געטון און געפילט ווי די מוטער מיט איר קוש ענטפערט אים: אַ דאַנק, מיין זון!

אַ גלעקל־געשריי שפּעט ביינאַכט האָט איבערגעשניטן אַלע זיינע חלומות.

אַלע זיינען אויפגעשפּרונגען. געווען נעכט ווען מ'האָט, לייגנדיק זיך שלאָפן, געוואָרט אויף דעם קלונג, זיך געריכט אויף אים, געליגן וואַך — אָט קומט ער, און אויפשטייענדיק אינדערפרי זיך אַליין ניט גע־

גלויבט אַז די נאַכט איז פאַרביי אָן אָט דעם קלונג, דאָך איז דער קלונג געקומען אַזוי אומגעריכט ווי דער טויט צו אַ חולה. שטייענדיק שוין, זעענדיק די אוניפאָרמירטע, האָט הוגאָ נאָך אַלץ געפילט ווי ער וואָלט געחלומט אַז ער גייט צו אַ שיף, די שיף האַלטביים אָפּגיין, אָט אָט רירט זי זיך, שפּאַלט זיך אָפּ פון ברעג, ער מוז אַ לויף טון, אָבער עמיצער פאַרהאַלט אים, פאַרשטעלט אים דעם וועג. אַ שטויס טון אָט דעם עמיצן, זיך אַרויסרייסן... נייך, ניט שטויסן, ניט אַרויסרייסן זיך. האַנעלע, די מוטער, די מוטער....

— ניין, די מוטער דאַרף ניט גיין, בלויז ער און אָט די אַ... פּ ר י י ל י ן, — ווייזט אָן איינער אויף האַנעלען.

פאַר אָט דעם אַ „פריילין" אַליין וואָלט ער אים באַדאַרפט פאַרפאָרן אין פּרצוף. אָבער... רואיק. די מוטער. מ'לאָזט אים זיך זעגענען מיט איר. ווען זי קלאַמערט זיך אָבער איין אין אים, לאָזט אים זיך ניט רירן, רייסט איינער זי אָפּ פון אים, טוט זי אַ שטויס און הוגאָן טוט ער אַ שטופּ. ער זעט ניט מער די מוטער, ער הערט אָבער נאָך: מיין זון! און אָט דער אויסגעשריי בלייבט שטעקן ביי אים אין אויער, אין מאַרך, הערט אים נאָך אויף יענער זייט טיר, הערט אים ווען ער זיצט שוין אין פאַרמאַכטן וואָגן. ער זעט די מוטער, זעט ווי מ'האָט זי אָפּגעריסן פון אים, זי אַ שטויס געטון, מיט האַנעלען זיך אַפילו ניט געזעגנט... האַנעלע, זי איז דאָך מיט אים. ער רירט אָן איר האַנט. האָט ניט געוואַגט צוגיין צו דער מוטער, זיך זעגענען מיט איר. מוטער... האַנעלע...

5.

ער האָט געזען מענטשן און ניט געזען. ער האָט געפילט, ער גייט צווישן צוויי ווענט פון מענטשן, געהערט אויסרופן, געשרייען, געלעכטערס, קיין פּנימער האָט ער אָבער ניט געזען, ניט אונטערשיידט, אויך די שטימען — אויסגעמישטע, קלאַנגען, ווייטע, פרעמדע, ער אַליין — אַ פרעמדער אין עפּעס אַ פּראָצעסיע. אַזוי מוזן פילן קריגס־געפאַנגענע. ער איז אַ געפאַנגענער. אָבער די שטאָט איז דאָך זיינע. דאָ געבוירן געוואָרן. די גאַס... אַזוי האָט מען אַמאָל געמוזט פירן אידן צום שייטער־

הויפן. אָבער די סאַן בעניטאָ טראָגט ניט ער, נאָר האַנעלע. ער פאַר־קוקט זיך אויף האַנעלען, כאַפּט גלייך צוריק דעם בליק. זיי האָבן אָפּגע־גאָלט אירע האָר, אָט די דינע, רויך־דינע, האַניק קאָליר האָר האָבן זיי אָפּגעגאָלן. די נאַז־וועטלעך טוען אַ ציטער דערמאָנענדיק זיך דעם דופט פון אירע האָר. איצט נאַקעט דער קאָפּ. די אויערן שטייען אָפּ, און אויף דער ברוסט האָבן זיי אָנגעהאנגען אַ ברעטל:

Judensau

אונטער דעם ברעטל? אירע בריסט. האָבן זיי?...

אין דער אינקוויזיציע, איידער מ'איז צוגעטראָטן מאַטערן אַ פרוי, האָט מען אָפּגעגאָלן אירע האָר, פון גאַנצן קערפּער...

ווען ער... אַ פאַנטאַזיע פון אַ שרייבער, קאַרל טשאַפּעק. אַ מענטש נעמט אַריין צווישן די פינגער אַ ביסל פּוידער, אַ ביסל שטויב, בייט אי־בער דעם צוזאַמענשטעל פון די אַטאָמען, פאַרוואַנדלט עס אין אויפרייס־שטאָף. אָט די פאַנטאַזיע טאַנצט און שווינדלט איצט פאַר זיינע אויגן. ווען ער קען אַריינבנעמען אַ ביסל שטויב צווישן די פינגער... זיי אַלעמען אויפרייסן, אָט די אַ...

זיין בליק טוט אַ קאָסע די מענטשן פון ביידע זייטן. ווען בליקן זאָלן זיין קרומע שווערדן! קיין קעפּ שניידט זיין בליק ניט אַרונטער, פאַלט אָבער זיין בליק אויף האַנעלען, באַגעגנט ער איר בליק, נעמען זיך די בליקן אַרום, קושן זיך, שטאַרקן זיך.

ווער הירזשעט עס אים גלייך אין די אויערן אַריין ווען ער קושט האַנעלען?

ער האָט ניט באַנומען דעם גאַנצן פּנים. ער האָט געכאַפּט אַ קופּער־קאָליר קוטשמע האָר, אַ צעשפּרייט מויל מיט שיטערע גרויסע ציין. מער איז אים פון דעם פּנים ניט געבליבן. דערפאַר אָבער האָט ער דייטלעך געזען אַן אָרעם, אַ האַנט וואָס האָט זיך געריסן, געצויגן צו האַנעלע'ס... בויך.

ער האָט זיך אַ ריס געטון. ער האָט דערפילט אַ מענטשלעכן האַלז צווישן זיינע פינגער. דערפילט אַ קלאַפּ אין אַקסל, אַ לייכטן קלאַפּ. דאַן אַ קלאַפּ אין קאָפּ, אין אויער. ער האָט... ער האָט מער גאָרניט געפילט.

נאָכדעם שוין, אין צעל, ליגנדיק מיט פאַרמאַכטע אויגן, האָבן זיך פאַר אים אויפגעשטעלט די צוויי ווענט פון מענטשן, אויפגעשטעלט און פלוצלונג איינגעפאַלן. ער ראַנגלט זיך, דרייט זיך אונטער די צעשאָטע־נע מענטשן ווענט. אָט רייסט ער זיך אַרויס, אָט הויבט ער זיך אויף, לויפט, לויפט און פאַלט און ווערט באַגראָבן אונטער אַ באַרג מענטשן, ווערט דערשטיקט, דערוואַרגן. אָטעם! אַ־טעם! ער טוט אַן עפן די אויגן. ער איז אין צעל. צעקלאַפּט, צעשלאָגן, אָבער ער איז דאָ. וואו איז האַנעלע? וואָס איז געשען מיט איר? דער בויאַן מיט די שיטערע גרויסע ציין... האַנעלע! און די מאַמע. מוטער!

די מוטער איז געלאָפן פון איין קאַנצעלאַריע אין דער צווייטער, אָבער אין ערגעץ האָט מען ניט געוואוסט וואו ער געפינט זיך. זי האָט געוויינט, געבעטן, זי וויל בלויז וויסן צי לעבט ער, צי האָט מען אים גאָרניט פאַסירט.— ווען מיט אים וועט עטוואָס פאַסירן, וועט מען איר לאָזן וויסן,— האָט מען איר געענטפערט מיט אַ שמייכל.

האַנע... אפשר ווייסט זי? וואו איז זי? וואו איז זי? אפשר גיין צו אירע עלטערן אויסגעפינען?

האַנעלע׳ס פאָטער האָט זי ניט אַריינגעלאָזט אין שטוב. ערשט ווען זי האָט זיך אומגעקערט אויף צוריק, האָט האַנעלע׳ס מוטער זי אָנגעיאָגט און מיט טרערן דערציילט: זי איז געקומען, האַנעלע, האָט ער זי פאַר־טריבן מיט די ערגסטע ווערטער. ניט געלאָזט איר איבערטרעטן די שוועל, און ווען זי איז אַוועקגעגאַנגען, האָט ער פאַרשלאָסן די טיר אײנע־וויניק, ניט געלאָזט נאָכגיין האַנעלען, געבן איר אַ שטיקל ברויט, אַ טרונק וואַסער. איצט ווייסט זי ניט וואו צו גיין זי זוכן, ווער ווייסט וואָס מיט איר האָט פאַסירט. דאָס קינד זאָל כאָטש ניט אָפּטאָן עפּעס, ניט...

צוויי מוטערס האָבן זיך אָנגעקוקט דורך טרערן, זאָרג אין ביידנס אויגן, דאָך האָט איינע ניט באַגריפן ווי קאָן דאָס די צווייטע ריידן וועגן איר קינד.

ערשט אויף מאָרגן האָט האַנעלע זיך געוויזן פאַר הוגאָ׳ס מוטער. אַריינגעקומען און געבליבן שטיין ביי דער טיר. האָט זי געוואָרט מ׳זאָל זי אויך פון דאַנען אַרויסטרייבן?

הוגאָ׳ס מוטער, דערזעענדיק האַנעלען, האָט אַן עפן געטון דאָס מויל.
— האַ־נ...— האָט זיך ענדליך אַרויסגעריסן, און די הענט האָבן

זיך געטון אַ לאָז אַרונטער אויף ביידע זייטן שטול אין וועלכן זי איז געזעסן. האַנעלע האָט אַ טראָט געטון צו איר.

וואָס האָט פּאַסירט האָט האַנעלע באַין אופן ניט געוואָלט דערציילן. זי געדיינקט ניט, זי ווייסט נים, זי ווייסט בלויז עס איז געוואָרן אַ געשלעג. מער האָט זי ניט געזען. זי ווייסט אָבער יאָ, אַז מ׳האָט אים אָפּגעפירט אין מאָאַביטער תּפיסה.

— איז זי געווען דאָרט? האָט זי אים געזען?

— זי איז געגאַנגען, אָבער געזען האָט זי אים ניט...

האַנעלע איז שוין ניט געווען איר זונ׳ס געליבטע, איר זונ׳ס ווייב. האַנעלע איז אַ מענטש וואָס האָט געבראַכט אַ ידיעה פון איר הוגאָן. איר זון לעבט. זי וועט אים זען. און די וואָס האָט איר געבראַכט דעם גרוס פון איר זון, זי איז דאָך אויך...

— פאַרוואָס איז זי פאַרפאַלן געוואָרן? פאַרוואָס איז זי ניט געקומען?

— ניט געקענט,— האָט האַנעלע קורץ און זיכער געענטפערט.

דער טאָן פון די ווערטער, אַזאַ האַרטער, אַזאַ אַנטשלאָסענער האָט דערוועקט ביי דער מוטער אַ מורא פאַר אָט דער שטאַרקער פרוי, און אויך דרך ארץ. די מוטער האָט אויף איר אַ קוק געטון.

— איך וואָלט היינט אויך ניט געקומען — האָט זי ווייטער גערעדט,
— יעדעס וואָרט אַ דייטליכער קלאַפּ — ווען ניט...

די זיכערקייט איז געבראָכן געוואָרן. זי האָט אַ הויב געטון די אויגן צו דער מוטער, דער קוק, אַ שטומע פראַגע, שיר ניט אַ פאַרוואורף: זעסטו דען ניט?

די מוטער האָט מיט אויפגעריסענע אויגן געקוקט אויף האַנעלען, דערזען... און אַ פאַרשעמטע אַרונטערגעלאָזט די אויגן. ווי האָט זי דאָס ביז אַהער ניט באַמערקט? איר זון. „מיר׳ן אָוועקפאָרן. וועסט זען ס׳אַראַ געטרייע טאָכטער דו וועסט האָבן, האָסט דאָך אַלע מאָל געוואָלט אַ טאָכטער, אָן... אייניקל...״

שטיל זיינען געזעסן ביידע פרויען. די שטילקייט האָט זיי ביידן אַרומגענומען, זיי דערנענטערט איינע צו דער צווייטער, און ביידע האָבן געפילט די נאָנטקייט פון דעם זון, דעם מאַן, די נאָנטקייט און די ווייטקייט צווישן זיך, צווישן אים און זיי.

.6

ביים ערשטן און ביים לעצטן וויזיט —

— און האַנעלע?

— זי איז געזונט.

— זיי גוט צו איר, מוטער.

— ווילסט זי זאָל קומען דיך זען?

וואָס מיינט עס? די מוטער וויל ניט זיין גוט צו האַנעלען? וויל ניט ריידן וועגן איר, וויל ניט הערן איר נאָמען און דערפאַר וויל זי האַנעלע זאָל אַליין קומען?

— נ־יין, האַנעלע דאַרף ניט קומען אַהער. זיי וועלן זי באַלײדיקן.

זיין האַנעלען וועלן זיי באַלײדיקן. און זי, זיין מוטער, ווערט זי ניט באַלײדיקט? ווייסט ער וואָס עס מיינט קומען אַהער אויף אַ זעאונג? פאַר זיין מוטער אַרט אים ניט. פאַר איר, פאַר יענער...

— ווען?

מיטן מויל אַ איינוואָרטיקע פראַגע, אָבער די אויגן פרעגן אַזוי פיל. און די מוטער, ניט נאָר פאַרשטייט זי וואָס איר זון פרעגט, נאָר זי פאַר־גיט אים פאַר זיין שאַנעווען האַנעלען, פאַר זיין זאָרג מ'זאָל זי ניט באַ־לײדיקן. זי דאַרף טאַקע ניט קומען אַהער, אין איר צושטאַנד...

— איינגיכן, מיין זון.

— גיב אַכטונג אויף איר, מוטער.

— זיי ניט אומרואיק, מיין זון. אַלץ גייט ווי עס דאַרף צו זיין. דאַרפסט עפּעס, ווילסט עפּעס?

— ניין, איך דאַרף גאָרניט.

— זיי געזונט, מיין זון, און זאָרג ניט. וועט זיין נייעס, וועל איך קומען...

— גוט, מוטער.

זי האָט זיך געקליבן אים גיין אָנזאָגן אַז אַ זון איז אים געבוירן געוואָרן, ווען מ'האָט איר געבראַכט דאָס קעסטעלע אַש מיט אַן אויפ־שריפט: הוגאָ בערנהיים. געשטאָרבן פון האַרץ־שלאַג. דאַטום.....

.7

און צוויי פרויען, צוויי מוטערס, זיינען געזעסן און געקוקט אויף צוויי קעסטעלעך אַש, און איין פרוי האָט געזען ווי פון די צוויי קעסטע־לעך אַש קומען אַרויס אירע צוויי מאַנסבילן, איר מאַן און איר זון, און די צווייטע האָט געזען איר מאַן, דעם פאָטער פון איר זון, אָט שטייט ער פאַר איר, און זי וויזט אים איר, זיין זון...

און דער זון איז געלעגן אין וויגעלע, געקוקט מיט אָפענע אויגלעך אויף דעם פאַס זון וואָס איז געהאנגען אין דער לופטן, געהאנגען, זיך געוויגט. האָט דער זון געשטרעקט אַ הענטל צו כאַפּן אָט די זאַך וואָס ער האָט ערשט דערזען, און ווען די זאַך האָט זיך ניט געלאָזט כאַפּן, האָט ער דאָך ניט אויפגעהערט צו שטרעקן דאָס הענטל, אַדרבא, איין הענטל, דאָס צווייטע האָט זיך געשטרעקט, געצויגן, און אויך די פיסלעך האָבן זיך גענומען הויבן — דערגרייכן, כאַפּן אָט דאָס אָ וואָס הייגגט פאַר די אויגן, אָט דאָס וואָס איז אַזוי... ליכטיק.

— — — — — — — —

און דער פעניקס מאַכט זיך אַ נעסט פון צווייגעלעך, צינדט זיי אָן און פאַרברענט זיך לעבעדיקערהייט. פון דעם אַש קומט אַרויס אַן אַנדער פעניקס, אַ יונגער, און אַזוי שנעל ווי דער יונגער פעניקס איז שטאַרק גענוג, נעמט ער דאָס אַש פון פאָטער'ס קערפּער און פליט אַוועק קיין העליאָפּאָליס, דער זון־שטאָט, און לייגט דאָרט אַוועק דאָס אַש אויף דעם מזבח פון דער זון.

אַזוי יעדע פינף הונדערט יאָר...



די צוויי נסיונות

און דער טאָג פון משה'ס פטירה האָט זיך דערנעענטערט. איז געזעסן משה אין זיין געצעלט און האָט געטראַכט: הונדערט און צוואַנ־ציק יאָר. הונ־דערט און צוואַנ־ציק יאָר! אַזוי לאַנג, און — נעכטן. מצרים, מדין, ווידער מצרים, דאַן... באַפרייער, פירער געזעצגעבער, קריגער, זיגער, און... באַזיגט. ביים שוועל שטאַרבן. און עס העלפט קיין געבעט, קיינע טענות. דאָס איז דער שכר פאַר פערציק יאָר אַרבעט. פער־ציק יאָר פלאָגעניש, מאַטערניש, און וואָס? אהרן האָט כאָטש איבערגעלאָזט נאָך זיך אלעזרן, איך? גרשום, אליעזר... פרעמד, פרעמד, און גאָט האָט ניט געהאָלפן. אָפילו מיין געביין וועט אַהין ניט אַריינ־קומען. יוספ'ס יאָ, מיינע ניט. „האָסט פאַרלייקנט דיין אָפשטאַמונג...“ צפורה, גרשום, אליעזר, לאָז נאָך זיך קיינעם, קיין יורש, גאָרניט, סיידן אָט די פאַרצייכענונגען. וועט דאָס בלייבן? ווער וועט זיי אָפּהיטן, ווער וועט זיי לייענען? יהושע. אַ משרת — אַ יורש... פאַרפאַלן. דור דור ודורשיו. זיין טאָג איז געקומען. גיין, אים איבערגעבן די ירושה.

און משה האָט זיך אויפגעהויבן, גענומען דעם שטעקן און אַוועק־געגאַנגען צו יהושע'ס געצעלט.

און משה איז געבליבן שטיין אין טיר פון יהושע'ס געצעלט. דער קאָפּ אַרונטערגעלאָזט, איין האַנט אויפן האַרצן, פון אונטער די געדיכטע ברעמען האָט אַ שפּאָטישער שמייכל אַ שוועב געטון איבער יהושען: אָט דער אַ מיין יורש. און עס האָט אים פאַרדראָסן וואָס אַ יהושע נעמט איבער די ירושה, און ער האָט בייז הנאה געהאַט — עס פאַרגייט די זון, די לבנה קומט אַרויס, משה שטאַרבט, עס בלייבט אַ יהושע.

און יהושע האָט דערפילט אַז עמיצער שטייט אין טיר פון זיין געַ־צעלט, האָט ער אַ הויב געטון דעם קאָפּ. דערזען ווער דאָס איז, איז ער אויפגעשפרונגען פון זיין אָרט. — רבי! רבי! פּאַטער מיינער! — און מיטן קאָפּ, מיט די הענט אים אָנגעוויזן — זעץ זיך! זאָל דער רבי זיצן, דער תלמיד וועט שטיין. משה האָט אַ הויב געטון די האַנט, אַ צייכן — זיץ וואו דו ביסט געזעסן, און מיט שווערע טריט זיך דערנעענטערט צו יהושען, זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים. ביידע הענט — אַ דעכעלע אויפן קאָפּ פון שטעקן, דעם קין אָנגעשפּאַרט אויף די הענט, איז געזעסן משה, געשוויגן. יהושע האָט שווער געוואַרט. „קען זיך ניט שיידן מיט דער גדולה. געקומען. ע ר איז צו מיר געקומען. וואָס שווייגט ער? זאָל ער שוין זאָגן, רעדן! שווער צו ז י צ ן מיט אים."

און משה האָט זיך געווענדעט צו יהושען:

— מיין טאָג דערנעענטערט זיך. נאָך אַ טאָג און דו וועסט איבער־נעמען דאָס פאָלק און מיין תורה. דאָס פאָלק — אַ שווער פאָלק, האַרט־נעקיק און פלינקקעפּיק, דאָך קינדער, מ'דאַרף וויסן ווי אומצוגיין מיט זיי. און די תורה... ביסט קיינמאָל נישט אָפּגעטראָטן פון מיין געצעלט, האָסט געזען, אַ סך זאַכן האָב איך פאַרצייכנט. היט אָפּ די פאַרצייכענונ־גען, לייען זיי פאַרן פאָלק, זיי זאָלן זיי געדיינקען, זיי אָפּהיטן, פּאַטער זאָל איבערגעבן צו זיין זון, דער זון צו די קינדער און קינד'ס קינדער. דאָ אָבער זאַכן וואָס איך האָב ניט פאַרצייכנט. זיי וויל איך דיר איצטער איבערגעבן. און ווען דיין טאָג וועט קומען...— משה האָט אַ קוק געטון אויף יהושען: ער האָט גאָר קיין זון. און מיט אַ פאַרזאָרגטן טאָן צוגע־געבן,— זאָלסטו אים איבערגעבן צו די זקנים, און זיי, צו די זקנים וואָס וועלן קומען נאָך זיי.

— דו ווייסט איך בין אַ כבד פּה.— משה האָט שטריינג אַ קוק געטון אויף יהושען. יהושע האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגן, באַהאַלטן דעם שמייכל וואָס האָט אויפגעשיינט אין זיי: אַ נייעס! מ'דאַרף זיין טויב ניט צו וויסן אַז דו ביסט אַ כבד־פּה. משה האָט אָפּגעקערט דעם קוק פון יהושען, דאָך ווייטער גערעדט צו אים. — דו האָסט אויך געהערט ווי איך בין געקומען דערצו. אַלס קינד גענומען פּרעה'ס קרוין, געוואָלט זי אָנטון. האָט מען מיך געוואָלט דערהרגענען, האָט תרמותית, פּרעה'ס טאָכטער, זיך איינגעשטעלט פאַר מיר— אַ קינד, האָט געמיינט קיין בייז.

האָט מען באַשלאָסן — אויספּרוּוון, זען. האָט מען געבראַכט אַ שיסל מיט גליענדע קוילן און מיט גאָלד. האָב איך אויסגעשטרעקט די האַנט צום גאָלד, איז געקומען דער מלאך גבריאל, אַ שטופּ געטון מיין האַנט, האָב איך אַ נעם געטון די גליענדיקע קויל, זי צוגעטראָגן צום מויל, אָפּ־געבריט דעם צונג, אַזוי אַרום געוואָרן אַ כבד פּה. געהערט דאָס?

יהושע האָט לייכט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ: יאָ, געהערט.

— איך האָב עס אויך געהערט, מער ווי איין מאָל, און געשוויגן. דער אמת איז אַ שאַרפע שיין, ניט אַלע אויגן קענען זי פאַרטראָגן. דאָס פאָלק האָט אָנגעטון אַ שיידל אויף די אויגן, פאַרשטעלן די שאַרפע ליכט, גוט, זאָל עס זען ווי עס זעט. דער פירער פון אַ פאָלק דאַרף אָבער קענען קוקן אויף דער שאַרפסטער שיין אָן קיין שיידל. און דו ווערסט דאָך דער פירער. — אַ מעסטנדיקער קוק. דור דור ומנהיגו. און משה האָט ווייטער גערעדט:

— טאָ הער, הער דעם אמת. קיין קרוין האָב איך ניט געוואָלט, אויך ניט פּרעה׳ס קרוין, אויסגעפּרוּווט האָט מען מיך אָבער יאָ, און ניט מיט אַ שיסל גאָלד און פייער, נאָר מיט פייער, מיט אייזן. געשען איז דאָס אויף אַזאַ אופן:

דו ווייסט איך בין אויסגעוואַקסן אין פּרעה׳ס הויף. ווייסט. אָבער צו ווייסטו וואָס דאָס מיינט? דאָס מיינט איך בין געוואַקסן אַ פרייער מענטש און אַ . . . מצרי.

יהושע האָט אַ דריי געטון דעם קאָפּ. משה האָט ניט געענטפערט אויף יהושע׳ס קוק, ווייטער גערעדט. — און דער **פרייער מצרי** האָט עס געהרגעט דעם מצרי, דעם שקלאַף, וואָס האָט געשלאָגן דעם שקלאַף דעם אידן. געהרגעט און אים באַהאַלטן אין זאַמד. זאַמד וועט ניט אויסגעבן, און ווען אַפילו יאָ אויסגעבן, וואָס פאַר אַ ווערט האָט אַ שקלאַף? געגנוג שקלאַפן אין מצרים, אייגענע, פרעמדע, איך — אַ פרייער מענטש, דער ליבלינג פון פּרעה׳ס טאָכטער.

די זאַמד האָט ניט אויסגעגעבן. אָבער דתן און אַבירם האָבן יאָ אויסגעגעבן, און יונוס און ימברוס האָבן דערמאָנט פּרעהן אַז איך בין אַ איד, אפשר דער **איד** וואָס זיי, די חרטומים, האָבן פאָראויסגעזאָגט. פאַרשטייסט, ניט אַ פרייער מצרי האָט געהרגעט אַ מצרי אַ שקלאַף, אַ איד האָט געהרגעט אַ מצרי. און מאָרד ווערט באַשטראָפט מיט מאָרד —

הרגענען. די זאָמד האָט אָבער ניט אויסגעגעבן, איינגעזויגן דעם מצרי, ניטאָ, ניט געווען געווען גענוג באַוויזן מיך צו דערהרגענען, אָבער דתן ואבירם — גענוג מיך צו באַשולדיקן. און ווי דערוויסט מען זיך דעם אמת? אויספּרובירן. דעם נסיון דורך פייער. אַן אייזן האָט מען אָנגע־גליט, און צו דעם אייזן האָב איך באַדאַרפט צולייגן מיין צונג, וועט דער צונג אַרויס ניט באַשעדיקט בין איך אומשולדיק, וועט דער צונג צע־ברענט ווערן, בין איך שולדיק, און — מיתה.

איך בין דעם נסיון בייגעשטאַנען. די חרטומי מצרים, אין זייער אייפער מיך אָפּצוראַמען פון וועג, האָבן אָנגעגליט דאָס אייזן וואָס שטאַר־קער, ביז עס איז געוואָרן ווייס, און דאָס האָט מיך געראַטעוועט. אייזן, אָנגעגליט רויט וואָלט באַלד געלאָזט אַ צייכן, ווייס — איז קיין צייכן געבליבן גלייך, איך האָב באַוויזן מיין אומשולד, דער צונג איז אָבער באַשעדיקט געוואָרן, אַ כבד־פה געוואָרן. און איך בין אַנטלאָפן פון מצרים.

און אַנטלאָפן בין איך ניט נאָר פון פרעה'ס שטראָף וואָס וואָלט גע־קומען, נאָר, דער עיקר, פון זיך, פון אידן. ווער עס גייט דורך אַ פייער־פּראָבע קען שוין מער ניט זיין אין פרעה'ס הויף, אַ שקלאַף מוז ער ווערן, און איך האָב ניט געוואָלט זיין קיין שקלאַף. טוביה בן עמרם וואָלט געקענט בלייבן אין מצרים, משה ניט. משה האָט געוואָלט זיין אַ פרייער מענטש, אַ . . . מצרי.

אַ מצרי בין איך געקומען קיין מדין, דאָרטן אַ ווייב זיך גענומען, זי האָט מיר אַ זון געבוירן, גרשום. פרעמד. דער פאָטער אַ פרעמדער, אויך דער זון אַ פרעמדער, אַ מדיני, אַ כושי ווי די מוטער, ניט קיין איד. שאָף און רינדער האָב איך געפּיטערט, און אין די טעג, ווען די זון איז געשטאַנען הויך אין הימל, געבלענדט די אויגן, זיינען די שאָף מיר פאַר־געקומען ווי חילות סאָלדאַטן אין זייער רו. און ווען די בלענדעניש האָט זיך אָפּגעטון, איך האָב דערזען — שאָף! האָב איך צו זיך, פון זיך אַליין געשמייכלט — קריגס־פירער. . . אַ פּאַסטוך! אַ פּשוטער, אָרימער פאַסטוך.

און עס האָט פּאַסירט, איין טאָג האָט אַ ציגעלע זיך אָפּגעשלאָגן פון דער עדרה, פאַרלאָרן געגאַנגען. האָב איך זיך אָוועקגעלאָזט דאָס זוכן. אַ קליין, שוואַך ציגעלע, און די מדבר אַ גרויסע, גרויזאַמע מדבר. לאַנג

בין איך געגאַנגען ביז איך האָב עס געפונען. לעבן אַ קוואַל וואַסער איז עס געשטאַנען, דורשטיק געטרונקען. דערפילט, דערזען מיך, האָט עס דערשראָקן אַ דריי געטון דעם קאָפּ. אָט דער דריי מיטן קאָפּ, אָט די שרעק האָט מיך פאַרדראָסן: אַ ציגעלע, מיינס אַ ציגעלע זאָל מורא האָבן פאַר מיר, דעם פּאַסטוך, זאָל מיך פאַרדעכטיקן אַז איך וועל עס שטערן שטילן דעם דורשט. איך האָב אַ לייג געטון מיין האַנט אויפן ציגעלע'ס קעפּל, אַ גלעט געטון, און איך האָב געפילט דאָס ציגעלע האָט געפונען צוטרוי צו מיר. עס האָט זיך גענומען רייבן אָן מיינע שיינקלעך. איך האָב באַטראַכט דאָס קליינע באַשעפעניש, געזען עס איז פאַרמאַטערט, האָב איך עס גענומען אויף די פּלייצעס, זיך געלאָזט גיין.

— אַ קריגער איז געפאַלן אַ פאַרוואונדעטער, איך האָב אים אויפגעהויבן און טראָג אים, — האָט אַ שוועב געטון פאַר מיינע אויגן.

דער „פאַרוואונדעטער קריגער" האָט אַ ריב געטון זיין פּיסקל אונטער מיין אויער. — וואָס אַזוינס וויל ער מיר זאָגן?

איך האָב אַרונטערגענומען דאָס ציגעלע פון דער פּלייצע, עס גענומען אויף די הענט.

אַ קליינער איבערבייט. וואָס? פּלייצע און ברוסט — צווי לוחות פון איין... מענטש, און דאָך... אויף דער פּלייצע איז עס געווען אַ משא, אַ לייכטע משא, אָבער פאָרט אַ משא, אויף די הענט, ביי דער ברוסט — אַ מתּן, אַ מתּנה פון גאָט. איך האָב זיך איינגעקוקט אין דער מתּנה, מיינע אויגן האָבן זיך אָנגעגעגנט מיט אַ פּאָר אומשולדיקע, ממש קינדערישע אויגן, און מיר איז מיט אַמאָל געוואָרן אַזוי גוט וואָס איך בין אַ פּאַסטוך, אַ פאָטער. איך האָב אַ דריק געטון דאָס ציגעלע צו מיין ברוסט, אַ גלעט געטון דאָס קעפּל, עס ליב געקראָגן ווי מיינס אַ קינד, ווי מיין צווייט קינד אליעזר.

און גאָט האָט געהאָלפן. איך האָב דערזען דעם סנה.

איך האָב דערזען דעם סנה ברענען, האָט זיך אָפּגערופן דער ברי אין מיין צונג, דער ברי פון יענעם ווייסן פייער. איך האָב פאַרמאַכט די אויגן ניט צו זען דאָס פייער און באַלד זיי ווידער געמוזט עפענען. שיין איז געווען דער סנה. אַפילו אַ דאָרן, ווען ער ברענט, איז ער שיין. און אַ פאַרגאַפטער בין איך געשטאַנען און געקוקט. און וואָס לייגער איך האָב געקוקט אויפן ברענענדיקן סנה אַלץ שאַרפער האָב איך דער־

פילט דאָס ווייסע פייער לעבן מיין צונג, און דאָס פייער האָט געבריט און געמאָנט. געבריט — געדיינק! ווייס, אַט אַזוי ברענט מען און בראָט מען דיינע ברידער! און געמאָנט: גיי! און דער סנה האָט געברענט און געלויכטן: זעסט? איך ברען אָבער ווער ניט פאַרברענט. גיי, איך וועל דיר באַלויכטן דיין וועג. און איך בין געגאַנגען. וואָס איז געשען נאָכ־דעם ווייסטו.

דאָ האָסטו איין נסיון מיינעם, דעם פייער־נסיון. געווען אָבער נאָך אַ נסיון, דער וואַסער־נסיון. אויך וועגן דעם נסיון האָסטו געמוזט עפּעס הערן און, ווי דער שטייגער, ניט דעם אמת. מיר האָט דערציילט וועגן דעם מיין שוועסטער מרים און איך וויל עס דיר איבערגעבן לויט אירע רייד. וועל איך דיר אָבער קענען איבערגעבן די שפּורן וואָס זיינען מיר פאַרבליבן פון אָט דעם וואַסער־נסיון?

„און יעדער זון וואָס וועט געבוירן ווערן זאָלט איר אַריינוואַרפן אין טייך.“ אַ שמייכל האָט אַ קרום געטון משה׳ס ליפּן. — פּרעה איז גאָר ניט געווען אַזאַ נאַר. אַ כּעסן איז ער געווען. אין זיין כּעס האָט ער טאַקע אַרויסגעגעבן אַזאַ באַפעל, ער האָט אָבער איינגעזען אַז ער פאַרלירט צופיל שקלאַפן און מ׳האָט אויפגעהערט וואַרפן קינדער אין טייך. שקלאַפן מעגן לעבן, טויטן דאַרף מען דעם באַפרייער.

נאָך פאַר מיין געבוירן האָבן די חרטומים געוואָרנט פּרעהן אַז עס וועט געבוירן ווערן איינער וואָס וועט באַפרייען די אידישע שקלאַפן, זיי אַרויספירן פון מצרים, דעריבער זאָל מען גוט אַכטונג געבן אויף יעדער פרוי וואָס פאַרגייט אין טראָגן. און דער פאָטער מיינער, אַ פאָ־טער, מ׳טאָר גאָרניט זאָגן, אָבער מיין מוטער האָט ער פאַרטריבן פון זיך. מורא געהאַט, ניט געוואָלט מיך האָבן. דאָ האָט מרים זיך איינגעשטעלט פאַר איר, אים געבעטן, און ער האָט צוריקגעבראַכט מיין מוטער. און ווען איך בין געבוירן געוואָרן, די חרטומים האָבן געזאָגט — דאָס איז ער, ער וועט עס באַפרייען די אידן, האָט מען באַשלאָסן אויספּרואוון, אויס־געפינען אויף ריכטיק אויב דאָס איז טאַקע דער, דאַן באַשטימען דעם פּאַסיקן טויט פאַר מיר. און עס איז באַשטימט געוואָרן דאָס קינד זאָל דורכגיין דעם וואַסער־נסיון. דער, וועמען דאָס פייער ברענט ניט, וועמען וואַסער שעדיקט ניט, דער איז אומשולדיק. פאַר פייער צו יונג —

דאָס פייער איז געקומען שפּעטער — איז געבליבן — וואַסער. און מ'האָט מיך אַרויסגעלאָזט אויפן וואַסער.

איך בין געלעגן אויף אַ ווייכער וואַסער־בעט, מיין מוטער'ס בעט — אַ בעט פון גליענדיקע קוילן: איר'ס אַ קינד טראָגט זיך אויפן וואַסער, ווער ווייסט וואוהין עס וועט אים פאַרטראָגן. נאָר די שוועסטער מיינע איז געלאָפן אויפן ברעג, געהיט, געוואַרט, געהאַפּט.

און עס איז געשען, דאָס וואַסער האָט מיך ניט באַשעדיקט. מער ניט, אַריינגעוואָרפן אין וואַסער האָט מען אַ אידיש קינד טוביה, אַרויס־געצויגן האָט מען אַ קינד משה, אַ מצרי. „מאָ", אויב דו ווייסט, איז אין מצריש וואַסער, „שה" אַרויסגעצויגן. דער מאַמע'ס ברוסט האָב איך געזויגן און אַ פרעמדן נאָמען געטראָגן, פון לוי'ס שטאַם געבוירן און אין פרעה'ס הויף געוואַקסן, אַ מצרי. הויך און שלאַנק בין איך געוואַקסן, דער קאָפּ פאַרריסן, דער קוק פריי, אָבער דעם טייך האָב איך אויסגע־מיטן, מורא געהאַט פאַר וואַסער. תרמותית האָט מיך געשלעפּט צום טייך און איך האָב זיך געריסן פון אירע הענט. און שפּעטער אַפילו, ווען איך האָב שוין געפירט די מצרישע חילות אַנטקעגן דעם מלך פון כוש, האָב איך אויסגעקליבן דעם וועג דורך דער יבשה, אַ וועג אַ לאַנגער, פול מיט שלאַנגען און עקדישן, אַבי ניט גיין מיטן וואַסער־וועג. און אַלץ ווייל איך בין געפּרואווט געוואָרן מיט וואַסער. ניט געפּרואווט זאָל מען ווערן. און איך בין געפּרואווט געוואָרן. גלייךביים געבוירן ווערן — וואַסער, און פון דאַן אָן האָט מיך דאָס וואַסער פאַרפאָלגט.

„שלאָג די וואַסערן פון טייך און זיי וועלן פאַרוואַנדלט ווערן אין בלוט." איך האָב ניט געקענט הויבן דעם שטעקן, אהרן האָט דאָס גע־מוזט טון. איז דאָך עס דערזעלבער טייך, די זעלבע וואַסער מיט וועלכער מ'האָט מיך אויסגעפּרואווט, פון וואַנען מ'האָט מיך אַרויסגעצויגן.

אַוועק פון טייך, פון דער שקלאַפעריי און גלייך — „איז ניטאָ קיין קברים אין מצרים? בעסער וואָלטן מיר געשקלאַפט אין מצרים איידער שטאַרבן אין דער מדבר."

איבערגעגאַנגען דעם ים סוף, געמיינט — פּטור, ניטאָ קיין וועג אויף צוריק צו דער שקלאַפעריי, פּטור פון מצרים, פון דעם טייך...
אָבער גלייך נאָכן ים סוף איז געקומען מרה, נאָך מרה, רפידים, אַלץ — וואַסער, וואַסער! מסה ומריבה, מריבה און מסה, איין קריג, איין נסיון, אַזוי ביז דער מדבר צין, ביז די מי מריבה.

מרים ליגט אַ טויטע. איך און אהרן זיינען זיך מתעסק מיט איר, און זיי — ווידער וואַסער! אַנטלאָפן אין אוהל מועד, האָט מען אונז אויך פון דאָרט פאַרטריבן. וואָס איז אַ שוועסטער, אַן אַלטע שוועסטער, ווען דאָס פאָלק וויל וואַסער?

און איך האָב פאַרלאָזט די שוועסטער, אַט די שוועסטער וועלכע איז געלאָפןביים ברעג טייך, געהיט מיך ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל דורכגעגאַנגען די וואַסער־פּראָבע, און אָוועקגעגאַנגען זוכן וואַסער פאַר זיי, דורכגיין נאָך אַ וואַסער־פּראָבע, די לעצטע...

איך האָב געזוכט וואַסער און פאַר די אויגן האָט זיך גטראָגן מרים, ניט מרים די זקנה, די טויטע, נאָר מרים דאָס עלטערע שוועסטערל וואָס איז געלאָפן ביים ברעג טייך, מיך געהיט. אויך איצט איז זי געלאָפן, געמאַכט מיט די הענט, געוואָרנט: גיי ניט, משה! גיי ניט! און איך בין געגאַנגען, און הינטער מיר געהערט: אַ חכם משה! אַ פּאַסטוך געוועזן, ווייסט שוין וואו וואַסער געפינט זיך, וועט אונז פירן, פירן ביז ער'ט וואַסער געפינען, נאָכדעם וועט ער זיך באַרימען. דאָס וועט ניט גיין. מיר ווילן וואַסער פון אָ ט ד ע ם שטיין, אויב ניט פון ד ע ם ווילן מיר גאָרניט. און מרים פאָכעט מיט די הענט, בעט זיך: משה! משה! מיינע הענט האָבן מיר געגומען ציטערן, די מראה אין מיין פּנים האָט זיך געביטן פאַר כּעס, און איך האָב געכאַפּט דעם שטעקן — נאַ! נאַ!

האָב איך געשלאָגן דעם שטיין? האָב איך אויסגעלאָזט מיין כּעס צום פאָלק? ניין, דאָס האָב איך געשלאָגן מיין וואַסער־גורל וואָס האָט מיך פאַרפאָלגט מיין גאַנצן לעבן, געשלאָגן דאָס וואַסער, און אַליין גע־שלאָגן געוואָרן. קענסט אַ קוק טון אויפן לאַנד, אַריינקומען אַהין ניט. מי מריבה... איך האָב מורא פאַר וואַסער.

משה'ס קערפּער האָט זיך אַ צאַפּל געטון. יהושע האָט זיך אַ קער געטון. איז דאָס משה? איז דאָס דער משה אין וועמעס פּנים ער האָט קיינמאָל ניט געקענט אַריינקוקן? איז דאָס דער משה וועלכער האָט אַלע מאָל געטורעמט איבער אים, איבער יעדן איינעם? אַן אַל־טער איד איז געזעסן, אַן אַלטער, איינ־גע־בויגענער איד, די הענט זיינען אַרונטערגע־פאַרן פון דער גאַלקע פון שטעקן, געהאַלטן אים לויז איינמיטן, און דער שטעקן האָט אַרויסגעשטאַרטשעט, געוועזן העכער פון משה'ס קאָפּ.

אַ רחמנות האָט זיך דערוועקט אין יהושען צו אַט דעם אַלטן אידן, אַ רחמנות וועלכן ער האָט זיך זייער לייכט פאַרגונען: דו ביסט אַלט, שוואַך, איך — יונג, קרעפטיק, דו גייסט אַוועק, איך בלייב...

האָט משה דערפילט דעם רחמנות־קוק? ער האָט זיך אויסגע־גלייכט, אַ דריי געטון דעם קאָפּ צו יהושען, די אויגן האָבן פרעגעריש אַ קוק געטון: ווען האָב איך דאָס אַלץ דערציילט? צוליב וואָס? הגיע חלקו של יהושע... זיין טאָג איז געקומען. אין האַנט האָט אַ גלעט געטון די באָרד אויף אַרונטער, און מיט אַ רואיקער שטימע האָט ער אָנגעהויבן:

— און איך האָב דיר דערציילט וועגן מיינע צוויי נסיונות, דעם פייער און וואַסער נסיון, ניט נאָר צוליב דעם דו זאָלסט וויסן דעם אמת. איך האָב עס דיר דערציילט, און דו זאָלסט עס איבער־געבן צו די זקנים, און יעדער פון זיי צו דעם וואָס וועט ווערן דער פירער פון דעם פאָלק ישראל. אַ שווער פאָלק. ניט איין מאָל האָב איך עס גע־שאָלטן, און מערערע מאָל פאַר דעם זיך איינגעשטעלט, איך בין געווען זייער שטראָפער, אָבער אויך זייער באַשיצער. ניט איין מאָל האָבן זיי קעגן מיר געקריגט, און מערערע מאָל האָבן זיי מיך געפאָלגט. און שווער ווי דאָס פאָלק איז, איז נאָך שווערער זיין גורל אויף דער וועלט. אהיה אשר אהיה... בין געווען מיט אייך אין דעם שעבוד מצרים און וועל מיט אייך זיין אין אַנדערע שעבודים. און איך זע, עס וועלן זיין שעבודים און אויך נסיונות. וועלן זיי אויסשטיין די שעבודים? וועלן זייביישטיין די נסיונות? אויב זיי וועלן ביישטיין וועלן זיי אויסשטיין.

און דאָס וואָס איך וויל פון דיר. דו, און יעדער פון די זקנים וואָס וועט קומען נאָך דיר, וועסט דאַרפן זיי לערנען, זיי שטאַרקן, זאָלסטו זיך דערמאָנען אין אָט די צוויי נסיונות מיינע, ווי איך האָב דיר איצטער איבערגעגעבן, און געדיינקען זאָלסטו, און יעדער נאָך דיר, אַז פייער איז שאַרף, אָבער שיין; פייער פאַרצערט, אָבער רייניקט; פייער ברענט, אָבער וואַרימט און לויכט; אַפילו אַ סנה קען ברענען און ניט ווערן פאַרברענט; פייער ציט זיך אין דער הויך, העכער, העכער צום הימל, צו גאָט...

משה האָט גערעדט און יהושע האָט דערפילט אַ ליכט שלאָגט פון משה׳ס פנים, אַ ליכט ווי דאַן ווען ער האָט איבערגעגעבן די לוחות,

און דאָס קול זיינס — אַ קול וואָס טראָגט זיך פון די העכסטע הויכן און דרינגט אַריין אין די טיפסטע טיפענישן. און ער האָט געפילט ווי פאַלן משהן צו די פיס, קושן דעם זוים פון זיין קלייד אויס ליבע צו אים און בעטן: רבי! זיי מוחל! באַלד אָבער איז משה׳ס שטימע געפאַלן. מיט אַ טרויעריק קול האָט ער אָנגעהויבן: — און וואָסער איז ווייך, אָבער פאַלש; וואָסער דערקוויקט און... דערשטיקט; וואָסער רייניקט, אָבער פאַרווישט, פאַרמעקט...; וואָסער פליסט אַלץ אויף אַרונטער, אַרונטער אין... שאול תחתיה.

שטימען האָבן זיך דערהערט הינטערן געצעלט. אין איילעניש האָט משה אַריינגעכאַפּט די ווערטער: — געדיינק! לערן דאָס פאָלק זיך היטן פאַר פייער, ווייכן פון וואָסער! — ער האָט אַ דריק געטון יהושע׳ס אָרעם און זיך אויפגעהויבן.

אין טיר פון געצעלט זיינען שוין געשטאַנען אידן. דערזעענדיק יהושע זיצט און משה שטייט, האָבן זיי אויפגעריסן די אויגן, און ווען זיי האָבן צוריקגעקראָגן דאָס לשון, האָבן זיי אויסגערופן: משה רבנו! לערן אונז תורה!

משה האָט אַ דריי געטון מיטן קאָפּ, אַ וויז געטון מיטן פינגער: ער וועט מיט אייך לערנען, און זיך געלאָזט אַרויסגיין פון געצעלט. יהושע און די אידן זיינען נאָכגעגאַנגען. אַ מורמלען האָט זיך געהערט: ער, אָט דער „אָפּגעפליקטער קאָפּ,״ וועט זיין אונזער רבי! אונזער פירער! אַ חרפה! אַ שאַנדע! און משה האָט זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט: — קינדער! איך האָב אייך אַ סך מצער געווען צוליב דער תורה און די מצוות, איצט בעט איך אייך — זייט מיר מוחל!

און די אידן האָבן געענטפערט: רבנו ואדוננו! מיר זיינען דיר מוחל. און זיי האָבן ווייטער געזאָגט: משה רבנו! מיר האָבן מערערע מאָל געצערנט קעגן דיר און דיר שווער געמאַכט, זיי אונז מוחל.

און משה האָט געזאָגט: מוחל. און אַז איר וועט אַריין אין לאַנד זאָלט איר דערמאָנען מיך און מיין געביין, און זאָגן: ווי צו בן עמרם! ווי אַ פערד איז ער געלאָפן אונז פאַראויס און זיינעביינער זיינען גע־בליבן אין דער מדבר.

און אויף יהושען האָט ער אַרויפגעלייגט די הענט, אים געזאָגט:

חזק ואמץ! מיטן קוק צוגעגעבן: געדיינק וואָס איך האָב דיר אָנגעזאָגט, און זיך געלאָזט אויפן וועג צום באַרג נבו.

און גאָט האָט געוויזן משהן דאָס גאַנצע לאַנד. — זעסט? אָט דאָס איז עס. אַריינקומען אַהין וועסטו ניט.

און גאָט האָט אַ קוש געטון משה׳ן, און משה, גאָט׳ס קנעכט, איז געשטאָרבן, ולא ידע איש את קברתו עד היום הזה.

— — — — — — —

און משה האָט איבערגעגעבן די תּורה, שבכּתב ושבעל פּה, צו יהושען, און יהושע צו די זקנים, און די זקנים צו די נביאים, און די נביאים צו דער כּנסת הגדולה, אַזוי ביז צום הייַנטיקן דור, אַזוי עד סוף כּל הדורות.

דער פייער טאַנץ

יאָרנלאַנג האָט זיך געצויגן דער קריג צווישן פּיישיגאַהדיקן (איינ־זאַמער הירש) און דער ווייסער וועלט. אין דער ווייסער וועלט — ביי די ריעל־עסטייט לייט, וועמעס אויג איז געפאַלן אויפ׳ן ברעג ים, מ׳קען דעם ברעג צעטיילן, צעפּיצלען אויף פּיצלעך און יעדעס פּיצל ערד פאַרקויפן, געבנדיק אַלס צולאָג אַ שטיק ים — האָט דער רייכער אינדיאַנער פּיישי־גאַהדיק געשטעקט ווי אַ דאָרן אין אויג. זיין גוט — הונדערטער אַקער לאַנד — איז געלעגן אינמיטן וועג, אַ שטיין נישט אָפּצוראַמען. מ׳האָט אים אָנגעבאָטן געלט, אַ סך געלט, אָבער דער ווילדער אינדיאַנער האָט געענטפערט: איך דאַרף ניט אייערע שמוציקע פּאַפּירלעך, איך האָב מער גאָלד ווי איך קען פאַרטראָגן. האָט מען אים געסטראַשעט — מ׳וועט דעם „שטיין״ צעשיסן, לויטן געזעץ וועט ער מוזן אָפּטרעטן אָדער לאָזן מאַכן אַ דורכפאָר דורך זיין גוט, ווייל זיין גוט ליגט אין וועג, צוליב אים מוזן מיליאָנען אויטאָמאָביל פאָרער אָנלייגן מיילן גאַנצע, פאָרן אַרום און אַרום, און דאָס מיינט אַ פאַרלוסט פון צייט, געלט פאַר אַ וועלט מיט מענטשן, און ער איז איינער. דאַרויף האָט פּיישיגאַהדיק געענטפערט קאַלטבלוטיק: איך איינער בין אויך אַ וועלט, און מיין וועלט וועל איך נישט לאָזן פאַרשטינקען מיט אייער געזאָלין געשטאַנק. און וואָס אָנבאַ־לאַנגט געזעץ, ווייס איך פונקט ווי איר, אַז ווי וויכטיק דער געזעץ זאָל ניט זיין, איז נאָך וויכטיקער די אויסטייטשונג, און איך האָב מיר מיין אויסטייטשונג. אַ גוטן טאָג. מער האָט ער ניט געוואָלט רעדן.

פּיישיגאַהדיק, דער יורש פון ביניהאַטסיטי (דער בראַוועד, פאַר וועמען אַלע האָבן מורא) פון שבט דיעגועניאָס, האָט געוואוסט וואָס אַזוינס

געזעץ איז און וואָס עס מיינט אויסטייטשן. דארויף האָט ער דאָך פון קינדוויז אָן געלערנט ביי די ווייסע אין זייערע שולן, שפּעטער אין אוני־ווערזיטעט, געענדיקט אַלס דאָקטאר פון געזעץ. ביי זיי האָט ער גע־לערנט די הייליגקייט פון „מיינס" און „דיינס," ביי זיי אויך געלערנט ווי אַזוי מ'קען די הייליגקייט פון „דיינס" פאַרשווּעכן צוליב דער העכס־טער הייליגקייט „מיינס." לאַנגע, גלאַטע האָר האָט פּיישיגאַהדיק, און זיין הויט איז בראַנז, אָבער אַרום די לענדן טראָגט ער ניט קיין גאַרטל, וויקלט נישט זיין קערפּער אין אַ קאָלירטער קאָלדרע, ער איז אָנגעטון אין אַן ענגלישן אנצוג וואָס דער שניידער האָט פאַר אים אַליין צוגעפּאַסט. זיין הויז, אַ פּאַלאַץ אויפן העכסטן פּונקט פון זיין גוט, איז באַלויכטן פון עלעקטריציטעט, און פאָרט ער אַמאָל אין שטאָט, איז עס אין זיין אייגע־נעם אויטאָמאָביל מיט אַ ווייסן שאָפער ביים ראָד. ביי זיך אויפן גוט רייט ער אויף זיין באַליבט פערדל טואַרי (יונגער אָדלער).

ווען ער האָט געקראָגן אַ ידיעה ער זאָל דערשיינען אין געריכט און אָנגעבן אורזאַכן פאַרוואָס ער בלאָקאַדירט דעם דורכפאָר, איז ער אַליין נישט געגאַנגען. „דער אַדוואָקאַט וואָס פאַרטרעט זיך אַליין האָט אַ נאַר פאַר אַ קליענט," אַזוי האָט ער געלערנט ביי די ווייסע. ער האָט געשיקט זיין געדונגענעם, ווייסן אַדוואָקאַט, זאָל ער גיין אָנגעבן די אורזאַכן... ער האָט אים מיטגעגעבן גענוג צידה לדרך, דער אַדוואָקאַט האָט אָנגע־געבן די אורזאַכן... וואו מ'האָט געדאַרפט, און עס איז ווידער געוואָרן שטיל אויף אַ שטיק צייט. ווען עס איז אָבער אָנגעקומען אַ פּאַפּיר פון וואַשינגטאָן, פון אינערן מיניסטעריום, וואו עס האָט זיך גערעדט וועגן אַפּטרופּסות, אַפּמאַכן, האָט פּיישיגאַהדיק באַשלאָסן ער'ט אַליין פאָרן. שוין לאַנג געוואָלט זיין אין וואַשינגטאָן, זען די „רעגירונג," דעם גרויסן, ווייסן ברודער...

די רעגירונג? ער וואָלט געמעגט שווערן ער האָט זי געזען ביי זיך אין הויז אינם געשטאַלט פון ריעל עסטייט אַגענטן. די רייד זיינען דאָך אַ ביסל אַנדערש.

— ווייסט ער, אַז לויטן אָפּמאַך פון אַכצן ניין און אַכציק דאַרפן אַלע אינדיאַנישע שבטים פון שטאָט קאַליפאָרניע זיך געפינען אין די ספּע־ציעלע רעזערווירטע געגנטן פאַר זיי?

— פּיישיגאהדיק האָט אַזאַ אָפּמאַך ניט אונטערגעשריבן, און אַן אָפּמאַך איז ווי אַ שטעקן, מוז האָבן צוויי עקן, ווען אַפילו איין עק איז אַן אויסגעשמירטער... צוויי צדדים דאַרפן זיין אונטערגעשריבן.

— ער האָט ניט אונטערגעשריבן, אָבער זיין שבט האָט אָנגענומען דעם אָפּמאַך.

— זיין שבט? ע ר איז דער שבט. פאַר אים איז געווען דער פאָטער, ביניהאַטסיטי (דער בראָווער, פאַר וועמען אַלע האָבן מורא), און דער פאָטער האָט זיינע פינגער ניט צוגעלייגט צו קיינע אָפּמאַכן. מיט אַ פינגער אויפן צינגל פון אַ ביקס איז ער געשטאָרבן, איבערלאָזנדיק די ביקס און דאָס גוט אַלס ירושה. דער איינציקער אַפּטרופּוס איז געווען די מוטער, זי איז טויט, און ער איז שוין אַריבער צוואַנציק...

פאַרשטויבטע פּאַפּירן, פּאַפּירן אָן אַ סוף. — פּיישיגאהדיק איז גערעכט, דאָס גוט איז זיינס. אָבער אָנגענומען אַז עס איז זיינס — כאָטש מעגליך אַז ערגעץ וואו אין שטויב ליגט נאָך אַ פּאַפּיר, דער ר י כ ט י ק ע ר פּאַפּיר — דיינקט ער נישט אַז ער וואָלט געדאַרפט אָפּטרעטן פאַרן וואוילזיין פון קהל, ווער שמועסט אַז קהל וויל באַצאָלן, גוט באַצאָלן?

— וואָלט איר אָפּגעטראָטן?

אַ קוק פון אַ פּאָר וואַסערדיקע אויגן מעסט אָפּ דעם בראָנזענעם קערפּער, און כאָטש דער בראָנזענער קערפּער איז העכער, זאָגט דער קוק פון די וואַסערדיקע אויגן: — גלייכסט זיך צו מיר, דו ווילדער אינדיאַנער? — און די ליפּן זאָגן — איך וואָלט!

קוקן די מאַנדל־אויגן אויפן פליכטוואַטן קאָפּ, וואו אַ דין קרייזל האָר אויף דער פּאַטילניצע און אַ פּאָר שיטערע פּיאות ווייזן אָן אַז דער מענטש איז געווען אַ בלאָנדער, כאַפּן אָן די גרויע וואַסערדיקע אויגן, לאָזן זיי ניט אַרומלויפן, און די פּולבלוטיקע ליפּן וואַרפן פאַר די וואַסערדיקע אויגן: איך בין ניט קיין ס ו ח ר, איך בין אַן א י נ ד י אַ נ ע ר.

— אַזוי, אַזוי, — האָט דער „גרויסער ווייסער ברודער" געמורמלט, זיינע וואַסערדיקע אויגן האָבן געזוכט וואו זיך צו באַהאַלטן, אין די ווינקעלעך פון די אויגן, אָדער גאָר אין די בלויע זעקעלעך אונטער די אויגן.

מיט דעם האָט זיך עס געענדיקט. פּיישיגאהדיק האָט שוין געזען „די רעגירונג" און שוין געגרייט זיך פאָרן אַהיים. אַ טאָג פאַרן אָפּפאָרן האָט ער אין זיין האָטעל — אַ צווייט־קלאַסיקער, אין אַ ערשט־קלאַסיקן

איז נישט געווען קיין ליידיקער צימער... — זיך געטראָפן מיט אַ דיכ־טער טאַוואַקוואַפּטיוואַ (די שיינענדיקע זון) פון דעם שבט אַפּאַשע אין אַריזאָנאַ.

אַ שווייגעדיקער איז פּיישיגאַהדיק, אָבער מיט דעם דיכטער טאַוואַ־קוואַפּטיוואַ האָט ער זיך צערעדט, אים דערציילט זאַכן וואָס ער האָט בלויז דעם שפּיגל פאַרטרויט, און דאָס, שווייגנדיקערהייט. דערפאַר האָט טאַוואַקוואַפּטיוואַ פאַרן אַוועקפאָר אים געשיינקט אַ בוך לידער זיינע און פּיישיגאַהדיק, דער איינזאַמער הירש, האָט זיך צעשיידט מיט טאַוואַ־קוואַפּטיוואַן, דער שיינענדיקער זון, אַלס גוטע פריינט.

.2

נאָכן זיינען אַוועקגעגאַנגען, און טאַוואַקוואַפּטיוואַ האָט נישט גע־הערט פון זיין נייעם פריינד פּיישיגאַהדיק. האָט אים פאַרדראָסן אויף זיך אַליין, למאַי ער האָט געדיינקט אַזוי גוט וועגן פּיישיגאַהדיקן, אים גע־שיינקט אַ בוך, ווען יענער איז נישט מער ווי אַ פּשוטער, רייכער קערל, כאָטש גערעדט האָט ער אַזוי שיין, אַזוי האַרציק. און נאָך מער האָט אים פאַרדראָסן למאַי אָט דער זעלבער פּיישיגאַהדיק האָט אים אַ וואָרט נישט געשריבן וועגן זיין בוך לידער וואָס ער האָט אים געשיינקט. וואָך נאָך וואָך, און טאַוואַקוואַפּטיוואַ האָט זיך שוין מייאש געווען צו הערן עפּעס פון פּיישיגאַהדיקן. ער איז דערפאַר איבערראַשט געוואָרן, ווען אין אַ שפּעטן נאָכמיטיק האָט אַ פרוי — אַ פרוי אין די הויכע דרייסיקער מיט אַ סוף זומער־רייץ אין פּנים — אים אַריינגעבראַכט אַ פּאַקעט אַ גאַנצן, אים געפרעגט אויב ער איז דאָס טאַוואַקוואַפּטיוואַ, און הערנדיק אַז יאָ, האָט זי מיט די אויגן אָפּגעוואויגן דעם ענטפער, צי ער איז אַ ריכטיקער, און ערשט דאַן דערלאַנגט דעם פּאַקעט. — דאָס איז פון פּיישיגאַהדיקן, מיין מאַן. ער האָט געזאָגט איך זאָל עס איבערגעבן אייך אין האַנט אַריין און זאָל קומען נאָך אַן ענטפער אין דריי טעג אַרום. אַ גוטן טאָג.

נאָך איידער טאַוואַקוואַפּטיוואַ האָט צייט געהאַט גוט באַטראַכטן די פרוי איז זי שוין פאַרשוואונדן. טאַוואַקוואַפּטיוואַ האָט געעפנט דעם פּאַקעט און געלייענט:

מיין טייערער, העל־לויכטנדיקער טאַוואַקוואַפּטיוואַ!

נעם נישט אָן די ווערטער „מיין טייערער, העל־לויכטנדיקער" ווי אַ קאָנווענציאָנעלער אָנהויב פון אַ בריוו. טייער ביסטו מיר געוואָרן אין דעם טאָג וואָס איך האָב דיך דערקענט, און אַ העלע ליכט איז מיר אויפ־געגאַנגען פאַר מיינע אויגן ווען איך האָב געלייענט דיין בוך לידער. לייענענדיק דיינע געזאַנגען, דיין רעגן־געזאַנג, יאַגד־ליד, געזאַנג פון די שמעטערלינג־מיידלעך, זיינען מיינע זעקס־און־פערציק ווינטערס אַרונ־טערגעפאַלן פון מיינע פּלייצעס און איך האָב, אין אַ העלער ליכט, זיך דערזען אַלס קינד. מיט מיינע קינדערישע אויגן האָב איך געזען די קאַיעמאַשיס, קאַרקאַשיס, דעם שוליאַוויצער, האָב אנטייל גענומען אין דעם האַמפּאַני *), בין געווען אַ קינד ווי אַלע אונזערע ברידער קינדער. ווען איך בין אָבער געקומען צו דיין שאַרבן־טאַנץ, ווען איך האָב איבער־געלייענט דיינע דריי שורות:

„איך טאַנץ צום הימל,
איך טאַנץ צום הימל,
מיט אַ נאַוואַכאַ שאַרבן".

איז די ליכט פון מיינע אויגן פאַרשוואונדן, מיין קאָפּ האָט זיך צו די קני געבויגן. מיט פאַרמאַכטע אויגן האָב איך געפּרואווט אַרויסרופן די אַלע קינדער, אַפּאַשעס, נאַוואַכאָס, מאַקיס, דיעגוענאָס, שאָשאָנס, שאַסטאַס. געוואָלט זיי זען מיט אָנגעצויגענע בויגנס, פלינקע פיס, שלאַנקע אָרעמס, שאַרפע אויגן, אָבער געזען האָב איך אַנדערע.

אויף מיין וועג אַהיים האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אין עטליכע פלע־צער. אין איין פלאַץ, נאָענט צו דיין געבורט־אָרט, אַלבוקערקע, האָב איך געזען אונזעריקע, מענער און פרויען. זיי זיינען געזעסן, די פיס אונטער זיך, געפלאָכטן קוישלעך, געניזעוועט פאַטשערקעס. די פיס, די פלינקע פיס, וואָס האָבן געקענט אַ הירש איבעריאָגן, אונטער זיך; די קרעפטיקע אָרעמס, וואָס האָבן געקענט פייל־און־בויגן ציען, די שלאַנקע הענט זיינען אויסגעשטרעקט צום פאַרבייפאָרער, צום טוריסט, גרייט צו פאַרקויפן דעם פייל און בויגן, די פרידנס ליולקע. „שוט! טוועני פייוו

*) קאַיעמאַשיס — קלאָונס; קאַרקאַשיס — טענצער; שוליאַוויצער — פייער־גייסט; האַמפּאַני — קאָרן־טאַנץ.

סענט. פּיפּ, דזשאָן! פּיפּ! באַי פּיפּ! *) און פאַר אַ האַלבן דאָלאַר וויל ער טאַנצן דעם קריגס... שקלאַפּן־טאַנץ. די שאַרפע אויגן, וואָס האָבן פינסטערניש דורכגעשטאָכן, זיינען פאַרצויגן מיט הינטישער אונטער־טעניגקייט: גיב אַ ניקל! איין ווייסער גיט אַ וואָרף אַ ניקל, לאַכט און ווילצט זיך, און דער אַפּאַשע קריכט מיטן פּנים אין זאַמד נאָכן ניקל און לעפּטשעט אַ דאַנק. אַ צווייטער ווייסער גיט ניט, און דער „שטאָלצער אַפּאַשע" שילט. מיין אויער האָט פאַרנומען די קללה. אַ בעטלער האָט געשאָלטן אַ שלעכטן נגיד. נישט מער ווי דאָס. איך האָב אָפּגעקערט דעם קאָפּ, אָבער איך האָב נאָך געמוזט זען ווי אַן אַפּאַשע מיט אַ נאַוואַכאָ האָבן זיך געשלאָגן איבער אַ ניקל וואָס אַ ווייסער האָט אַ וואָרף געטון, און דער ווייסער איז געשטאַנען און געקוואָלן. אָט איז ער, דער „שאַרבן־טאַנץ," וואָס איך האָב געזען מיט מיינע אָפענע אויגן.

איך האָב אויך געזען אַנדערע טענץ. קריגס טאַנץ, שלאַנגען טאַנץ, אַלץ וואָס דער טוריסט האָט געוואָלט האָט מען פאַר אים געטאַנצט. נאָך אַ פּאָר פעדערן, נאָך אַ ביסל פאַרב אויפן פּנים, און עס איז אַ קריגס טאַנץ, פאַר אים, דעם טוריסט, דעם ווייסן. פאַר מיר? הלוואַי וואָלט איך עס ניט געזען.

איך בין אויך געווען אין די רעזערוואַציעס, וואו „מיר" לעבן איצט. דו ביסט געבוירן געוואָרן אין איינעם פון אַזעלכע פּלעצער, און מיר איז דערפאַר שווער צו שרייבן דיר וואָס פאַר אַן איינדרוק זיי האָבן אויף מיר געמאַכט. איך מוז אָבער שרייבן, און איך האָף אַז דיין פּנים, מיין שיינענ־דיקע זון, וועט ניט פאַרצויגן ווערן מיט אַ וואָלקן פון כּעס אויף מיר. זייענדיק דאָרטן האָב איך פאַר זיך דערזען איין קליינע שטייג אין אַ זאָאָלאָגישן מוזיי, און אויף דער שטייג אַ צעטל: האָמאָ אַמעריינדאַ, גענוס זוני, געבראַכט אַהער פון אַרטשעאָטעקאַפּאַ, געשטאָרבן אין... דער דאַטום האָט געפעלט, אָבער איך האָב געזען סיי ווי.

האָסטו אויך געזען דעם דאַטום ווען דו האָסט געשריבן דיין שאַרבן טאַנץ? איז דיין געזאַנג — אַ נעקראָלאָג, דיין בוך — אַ מצבה?

געבענשט ביסטו, טאַוואַקוואַפּטיוואַ, וואָס ליכט שטראָמט פון דיינע

*) אויף אַ צעקאַליעטשעטן ענגליש: שים! 25 סענט. אַ ליולקע. דזשאָן, קויף אַ ליולקע.

אויגן, געזאַנג פון דיין האַרץ. איך, דער איינזאַמער הירש, לויף אַרום און שוויג, וועל אַפילו קיין מצבה נאָך זיך ניט לאָזן.

איך האָב אַ זון, אַ קינד פון דער ווייב, וועלכע וועט דיר ברייגגען מיין בריוו. דיך וועט וואונדערן, איך, דער איינזאַמער הירש, און אַ ווייס ווייב. יאָ, זי, די ווייסע, איז מיין ווייב, און זי האָט עס מיר אַ זון גע־בוירן. פאַר איר געהאַט אַן אַנדערע, אַן אייגענע, אַ אונזעריקע, וועלכע האָט פאַר דער חתונה זיך באַהאַלטן אין די וועלדער, ווי עס איז אונזער מנהג. איך בין שוין דאַן געווען אַ סטודענט. האָב זי ניט ליב געהאַט, האָב זי גענומען אויף דער בקשה פון דער מאַמען. פיר קינדער האָט זי מיר געבוירן און אַלע פיר זיינען געשטאָרבן, מיטן פערטן איז זי אויך אַוועקגעגאַנגען פון דער וועלט. דאַן האָב איך גענומען די. קוק זיך גוט איין אין איר פנים, וועסט זען, זי איז נאָך איצטער שיין, און דאַן איז איר ווייסער פנים, איינגעפאַסט אין אַ ראַם שוואַרצע צעפּ, געווען אַ ליכטיקע לבנה אין אַ ווינטערדיקן הימל. שיין און יונג איז זי געווען, אָבער אָרעם. פון איר אַריסטאָקראַטישער, שפּאַנישער משפחה האָט זי געירשנט חובות, אַ גלויבן (זי איז אַ קאַטוילישע) און אַ האַס צו אונזערע האַסער — די יענקיס. אַט דער האַס צו זיי האָט זי געבראַכט צו מיר. אָבער האַס, מיין טייערער, איז בלויז זאַלץ צום לעבן, לעבן מיט זאַלץ אַליין קען מען ניט. אַ קינד איז געבוירן געוואָרן, אַ זון, און זי האָט גע־האַט וועמען צו ליבן. צוליבן קינד איז זי אויך צו מיר צוגעבונדן גע־וואָרן שטאַרקער.

האָב איך געליבט מיין קינד? יאָ, ווען ער איז אַ האַלב־יאָריקער געלעגן אין וויגל, געקוקט מיט די שטערן־אויגעלעך אויף מיר, דעם פאָטער, אויף איר, דער מוטער. אונזערע ביידנס אויגן האָבן זיך גע־שפּיגלט אין זיינע, און אַנקוקנדיק זיך איינס דאָס צווייטע, האָב איך געטראַכט: בראָנז מיט זילבער האָבן זיך אויסגעמישט, גאָלד וועט אַרויסקומען. די „מעטאַלן" מישן זיך אָבער ניט. אַנגעהויבן האָט זיך עס, ווען ער האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן אַרומגיין, רעדן. איך האָב אים דער־ציילט אונזערע פאָלקס מעשות מיט געטער און גייסטער, און זי האָט אים געלערנט גאָט בעטן — פאָטער, זון און הייליקער גייסט. איך האָב ניט געוואָלט ליידן, אָבער נאָכגעגעבן, געטראַכט, ער'ט אויסוואַקסן וועט ער אַרויסוואַקסן און פטור ווערן פון יעזוסן אָדער יאַהווען ווי פון מאַאנאַן.

צו זיבן יאָר איז ער אַוועק אין אַ שול, אַ קאַטוילישן פּאַנסיאָן. ווען ער איז צוריקגעקומען אויף יום טוב אַהיים האָב איך באַמערקט, דאָס אינגל שטייט פאַרן שפּיגל, פּרואווט מיט באַנעצטע פינגער אויסקרייזלען די האָר, זיי זאָלן ניט זיין גלאַט. — וואָס טוסטו? — האָב איך אַ פרעג געטון. ער האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגן, געשוויגן, נאָכדעם זיך אָנגענומען מיט מוט, מיר שאַרף אַריינגעקוקט אין די אויגן און אַ פרעג געטון — פּאַ? ביסטו אַ אינדיאַנער?

— יאָ, — האָב איך געענטפערט און פאַרקוקט אים אין די אויגן. ער האָט זיך אַרויסגעריסן פון מיר, אַנטלאָפן מיט אַ געוויין צו דער מוטער.

נאָך איין מאָל האָב איך אים געזען פון דאַן אָן. איך בין צוגעפאָרן אין שול וואו ער האָט געלערנט, זיך נאָכגעפרעגט ביי די לערער אויף אים. — לערנען לערנט ער זייער גוט, זיין אויפפירונג איז ווי אַ מאָל. — אויף מיין פראַגע וואָס מיינט עס, האָט דער לערער, נאָך לאַנג דרייען זיך, מיר דערציילט: בענעדיקט — אַזוי האָט זי אים אַ נאָמען געגעבן — איז פון אָנהויב געווען זייער אַ גוטער שילער, שוין צו גוט, אַפילו ניט געוואָלט אנטייל נעמען אין די קינדערשע שפּילן, איבערהויפּט אין „אינדיאַנער.” די קינדער האָבן אים געקיבעצט דערפאַר, געשריגן ער וויל ניט שפּילן ווייל ער איז אַליין אַ אינדיאַנער. ער האָט געוויינט, געקומען צולויפן, געפרעגט: איאָ, איך בין ניט קיין אינדיאַנער? וואָס זאָלן מיר געווען ענטפערן? געענטפערט — ניין. דאָס קינד האָט זיך באַרואיקט. נאָכן ערשטן וויזיט אַהיים האָט זיך דאָס קינד ווי אינגאַנצן געביטן. צייטנווייז איז ער רואיק, האַלט זיך פאַר זיך, נאָר ווען די קינדער הייבן אים אָן דערקוטשען, ווערט ער ווילד און ער שלאָגט זיי מכות רצח. אַ געזונטער יונג. מיר מוזן אים דאַן באַשטראָפן. ער וועט עס איבערקומען.

איך האָב אים געוואָלט זען. מ'האָט אים אַרויסגערופן צו מיר. דערזעענדיק מיך, האָט ער גענומען ציטערן ווי אַ בלאַט, מיך אַרומגע־כאַפּט און געהאַלטן אין איין ציען מיך — קום! ביז ער האָט מיך פאַרפירט אין עק גאָרטן וואו ער איז געווען זיכער קיינער פון די אינגלעך וועלן מיך נישט זען, מיך דעם פאָטער, דעם אינדיאַנער.

— דאָס שטראָפט דיך מאַאַנאַ פאַר דיין „ווייסן געלעגער,” — האָב איך צו זיך געזאָגט. — דאָס פאַרפאָלגט דיך דער גייסט פון דיין ערשטער פרוי, דער טויב. — טראַכטנדיק וועגן דעם, האָב איך זיך געפרעגט: איז

יענע געוועזן ריין פון ווייסן פלעק? איז דאָ ריין בלוט? אויב יאָ, פאַרוואָס שווייגט מ י י ן בלוט אין אים? איז דען מיין רויט בלוט שוואַכער פון איר „בלויען“ בלוט? און ווי וואָלט געוועזן ווען מיר בלייבט אַ זון פון דער ערשטער? וואָלט ער נישט געגאַנגען אין שול? נישט געשפּילט „אינדיאַנער“? וואָס וואָלט איך מיט אים געטון? געהאַלטן אויפן שויס און דערציילט מעשׂות? געלערנט טאַנצן? זינגען אונזערע לידער? לערנען אַ קריגס טאַנץ, ווען קיין קריג איז שוין מער נישטאָ, שוין אַפילו נישטאָ קיין זיגער, ווייל נישטאָ שוין קיין באַזיגטע. אָ יאָ, די זאָאָלאָגישע שטייגן, די רעזערוואַציעס. און וואָס דאָרטן? האָט יעזוס ניט אַרויסגעטריבן מאַמאָנען פון דאָרטן? און זיינען די קינדער דאָרט לויטער בראָנז? זיינען זיי ניט אַן אַללאָי? דער ווייסער געלעגער האָט מיר ניט געשאַדט, דאָס ווייסע קלייד וואָס איך האָב אויף זיך אַרויפגעצויגן — פון שול ביז אוניווערזיטעט — האָט ניט פאַרדעקט מיין בראָנזענעם פּנים, און מיין בראָנזענער קערפּער בייַנקט ניט נאָך דער נאַקעטקייט, נאָך דער גראָבער קאָלדרע... און אויך דו — אַ בראָנזענער קערפּער אין ווייסע קליידער. אָט אַזעלכע וואָלט איך געוואָלט זען. געוויס, פון אונז וואָלטן טוריסטן... קיין נחת ניט געקליבן, וואָלטן מ י ר געטאַנצט אַ קריגס טאַנץ וואָלטן זיי ניט געשטאַנען און אָנגעקוואָלן, זיי וואָלטן אויפגעריסן די אויגן: זע נאָר, אַ נייער מענטש, בראָנז קאָלירט, ווייס דראַפּירט! אָבער דערווייל האָב איך געזען בלויז דיך איינעם אַזעלכן, די איבעריקע — בראָנז, אויסגעשמירט אין בלאָטע, די בלאָטע דיקער ווי דער בראָנז. און וואָס קענען צוויי, צי אַפילו צען, אָדער הונדערט אויפטון איצט? צו שפּעט זיינען מיר געקומען מיט אונזערע ווייסע קליידער... בראָנז מוז זינקען אין בלאָטע, דאָס איז אַ געזעץ, ברעכן אים קאָן איך ניט, ער איז ניט פאַר מיר אַליין געשריבן געוואָרן, איך קאָן בלויז אויסטייטשן דעם געזעץ, און אויסטייטשן בלויז פאַר זיך.

די אויסטייטשונג האָט זיך אָנגעהויבן נאָך מיט יאָרן צוריק, ווען איך האָב באַשלאָסן אַז מער זאָל פון מיינע לענדן קיין יורש ניט קומען. אַ שווערער באַשלוס, ווען אין די אָדערן פליסט רויט בלוט, אַפילו די בלוי־בלוטיקע האָט זיך אויך ניט געקענט צופרידנשטעלן מיט אַ זון ערגעץ וואו. ווען ער איז נאָך געוועזן קליין האָט זי געלעבט מיט אים, כאָטש ער איז ניט געוועזן אין דער היים. זי פלעגט אים פאָרן זען. קומענ־

דיק צוריק האָט זי ליב געהאַט דעם פאָטער פון איר זון און ניט איר מאַן. דער זון איז אָבער עלטער געוואָרן, און די זעלבע שול וואָס האָט אים צוגענומען פון זיין פאָטער האָט אים אויך צוגענומען פון זיין מוטער— אויף גלח לערנט ער. פיישיגאַהדיק׳ס אַ זון וועט זיין אַ קאַסיק *) ביי יעזוסן. און די מוטער איז געבליבן אַליין. אומעטיק איז איר געוואָרן, און זי האָט געבעטן אַ קינד, אַ קינד פאַר איר, ז י זאָל עס האָבן, זי און ניט איר גאָט, אַ מאַמע וויל זי זיין, אָבער ניט די הייליקע מוטער, כאָטש איר נאָמען איז מאַריאַ. תחלת האָב איך זיך געזעטיקט מיט נקמה — גוט אַזוי! איך האָב קיין קינד, האָב דו אויך נישט. ווייס, אַז דו, ווי איך, זיינען די לעצטע, פיל דעם טעם דערפון. זיס איז נקמה, ווען דו זעסט דיינעם אַ שונא ליגן ביי דיינע פיס. אָבער בלויז אַ קורצע ווילע געדויערט די זיסקייט, ליגט ער ליינגער, איז ער ווי אַ יאַפּאַנעזישער בעל חוב ביי דער טיר, מיט אויפגעשניטענע געדערים. ניט איבערצו־טרעטן. זי איז לאַנג געליגן... און זי האָט אויסגעפירט אירס — זי טראָגט איצט מיינס אַ קינד— איר לעצט קינד— אין אירע געדערים.

מיינס אַ קינד וועט געבוירן ווערן, אפשר אַ זון, אָבער איך וויל אים ניט זען. מעגליך, ד ע ר וועט שוין קיין גלח ניט זיין, קען זיין אַז דאָס מאָל וועלן די מעטאַלן זיך שמעלצן: פון בראָנז און זילבער וועט גאָלד אַרויסקומען, אָבער איך וויל אַפילו דאָס ניט זען, איך וויל אַ בראָנזענער אַוועקגיין פון דער וועלט. דאָס איז מיין לעצטע אויסטייטשונג פון געזעץ.

ווען דו וועסט לייענען מיין בריוו וועלן שוין די פליגל פון ווינט ברייגנען מיין אַש צו דיר. דער שוליאַוויצער וועט טאַנצן זיין פייער־טאַנץ. פון אַלע פיר ווינקלען וועט ער קומען, וועט אַלץ פאַרברענען, הלוואַי וואָלט איך געקענט די ערד אונטער זיך פאַרברענען, גאָרניט, גאָרניט לאָזן, אָבער די ערד מוז בלייבן, מענטשליכע געזעצן זיינען אויף דער ערד ניט חל, אויסטייטשן דאָס געזעץ קען איך בלויז פאַר זיך. דאָס הויז וועט גיין מיט מיר. איך וויל ניט עמיצער זאָל דאָרטן ליגן אויף מיין ווייסן געלעגער... דער זומער־רייץ שפּילט נאָך אויף אירע באַקן, און כאָטש איך פאַרברען אַלדאָס גוטס, וועט איר פונדעסטוועגן בלייבן די ערד, גענוג פאַר אַ ווייסן מפונק ער זאָל זיך לאַקאָמען דאַרויף. קען

---

*) גלח

זיין איך מאַך אַ טעות. מיר פּאַסט מיין ווייס קלייד, איך האָב קיין חרטה אויף דעם ווייסן געלעגער... און אויך זי האָט אפשר קיין חרטה, מיין בראַנזענער בראַסלעט האָט געקרעפּטיקט איר אָפּגעשוואַכטע האַנט, זי האָט זיך שוין אַזוי צוגעוואוינט אַז זי וועט אים שוין אפשר ניט קענען פאַרבייטן אויף גאָלד אָדער זילבער. מעגליך. אָבער דאַן וועט זי ווייַרויך רויכערן צו איר יעזוסן, אַרויסרויכערן אַלע אינדיאַנישע גייסטער, אַרייַנציען דעם הייליקן גייסט, און איך וויל ניט אַז דער רויך פון מיין קערפּער זאָל זיך אויסמישן מיט איר ווייַרויך. האַלט זי אויף ביי זיך דערוויילֿ. אין מיין צוואה ועסטו געפינען אַ פּראָוויזיע דערפאַר. די ערד וועט בלייבן, דאָס טוט מיר לייד. די פרישע לופט וואָס האָט געשטאַרקט מיין פאַטער׳ס אָטעם און מיינעם וועט פאַרשטונקען ווערן פון גאַזאָלין. איך בעט דיך אָבער, מיין געטרייער פריינד, מיין איינציקער, גיב אַכטונג, אַז אַזוי לאַנג ווי דער רויך פון מיין קערפּער וועט נאָך הויערן אין די שפּאַלטן צווישן די בערג, זאָל קיין אויטאָמאָביל רויך פון זייערע ניט צוקומען. אַזוי לאַנג וועסטו זיכער קענען אָפּציען. זאָגסטו עס מיר צו?

און איצט, זיי געזונט, מיין טייערער, העל־לויכטנדיקער טאַוואַקוואַפּטיוואַ. ווען דיין ליכטיק געזאַנג וועט זיך ווידער נעמען רייסן פון דיין האַלז, האָב אין זינען דיין פריינד, דעם איינזאַמען הירש, וועלכער האָט גענומען דעם געזעץ אין זיינע אייגענע הענט, און מיט זיין באַגלייטער, דעם שוליאַוויצער, געגאַנגען טאַנצן דעם פייער־טאַנץ, דער לעצטער טאַנץ פון דעם לעצטן איינזאַמען הירש —

פ י י ש י ג אָ ה ד י ק.

.3

— זעסטו, מאַריא, דאָ איז אַ בריוו צו מיינעם אַ פריינד טאַוואַקוואַפּטיוואַ — די שיינענדיקע זון. פון די אַפּאַשעס שטאַמט ער, אָבער זיין פייל און בויגן האָט ער אויסגעביטן אויף פען און טינט. לידער שרייבט ער. שיינע לידער. ער האָט מיר זיינע לידער געשיינקט און איך שיק אים דעם בריוו דערפאַר. קיינעם אויסער אים אין האַנט זאָלסטו דעם בריוו נישט געבן, און אין דריי טעג אַרום זאָלסטו קומען צו אים נאָך אַן ענטפער.

— יאָ, מיין האַר.

— ווייט איז דער וועג, פינף לבנות מיט דער באַן נעמט עס. נעם מיט אַלע דיינע שיינע קליידער, געלט אַ סך. פּאַרסט אין דער רעגירונגס שטאָט, און געלט איז דאָרט אַ גאַנגבאַרע זאַך. קענסט זיך זאַמען דאָרט וויפיל דיין האַרץ וועט גלוסטן.

— יאָ, מיין האַר.

— אַלץ וואָס מיין פריינד, די שיינענדיקע זון, וועט דיר הייסן זאָלסטו טון.

— יאָ, מיין האַר.

— פאַר געזונט, מאַריא! ווי שיין דו ביסט! ווי ווייס דיין פּנים, ווי שוואַרץ דיינע האָר, און ווי רויט דיינע ליפּן, דיינע זאַפּטיקע, זאַפּ־טיקע ליפּן... פאַר און זיי געזונט...

— זיי געזונט, מיין הירש, מיין איינזאַמער הירש!

ווען דער אויטאָמאָביל טרייבער איז צוריקגעקומען פון באַן סטאַנ־ציע האָט פּיישיגאַהדיק צוזאַמענגערופן אַלע זיינע ווייסע און ברוינ־הויטיקע אַרבעטער און זיי געזאָגט אַז מער קיין אַרבעט איז נישטאָ פאַר זיי, ווער עס האָט אַ היים זאָל גיין אַהיים, און ווער עס האָט נישט, זאָל זיך זוכן אַ היים, דאָ זאָל קיינער נישט בלייבן, קיין איין טאָג מער. ער וועט יעדן געבן וואָס אים קומט און נאָך מער, אָבער דעם פּלאַץ מוזן אַלע גלייך פאַרלאָזן. ער האָט אַרויסגעבראַכט אַ זעקל געלט, געטיילט יעדן איינעם, געוואונטשן אַ זייַ־געזונט. ווען אַ ברוינהויטיקער, קריגנ־דיק זיינע פאַר גאָלדענע מטבעות, איז אַנידערגעפאַלן אויף די קני, גע־זוכט די האַנט אַ קוש צו טון, האָט פּיישיגאַהדיק אים אַ זעץ געטון מיט דער קני אין ברוסט אַז יענער איז געפאַלן מיטן נאַקן צו דער ערד. דעם געפאַלענעם האָט ער געהאָלפן זיך אויפהויבן, אים געגעבן נאָך אַ גאָלדענע מטבע און זיך אָפּגעקערט פון אים.

ווען קיין מענטשליכע פּוס איז שוין ניט געווען אויפן גוט איז ער צוגעגאַנגען צו דער גאַזאָלין פאַס, זי באַטראַכט. — וועט קלעקן, — האָט ער אַ זאָג געטון אויפן קול.

פון געביידע צו געביידע איז ער אַרומגעגאַנגען, פון בוים צו בוים, אַלץ באַגאָסן מיט גאַזאָלין, אַפילו דאָס גראָז, און נאָכדעם ערשט אַריין צו זיך אין הויז, פאַרשלאָסן די דרויסן־טיר, אַלע אינעווייניקסטע טירן געעפנט, געגאַנגען פון חדר צו חדר, יעדעס שטיקל מעבל, יעדע וואַנט

באַגאָסן מיט גאַזאָלין, ביז ער איז אין זיין חדר געקומען. דאָרט האָט ער צוזאַמענגענומען אַלע טעפּיכער, פעלן, קאָלדרעס און קישנס, פון זיי אַ געלעגער געמאַכט. לעבן דעם געלעגער האָט ער אויסגעשפּרייט אַלע זיינע ביכער, פּאַפּירן, דאָס גאַנצע גאָלד און זילבער וואָס ער האָט פאַר־מאָגט. האָט זיך אַרויפגעלייגט אויף זיין געלעגער, זען, ווי וועט זיך עס ליגן, זיך אויפגעהויבן, צורעכט געמאַכט דעם צוקאָפּנס, האָט באַגאָסן דעם געלעגער פון אַלע זייטן מיט גאַזאָלין, און גענומען אַראָפּציען פון זיך די קליידער.

אַ נאַקעטער איז ער געשטאַנען, געקוקט אויף דער מאַסקע פון הירשן־פעל, אויפן שנירל מיט טשערעפּאַשקעס וואָס ער האָט אָנגעגרייט, האָט אָנגעמאָסטן די מאַסקע און זי אַרונטערגענומען. ניין, נישט אין „ווייסע" קליידער, נישט אין שוליאַוויצער'ס מאַסקע. נישט דאָס און נישט דאָס וויל ער פאַרברענען, בלויז פאַר זיך אַליין, פאַר זיין אייגענעם בראָנזענעם קערפּער וויל ער אויסטייטשן דעם געזעץ. און ניט מיט אַ צעדער צווייג וועט ער אונטערצינדן דאָס הייליקע פייער. אַ שוועבעלע, אַן איינפאַך שוועבעלע איז גוט גענוג, און אויך דעם פייער־טאַנץ וועט ער טאַנצן אַן געזאַנג, אַן צערעמאָניע. רואיק, רואיק זיך אַוועקלייגן אויפן געלעגער, און רואיקערהייט, אַן געזאַנג, און אויך אַן אויסגעשריי פאַר־וואַנדלט ווערן אין רויך, אַש. אַט דעם פייער־טאַנץ זאָל „די שיינענדיקע זון" באַזינגען.

— — — — — — —

אויף מיילן ווייט האָט זיך דאָס פייער געזען, אָבער געגנוי וואו עס ברענט, וועמעס הויז, האָט קיינער ניט געוואוסט. — די בערג ברענען, — האָבן די אויטאָמאָביל פאָרער ביי זיך באַשלאָסן, און שטאַרקער גע־טראָטן אויפ'ן גאַז־קנעפּל — אַנטלויפן פון דער שרפה סביבה. ערשט אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן רעפּאָרטערס ג ע נ ו י באַשריבן ווי אַזוי דער ווילדער אינדיאַנער פּיישיגאַהדיק האָט פאַרברענט זיך אַליין מיט זיין גאַנץ פאַרמעגן אינם ווערט פון הונדערטער טויזנטער דאָלאַר. געטון איז דאָס געוואָרן אין אַן אָנפאַל פון אייפערזוכט נאָך דעם ווי זיין ווייסע פרוי איז פון אים אַנטלאָפן.

די „וויסע וועלט" האָט זיך דערפרייט מיט דער נייעס. אין עטליכע חדשים אַרום איז דער וועג דורך פּיישיגאַהדיק'ס גוט פּאַרטיק געוואָרן. ביי דער דערעפענונג צערעמאָניע זענען געווען די קאַרפּן־קעפּ פון דער ריעל־עסטייט וועלט, אַ פּאָר געזעצגעבער און אויך דער יונגער גלח בענעדיקטוס קאַריבו (הירש), דער זון פון פּיישיגאַהדיק, דעם איינזאַמען הירש. דער גלח האָט געבענשט די הענט, די פלייסיקע הענט וועלכע שניידן נייע וועגן, באַשפּריינקלט דעם נייעם וועג מיט הייליק וואַסער, און אַ שערענגע אויטאָמאָבילן האָבן זיך אַ לאָז געטון. אַ שטינקענדיקער גערוך פון גאַזאָלין, קאַרבאָן האָט זיך פאַרשפּרייט, זיך פאַרקליבן אין די בערג־שפּאַלטן.

די בערג האָבן שטום געשוויגן.

חלום און וואָר

דער שאַך איז מאַט

די שטימע פון גאָט

פויגל־פריי

די צעבראָכענע פידל

דער לעצטער אַדרעס

גאָטס פנים

דעם טייוולס בעט

דער שאַך איז מאַט

דער מעכטיקער שאַך פון טאַרטאַריסטאַן האָט פאַררופן דעם גרויס־וויזיר און די קלענערע וויזירן, האָט אַרונטערגענומען די קרוין פון קאָפּ און געזאָגט: אָט איז די קרוין וואָס איך האָב אַזוי פיל יאָרן געטראָגן. מיד איז מיין קאָפּ פון טראָגן אָט די קרוין, נעמט זי ווער עס וויל, פריי איז דער טהראָן, ווער עס וויל קען אים פאַרנעמען. אַ דאַנק.

דער שאַך פון טאַרטאַריסטאַן האָט אָפּגעדאַנקט.

אַ שטילקייט איז אַנטשטאַנען — מיט די הענט זי אָנצוטאַפּן, יעדער טראָט פון שאַך ווי ער האָט פאַרלאָזט דעם קרוין־צימער האָט אָפּגעהילכט ביי די וויזירן אין זייערע קעפּ, די שטילקייט איז נאָכגעגאַנגען דעם שאַך. ווען דער דיקער פאָרהאַנג האָט זיך פאַרמאַכט הינטער אים איז די שטילקייט צוריקגעשטויסן געוואָרן, זיך אַ טרייסל געטון, און אַ ליאַרם איז אַנטשטאַנען.

אין דעם קרוין צימער האָט זיך געטומלט ווער עס זאָל דעם טהראָן פאַרנעמען, ווער עס זאָל טראָגן די קרוין, און אויסער די פיר ווענט פון טהראָן צימער, איבער דער גאָרער גרויסער וועלט האָט זיך געטומלט: דער שאַך פון טאַרטאַריסטאַן האָט אָפּגעדאַנקט! אַ שאַך האָט אַליין אַוועקגעלייגט די קרוין! אַלערליי חקירות און סברות זיינען אַרויסגעבראַכט און אַרויסגעזאָגט געוואָרן וועגן אָט דער אומגעוויינליכער געשעעניש. איין סברא האָט זיך מערערע מאָל איבערגעחזרט אַלס די וואַרשיינליכסטע — דער שאַך איז משוגע געוואָרן, פּשוט פון זינען אַרונטער; פון אַ קלאָרן קאָפּ פאַלט אַמאָל אַרונטער אַ קרוין מיטן קאָפּ צוזאַמען,

אַליין אַרונטערנעמען אַ קרוין — דאַרויף דאַרף מען זיין חסר דעה. און אַזוי האָט מען שוין טאַקע אַ נאָמען געגעבן דעם שאַך — דער משוגענער שאַך.

האָבן זיך געפונען נייגעריקע מענטשן וואָס האָבן געוואָלט אַ קוק טון אויף אָט דעם משוגענעם שאַך. פון אַלע עקן וועלט זיינען זיי געקומען זען אָט דעם אויסטערלישן משוגענעם, אָבער זיי האָבן דעם שאַך ניט געפונען. באַלד ווי ער האָט אַוועקגעלייגט די קרוין איז ער פאַרשוואונדן פון זיין פּאַלאַץ, און קיינער, אַפילו זיין נאָענטסטער לייב־דינער, האָט ניט געוואוסט וואו ער איז אַהינגעקומען. אייניקע האָבן געזאָגט ער איז אין דער מדבר אַוועק, דאָרטן טוט ער תשובה פאַר זיינע זינד וואָס ער איז באַגאַנגען אַלס שאַך, און זינד איז ער באַגאַנגען גענוג, אַ האַרטער מושל געווען; אייניקע האָבן געזאָגט ער האָט דאָס גאָרע גאָלד פון לאַנד פאַר־נומען, אין אַ פרעמדער מדינה אַוועק, כדי דאָרט ערשט, ניט צוגעבונדן צו קיין טהראָן, ניט באַלאָדן מיט קיין קרוין, לעבן אַ גוטן טאָג ווי אַ פרייער מענטש; אייניקע, ווידער, האָבן געזאָגט: וואַרט, איר'ט נאָך זען. דער שאַך איז ניט משוגע, ער איז קלוג. ער האָט אַרונטערגענומען די קרוין אויף קאַטאָוועס בלויז, דאָס האָט ער געוואָלט אויספּרובירן זיינע וויזירן, זען ווי זיי וועלן דאָס לאַנד רעגירן. ער איז דאָ, ער גיט אַכטונג, און צו דער ריכטיקער צייט וועט ער צוריקקומען, וועט ביים פאַלשן שאַך די קרוין צוזאַמען מיטן קאָפּ אַרונטערנעמען, און ווידער אָנטון די קרוין, פאַרנעמען דעם טהראָן, ווייל קלוג איז דער שאַך, מעכטיק איז דער שאַך.

און דער שאַך?

אָנגעטון אין אָרימע קליידער, אַ טורבאַן אויפ'ן קאָפּ, איז ער געזעסן אונטערן שאָטן פון אַ בוים ניט ווייט פון וועג וואָס פירט צו דער הויפּט־שטאָט, געזעסן, געקוקט אינם בלויען הימל, זיך צוגעהערט צום שטילן געמורמל פון די בלעטער אויפן בוים, פאַרנומען דעם דינעם גערוך וואָס דאָס לינדע ווינטל האָט געבראַכט צוטראָגן, און געטראַכט...

און ווי דער שאַך איז אַזוי געזעסן פאַרטראַכט האָט ער דערהערט שטילע טריט. האָט ער אַ הויב געטון די אויגן, זען ווער גייט דאָס צו אים, איז עס ניט אַמאָל איינער פון זייט הויפּט־שטאָט, איינער וואָס קען אים, וועט אים דערקענען. ער טוט אַ קוק, ערשט ער זעט עס איז אַן אַלטער בעטלער. אַ טאָרבע אויף די פּלייצעס, אַ שטעקן אין האַנט, באָר־

וויס, אַ בעטלער, איינער פון די טויזנטער בעטלער מיט וועלכע זיין לאַנד, ווי אויך אַלע אַנדערע רייכע לענדער, זיינען אַזוי „רייך." דער בעטלער האָט זיך דערנעענטערט צו אים, זיך געגריסט: שלום.

— שלום.

— די זון שטייט הויך, עס גליט דער הימל איבערן קאָפּ, עס ברענט די זאַמד אונטער די פיס. לאָקט דער שאָטן פון אַ בוים, רופט — דאָ גע־פינסטו רו.

— אַלט איז דער בוים, געדיכט און גרויס זיינע צווייגן, אין זיין שאָטן קאָנען אויך צווייען רוען. זיץ, רו זיך אָפּ.

— אַ דאַנק. בלויז אַ קורצע ווײַלע וועל איך רוען, ביז די זון וועט אַ ביסל נידעריקער ווערן, נאָכדעם ווידער אויפנעמען מיין וועג צו דער הויפּט־שטאָט, וויל נאָך היינט אַהינצו קומען. אויב איך מאַך ניט קיין טעות ביסטו אַן אָרטיקער, קענסטו מיר זאָגן ווי ווייט איז נאָך דער וועג?

— האָסט ריכטיק געטראָפן, איך בין אַן אָרטיקער, דער וועג צו דער הויפּט־שטאָט איז מיר באַקאַנט, וועסט אָנהאַלטן אַ שטענדיקן טראָט, וועסטו מיט דער זון נאָך אָנקומען אין שטאָט, אויב דו ײַלסט זיך אַהינצו קומען.

— אין גרויס ײַלעניש בין איך ניט, אָבער איך וויל קומען אַהין וואָס פריער, וויל זען דעם שאַך.

— דעם שאַך?

— צו אונזערע מקומות האָט זיך דערטראָגן אַ קלאַנג אַז דער שאַך האָט אַרונטערגענומען די קרוין פון זיין קאָפּ, ניט געוואָלט זי מער טראָגן. אַן אמת, וואָס? זיינען דערביי אַרויסגעזאָגט געוואָרן פאַרשידענע סברות, ווער עס האָט ניט געגלויבט, געזאָגט די גאַנצע מעשה איז אַ ליגן, ווען איז דאָס געהערט געוואָרן אַ שאַך זאָל אַוועקלייגן זיין קרוין! ניט אַנ־דערש מ'האָט דעם שאַך פאַרגיפטעט; ווער עס האָט יאָ געגלויבט, גע־זאָגט, קען זיין דער שאַך איז אויף דער עלטער געוואָרן עובר בטול. האָב איך זיך צוגעהערט צו אַלע סברות, געטראַכט, און אַ פאַרלאַנג האָט זיך אין מיר דערוועקט גיין זען דעם שאַך, און אויב עס איז אמת, ער האָט אַליין אַוועקגעלייגט די קרוין, אים דריקן די האַנט פאַר זיין קלוגער טאַט, דערביי אים אויך געבן אַ גוטע עצה, אַן עצה פון איינעם וואָס איז אויך יאָרן לאַנג געווען אַ... שאַך און אויף דער עלטער געוואָרן אַ בעטלער.

— ? ? ?

— יאָ, איך בין אויך געווען אַ שאַך, כאָטש מיין קעניגרייך איז געווען דער שטאַל, מיינע אונטערטאַנען — פערד.

— שמייכלסט. — אָט אַ פערד, — האָסטו מסתם אַ טראַכט געטון, מיינענדיק דערמיט: אָט דער מענטש האָט קיין ברעקל פאַרשטאַנד. איך באַליידיק זיך אָבער ניט, אויב עס דאַרף זיך ווער פילן באַליידיקט פון אָט דעם פאַרגלייך איז עס דער פערד, ניט דער מענטש. דער פערד איז קלוגער פונם מענטשן, כאָטש ער קען דאָס ניט אַרויסזאָגן, קען זיך דערמיט ניט באַרימען. יעדער איינער קען רייטן אויפן מענטשן, אָבער פּרואוו נאָר רייטן אויף אַ פערד. אויב דער פערד האָט דיך ניט ליב, אויב ער האָט ניט פאַר דיר, ווי זאָל איך עס דיר זאָגן, אַ געוויסן דרך־ארץ, מעגסטו זיין דער בעסטער רייטער וועט ער דיך ניט לאָזן רייטן אויף אים. ער וועט זיך ניט שטעלן אויסטענהן מיט דיר, פאַרשטייט זיך, ער וועט דיך פּשוט אַרונטערוואַרפן. און דאָס איז, לויט מיין מיינונג, חכמה, ניט פון קלוגע רייד, נאָר קלוג געהאַנדלט. און איבער אָט די קלו־גע באַשעפענישן בין איך געווען דער הערשער. איך זאָג הערשער, און ניט קעניג אָדער שאַך, ווייל דער רעכטליכער שאַך איז געווען דער אייגנטימער, אַ רייכער מאַן, וועלכער האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו פערד, האָט געקויפט, געהאָדעוועט, דערצויגן פערד. און דאָ האָט זיך ווידער אַרויסגעוויזן די נאַרישקייט פון מענטשן. ער האָט געמיינט אַז ווייל ער האָט באַצאָלט פאַר די פערד מיט גוטע רענדלעך, האָט אויסגעגעבן געלט אויף זיי, זיינען די פערד זיינע. זיינע זיינען זיי געווען, אָבער געהערשט איבער זיי האָב איך, ניט ער. און ניט באַזיצן, באַהערשן איז דער עיקר.

געווען צווישן אַלע פערד איינער אַ פערד אַ ברען. ווילד איז ער געווען ווי דער ווינט אין דער מדבר, פלינק ווי דער בליץ, און שיין און שלאַנק — אַ שוואַן אויפן וואַסער האָלט ניט אַזוי שלאַנק איר האַלז ווי אָט דער פערד האָט געהאַלטן זיינעם. „דער שטאָלצער,‟ האָט אים דער אייגנ־טימער אַ נאָמען געגעבן, און דער נאָמען האָט אים געפּאַסט אָט ווי עס האָט אים געפּאַסט זיין פעל אויפן לייב. — דעם שטאָלצן זאָלסטו מיר היטן ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון דיין אויג, — האָט מיר אָנגעזאָגט דער אייגנטימער, און דער אָנזאָג איז געווען איבעריק. איך האָב דעם שטאָלצן ליב געהאַט און ער מיך אויך. ווייסט עס ניט גלויבן, אָבער אַזוי איז עס.

ווען איך האָב אים אַרויסגענומען צום וועט־געיעג, ווען איך בין געזעסן, בעסער געזאָגט, האַלב געליגן אויף אים און אים געיאָגט, ניט חלילה מיט שפּאָרן אָדער בייטש, נאָר אַריינגעשושקעט אין אויער: לויף, מיין שטאָלצער, פלי, מיין פלינקער, האָב איך געפילט ווי ער ענטפערט: יאָ, מיין ליבער, און ער איז געלאָפן! געלאָפן? די דינע פיס האָבן, דוכט זיך, די ערד ניט באַרירט, אין דער לופטן האָבן מיר זיך געטראָגן, פערד און רייטער איין קערפּער, דורכגעדרונגען מיט איין באַגער — אַריבער־יאָגן. און מיר האָבן אַריבערגעיאָגט. און ניט אַבי וועמען. אַן אַראַביש פערד פון דער ריינסטער פּאָראָדע. ראַקוש האָט ער געהייסן — דער בליץ. ביי דער לייַנג פון אַ האַלז האָבן מיר אים אַריבערגעיאָגט. וואָלס־טו באַדאַרפט זען דעם קוק וואָס דער שטאָלצער האָט מיר געגעבן ווען איך בין אַרונטער פון אים. איך האָב צוגעלייגט מיין פּנים צו זיינעם און דאָס איז געווען דער אויפּריכטיגסטער קוש פון צוויי באַשעפעניש. און דער שטאָלצער, אָט דער ממזר, האָט ניט נאָר מיר געשיינקט אַ קוק, נאָר אויך זיין לויפער־קאָנקורענט. יענער קוק איז געווען: דיך אַריבער־געיאָגט, האַ?

— נאַרישער פערד, — זאָגט מען. בלויז די וואָס ווייסן ניט זאָגן עס. נאָכן געיעג איז דער באַלעבאָס צוגעקומען, אים אַ גלעט געטון. דאָס האָט ער נאָך פאַרטראָגן, ווען ער האָט אָבער געפּרוּווט אַריבערציִען דעם אָרעם איבער זיין רוקן, האָט ער אַ ציטער געטון מיטן גאַנצן קערפּער און אַרונטערגעשאָרט דעם אָרעם, אַרונטערגעשמיסן אָט ווי מ׳שמייסט אַרונטער אַ פליג מיטן וויידל. דער באַלעבאָס האָט אַ קוק געטון אויף מיר. איך האָב געשמייכלט. אָט אַזוי מוז שמייכלען דער גרויס־וויזיר צו זיין שאַך. די קרוין טראָגסטו, דער הערשער בין איך. דער באַלעבאָס האָט געוואָרפן אַן אומחן אויפן שטאָלצן, און דער שאָטן פון אומחן איז געפאַלן אויף מיר. מיך האָט עס ניט געקימערט. איך האָב מיר געהאַט מיין ליבלינג, דעם שטאָלצן.

דאָ, מיין פריינד, האָט אָבער אַן אומגליק פּאַסירט. „דער שטאָלצער" האָט געגנומען פעט ווערן. עס איז דאָך ניט גוט פאַר אַ מענטשן ווען ער הויבט אָן פאַרגאָסן ווערן מיט פעטס, פאַר אַ פערד, אַ לויף־פערד, איז עס פּשוט אַן אומגליק. איך האָב געזען מיין פערד גייט צו גרונד. גע־פּרוּווט אים געבן ווינציקער עסן, געריטן אויף אים שעהן לאַנג, עס האָט

ניט געהאָלפן — דאָס פּעטס האָט זיך געקליבן אויף זיין קערפּער, זיין טראָט איז געוואָרן שווערער, דער האַלז איז שווער געהאנגען, אַפילו דער שטאָלצער קוק פון זיינע פלוימען־אויגן איז געוואָרן אויסגעלאָשן, פויל. מיט אַזאַ פערד רייט מען ניט אויף געיעגן, אַזאַ פערד איז בלויז אין שפּאַן.

ער אין שפּאַן, איך אויף דער קעלניע. ער האָט נאָך פון אָנהויב געפּרוּווט זיך אַ בריקע טון, האָב איך אים מכבד געווען מיט דער בייטש — פאַרגעס ניט אַז דו ביסט ניט מער דער שטאָלצער, דער שלעפּער ביסטו, און שלעפּער בריקעווען זיך ניט. איך האָב אויך געליטן אַ נידערלאַגע, פון אַ רייטער אויף געיעגן, אַ באַלעגאָלע, אַ שמייסער געוואָרן, אָבער איך האָב זיך אַפילו ניט אָנגעהויבן בריקען. דאַרויף בין איך דאָך אַ מענטש מיט שכל, שכל וואָס באַרעכטיקט אַלץ וואָס איז נידערטרעכטיק. לויף־פערד, געיעג־פערד, האָב איך, זיצנדיק אויף דער קעלניע, געטראַכט, דאָס איז בלויז אַן עסק פאַר יונגע. וויפיל זיינען עס דאָ געיעג־פערד? און אויך ז יי ע ר סוף — צעברעכן אַ פוס, פּעט ווערן, אַלט ווערן, שלעפּ־פערד ווערן. פון מענטשן איז דאָך אָפּגערעדט — שלעפּ מענטשן. אָט אַזוי האָב איך געטראַכט און ווען ניט ווען אַ שמייס געטון דעם שלעפּער און געפילט אַז איך טו פאָרט עפּעס אויף, פיר דעם וואָגן אויפן ריכטיקן וועג, כאָטש, דעם אמת געזאָגט, אָפּגעלאָזט די לייצעס, איז דער שלעפּער אַליין געגאַנגען און אין דער פינסטערער נאַכט געטראָפן דעם וועג אָן מיין אָנווייזונג, דאַרויף איז ער דאָך אַ פערד.

פערד און וואָגן זיינען געפאָרן, און מיט זיי די יאָרן. געעלטערט האָט זיך דער פערד, איך בין געוואָרן עלטער. דער פערד האָט גענומען פאַרלירן די ציין, מיר האָבן אָנגעהויבן ציטערן די הענט, ער האָט שוין ניט געזען אַזוי גוט אין דער פינסטער, מער געשמעקט דעם וועג ווי געזען, און מיין ראיה איז אויך קאַליע געוואָרן, און דערשמעקן דעם וועג האָב איך ניט געקענט, דאַרויף בין איך דאָך אַ מענטש. וואָס טויג דיר מעשות, מיר זיינען אַלט געוואָרן. האָט מען גענומען, מיך מיטן פערד, און אַריינגעשטעלט אין אַ טאָפּטאַק. געזען אַמאָל? אַ ראָד, ביי דער ראָד אַ דישעל, צום דישעל שפּאַנט מען צו אַ פערד, אויפן דישעל זיצט דער טרייבער, און... רונד אַרום, רונד אַרום, אָן אַ סוף, אָן אַ ברעג, רונד אַרום, אַרום . . .

בין איך געזעסן, געדרייט זיך רונד אַרום און געטראַכט — אָט דאָס איז עס, דאָס איז דער סוף. רונד אַרום, רונד אַרום. וואַרט־זשע, ווי איז

געוועזן דער אַנהויב? יאָגן, לויפן, פליען, באַהערשן דעם פערד אונטער זיך, איינגעמען דעם רוים, באַזיגן דעם געגנער. באַהערשן, איינגעמען, באַזיגן — ווי שטאָלץ, ווי שיין, ווי זיס! דערביי פילן אַ ליבע צום פערד אונטער זיך, צו דער וועלט, צום מענטשן, אַפילו צום באַזיגטן. נאָכ־דעם? נאָך דעם — זיצן אויף דער קעלניע, געשלעפּט ווערן פון אַ... שלעפּער, אַליין אויך אַ שלעפּער, כאַטש אויף דער קעלניע. שלעפּן, קריכן — שווער, לאַנגווייליק, פון איין בלאָטע אַרויס אין דער צווייטער אַריין, דאָך דאָ אַ וועג, אַ וואוהין, ווייז איך אָן דעם פערד אַמאָל און אַמאָל פירט דער פערד מיך, טרייבער און פערד איז ניט רייטער און פערד, דאָך עפּעס געמיינשאַפטליכעס איז דאָ, איין געשפּאַן. און איצט — רונד אַרום, רונד אַרום. קיין וועג, קיין וואוהין — רונד אַרום, רונד אַרום.

איין מאָל, דרייענדיק זיך אַזוי אין דעם פינסטערן טאָפּטאָק, קוים זעענדיק דעם פערד פאַר זיך, האָט מיר אַ בליץ געטון פאַר די אויגן מיין ערשטער וועט־געיעג טאָקע אויף דעם „שטאָלצן.“ אַזוי שאַרף איז געווען דער עראינערונגס בליץ אַז עס איז מיר פינסטער געוואָרן אין די אויגן, דער קאָפּ האָט זיך פאַרדרייט. איך בין אַרונטערגעפאַלן. און ווי איך ליג אַזוי אין דעם פינסטערן טאָפּטאָק הער איך: טראָט, טראָט, טיאָפּ, טיאָפּ, דער פערד גייט אַלץ רונד אַרום, רונד אַרום, באַלד, נאָך אַ טראָט, און ער וועט אויף מיר אַרויפטרעטן אין זיין גאַנג רונד אַרום, רונד אַרום. איך האָב צוזאַמענגענומען מיינע לעצטע כחות, זיך אויפגעהויבן און ווען דער פערד האָט זיך אויסגעגליכט מיט מיר האָב איך אים אָנגעכאַפּט ביים צוימל: שטיי! איך בין אַרויפגעפאַלן אויף אים, כמעט ווי געלעגן אויף אים, פאַר מיינע פאַרמאַכטע אויגן האָבן זיך געדרייט געיעג שטרע־קעס, האָבן זיך געטראָגן פערד, אָבער וואָס לייגנער איך בין געלעגן אַלץ פאַמעלאכער דער געדריי ביז אַלץ איז געבליבן שטיין, פאַרגליווערט, טויט. מיט שרעק האָב איך זיך אַ כאַפּ געטון פון פערד, ער האָט אויך אַ ציטער געטון. איך האָב אים אָפּגעשפּאַנט פון דישעל, אים אַרויסגע־פירט אין דרויסן, געלאָזט גיין, און...

— רונד אַרום, רונד אַרום האָט ער געגומען גיין, טראָט ביי טראָט, רונד אַרום. איך בין געשטאַנען, קיין אבר האָט זיך אין מיר ניט באַוועגט, אָבער געפילט האָב איך אַז די ערד אונטער מיר דרייט זיך, איך דריי זיך מיט איר, און יעדעס מאָל ווען דער פערד איז פאַרבייגעגאַנגען פאַר

מיר האָט מיין קערפּער געַנומען גליווערן פון שרעק. דאָ, אין דער ליכ־ טיקער שיין, אונטערן העלן הימל איז אָט דער טראָט רונד אַרום, רונד אַרום געווען געשפּענסטערהאַפט, אַ פאַרכישופטער קרייז. שטיי! האָב איך געוואָלט אַ געשריי טון, שטעל זיך אָפּ! אָבער דאָס מויל האָט ניט געפאָלגט, מיך האָט געוואָרגן אין האַלז. ווען ער איז נאָך אַמאָל פאַרביי־ געגאַנגען פאַר מיר בין איך אַרויפגעפאַלן אויף אים, ממש אַרויפגעפאַלן און ער איז געבליבן שטיין, אָן אַ צאַפּל טון זיך. ווי לאַנג איך בין אַזוי געהאנגען אויפן פערד געדיינק איך ניט. ווען איך האָב זיך אויפגעהויבן זיך אויסגעגלייכט, האָב איך דערזען אַ מאָדנע ליכטיקע וועלט, אַ מאָדנע טונקעלן פערד. איך האָב אַ קוק געטון אויפן פערד אָט ווי איך וואָלט אים צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן געזען און דערזען זיינע אויגן זיינען אָנ־ געפילט מיט פינסטערניש, זייער ליכט איז אויסגעגאַנגען — בלינד.

— איך האָב דאָס דערזען האָבן טרערן זיך אַ שפּאַר געטון ביי מיר, איך האָב צוגעטראָגן די פינגער צו די אויגן, אויסווישן די טרערן און, טוענדיק דאָס, האָט מיר אַ קלאַפּ געטון אין קאָפּ: זעַ איך נאָך? קענסט לאַכן, נאָר איך האָב מיט די פינגער געוואָלט אַנטאַפּן צי מיינע אויגן זעען נאָך. דערזען די ליכטיקע שיין, האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ ווילדע פרייד, דערזעענדיק גלייך דעם בלינדן פערד האָב איך דערפילט אַ פאַרהאַנג שפּרייט זיך פאַר מיינע אויגן. מיך האָט אַרומגעכאַפּט אַ רחמנות און אַ שרעק, אַ רחמנות אויפן פערד און אַ שרעק פאַר זיך: איז עס מעגליך אַז נאָך אַ יאָר, נאָך אַ יאָר און איך וועל אַרויסגיין פון טאָפּ־ טאָק און אָנהויבן גיין רונד אַרום, רונד אַרום? — איך וויל ניט! איך וויל ניט! — האָב איך גענומען שרייען ווי אַ באַזעסענער, געכאַפּט אויף שנעל דעם פערד, אים אַריינגעפירט אין טאָפּטאָק, צוגעשפּאַנט צום דישעל, אַ שמיץ געטון: גיי! און אַליין אַרויסגעלאָפן, ניט צו זען ווי ער הויבט אָן גיין זיין רונד אַרום. איך בין דאַן אַריינגעלאָפן צום באַלעבאָס, אַ געשריי געטון: איך וויל ניט! און בין אַנטלאָפן.

— און? . . . דאָס אַלעס?

— דאָס איז נאָך ניט אַלעס. כאָטש דאָס בין איך געגאַנגען דער־ ציילן דעם שאַך. ער, בין איך זיכער, וועט עס פאַרשטיין. ווער נאָך ווי דער שאַך קען עס פאַרשטיין, אַז רייטן אויף אַ פערד, יאָגן, אַריבעריאָגן, ליב האָבן דעם פערד און יאָגן אים, דאָס איז עפּעס; טרייבן אַ פערד

ער זאָל שלעפֿן, טון עפּעס, אויב אַפּילו מ׳האָט שוין ניט ליב דעם פּערד, איז נאָך אויך עפּעס, אָבער זיצן אויף אַ דישעל, זיך נאָכשלעפּן אַ בלינדן פּערד רונד אַרום, רונד אַרום, אַרונטערפּאַלן און הערן ווי דער פּערד גייט זיך זיין גאַנג רונד אַרום, פילט אַפילו ניט אַז דער טרייבער פעלט, זען נאָכדעם ווי אַפילו אין דער ליכטיקער שיין גייט שוין דער בלינדער פּערד זיין גאַנג רונד אַרום, פילן אַז ניט נאָר ביסטו איבעריק פאַרן פּערד, נאָר באַלד, באַלד און וועסט אַליין ווערן בלינד, אַליין אָנהויבן גיין דעם גאַנג רונד אַרום, רונד אַרום, אָט דאָס איז שוידערליך, פון אָט דעם דאַרף מען אַנטלויפן. דער שאַך, ער וועט פאַרשטיין. ער האָט עס פאַרשטאַנען און דערפאַר איז ער אַנטלאָפן. פאַרשטייסטו?

— און... וואָס נאָך?

— איך בין אַנטלאָפן, האָב איך דיר שוין געזאָגט, אַ טאָג, צוויי, און דער באַלעבאָס שיקט מיך רופן. דער טאָפּטאַק אַרבעט ניט. דער נייער טרייבער קען ניט אויסקומען מיטן פּערד. וויל ניט גיין דער... שטאָלצער.

— דער שטאָך „שטאָלצער" האָט מיר ניט פאַרשאַפט קיין ווייטיק. ווי אַ פרעמדער בין איך אַריין אין טאָפּטאַק, אין דער האַלב פינסטערניש דערזען דעם פּערד און דעם טרייבער. פרעמד איז מיר געווען דער טרייבער, אָבער פרעמד האָט מיר אויך אויסגעזען דער פּערד. איך בין צוגעגאַנגען נאָענט צום טרייבער, אים געהייסן זיך אָפּשטעלן און געזאָגט אים: הער אויס, יונגערמאַן, ווילסט רייטן אויף פּערד, זיי יאָגן, טרייבן, גיי אַרויס אין דרויסן, דאָרט, אויף דער ליכטיקער שיין, וועסטו קריגן יונגע, פלינקע פּערד, פּערד וואָס קענען לויפן, בריקען, פּערד וואָס זענען, זיי טרייב. דאָ אין טאָפּטאַק איז דיין בייטש איבעריק, דו אַליין ביסט איבעריק. אַ בלינד פּערד אין אַ טאָפּטאַק דאַרף קיין בייטש, קיין טריי־בער. וועסט פרואוון טרייבן אַ בלינד פּערד וועט ער פאַלן, פאַרשטאַנען?

— געזאָגט, און בין אַוועקגעגאַנגען.

— און?

— און אָט די עצה וויל איך געבן דעם שאַך. מ׳וועט אפשר קומען צו אים, אים דערציילן, דאָס פאָלק איז אויפגערודערט, די וויזירן שלאָגן זיך פאַר דער קרוין, זאָל ער ווידער פאַרנעמען דעם טהראָן, אָנטון די קרוין, וויל איך אים דערציילן וואָס איך האָב געטון, און, אויב ער איז קלוג, זאָל ער נאָכפאָלגן מיין ביישפּיל, זאָל ער גיין און זאָגן זיי: בלינד

איז דאָס פאָלק, בלינד פון גיין אַזוי לאַנג רונד אַרום, רונד אַרום, בייטש, טרייבער, זיינען איבעריק, נוצלאָז, דער זעענדיקער פערד דאַרף נאָך אַמאָל אַ פירער, אַ טרייבער, דער פירער, דער טרייבער דאַרף אויך דעם זעעוודיקן פערד; אַ בלינד פערד דאַרף ניט קיין בייטש, קיין טרייבער, און אַוודאי ניט קיין פירער, און... דער פירער דאַרף אויך ניט קיין בלינד פערד.

— וויסטו אַז דער שאַך איז אַוועקגעגאַנגען, פאַרשוואונדן?

— געהערט, אָבער איך וועל אים געפינען.— דערביי האָט ער זיך אויפגעהויבן, צורעכט געמאַכט די טאָרבע.— ער מוז ערגעץ דאָ ניט ווייט זיך געפינען.

— פון וואַנען וויסטו עס?

— ער מוז זיין צו מיד אויף קענען אַוועקגיין ערגעץ ווייט. דער שאַך מוז זיין מיד. מיד פון הערשן, מיד פון טרייבן, מיד פון דרייען זיך רונד אַרום הינטער אַ בלינד פאָלק.

— און אַז דו וועסט אים זען, ווי וועסטו אים דערקענען? דער קעניג ווערט דערקענט אין דער קרוין, אָבער אָן דער קרוין?...

— אין זיין מידיגקייט, מיין פריינד, וועל איך אים דערקענען. אַ גוטן טאָג, און אַ דאַנק פאַרן שאָטן.

— געדערכט. אין זיין מידיגקייט,— האָט דער שאַך צו זיך אַליין איבערגעזאָגט, אויפגעהויבן די אויגן, נאָכגעגאַנגען אים מיטן קוק.— אין זיין מידיגקייט.— ביי דער שוועל פון זיינע ליפּן איז געשטאַנען דער אויסרוף: העי, דו, בעטלער! — אָבער אַ מידער שמייכל האָט זיך פאַר־שפּרייט אַרום דעם שאַכ׳ס מויל.

— בעסער אַזוי. בעסער וואָס ער האָט מיך ניט דערקענט, דער קלוגער אַלטער בעטלער, ווייל מיד בין איך, אַזוי מיד... מידער פון דיר, שאַך פון די פערד, אָבער נאָך ניט אַזוי אַלט, נאָך ניט אַזוי בלינד ווי די. איך האָב דעם שאַך דערקענט באַצייטנס און אים אַליין געגעבן דיין קלוגע עצה. צי וועסטו געפינען נאָך אַ שאַך? ווער ווייסט? אפשר...

די שטימע פון גאָט

— ווער איך בין, דאָס איז ניט וויכטיק, קומען קום איך פון טאַרזיקאַן.

— דאָרטן הערשט דער גערעכטער סאַאיד ריזאַ כאַן.

— האָט געהערשט.

— ניט געהערט ער זאָל האָבן געשטאָרבן.

— ערגער. אַנטלאָפן.

— פרעמדער, ווער דו זאָלסט ניט זיין, לעסטער ניט דעם נאָמען פון סאַאיד ריזאַ כאַן. סאַאיד ריזאַ כאַן איז ניט פון די וואָס אַנטלויפן.

— מיינע ליפן האָבן ניט געלעסטערט סאַאיד ריזאַ כאַן, אויך האָבן זיי ניט אַרויסגעלאָזט קיין ליגן פון מויל. סאַאיד ריזא כאַן איז אַנטלאָפן, ווייל אַזוי האָט אים באַפוילן די שטימע פון גאָט.

— די שטימע פון גאָט! פרעמדער, ווער דו זאָלסט ניט זיין, דיינע רייד דרינגען אַריין ווי שפיזלעך אין מיינע אויערן. זיבן־און־זיבעציק ווינטערס האָב איך הינטער זיך, מיינע אויערן, איצט ניט אַזוי שאַרף ווי פריער, האָבן פיל מאָל געהערט: דער הערשער הערשט מיט גאָט׳ס גנאָד, און צי האָב איך עס געגלויבט אָדער ניט, געהערט האָב איך עס, צו מיינע אויערן האָט אָבער קיינמאָל ניט דערגרייכט אַז אַ הערשער זאָל אַרונטער פון דער כסא הממשלה ווייל אַזוי איז געווען גאָט׳ס געבאָט. און ווי קען איך עס איצט, אויף דער עלטער פון מיינע יאָרן, דיר גלויבן?

— אַלט ביסטו אין יאָרן, רייך אין לעבנס חכמה, אָבער קען דער עלטסטער זאָגן ער איז דער רייכסטער? יעדער טאָג ברענגט זיין רייכקייט און מיר שטאַרבן דאָך קבצנים. אויב עס וועט דיר וואוילגעפעלן,

נויג דיין אויער צו מיר און דו וועסט פאַרנעמען אַזוינס וואָס דייַנע אויערן האָבן נאָך ביז איצט ניט געהערט.

— אַ געַרעכטער מושל איז געווען סאַאיד ריזאַ כאַן. דעם רייכן האָט ער ניט געחנפעט. דעם אָרימען האָט ער ניט געקריוודעט, דעם רעכטפאַרטיקן האָט ער אַלע מאָל באַלוינט, דעם זינדיקן האָט ער טיילמאָל באַשטראָפט. זיין קעלער איז געווען פול מיט די עלטסטע ווייַנען, דאָך האָט ער קיינמאָל ניט געטרונקען איבער דער מאָס; זיין טיש איז געווען שווער באַלאָדן, דאָך האָט ער קיינמאָל געעסן איבער דער זעט, און, לאָמיך דיר פאַרטרויען, רייך איז געווען זיין האַרעם, אָבער געליגן איז ער בלויז מיט זיין האַרצענ׳ס אויסדערוויילטער, דער שיינער ביקאַנדראַ, און ווען זי איז ניט לאַנג צוריק אַוועקגעגאַנגען פון דער וועלט האָט ער דעם וועג צום האַרעם מער ניט באַטראָטן. מעסיק איז ער געווען אין זיין אייגענעם לעבן אין פּאַלאַץ, פאַרנינפטיק אין זיין הערשאַפט איבער זיין פאָלק... און געבענשט האָט זיך מיט אים דאָס פאָלק, אים ליב געהאַט ווי אַ פאָטער. און דער פאָטער האָט גאַנץ אָפט זיך באַוויזן צו זייַנע קינדער. ניט פון זיין קעניגליכן פּאַלאַץ, ווי אַ הערשער, האָט ער זיך באַוויזן, נאָר געקליידעט אין איינפאַכע קליידער, אָן וועלכער באַגלייטונג, איז ער אַרומגעגאַנגען צווישן פאָלק, זיך צוגעקוקט און צוגעהערט צו אַלץ וואָס קומט פאָר, און האָט ער געהערט עמיצער לויבט זייַנע מעלות האָט ער געשמייכלט צו זיך, דאָס האָט אים הנאה געטון, האָט ער געהערט עמיצער טאַדלט אים פאַר זייַנע חסרונות, האָט ער זיך פאַרטראַכט ווי די חסרונות אויסצובעסערן, און ער האָט זיי אויסגעבעסערט אויך.

און געבליט האָט טאַרזיקאַן אונטער דער הערשאַפט פון סאַאיד ריזאַ כאַן. די פעלדער האָבן געגעבן זייער פרוכט, פרויען האָבן זיך געפרוכפּערט, און סאַאיד ריזאַ כאַן האָט אין געדאַנק געזינדיקט: דאָס איז אַלץ אַ דאַנק מיין קלוגער, געַרעכטער הערשאַפט. וואָרהאַפטיק, איך בין דער בעסטער מושל.

און ער האָט ניט געוואוסט, סאַאיד ריזאַן כאַן, אַז ווען אין לאַנד איז אַ גערעטעניש איז דער הערשער אַ געראָטענער, ווען אין לאַנד איז אָבער אַ טרוקעניש איז דער הערשער אַ טויגעּנישט.

און אַ טרוקעניש איז אָנגעקומען אויף טאַרזיקאַן, אַ טרוקעניש, אַז קיין אַלטע לייט האָבן ניט געדיינקט אַזעלכע. וואָכן נאָכאַנאַנד איז דער הימל געווען פאַרשלאָסן. די תּבֿואות אויף די פעלדער זיינען פאַרברענט געוואָרן, די ערד איז צעשפּאָלטן געוואָרן, טייכן האָבן אויסגעטריקנט, קוואַלן זיינען איינגעשרומפּן, בהמות זיינען געפאַלן אויף די פעלדער, קליינע קינדער האָבן געטרונקען זייערע אייגענע טרערן, דערוואַקסענע האָבן דאָס אויך ניט געהאַט. אויסגעטרוקנט. זיינען מענטשן געפאַלן אויף די פּנימער, געבעטן גאָט ער זאָל שיקן רעגן, די פעלדער געמאָסטן, יונגע מיידלעך, בתולות, זיינען אין האַלבער נאַכט נאַקעטע אַרומגעגאַנגען, אַרומגעקרייזט די פעלדער, געבעטן גאָט ער זאָל עפענען די הימלען, אָבער אַ פאַרשלאָסענער איז דער הימל געהאנגען, אַן אָנגעגליטער דאַך איבער אַ פאַרברענטער ערד, און קיין טראָפּן רעגן צו באַנעצן די טרוקענע ליפּן, קיין לינד ווינטל צו קילן די פאַרשמאַכטע געזיכטער, קיין קערנדל ווייץ צו נעמען אויף די לויז־געוואָרענע ציין.

פון הונגער און דורשט וואָלט געווען אויסגעגאַנגען דאָס פאָלק ווען ניט דער גערעכטער, ווייטזעוודיקער סאַאיד ריזאַ כאַן. געלייענט האָט ער אין די אַלטע מגילות פון טאַרזיקאַן וועגן טרוקענישן וואָס קומען דאָרט פאָר, און אין די יאָרן ווען זאַנגען האָבן זיך געבויגן אונטער דער משא פון די קערנער האָט ער געזאַמלט ווייץ אין זיינע שפּייכלערס, זאַק צו זאַק, קערץ צו קערץ, און ווען אָט די טרוקעניש איז געקומען, ער האָט געזען דאָס פאָלק הונגערט, האָט ער געעפנט די שפּייכלערס און געהייסן יעדן איינעם קומען, נעמען וויפיל אים קומט לויט דער צאָל נפשות וואָס ער האָט פאַרמאָגט.

ווי היישעריקן אויף אַ פעלד האָט זיך אַרונטערגעלאָזט דאָס פאָלק אויף די שפּייכלערס מיט ווייץ, און עס וואָלט דאָרט קיין קערנדל ניט געבליבן ווען ניט דער מעסיקער סאַאיד ריזאַ כאַן וואָס האָט געהאַט דעם מוט ווידערצושטיין די גיריגקייט פון דעם הונגעריקן, לערנען מעסיגקייט אויף אַ הונגעריקן מאָגן.

נאָכדעם ווי ער האָט פאַרטיילט די ווייץ צווישן פאָלק איז ער אַרויסגעגאַנגען אין גאַס, הערן וואָס ריידן מענטשן איצט נאָכדעם ווי זיי האָבן אָפּגעעסן צו זאַט. און ער האָט געהערט ווי מ'האָט אים געלויבט און געבענטשט פאַר זיין חכמה צו פאַרגרייטן ווייץ און פאַר זיין גוטסקייט

די ווייץ צו פאַרטיילן צווישן פאָלק, ער האָט אויך געהערט ווי איניקע האָבן אים געטאַדלט, ער האָט געגעבן צו ווינציק, האָט ער געשמייכלט: שווער צופרידנצושטעלן דעם הונגעריקן. דער הונגעריקער וויל אין איין מאָל אַריינכאַפּן פאַר דריי — פאַר נעכטן, היינט און מאָרגן. אָבער פאַר דעם מאָרגן טוט ער, סאַאיד ריזאַ כאַן, זאָרגן. אין די שפּייכלערס איז פאַראַן נאָך גענוג תּבֿואה, דאָס האָט ער באַהאַלטן פאַר זריעה. ביין, ער האָט זיך ניט פאַרטראַכט איבער די תּרעומות פון די וואָס האָבן גע־מורמעלט, ווייל ער האָט געוואוסט אַז דער דער גערעכטער איז ער.

און ווען ער האָט דערהערט ווי איינער, האַי חאַמסאַן האַמאַדי, אַ שטענ־דיקער גראַמבלער, האָט גערעדט וועגן דעם אַז ביי סאַאיד ריזאַ כאַן שטייען די פערד און עסן האָבער אַזש זייערע פעלן גלאַנצן, בעת אונזערע פערד פאַלן אויף די פעלדער פון הונגער, האָט ער אים אַ פרעג געטון: און וויפיל פערד האָסטו עס, האַי חאַמסאַן האַמאַדי?

— איך? — האָט האַי חאַמסאַן האַמאַדי איבערגעפרעגט און געקוקט מיט חשד אויף דעם וואָס פרעגט אים אַזאַ פראַגע, — איך האָב קיין פערד, אָבער...

סאַאיד ריזאַ כאַן האָט אַ שמייכל געטון און געזאָגט צו אים: קום מאָרגן אין פאַלאַץ צו סאַאיד ריזאַ כאַן, וועסטו דאָרט טרעפן דעם שטאַל־מייסטער, וועט ער דיר געבן אַ פערד און אויך האָבער פאַרן פערד, זע אָבער דו זאָלסט דעם האָבער אַליין ניט אויפעסן.

דאָס איז געווען סאַאיד ריזאַ כאַנ'ס ערשטער פעלער. אַ הערשער קען פאַרטראָגן תּרעומות, ער קען אָבער ניט פאַרטראָגן קיין וויץ, נאָך ווינציקער קען ער זיך דערלויבן צו פּראַווען אַ וויץ. און דאָס איז געווען אַ וויץ. האַי האַמסאַן האַמאַדי איז טאַקע געקומען, דער שטאַלמייסטער האָט אים אַריינגעפירט אין די פערד־שטאַלן, אים געהייסן זיך אויס־קלייבן אַ פערד, און ער האָט אויסגעקליבן דעם ערגסטן בלויז דערפאַר ווייל ער איז געווען דער גרעסטער. זעק מיט האָבער האָט ער אָנגעלאָדן אויפן פערד און אַוועקגעריטן אַהיים אַ צופרידענער, אַ גליקליכער. האַי האַמסאַן האַמאַדי מיט אַ פערד! ער האָט עס קיינמאָל ניט געהאַט. אָבער דער איינער פערד, געגעבן האַי האַמסאַן האַמאַדין אין אַ וויץ, האָט גע־בראַכט מער שאָדן ווי די גאַנצע ווייץ וואָס סאַאיד ריזאַ כאַן האָט פאַר־טיילט האָט געטון גוטעס.

די נייעס אַז האַמאַדי האָט געקראָגן אַ פערד פון סאַאיד ריזאַ כאַנ׳ס שטאַלן און נאָך האָבער דערצו האָט זיך פאַרשפּרייט ווי בוימל אויפן וואַסער, און יעדער איינער, צי ער האָט געהאַט אַ פערד און דער פערד איז געפאַלן פון הונגער, צי ער האָט נאָך געהאַט אַ פערד און עסן פאַר אים אויך, און אַפילו די וואָס האָבן קיינמאָל ניט געהאַט קיין פערד האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אין רעדלעך און גענומען פאַדערן: פערד! סאַאיד ריזאַ כאַן האָט שטאַלן פול מיט פערד, שפּייכלערס פול מיט תבואה, זאָל ער פאַרטיילן די פערד, זאָל ער צעגעבן דעם האָבער ווי ער האָט פאַרטיילט די ווייץ. ווען דער המון אויפן מאַרק איז געוואָרן צו גרויס, זייערע געשרייען צו הויך, האָבן סאַאיד ריזאַ כאַנ׳ס אָרדנונגס היטער זיך אַריינגעריסן אין המון, פאַרנומען די הויפּט שרייער, דריי אָרימע קערלען, זיי אַוועקגעפירט אין געפענקעניש און דעם המון צעטריבן.

דאָס איז געווען דער צווייטער פעלער סאַאיד ריזאַ כאַנ׳ס. אַ הערשער מעג דערלאַנגען אַ פּאַטש, נאָכדעם געבן אַ גלעט, דער גלעט פאַרגלעט דאַן דעם פּאַטש און דער הערשער בלייבט אַ גוטער הערשער; גיט ער אָבער פריער אַ גלעט, נאָכדעם אַ פּאַטש, פאַרגייט דער גלעט און דער פּאַטש באַשטייט און ער בלייבט דער שלעכטער הערשער. די זון האָט נאָך ניט געהאַט פאַרענדיקט איר פולן גאַנג און אויפן מאַרק־פּלאַץ האָט זיך שוין אויפסניי פאַרזאַמלט אַ גרויסער המון. אַ זשומעריי ווי פון בינען נאָר וואָס אַרויס פון בינשטאָק, און באַלד איז דאָס זשומען איבערגעדעקט געוואָרן פון אַבדולאַה על נאַהאַבי׳ס מעכטיקער שטימע: סאַאיד ריזאַ כאַנ׳ס שטאַלן זיינען פול מיט פערד און ווען מיר, ביי וועמען די פערד זיינען געפאַלן פון הונגער, פאַדערן אַ פערד, זעצט מען אונז אין תפיסה. האַקט אָפּ די שלעסער, צעברעכט די ווענט פון דער תפיסה, באַפרייט די מאַרטירער פון זייער געפענקעניש!

גרויס איז געווען דער המון, נאָך גרעסער די אויפרעגונג. זיינען די אָרדנונגס היטער אַוועקגעלאָפן צו סאַאיד ריזאַ כאַן, אים דערציילט וואָס עס קומט פאָר, אים איבערגעגעבן וואָס אַבדולאַה על נאַהאַבי האָט געזאָגט. האָט סאַאיד ריזאַ כאַן אַ שמייכל געטון: אַזוי גאָר, ד ע ר רויבער! — זעט איר שוין, — האָט ער זיך געווענדעט צו די אָרדנונגס היטער, — וואָס איר האָט אָפּגעטון, איר האָט אָפּגעהאַקט דעם עק פון הונט, אַריינגעזעצט אַ פּאָר אָרימע שלעפּערס אין תפיסה, און דעם הונט גופא געלאָזן פריי.

— באַפעל, און מיר וועלן אים שמידן אין קייטן.

דאָ האָט סאַאיד ריזאַ כאַן געמאַכט דעם דריטן טעות. זיך געלאָזט אויף אַ גלייכן וועג, גיי — מעג ער זיין ניט דער ריכטיקער, וועט ער דאָך ערגעץ דערפירן. פאַרקערט ווידער, גייט מען זיגזאַג, מעג עס זיין אויפן ריכטיקן וועג, קען מען אין ערגעץ ניט דערגיין. — ניין, — האָט ער גע־זאָגט, — לאָזט דעם הונט זיך אויסבילן, בייסן האָט ער ניט קיין כח.

— זיי גייען צעברעכן די תפיסה!

— שאַדט ניט אַז עס וועט זיין מיט אַ תפיסה ווינציקער, — האָט ער פאַרענדיקט מיט אַ שמייכל, אָפּגעלאָזט די אָרדנונגס היטער און געהייסן זיי זאָלן גיין זען וואָס עס טוט זיך און אים גלייך מעלדן וואָס קומט פאָר. געבליבן אַליין, האָט ער גענומען אַרומגיין איבערן פּאַלאַץ, געטראַכט: אַבדולאַה על נאַהאַבי. אָט ווער עס שטעקט הינטער דעם אַלעם. אַן אַלטער שונא פון דורות לאַנג. ער, דער רויבער, האָט געוואָלט הערשן איבער טאַרזיקאַן, אָבער דאָס פאָלק האָט זיך אָפּגעקערט פון אים, ניט געוואָלט פון אים וויסן, איצט וויל ער דאָס כאַפּן פיש אין מוטנע וואַסער. מ׳נאַ, מיר׳ן זען. דאָס פאָלק איז אויפגערעגט, אָבער דעם גאַנצן שכל האָט עס דאָך ניט פאַרלאָרן. ער וועט רעדן צום פאָלק. און דעם אַבדו־לאַה... אים געדאַרפט אפשר אויסשניידן דעם צונג, אָבער ניין, ער וועט אים אַפילו אין תפיסה ניט פאַרשפאַרן, זאָל ער ניט ווערן קיין מאַרטירער. דער טאַפּ וועט זיך איבערקאָכן... פונדעסטוועגן האָט ער באַפוילן צו פאַרשטאַרקן די וואַך ביים פּאַלאַץ.

— זיי האָבן צעבראָכן די תפיסה, אַרויסגענומען די געפאַנגענע און איצט לאָזט זיך דער המון צום פּאַלאַץ, — האָבן געמאָלדן די אָרדנונג־היטער.

— גוט, זאָל דער המון קומען, איך וועל צו אים ריידן, — האָט סאַאיד ריזאַ כאַן רואיק געענטפערט די דערשראָקענע אָרדנונג־היטער. פאַר־נויגנדיק זיך פאַר אים, האָבן זייערע אויגן געפרעגט: וואָס מיינט די רואיקייט, וואָס באַדייט די זיכערקייט? זיי האָבן אָבער גאָרניט געזאָגט. סאַאיד ריזאַ כאַן האָט זיי באַפוילן גיין זאָגן דער וואַך, אַז ווען דער המון וועט קומען זאָלן זיי ניט שטעלן זיך אַנטקעגן, צולאָזן אַלעמען.

ווי אַ כוואַליע צום ברעג ים האָט צוגעשטראָמט דער המון צום פּאַלאַץ, צוגעשטראָמט און, דערזעענדיק די וואַך, זיך אַ צי געטון אויף צוריק. די וואַך האָט ניט אַרויסגעוויזן דעם מינדסטן חשק צוריקשלאָגן

דעם המון, בלויז געבעטן פאַרהאַלטן זיך רואיק, סאַאיד ריזאַ כאַן וויל רעדן צום פאָלק.

באַלד האָט סאַאיד ריזאַ כאַן זיך באַוויזן. ער האָט אויפגעהויבן אַ האַנט און אַ שטילקייט איז אַנטשטאַנען אַז מ'האָט געקענט הערן דאָס אָטעמען פון המון. אין אָט דער שטילקייט האָט סאַאיד ריזאַ כאַן געלאָזט פאַלן זיינע רייד: איר זייט געוועזן הונגעריק און איך האָב פאַר אייך די שפּייכלערס געעפנט, ווייץ געגעבן. געוויס ניט גענוג. דאָ נאָך ווייץ אין די שפּייכלערס. פאַרגעסט אָבער ניט, באַלד וועט מען ווידער דאַרפן זייען. שוין האָט גאָט זיך דערבאַרימט, דעם ערשטן רעגן געשיקט, די פאַרהאַרטעוועטע ערד האָט ביסלעכווייז גענומען איינזאַפּן גאָט'ס גנאָד, נאָך אַ רעגן, און יעדער וועט דאַרפן אַרויסגיין אין פעלד אַקערן, זייען. ווער עס האָט אַ פערד וועט עס טון מיט זיין פערד, ווער עס האָט ניט קיין פערד זאָל אַרויס מיט זיין אייזל אָדער אָקס און אין ערגסטן פאַל זאָל דער מענטש זיך אַליין איינשפּאַנען און די ערד צעאַקערן. עס שטייען פערד אין מיינע שטאַלן, זיי זיינען אָבער ניט קיין אַקער־פערד, רייט־פערד זיינען זיי, טויגן ניט צום אַקערן, און צוויי צענדליק פערד קענען ניט צע־אַקערן דאָס גאַנצע לאַנד, זיי קענען אָבער געבוירן נאָך עטליכע פערד פון ריינסטן יחוס. אויך די ווייץ וואָס ליגט אָנגעגרייט פאַר זריעה טאָר ניט אַרויסגעגעבן ווערן איצט, ווייל די בעסטע זריעה־ווייץ וועט אויפ־געעסן ווערן היינט, וואָס וועט איר זייען מאָרגן? פּונקט ווי אין די זאַטע יאָרן דאַרף מען זאָרגן פאַר אַ יאָר פון טרוקעניש, דאַרפן מיר איצט אין הונגער־יאָר זאָרגן פאַר דעם קומענדיקן יאָר, ניט אויפעסן די זריעה. אַ נאַר איז דער וואָס איז מקריב דעם מאָרגן צוליב אַ שטיקל היינט. גייט געזונטערהייט אַהיים און זאָל גאָט אייך באַגלייטן אויף אייער וועג.

סאַאיד ריזאַ כאַן האָט אָפּגערעדט, זיך איינגעהערט צו דער שטיל־קייט וואָס איז אַנטשטאַנען נאָך זיינע רייד, זיך צוגעקוקט צום המון, געזען אייניקע פאַרקירעווערען זיך אַהיים, האָט ער געוואַרט אַנדערע זאָלן נאָכפאָלגן, ווייל אַזוי איז שוין דער המון, איינער גייט פאַראויס די אַנדערע פאָלגן נאָך, און געוועזן צופרידן וואָס מיט זיינע פאַרנינפטיקע רייד האָט ער באַרואיקט די אויפגערעגטע געמיטער. אָבער דאָ האָט אַבדולאַה על נאַהאַבי זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַ הויכן שטיין און אַ גע־שריי געטון: הערט זיך צו וואָס איר האָב אייך צו זאָגן! סאַאיד ריזאַ כאַן

האָט געערדט צו אייך זיסע רייד, צי האָט איר אָבער ניט געפילט דעם גיפט באַהאַלטן אין דעם האָניק? זיינע שפּייכלערס ווערן צעשפּאַרט פון תבואה און ווען מיר, הונגעריקע, קומען נאָך אַ ביסל ווייץ קומט ער אָפּ מיט אַ פּאָר קערנדלעך; זיינע שטאַלן זיינען פול מיט פערד און אונז הייסט ער אַליין זיך איינשפּאַנען אין אַקער; זיינע קעלערס זיינען פול געפּאַקט מיט די עלטסטע ווײַנען און ווען מיר ווערן פאַרשמאַכט פון דורשט הייסט ער אונז שלינגען אונזער אייגענע שפּייעכץ. נידער מיט סאַאיד ריזאַ כאַן! רייסט אויף די שפּייכלערס! ברעכט אויף די שטאַלן ווי מיר האָבן אויפ־געבראָכן די תּפיסה! עפנט די קעלערס!

— נידער מיט סאַאיד ריזאַ כאַן! — האָט עס אַ דונער געטון, און דער המון האָט זיך אַ לאָז געטון. די וואַך האָט אויסגעשטעלט די שפּיזן. בלוט וואָלט זיכער זיך געגאָסן ווען ניט סאַאיד ריזאַ כאַן. ער האָט אויפ־געהויבן די האַנט און שטרייננג באַפוילן דער וואַך: האַלט! און צום המון האָט ער זיך געווענדעט: — קינדער! — האָט ער אַ זאָג געטון מיט אַ פּאַטערליכער שטים,— לאָזט זיך ניט פאַרפירן פון אָט דעם...

— נידער מיט סאַאיד ריזאַ כאַן! — האָט אַבדולאַה על נאַהאַבי אַ געשריי געטון און זיין שטימע איז געווען שטאַרקער פון סאַאיד ריזאַ כאַנ'ס. — נידער! — האָט דער המון נאָכגעשריען און זיך אַ לאָז געטון צו די שפּייכלערס...

איז געשטאַנען סאַאיד ריזאַן כאַן, צוגעקוקט ווי דער ווילדער המון האָט געבראָכן שלעסער און טירן, און ביטער געטראַכט: און איך האָב געדיינקט זיי באַרואיקן מיט שכלדיקע רייד. וואָס טויגן שכלדיקע רייד ווען אַבדולאַה על נאַהאַבי האָט אַ געמבע? מיט שכל קען מען די וועלט אויסטייטשן, רעגירן די וועלט מוז מען מיט בייטשן. בייטשן! בייטשן! אַ בייטש איז אָבער אַ ווייכער סצעפּטער, בלוט אַ שיטערער באָדן פאַר אַ הערשער שטול, און ווער וויל דאָס הערשן איבער טויטע? ניין, איידער פאַרגיסן בלוט זאָלן זיי בעסער פאַרגיסן די ווײַנען, זאָלן זיי צעשלעפּן די תבואה, זאָלן זיי. די תבואות, די ווײַנען — דאָך זייערע. דאָס פאָלק האָט געגעבן, דאָס פאָלק מעג נעמען. די קלוגערע וועלן באַהאַלטן פאַר זריעה, די נאַראָנים? זיי, און דער עיקר אָט דער אַבדולאַה... אים...

די זון האָט דערוויילי פאַרענדיקט איר גאַנג. נאַכט האָט זיך אָרונ־טערגעלאָזט, און דער המון האָט זיך נאָך אַלץ ניט אָנגעזעטיקט מיט זיין

צעשטערונגס אַרבעט. די תבואה איז שוין געווען צעשלעפּט און צע־
שאָטן, דער המון איז געווען פאַרנומען מיט די וויינען. פאַס נאָך פאַס
האָט מען אַרויסגעקייקלט פון קעלער, אויפגעבראָכן דעם שפּונט און וויין
האָט זיך געגאָסן. פיל שיכּורע האָבן זיך שוין געוואַלגערט אין הויף, און
דער המון האָט נאָך אַלץ געטרונקען, געזונגען, געשריען, דער איינציקער
ניכטערער צווישן זיי — אַבדולאַה על נאַהאַבי. אַ ניכטערער איז ער
אַרומגעגאַנגען, געמונטערט צום טרינקען, געטרייצט צו גוואַלטאָטן, און אין
דער פינסטערניש פון דער נאַכט האָט פּלוצלונג אויפגעפלאַמט אַ פייער.

— לעשן! — האָט סאַאיד ריזאַ כאַן אַ געשריי געטון, געגומען רופן
די וואַך, די אָרדנונג היטער. צו זיין גרויסן צער האָט ער דערזען אַז
אויך זיי האָבן זיך צוגעכאַפּט צו די וויינען און שיכּורע געשריען, געזונ־
גען. און דאָס פייער האָט זיך געשפּרייט אַלץ ווייטער און ווייטער, פון
די שפּייכלערס איז עס אַריבערגעשפּרונגען צו די פערד־שטאַלן. די
פערד האָבן געגומען הירזשען, קלאַפּן, טופּען. — ראַטעווען די פערד!
— סאַאיד ריזאַ כאַן האָט זיך אַ לאָז געטון צום שטאַל וואו זיין באַליבט
פערד „דער אדלער" איז געשטאַנען.

— איצט בין איך אויפן פערד, — האָט ער דערהערט, און איינקוקנ־
דיק זיך גוט, האָט ער דערזען אַבדולאַה על נאַהאַבי'ס גרינזענדיק פּנים,
זיין אָרעם איז געווען איבערגעצויגן איבערן „אָדלער'ס" רוקן, גרייט זיך
אַרויפכאַפּן אויף אים.

— ביסטו?

די גאַנצע געדולד, אָנגעצויגן אין פאַרלויף פון טאָג, האָט געפּלאַצט
אין דעם איינעם וואָרט „ביסטו?" די גאַנצע אויפרעגונג פון טאָג האָט
זיך אַריינגעשפּאַרט אין דעם איינעם פאַרקלעמטן פויסט וואָס האָט זיך
אַ יאָג געטון צו אַבדולאַה'ס געזיכט און אים אומגעוואָרפן מיטן נאַקן
צום באָדן. ציטערנדיק פון אויפרעגונג, האָט סאַאיד ריזאַ כאַן אַרויס־
געפירט זיין פערד פון שטאַל, זיך אַרויפגעזעצט און אַוועקגעריטן.

הינטער אים האָבן פלאַמען זיך געהויבן, זיך געצויגן, באַלויכטן דעם
הויף, זיין הויף, זיין פּאַלאַץ איינגעהילט אין פלאַמען, פאַר אים האָט זיך
געשפּרייט די פינסטערניש; הינטער אים האָבן זיך געהערט די ווילדע
קולות פון דעם שיכּורן המון, גאָר נאָענט הינטער אים די געשרייען פון
אַבדולאַה על נאַהאַבי און אַנדערע נאָכיאָגער, פאַר אים האָט זיך גע־

שפּרייט די שטילקייט פון דער נאַכט, און סאַאיד ריזאַ כאַן האָט געריטן אויף זיין אָדלער אין דער פינסטערניש און אין דער שטילקייט אַריין. דאָס פייער הינטער אים האָט פאַרפינסטערט זיין קוק, די קולות האָבן פאַרטויבט זיינע אויערן, אין זיין רוקן האָט ער געפילט די פאַרצערנדיקע פלאַמען און אין קאָפּ האָט געעגבערט אַ שאַרפער געשריי: איז דאָס די שטימע פון פאָלק, די שטימע פון גאָט? אַוועק פון דעם פייער, אַוועק פון די קולות! ווייטער! ווייטער פון זיי! טראָג זיך, אָדלער!

דער אָדלער איז געפלויגן, זיינע פיס האָבן קוים באַרירט די ערד, אַבדולאַה און זיינע מיטיאָגער זיינען געבליבן הינטערשטעליק אַלץ מער און מער, און דער אָדלער האָט ניט נאָכגעלאָזט אין זיין טראָט. ער איז געלאָפן אין פולן שוואונג ווען ער האָט מיט אַמאָל — און צו שפּעט — דערשפּירט אַ טיפן גרובן פאַר זיך. דערשפּירט, האָט ער זיך אַ צי געטון אויף צוריק, זיך אַ שטעל געטון אויף די הינטערשטע פיס, סאַאיד ריזאַ כאַן האָט זיך אַזש אַ רוק געטון פון זיין אָרט. אַ צעטומלטער האָט ער אַ דריק געטון די שײנקלען, איינגעגראָבן די שפּאָרן אין פערד'ס דיך. דער אָדלער האָט זיך אַ דריי געטון, ראַפּטאַם אַרונטערגעלאָזט די פאָ־דערשטע פיס, אַרונטערשליידערנדיק דעם רייטער אין אָפּגרונט אַריין.

ווען סאַאיד ריזאַ כאַן האָט געעפנט די אויגן האָט אים די פינסטער־ניש אַ שלאָג געטון אין פּנים. ער האָט דערפילט ערד אונטער זיך, דער־פילט זיין קערפּער, ווייטיק אין קערפּער, דערהערט אַ גערויש, און מיט פאַרגרעסערטע, אָנגעשטריינגטע אויגן דערזען אַ שטערן אין דער הויך. די אויערן האָבן פאַרנומען דעם גערויש און סאַאיד ריזאַ כאַן האָט באַגריפן דאָס איז דער גערויש פון אַ שטראָם וואַסער.

וואַסער! ער האָט מיט אַמאָל דערפילט אַ טרוקנקייט אין קעל, אַ שמאַרצן, אַ ברענעניש אין זיינע גלידער. ניט באַגרייפנדיק וואו ער געפינט זיך, האָט ער זיך געצויגן מיט זיין גאַנצן קערפּער צום וואַסער, און דערגרייכנדיק אַהין, גענומען טרינקען גיריק, נאָכדעם האָט ער גע־באָדן זיין פּנים, די הענט, די וואונדן אויף זיין קערפּער. אָנגעטרונקען און אַרומגעוואַשן זיך, איז ער געליגן אויפן רוקן, געקוקט צום הימל, צו די עטליכע שטערן וואָס זיינע אויגן האָבן שוין איצט געזען, און אים האָט זיך געדוכט אַז די שטערן זעען אים אָט ווי ער זעט זיי. קוקנדיק אויף די שטערן האָבן די אויערן גלייכצייטיק פאַרנומען דעם גערויש פון

וואַסער און, איינהערנדיק זיך אין אָט דעם גערויש, האָט ער דערפילט אַזאַ מאָדנע מעלאָדישע גלעטעניש אין די אויערן, אַזאַ שטילן אויפריכטיקן טאָן אין דעם געמורמל. רעדט ניט דאָס וואַסער צו אים? עס רעדט אַזוי פאַרטרויליך. רעד נאָך, רעד נאָך. און מערקווירדיק, דאָס וואַסער רעדט אָן אַן אויפהער, דאָך קען ער הערן די שטילקייט אַרום, און, נאָך מערקווירדיקער, אויך די שטילקייט רעדט צו אים. און די שטערן, דאָס וואַסער, די ערד, די שטילקייט, וואָס זאָגן זיי אים אַזוינס וואָס ער פילט זיך אַזוי רואיק, אַזוי גוט? וואו איז ער?

אַ הויף, אַן אויפגערעגטער המון, ליאַרמען, געשרייען, איינער קאַטשעט אַ פעסל וויין, פאַלט און קאַטשעט זיך מיטן פעסל. שיכּורע געשרייען, דאַן פייער... פערד. דער אָדלער. וואָס האָט פאַסירט? דער אָדלער האָט אים אַרונטערגעוואָרפן. אַבדולאַה האָט זיך מסתּם אַרויפגעכאַפּט... אַבדולאַה על נאַהאַבי... פאַלק... די שטימע פון פאָלק איז די שטימע...

דאָס איז די שטימע פון גאָט. די שטערן, דער שטראָם וואַסער, די שטילקייט, די ערד אויף וועלכע ער ליגט — אַלץ רעדט צו אים און דאָס רעדט די שטימע פון גאָט: איך בין אין שימער פון די שטערן, אין געמורמל פון וואַסער, אין דער געשפּאַנטקייט פון דער שטילקייט, אין שאָרך פון יעדן זעמדעלע, אין דיר גופא, אין דיר, מיט דיר, איבער דיר. מלא כל ארץ כבודו.

די וואונדן האָבן מער ניט געשמאַרצט, ער האָט זיי ניט געפילט, ער איז געליגן מיטן פּנים צום הימל, געקוקט אויף די שטערן, פאַרנומען דעם וואַסער גערויש, און ס׳איז אים געווען אַזוי גוט ווי נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן. און ווען די זון האָט גענומען אַרויסגיין האָט ער דערפילט ניט נאָר אַ פרייד וואָס דער טאָג קומט אָן, ער האָט געפילט די זון גייט אויף אין אים, פאַרשפּרייט זיך אין און איבער זיינע אַלע גלידער.

ער האָט זיך אויפגעהויבן, באַטראַכט זיינע וואונדן, זיי אויסגעוואַשן און פאַרבונדן און זיך געלאָזט גיין זוכן אַ וועג, אַרויס פון דעם אָפּגרונט וואוהין זיין פערד האָט אים אַריינגעוואָרפן. אַ טיפער אָפּגרונט, אַ שווערער וועג אַרויף, אָבער סאַאיד ריזאַ כאַן האָט ניט געפילט קיין מידיקייט. די זון האָט אים געוויזן דעם וועג, דער גערויש פון וואַסערשטראָם האָט אים באַגלייט.

פון דאַן אָן וואַנדערט סאַאיד ריזאַ כאַן צווישן באַרג און טאָל, און וואו ער זאָל ניט זיין, אויף פעלזיקע באַרג־שפּיצן אָדער אין טיפע אָפּ־גרונטן, אין ווילדן וואַלד אָדער נאַקעטן מדבר, אויף גרינע לאָנקעס אָדער ברייטע טייכן, איבעראַל הערט ער גאָט׳ס שטים רעדן צו אים. צווישן מענטשן קומט ער אָבער קיינמאָל, זעלטן ווען ער באַגעגנט עמיצן.

דער פרעמדער איז אַנטשוויגן געוואָרן. דער אַלטער האָט געקוקט אויף אים מיט פאַרזשמורעטע אויגן און געוצומען רײדן:

— האָסט אַ סך געלערנט ביים שטראָם וואַסער, סאַאיד ריזאַ כאַן. אומזיסט דיין איבערגעשראָקענער קוק. דו האָסט גערעדט ניט נאָר מיט דיינע ליפּן און איך האָב געהערט ניט נאָר מיט מיינע אויערן. מ׳דער־קענט דעם פויגל לויט זיין געזאַנג. האָסט אַ סך געלערנט ליגנדיק ביים שטראָם וואַסער, האָסט נאָך פונדעסטוועגן אַ סך צו לערנען ביים שטראָם פון לעבן... יאָ, אויך דאָרט קען מען עפּעס הערן אויב מ׳הערט זיך נאָר צו ווי עס באַדאַרף צו זיין, ניט נאָר מיט די אויערן... אָבער דו ביסט נאָך יונג, וועסט נאָך לערנען. ווייל אָבער דו ביסט נאָך יונג, זאָג מיר, איך בעט דיך, דיר בײנקט זיך גאָרניט נאָך דיין הערשאַפט?

סאַאיד ריזאַ כאַן האָט אַ לאַנגן קוק געטון אויפן אַלטן. דער אַלטער האָט געענטפערט מיט אַ שמייכלענדיקן קוק. סאַאיד ריזאַ כאַן האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגן און מיט אַ רואיקער שטימע געענטפערט: און ווייסטו וואָס נאָך גאָט האָט מיר געזאָגט דאַן ווען איך בין געליגן אין אָפּגרונט ביים שטראָם וואַסער? הערשאַפט קומט און הערשאַפט גייט, און די וועלט בלייבט אייביק; הערשאַפט קומט און הערשאַפט גייט, און די שטערן שטעלן זיך ניט אָפּ אין זייער לויף.

און איך האָב פאַרנומען די שטים פון גאָט.

און איצט, אַ דאַנק דיר, גוטער אַלטער, פאַרן אויסהערן מיין געשיכטע. איך גיי מיר מיין וועג. זאָל גאָט זיין מיט דיר ווי ער איז מיט מיר.

סאַאיד ריזאַ כאַן האָט זיך אויפגעהויבן און אַוועקגעגאַנגען זיין וועג.

... דער אַלטער האָט אים נאָכגעקוקט, געשמייכלט...

פ ו י ג ל – פ ר י י

מיט יאָרן צוריק, נאָך אידער טשאַרלז לינדבערג, דער „איינזאַמער אָדלער,“ איז איבערגעפלויגן דעם אַטלאַנטיק, האָבן אין ניו־יאָרק געלעבט צוויי „לופט־פליער,“ די צוויי ברידער ברוך און זרח. אמת, זיי זיינען ניט געפלויגן אויף קיין עראָפּלאַן אָדער גליטשער, זיי האָבן אויך ניט געפּרואווט מאַכען קיין עראָפּלאַן, זייער אַרבעט איז געווען גריבלען זיך אין ביכער, אָבער, גריבלענדיק זיך אין די ביכער, זיינען זיי דאָך געפלויגן אין די הימלען. פון זייער שטודיר־צימער, פון די שמאָלע פענסטער דאָרט האָבן זיי ווען עס איז אַרויסגעקוקט אין דרויסן, און, דערזעענדיק אַ פויגל פאַרבייפליען, האָבן זיי מיט פאַרביינקטע בליקן נאָכגעפאָלגט דעם פויגל: אַי, ווען דער מענטש זאָל קענען זיך אויפהויבן איבער דער ערד, זאָל קענען פליען ווי דער פויגל, זאָל זיין פ ר י י ווי דער פויגל!

ניט אַזוי דאָס פליען ווי די פרייהייט פונם פויגל האָט געלאָקט די צוויי ברידער. פויגל און פריי איז ביי זיי געווען איין וואָרט — פויגל־פריי. פריי ווי אַ פויגל.

איז געגאַנגען דער יונגערער ברודער זרח און האָט זיך איינגעהאַנדלט אַ פויגעלע — אַ קאַנאַריקל. אַ שיין, געלבליך קאַנאַריקל, אַ פיצעלע פויגעלע, פיסעלעך — שטרויעלעך, אַ שנעבעלע ווי אַ שוועבעלע, און פון אָט דעם שנעבעלע, פון דעם קליינעם העלזל האָט זיך געטראָגן אַ הילכיקער געטרילער, דאָס גאַנצע הויז האָט עס פאַרהילכט. מיינט אָבער ניט אַז דאָס קאַנאַריקל איז אַרומגעפלויגן איבערן הויז. ניין,

צוזאַמען מיט קאַנאַריקל האָט זרח געקויפט אַ שטייגעלע, מיט אַ שטיינגעלע פאַרן קאַנאַריקל צו שטיין דאַרויף, מיט אַ שיסעלע צום עסן און אַ טעפּעלע צום טרינקען. קורץ, אַ שטייגעלע — אויף אַלע פויגעלעך געזאָגט געוואָרן...

האָט דאָס קאַנאַריקל געעסן, געטרונקען, אַמאָל נאָך „אַרומגעפלויגן" אין שטייגל אויך, פון ווענטל צו ווענטל, פון באָדן צום דאַך, און זרח, פאַרטיפט ווי ער איז געווען אין זיינע געדאַנקען וועגן פרייהייט, אין זיינע חלומות ווי צו באַפרייען דעם מענטשן ער זאָל זיין פויגל־פריי — זרח, דערהערנדיק דאָס קאַנאַריקל זינגען, האָט ער געווענדעט זיין קאָפּ צום פויגעלע און געקוקט אויף דעם מיט פאַרליבטע אויגן.— פויגעלע! קאַנאַריקל מיינס! זינגסט, האַ? ס'איז דיר גוט? אונז וועט אויך זיין גוט. דער מענטש וועט נאָך אויך זיין פויגל־פריי. — גאַנץ אָפט האָט ער טאַקע גערעדט צום פויגעלע מיט פשוטע מענטשליכע רייד, און אַז דאָס קאַנאַריקל האָט אים געענטפערט מיט אַ פאַרצויגענעם טריל, האָט ער נאָך מער ליב געקראָגן דאָס פויגעלע, צוגעשאָטן נאָך אַ ביסל קערנדלעך, אַריינגעגאָסן נאָך אַ ביסל וואַסער, געזען דעם פויגעלע זאָל גאָרניט פעלן. אַ זאַט פויגעלע זינגט בעסער... האָט זיך אָבער געמאַכט, אַמאָל שפּעט אין אָוונט, ווען זרח איז געזעסן פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען און דאָס קאַנאַריקל האָט זיך פלוצלונג צעזונגען, האָט ער זיך דערשראָקן, אויף גיך צוגעגאַנגען צום שטייגל און גענומען רעדן: וואָס האָסטו זיך אַזוי צעזונגען? וואָס איז דיר אַזוי גוט, האַ? דאָס קאַנאַריקל — געמעגט שווערן עס האָט הנאה געהאַט פון זרח'ס ליבע רייד — איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ לאַנגן, געציקלטן טריללער. די קלאַנגען האָבן זיך צעשאָטן אין אַלע ווינקעלעך, זיך געקוילערט איבערן צימער, און דאָ איז שוין שפּעט אין אָוונט, שכנים שלאָפן שוין, ברוך קוקט שוין ברוגז, און די בעסטע געדאַנקען קומען צו זרחן דאַן ווען עס איז זייער, זייער שטיל. האָט זרח זיך געבעטן ביים קאַנאַריקל: נו שאַ, שאַ, גענוג געזונגען. אַזאַ קליין פויגעלע ווי דו דאַרפסט שוין שלאָפן. דאָס קאַנאַריקל, אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט אָבער ניט געוואָלט אַנטשוויגן ווערן און געזונגען נאָך שטאַרקער, נאָך הילכיקער. הע, דאָס טויג ניט. וואָס טוט מען דערצו עס זאָל אַנטשוויגן ווערן? ער האָט געפּרואווט קלאַפּן אין שטייגל, עס האָט אָבער ניט געהאָלפן. דאָס קאַנאַריקל האָט גענומען שפּרינגען פון

װענטל צו װענטל, געװאָרן אומרואיקער און נאָך װאַכער װי פֿריער. רייד האָבן אויך ניט געהאָלפֿן. איז איינגעפּאַלן זרחן — דאָס קאַנאַריקל קען ניט שלאָפֿן װייל ס׳איז ליכטיק אין צימער. פֿינסטער מאַכן, װעט ער אָבער גאָרניט קענען טון, און ער האַלט אינמיטן שרייבן, ברוך איז נאָך אויך ביי זיין שרייב־טיש. איז װאָס טוט מען? געכאַפּט! ער האָט גענומען אַ גרויסע, טונקעלע שאַל און איבערגעדעקט דאָס שטייגל אַזוי אַז קיין ליכט־שטראַל זאָל ניט צוקומען. דאָס האָט גלייך געהאָלפֿן. דאָס קאַנאַריקל איז גלייך אַנטשװיגן געװאָרן און באַלד איינגעשלאָפֿן. זרח איז װידער געזעסן רואיק ביי זיין שרייב־טיש, געשריבן און געטראַכט װעגן פֿרייהייט, װעגן מענטשן פֿריי װי די פֿויגל.

דאָס איז אַלץ װעגן זרחן מיט זיין פֿייגעלע.

ברוך, דער עלטערער ברודער, האָט געלאַכט פֿון זרחן.— אַ פֿויגל האָט ער זיך איינגעהאַנדלט! אויך מיר אַ פֿויגל. אַ קאַנאַריקל! ער האָט זיך פֿאַרשאַפֿט אַ פֿויגל איז עס שוין איינמאָל אַ פֿויגל! ניט עפּעס אַ קאַנאַריקל אין אַ שטייגעלע — אַן אָדלער! אמת, דער אָדלער איז געװוען אַן אויסגעשטאָפּטער. ברוך האָט דעם אָדלער חלילה ניט דער־שאָסן. ברוך װעט שיסן אַ פֿויגל, נאָך אַן אָדלער דערצו! ברוך איז אַ קנאַפּער שיסער, װער שמועסט נאָך שיסן אַן אָדלער! ניין, ברוך האָט אים פּשוט געקויפֿט אין אַ קראָם, געבראַכט אים צו זיך אַהיים און אים אַװעקגעשטעלט אויף אַ הויכן געשטעל פּונקט אַנטקעגן זיין שרייב־טיש. און יעדעס מאָל װען ברוך איז מיד געװאָרן טראַכטנדיק אָדער שרייבנדיק װעגן דעם אַז דער מענטש מוז װערן פֿויגל־פֿריי, האָט ער אויפֿגעהויבן די אויגן צו זיין אָדלער. און מערקװירדיק, דער אָדלער, אַן אויסגע־שטאָפּטער, האָט דאָך געהאַלטן דעם קאָפּ זיינעם אַזוי שטאָלץ, דער שנאָבל האָט אויסגעזען אַזוי טראַציק. קוקנדיק אַ װיילע אויף זיין אויס־געשטאָפּטן אָדלער, זיינען די פֿרייהייטליכע געדאַנקען װידער געקומען צו ברוכן און ער האָט מיט מער אימפּעט געשריבן װעגן דעם אַז דער מענטש מוז ניט נאָר זיין פֿריי װי דער פֿויגל, ער מוז זיין שטאָלץ װי דער אָדלער, זיך ניט אַרונטערלאָזן צו נידעריק, ניט בויגן פֿאַר קיינעם דעם קאָפּ.

זרח האָט חוזק געמאַכט פֿון ברוכ׳ס אָדלער. — אַן אָדלער האָט ער זיך איינגעשאַפֿט! דער אמתער אָדלער! װאָס מ׳פּרעגט אויף אים! אַן אָדלער איז דאָס? אַ פּגירה!

צוליב דעם קאַנאַריק מיטן אָדלער האָבן די צוויי ברידער גאַנץ אָפט זיך דורכגעווערטלט, אַמאָל זיך אַפילו ערנסט געקריגט. דאָס האָט זיי אָבער ניט געשטערט צו זיצן יעדער איינער ביי זיין שרייב־טיש, יעדער פון זיי האָט זיך געקוקט אויף זיין פויגל און געשריבן וועגן די פרייע פויגל, די פויגל־פרייע מענטשן, דער פרייהייט. ביז איינעם אַ שיינעם טאָג, ווען די ברידער האָבן דערהערט אַ מאָדנעם גערויש. אַ ריזיקע בין האָט, דוכט זיך, געזשומעט גלייך אין די אויערן. אָבער דער גערויש קומט פון דרויסן. זיינען זיי צוגעגאַנגען צו די פענסטער, אַ קוק געטון, ערשט זיי זעען טאַקע אַ ריזיקע בין, ניין, אַ גוואַלדיקער זשוק, ניין, אַ... אַן עראָפּלאַן איז געפלויגן. פאַרגאַפטע זיינען זיי געבליבן שטיין ביי די פענסטער, נאָכגעפאָלגט דעם עראָפּלאַן וואָס האָט געבויערט, געעגבערט די לופט. דער עראָפּלאַן איז געפלויגן אַט העכער, אַט נידעריקער, אַט אַזוי נידעריק, ממש דעם פּילאָט צו דערבליקן מיטן נאַקעטן אויג. דער מענטש פליט אין דער לופטן!

דער מענטש פליט! אַט די דריי ווערטער, אַט דער איינער געדאַנק האָט אַרויסגעשטויסן אַלע אַנדערע געדאַנקען. די ברידער זיינען שוין אָפּגעטראָטן פון די פענסטער, אַרומגעגאַנגען איבערן צימער, זיך גע־זעצט ביי די שרייב־טישן, זיך אויפגעהויבן און ווידער אַרומגעגאַנגען. דאָס קאַנאַריקל האָט זיך צעזונגען, דער אויסגעשטאָפּטער אָדלער מיט זיין האַרטן שנאָבל איז ממש געקראָכן אין די אויגן, אָבער ניט זרח האָט געהערט זיין קאַנאַריקל, ניט ברוך האָט געזען זיין אָדלער, זייביידע האָבן געהערט און געזען דעם עראָפּלאַן, ביי יעדן אין קאָפּ האָט געהאַ־מערט דער איינער געדאַנק — דער מענטש פליט. דאָס איז דאָך געווען זייער טרוים. איצט, דער טרוים איז פאַרווירקליכט געוואָרן, דער מענטש האָט זיך אויפגעהויבן איבער דער ערד, זיי וואָלטן געדאַרפט זינגען, טאַנצן פאַר פרייד, דאָך איז זיי אַזוי אומעטיק. דער מענטש פליט, האָט זיך אויפגעהויבן איבער דער ערד און זיי האָבן אַפילו ניט געוואוסט וועגן דעם, קיינער האָט זיי ניט אָנגעזאָגט, זיי ניט גערופן. און זיי, זיי האָבן דאָך יאָרן אַוועקגעגעבן טראַכטנדיק, טרוימענדיק וועגן דעם. ניין, דאָ איז עפּעס ניט גלאַטיק, עפּעס איז דאָ...

אַט דער „עפּעס" האָט ניט געלאָזט רוען די ברידער בייטאָג, ניט געלאָזט שלאָפן ביינאַכט. וועגן שרייבן, טראַכטן איז שוין אָפּגערעדט.

די ברידער האָבן ממש קיין אָרט זיך ניט געפונען, אַזוי צעדרייט זיינען זיי געווען. דאָס האָט אָנגעהאַלטן אַ שטיק צייט.

אין דער צייט האָבן זיך די עראָפּלאַנען פאַרמערט. יעדן טאָג, יעדע שעה האָט מען געקענט זען אַן עראָפּלאַן פליען, און ניט איינעם, עטליכע אויף אַמאָל. מענטשן זיינען שוין אַזוי צוגעוואוינט געוואָרן אַז זיי האָבן שוין אַפילו ניט פאַרריסן די קעפּ ווען זיי האָבן געהערט אַן עראָפּלאַן פליען, סיידן ער איז געפלויגן צו נידעריק אָדער געוויזן קונצן, דרייענדיק זיך אַרויף און אַראָפּ, אָדער גאָר געשריבן עפּעס אין דער לופטן.

איין מאָל, ווען די ברידער האָבן דערזען ווי אַן עראָפּלאַן האָט זיך געדרייט, אַרויסגעלאָזט אַ געדיכטן רויך, און דער רויך האָט זיך גענומען פאַרמירן אין אותיות, האָבן זיי אויך פאַרריסן די קעפּ, געקוקט, נאָכ־געפאָלגט דעם רויך און באַנומען די צוויי ווערטער וואָס דער עראָפּלאַן האָט אָנגעשריבן — „לאָקי סטרייק."

ביידע ברידער זיינען געבליבן שטיין ווי געליימטע.— אָט דאָס אַ! דאַרויף דאַרף מען פליען אין דער לופטן? דאָס הייסט, זיך אויפהויבן איבער דער ערד? אַזאַ עראָפּלאַן אין דער לופטן איז ווי שטאָלצן אויף דער ערד, גייט מען אויף שטאָלצן, רירן די פיס ניט אָן די ערד, אָבער איז דאָס געגאַנגען? און דער עראָפּלאַן, איז דאָס געפלויגן? מיינט אָט דאָס אַ פליען, שוועבן אין דער לופטן? איידער אַזאַ פליען... ביידע ברידער האָבן זיך אַנידערגעזעצט ביי זייערע שרייב־טישן און מיט אימ־פּעט זיך גענומען שרייבן וועגן דעם א מ ת ן פליען, ווען דער מענטש וועט מיט זיינע אייגענע פליגל זיך אויפהויבן איבער דער ערד, פליען טאַקע ווי אַ פויגל. זרח האָט מיט ליבשאַפט געקוקט אויף זיין קאַנאַריקל אין שטייגל, ברוך, אויף זיין אויסגעשטאָפּטן אָדלער, און זיי האָבן געשריבן וועגן פליען, פויגל, פרייהייט.

און ווי די ברידער זיינען אַזוי געזעסן און געשריבן, ערשט אַ פויגל איז ווי אַ פייל אַריינגעפלויגן צו זיי אין שטוב. אַריינגעפלויגן, אַ ווילדע געבליבן שטעקן אין אַ ווינקל אויף אַ געזימס, געמעגט שווערן ער האָט באַטראַכט וואו איז ער דאָס אַריינגעפאַלן, און באַלד גענומען אַרומפליען.

ביידע ברידער האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון זייערע פאַרטיפטע גע־דאַנקען און מיט אויפגעריסענע אויגן גענומען קוקן אויף דעם פויגל וואָס איז אַזוי אומגעריכט אַריינגעפלויגן צו זיי.— וואָס זאָגסטו ניט

דערצו ? — האָבן זייערע בליקן זיך פליכטיק איבערגעפרעגט און ווידער פאַרגאַפּט געקוקט אויף דעם פויגל.

— דאָס איז אַ שוואַלב ! — האָט זרח אויסגערופן.

— וואָס מיר שוואַלב, ווער מיר שוואַלב. אַ פויגל מיט אַ רויטער ברוסט איז ביי אים אַ שוואַלב. דאָס איז אַן אמתער רויטברוסטיקער ראָבין.

דער אמת איז, ביידע ברידער זיינען געווען פאַרליבט אין פויגל, אָבער האַלטן אַ לעבעדיקן פויגל אין האַנט, אים גוט באַטראַכטן אָדער אַפילו נאָר אָנקוקן האָבן זיי קיינמאָל ניט געהאַט די געלעגנהייט. זייערע ידיעות וועגן פויגל האָבן זיי געשעפּט פון ביכער. דאָרט זיינען אַפילו אויך געווען בילדער, אָבער ביידע ברידער זיינען געווען מער געניגט צו לייענען ווערטער ווי צו קוקן אויף בילדער. פון איינקוקן זיך אין איינצעלהייטן אויף די בילדער איז אָפּגערעדט.

און דער פויגל — שוואַלב אָדער ראָבין — אים איז ניט אָנגעגאַנגען וואָס די צוויי אַמפּערן זיך איבער אים ווער ער איז, ער האָט געהאַט בילכערעס צו טון. צוערשט איז ער געפלויגן פון וואַנט צו וואַנט, נאָכדעם האָט ער זיך אַ הויב געטון אַרויף און אָנגעקלאַפּט זיך אָן דער סטעליע מיט אַזאַ קראַפט אַז די ברידער האָבן דערהערט דעם קלאַפּ און האָבן דערשראָקענע אַ קוק געטון אַרויף. אויף דעם פויגל איז אָבער ניט געווען צו מערקן ער זאָל ליידן ווייטיק פון דעם קלאַפּ, וואָס זיי האָבן יאָ באַמערקט, אָדער וואָס זיי האָט זיך געדוכט, איז געווען אַז דער פויגל האָט זיך דערשראָקן. אין זיין שרעק האָט ער זיך אַ לאָז געטון צום פענסטער, דאָרט זיך אָנגעקלאַפּט אָן דער טאַפּליע, אַט אַט גליטשט ער זיך אַרונטער, פאַלט אַרונטער. אָבער ניין. ער האָט בלויז אַ גראַבל געטון מיט די נעגל, און, אָנגעשפּאַרט די פיסלעך אָן גלאָז, האָט ער אַ פלאַטער געטון מיט די פליגל און ווידער גענומען אַרומפליען איבערן צימער.

— אַ בעלן געווען וויסן ווי איז ער דאָס אַריינגעפלויגן דוקא אַהער צו אונז. אַזוי פיל אָפענע פענסטער, גרעסערע פון אונזערע, און אַרייגעפלויגן איז ער צו אונז, — האָט זרח זיך געחידושט.

— זעסט'אך, — האָט ברוך מעשה פּראַקטישער מענטש געענטפערט.

— איך מיין, — האָט זרח ניט אויפגעהערט זיך צו וואונדערן, — וואָס האָט אים געבראַכט אַהער, אַנטלאָפן פון אַ רויב־פויגל וואָס האָט אים

נאַכגעיאָגט, דערפילט אַ שטורעם קומט אָן האָט ער געזוכט אַ באַהעלטע־
ניש, אָדער סתּם פאַרבלאָנזשעט ?
— וואָס איז דער חילוק ? ער איז דאָ און פאַרטיק. דו קוק זיך בעסער צו, זע ס׳אַראַ פליגל, ס׳אַראַ שנאָבל, ס׳אַראַ רויטע ברוסט !
דער פויגל, אַט ווי ער וואָלט טאַקע וועלן אויסשטעלן זיין רויטע ברוסט אַז ביידע ברידער זאָלן זי גוט באַטראַכטן, האָט זיך אַנידערגע־
שטעלט, אַ דריי געטון מיטן קעפל אַהין און אַהער, ניט אַנדערש ער האָט זיי געוואָלט פרעגן : נו, געזען מיין רויטע ברוסט ? ווי געפעלט זי אייך?
די רויטע ברוסט איז געפעלן געוואָרן ביידע ברידער, מער ניט ברוכן האָט עטוואָס פאַרדראָסן וואָס דער פויגל האָט אויסגעקליבן זיך אָוועקשטעלן דוקא אויף אַ רעמל פון אַ בילד, אַ בילד פון זיין געליבטן לערער וואָס האָט דער ערשטער אים געלערנט וועגן פרייהייט. דאָס רעמל, אַפילו אַ שטאַרק רעמל, אָבער דאָס גלאָז, און דאָס בילד שטייט אַזוי משופּע, אַ ליאַדע ריר און דאָס גלאָז וועט צעבראָכן ווערן. ער האָט אַ צי געטון די האַנט צום בילד און דער פויגל האָט זיך גלייך אָפּגעריסן פון אָרט, גענומען אַרומפליען, אים האָט אָבער, קענטיק, געצויגן צום רעמל, מער ניט, אַנשטאַט לאַנדן דאָרויף, האָט ער זיך אַנגעקלאַפּט אָן דעם, דאָס רעמל האָט זיך אַ גליטש געטון, אומגעפאַלן און דאָס גלאָז איז צעשפּאָלטן געוואָרן.
— צעבראָכן ! — האָט ברוך אויסגערופן מיט ווייטיק, אַ כאַפּ טוענ־
דיק דאָס בילד. דער שפּאָלט ליינג אויס דעם גלאָז האָט צעשפּאָלטן דאָס מענטשליכע פּנים אויפן בילד, אים געמאַכט אויסזען אַנדערש, איין באַק העכער, איינע נידעריקער, איין אויג אַריין, איינס אַרויס, אַ גאַנץ אַנדער מענטש, און נאָך אַ ביסל קאָמיש דערצו.
— דו זעסט וואָס ער האָט געטון ?!
— צעבראָכן ?
אין דער פראַגע איז ניט געווען קיין באַדויערונגס טאָן. דער אמת איז, זרח האָט ניט ליב געהאַט ד ע ם לערער, ער האָט זיך געהאַט ז י י ן לערער, און אים האָט קנאַפּ פאַרדראָסן וואָס דאָס גלאָז פון דעם בילד איז צעשפּאָלטן געוואָרן.
ברוך האָט ניט געענטפערט אויף דער פאַרעוועער פראַגע, ער האָט נאָך גוט באַטראַכט דאָס בילד, דעם שאָדן, אַוועקגעשטעלט דאָס בילד

צוריק אויפן טיש, אָבער שוין ניט אַזוי משופע ווי פריער, און געוואָרפן אַ בייזן בליק אויפן פויגל.

דער פויגל — אַן אמתער שאָדן־ווינקל — האָט דערוויל פאַרטשעפּעט אַ דין וואַזעלע אויף זרח׳ס טיש, עס איבערגעקערט, איז דאָס אַרונטערגעפאַלן אויף דער ערד און צעשאָטן געוואָרן אויף שטיקלעך.

האָט שוין זרח זיך אַרונטערגעלאָזט אויפן דיל, געקליבן די שערבלעך און, אויפהויבנדיק זיך, געברומט: אַ שאָד, אַ שאָד, אַזאַ שיין וואַזעלע. ער האָט אויך געוואָרפן אַ פאַרוואורף בליק צום פויגל, אָבער ניט אַזאַ בייזן ווי זיין ברודער. ער האָט בלויז גענומען אַרומקוקן אויף זיין טיש וואָס אַזוינס קען דאָרט נאָך צעבראָכן ווערן און פאַרשטעלט די זאַכן אין ווינקעלעך, צו זיין זיכער זיי וועלן ניט צעבראָכן ווערן. דער פויגל איז אַ מאָדנער פויגל, גאָרניט ווי דאָס קאַנאַריקל, צעברעכט גאָר זאַכן, טוט אַן שאָדן.

ער האָט נאָר פאַרגליכן אין געדאַנק דעם פויגל מיט זיין קאַנאַריקל, ערשט ער האָט דערזען דער פויגל איז לעבן זיין קאַנאַריקל׳ס שטייגל, פּיקט די קערנדלעך דאָרט. דאָס פּיצעלע פויגעלע האָט ניט געוואָגט אָוועקטרייבן דעם פויגל. דערזעענדיק דעם „רויבער" האָט עס גענומען אַרומפליען, אַרומפלאַטערן, זייענדיק נאָענט צו די שטאַכעטלעך האָט עס דערפילט ווי דער שנאָבל פון דעם פויגל האָט זיך אַ יאָג געטון נאָך דעם, איז עס אָפּגעשפּרונגען, זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל און אומרואיק געדרייט מיטן קעפּל הין און צוריק. ערשט ווען זרח האָט זיך דערנעענטערט איז דער פויגל אַנטלאָפן, אַוועקגעפלויגן.

זרח האָט אַ מיש געטון די קערנדלעך, אַ טאָפּ געטון דאָס טעפּעלע וואַסער: עס, קאַנאַריקל מיינס, עס, פויגעלע!

דאָס קאַנאַריקל האָט זיך פאַרצויגן אין אַ טריל. זרח האָט געהערט ווי זיין קאַנאַריקל קלאָגט זיך אויף אָט דעם פויגל מיט דער רויטער ברוסט, אָט דעם...

טאַקע אַ מאָדנער פויגל, זינגט גאָר ניט, רק ער פליט אַרום, טוט אָן שאָדן, עפּעס ניט ווי אַ פויגל דאַרף צו זיין...

דער פויגל, אָפּגעעסן צו זאַט ביים קאַנאַריקל אין שיסעלע, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אָפּרוען, און וואו קלייבט ער זיך אויס דאָס צו טון — אויפן קאָפּ פון ברוכ׳ס אָדלער. טאָמער איז דאָס נאָך געווען קאָרג, האָט

ער נאָך אָפּגעטון אַן ערגערע זאַך — אויסגעליידיקט דעם מאָגן טאַקע אויפן קאָפּ פון אָדלער, ס׳האָט אַזש אַראָפּגערונען אויפן רוקן.

דערזעען אַזאַ זאַך, האָט שוין ברוך אַ שפּרונג געטון: אַרויס! אַרויס־טרייבן אים, אָט דעם...!

ער האָט זיך גענומען יאָגן נאָכן פויגל, אים טרייבן צום אָפענעם פענסטער, געעפנט אויך די טיר, דער פויגל האָט אָבער, ווי אויף צו להכעיס, ניט געוואָלט אַרויס.

— אפשר גאָר וואַרטן ביז עס וועט פינסטער ווערן, אים כאַפּן און אַריינזעצן אין אַ שטייגל. אין שטייגל וועט ער ווערן רואיקער.

— וואָס מיר שטייגל? שטייגל! אַ פויגל איז דאָס? אַ שאָדן־ווינקל איז דאָס? אַן אָנשיקעניש, אַ... אַ קיש, קיש, קיש...— האָט ער גענומען שרייען אָט ווי די מאַמע זיינע האָט אַמאָל געשריען פאַרטרייבנ־דיק הינער. ער האָט געכאַפּט אַ בוך, גענומען פאָכען מיט אים, טרייבן דעם פויגל. זרח האָט אַרויסגעהאָלפן, און קוים מיט צרות איז זיי גע־לונגען אַרויסצוטרייבן דעם פויגל.

— נו אַ פויגל!

— אַזאַ אָנשיקעניש!

— האָסטו געזען אַזעלעכס?

— מילא, נו. פּטור. באַשערט אַ צרה קומט זי צופליען. פאַרמאַך די פענסטער,— האָט באַפוילן ברוך, אָפּווישנדיק זיין אָדלער.

פאַרמאַכט טיר און פענסטער, האָבןביידע ברידער זיך אָוועקגע־זעצט ביי זייערע שרייב־טישן. ברוך האָט נאָכאַמאָל באַטראַכט דאָס צעשפּאָלטענע גלאָז אויפן בילד, זרח האָט געקוקט אויף די שערבלעך פון זיין וואַזעלע.— אַ שאָד, אַ שאָד, אַזאַ שיין וואַזעלע,— האָט זרח נאָכ־אַמאָל אַ זאָג געטון און איבערגעטראָגן זיין קוק צום קאַנאַריקל.

זרח האָט געקוקט אויף זיין קאַנאַריקל אין שטייגל, ברוך אויף זיין אָדלער דעם אויסגעשטאָפּטן, און ביידע האָבן געטראַכט, און ביידע האָבן געטרוימט וועגן דעם מענטשן וואָס וועט זיך אויפהויבן איבער דער ערד, וועט פליען ווי דער פויגל און וועט זיין פויגל־פריי.

די צעבראכענע פידל

אַנטאַניאָ סטראַדיוואַרי — פידל־מייסטער. ניקאָלאָ אַמאַטי — זיין רבי. פראַנצעסקאָ — סטראַדיוואַריס אַ זון. קאַרלאָ בערגאַזי — זיינער אַ תלמיד.

דזשוזעפע טאַרטיני — מאַנאַד, נאָכדעם פידל־שפּילער, קאָמפּאָזיטאָר און טעאָרעטיקער פון מוזיק. זיין באַקאַנטסטע קאָמפּאָזיציע איז „איל טריללאָ דעל דיאַוואָלאָ“ אָדער „דעם טייוול׳ס סאָנאַטע“.

כמעט יעדע פידל סטראַדיוואַריס האָט געהאַט אַ נאָמען. איינע פון זיי, געמאַכט אין 1716, האָט ער באַצייכנט מיט׳ן נאָמען „משיח“.

„דאָס האָלץ איז וויכטיק, אַוודאי, זייער וויכטיק, אַ פידל פאַרהאַלט אין זיך אַלע קלאַנגען וואָס מ׳האָט אויף איר ווען עס איז געשפּילט, אָבער געדיינקט, קינדער, וויכטיק ווי דאָס האָלץ איז אויך דער פּאָליטור, און נאָך וויכטיקער — די אַרבעט, מיין מייסטער...“

— יאָ, דאָ איז אַנטאָניאָ סטראַדיוואַריס, און ווער ביסטו? — האָט דער אַלטער סטראַדיוואַרי, אַ ברוגזער וואָס מ׳האָט אים איבערגעשלאָגן אין מיטן ריידן, אַ פרעג געטון דעם אַריינגעקומענעם.

— איך בין דזשוזעפע טאַרטיני.

— דזשוזעפע טאַרטיני? קיינמאָל געהערט. און פון וואַנען קומסטו, און וואָס ווילסטו?

— איך קום פון פּאַדואַ און וויל אַז דער מייסטער זאָל אַ קוק טון אויף מיין פידל, זי צורעכט מאַכן.

— וואָס?!

די ברעם איבער סטראַדיוואַריס רעכטן אויג האָט זיך אַ צי געטון, אָנגענומען די פאָרמע פון אַ געשריבענעם „חית“. ניט קיין ברעם, נאָר

אַ משופּעדיקער דאַך איבער דעם אויג. — געקומען פון פּאַדואַ צו מיר פֿאַרריכטן אַ פידל! וואָס בין איך וואָס, אַ פידל לאַטוטניק?

זיינע זין און אַרבעטער האָבן זיך איבערגעקוקט, ניט געוואָגט אפילו אַ שמייכל טון. זייערע שטומע בליקן, געווענדעט צום יונגן מאַן פון פּאַדואַ, האָבן געזאָגט: אַ רחמנות אויף דיר, טראָג זיך בעסער אָפּ וואָס גיכער, ווייל...

דער יונגער מאַן, דזשוזעפּע טאַרטיני, האָט אויסגעזען טאַקע זייער נעבעכדיק, ער האָט אָבער ניט באַוויזן די מינדסטע נייגונג זיך אָפּצוטראָגן אָדער אַפילו אַרויסטרעטן פון דער אַרבעטס שטוב. ער האָט אַפּירגענומען די פידל פון אונטערן אָרעם, זי געהאַלטן מיט בײדע הענט פאַר זיך און טרויעריק געקוקט אויף איר.

דער אַלטער סטראַדיוואַרי האָט אַ וואָרף געטון אַ זייטיקן, ברוגזן קוק אויפן יונגן מאַן פונקט דאַן ווען יענער האָט אַפּירגענומען די אויגן פון דער פידל פאַר זיך, און פיר אויגן האָבן זיך באַגעגנט. שטרײנגע אויגן האָט געהאַט אַנטאָניאָ סטראַדיוואַרי, און די ברעמען, געדיכטע, עטליכע לאַנגע האָר אַרויסשטאַרטשענדיק, האָבן גאַר אַנגעוואָרפן אַן אימה, אָבער די אויגן ביי טאַרטינין זיינען פול מיט תחנונים, און דאָס געבעט אַנטקעגן די שאַרפע אויגן, וויקלט זיך אַרום זייער שפּיציקן בליק, און די שאַרפע אויגן שטעכן ניט מער. דער אַלטער גיט אַ צי מיט די אַקסל, ווי איינער רעדט: אַ מאָדנע אַנשיקעניש!

דער „מאָדנע אַנשיקעניש" רעדט ניט. ער שטעלט איין טראָט אומזיכער, אַ צווייטן, און שווייגנדיק טראָגט ער אונטער דעם מייסטער די פידל, האַלטנדיק זי אויף בײדע הענט. אַזוי גיט איבער אַ מאַמע איר קינד צו איר מאַן. טוט דער אַלטער סטראַדיוואַרי אַ קוק אויפן יונגן מאַן, וואַרפט אַ בליק אויף דער פידל, טוט זי אַ צי צו זיך, לויפט איבער איר מיט די אויגן. — וואו, אום הימל'ס ווילן, האָסטו גענומען אָט די פידל?

— ניט וואַרטנדיק אויפן ענטפער, שרייט ער צו זיינע קינדער און אַרבעטער: — דעם מייסטער'ס! דעם מייסטער'ס אַ פידל! ווי קומט זי צו דיר, האַ?

— פּאַדרע באַעמע, דער אָרגאַניסט פון אַסיסי, האָט זי מיר געגעבן, — ענטפערט דער יונגער מאַן אַ צופרידענער, ווי עס איז צופרידן אַ פאַרליבטער ווען זיין געליבטע ווערט געלויבט.

— פאַדרע באַעמע? דעם מייסטער׳ס אַ פידל. זיין „קעפל,״ זיין „בריקל,״ זיין „קאַליר,״ צווישן טויזנט וואָלט איך זי דערקאַנט.— האָט גערעדט צו זיך אַליין דער אַלטער סטראַדיוואַרי.— און וואָס איז מיט דער פידל? — האָט ער זיך געווענדעט צו טאַרטינין,— וואָס דו ביסט געקומען זי פאַרריכטן?

— וועלפישע טענער,— האָט טאַרטיני טרויעריק געענטפערט.

— לאָמיך הערן! — האָט דער אַלטער שטריינג באַפוילן.

אין אַרבעטס שטוב איז שטיל געוואָרן, דאָס טעפל מיט קליי האָט מען אַרונטערגענומען פון פייער. טאַרטיני האָט גענומען שפּילן.

סטראַדיוואַריי׳ס אָפענע האַנט איז פּלוצלונג אויסגעוואַקסן ווי אַ גרויס לעפל ביי זיין רעכטן אויער.— נאָך אַמאָל אָט די נאָטע! נאָך אַמאָל! אָט אַזוי. גענוג.

ער האָט גענומען די פידל צו זיך.— שפּילסט ניט שלעכט.

— און די פידל?

— די פידל וועסטו איבערלאָזן.

— דער מייסטער וועט זי פאַרריכטן?

— גיי אַהיים.

— אָבער איך וואוין ניט אין קרעמאָנא.

— גיי, זאָגט מען דיר!

— און ווען...?

דער אַלטער איז אויפגעשפּרונגען. טאַרטיני האָט אין איילעניש פאַרלאָזט סטראַדיוואַריי׳ס אַרבעטס שטוב. זיין פידל איז אין זיכערע הענט. כאָטש ווען ער זאָל קומען נאָך איר ווייסט ער ניט. אַ מאָדנער אַלטער.

.2

— דעם מייסטער׳ס אַ פידל, דעם מייסטער׳ס אַ פידל,— האָט דער אַלטער גערעדט צו זיך אַליין, געפּירט מיט די פינגער איבערן בויך, רוקן פון דער פידל. אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אין די אויגן ווען ער האָט געטאַפּט דאָס בריקל אונטער די סטרונעס. זיינע זין און אַרבעטער האָבן געענטפערט מיט אַ דייטליכן שמייכל וואָס האָט שטיל געזאָגט:

דו ווייסט, און אַ דאַנק דיר ווייסן מיר אויך, אַז דער אַלטער — אַ גרויסער מייסטער, קיין צווייפל — האָט אָבער ניט געוואוסט וואָס מיר ווייסן, אונזערס אַ בריקל איז אַנדערש, בעסער.

סטראַדיוואַרי האָט אַוועקגעלייגט די פידל, זיך גענומען פאַרען ביים קליי, פאַליטור, ווידער גענומען די פידל אין האַנט, אַ שנאַל געטון אין בויך, אין רוקן, אַ שמייכל געטון. — אַנו, פראַנצעסקאַ, נעם נאָר די פידל!

פראַנצעסקאַ האָט גענומען די פידל, געשנאַלט מיט די פינגער, אַ צופּ געטון אַ סטרונע, געקוקט פרעגעריש אויפן טאַטן. דער פאָטער האָט געשמייכלט, געשאָקלט מיטן קאָפּ. — גיב אַהער די פידל! איר זעט? אָט דאָ איז דאָס האַלץ דינער געוואָרן. פיל אָט דאָ אָ! — ער האָט אַרויפגעלייגט פראַנצעסקאָ'ס שפּיץ פינגער אויף דעם אַנגעוויזענעם פּלאַץ און אַ צופּ געטון אַ סטרונע. — פילסט? אָט דאָ איז ער דער „וואָלף."

— און וואָס וועט דער טאַטע טון?

— אים אַרויסטרייבן, דעם וואָלף! — האָט דער טאַטע געלאַכט. — אים אויסעסן! — ער האָט געצייכנט מיטן פינגער אויפן אָרט וואו דער „וואָלף" האָט זיך געפונען, און צוגעגעבן — אויסשניידן דעם „וואָלף" און אַריינשטעלן אַ „לעמעלע."

ער אַליין האָט געמאַכט די אָפּעראַציע, האָט אַ צופרידענער געקוקט אויף דעם געלונגענעם שטיקל אַרבעט, און דאַך גענומען שאָקלען מיט'ן קאָפּ. — מ'וועט מוזן איבערפּאַליטורן...

ער האָט עס ניט געוואָלט טון. זיין פּאַליטור איז אַביסל אַנדערש ווי דעם מייסטער'ס, און ער וויל ניט איבערפירן דעם קאָליר, כאָטש זיין פאַליטור איז... אַ סך בעסער פונ'ם מייסטער'ס... ער וועט אָבער מוזן, ער'ט מוזן...

3.

— דאָס איז... מיין... פידל? — האָט טאַרטיני אַ דערשראָקענער געפרעגט ווען ער האָט זי דערזען.

— זי איז ניט מיינע, — האָט דער אַלטער מיט אַ טיף קלוגן שמייכל געענטפערט.

— איך מיין...

— שפּיל!

אַ טאָן האָט אויפגעקלונגען, און אַ שמייכל האָט אויפגעלויכטן אויף טאַרטיניס פּנים, זיינע אויגן זיינען פייכט געוואָרן. די אַרבעטער האָבן זיך צוגעהערט און געשמייכלט. ער האָט אויפגעהערט שפּילן, געקוקט, געטאַפּט מיט די פינגער.— אָבער. . .— שרעק האָט זיך געשפּרייט איבער זיין פּנים.— אָבער איך דערקען זי ניט. זעט אויס שענער. איז זי מיינע?

— דיינע, דיינע. ניקאָלאַ אַמאַטיס פידל און ניט סטראַדיוואַריס. סטראַדיוואַרי האָט בלויז אַ קליינע אָפּעראַציע געמאַכט און זי אויפסניי איבערפּאָליטורט. דאָס האָב איך געמוזט טון. געמוזט. ווּעסט דאָרט גאָרניט דערקענען. קום אַהער וועל איך דיר ווייזן. זעסט? אָט דאָ איז אַריינגעקלעפּט אַ ניי שטיקל. נאַ, דאָ האָסטו דאָס אַלטע שטיקל האָלץ. דינער געוואָרן. פילסט עס?

— און זי שפּילט! און נאָך בעסער! און. . .— ער האָט זיך אַ לאָז געטון קושן דעם אַלטן פידל-מייסטער. סטראַדיוואַרי האָט געשמייכלט. — דאַנק דיין פאַדרע דאָרט. און ווי קומט צו דער „קראה" דאָרטן דעם מייסטערס אַ פידל? נו, יונגערמאַן, גיי דיר געזונטערהייט קיין פּאַדואַ, און היט אָפּ די פידל. דעם מייסטערס אַ פידל.

סטראַדיוואַריס אָנזאָג צו היטן די פידל איז געווען איבעריק. אויב טאַרטיני האָט פריער ניט געטרויט די פידל פון האַנט, האָט ער איצט שיר זיך אַליין זי ניט געטרויט. אין זיין גרויס באַגייסטערונג פאַרן נייעם טאָן האָט ער אָנגעשריבן אַ נייע קאָמפּאָזיציע, און ער איז געווען זיכער אַז ניט נאָר ער, נאָר קיינער האָט נאָך אַזאַ גוטע קאָמפּאָזיציע ניט אָנגע־שריבן, און קיינער וועט זי קיינמאָל ניט קענען אַזוי שפּילן ווי ער אויף זיין פידל. ער האָט געהאַלטן אויף דער פידל אַן אויג בייטאָג, און ביינאַכט איז זי געהאנגען ביי זיין בעט צוקאָפּנס.

און איין נאַכט — צי האָט אַ ווינטל אַ בלאָז געטון אויף די סטרונעס פון זיין פידל, צי האָט אַ פאַרליבטער ערגעץ נאָענט געשפּילט אַ סערע־נאַדע צו זיין אויסדערוויילטער— ווי ס'ניט איז, טאַרטינין האָט זיך גע־חלומט אַ מאָדנער חלום. אים האָט זיך געחלומט:

דער טייוול איז זיינער אַ משרת, אַ געטרייער משרת ביז גאָר, דינט אים מיט לייב און לעבן. בריינגט אים אָט דער משרת די שטעק־שיך צו זיין בעט, שטייט און קוקט אויף זיין פידל צוקאָפּנס.

— וואָס קוקסטו אַזוי? קענסט שפּילן?

— איך וואָלט אפשר געקענט נעמען אַ נאַטע, — ענטפערט דער משרת.

— אַנו פּרוביר, — דערלאַנגט ער דעם טייוול די פידל, — אָבער פאַרזיכטיק ווי דו נעמסט זי.

שמייכלט דער טייוול, נעמט די פידל אונטערן קין, טוט ווידער אַ שמייכל, גיט אַ פיר מיטן בויגן, און... ער האָט נאָך אויף זיין לעבן ניט געהערט אַזעלכע טענער. וואו איז ער וואו? אין גן עדן? אויפן הימל?

דאָס שפּילן האָט אויפגעהערט, ער האָט זיך אויפגעכאַפּט. ער האָט אַן עפן געטון די אויגן, אַ טאַפּ געטון די פּערענע אונטער זיך און ראַש זיך אַ הויב געטון. די פידל איז געהאנגען צוקאָפּנס. אַ חלום. ער האָט זיך פרום איבערגעצלמט, אַרונטערגענומען די פידל פון וואַנט, אַ ריר געטון אַ סטרונע. דעם טייוול'ס טענער האָבן זיך געיאָגט אין זיין מח, אַרומגעלאָפן אין זיינע אויערן.

ער איז אַרויסגעשפּרונגען פון בעט, גענומען שפּילן. אָט אָט, דוכט זיך, האָט ער דעם טאָן, און... ניין, ניין, ניט אַזוי, ניט דער טאָן. נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל האָט ער פּרובירט שפּילן, אָבער דער אויער האָט אַלץ געזאָגט: ניין, און אין קאָפּ האָבן זיך אַלץ געיאָגט יענע טענער, דעם טייוול'ס טענער.

טאַרטיני איז שוין לאַנג פון מאַנאַסטיר, אָבער דעם טייוול קען ער גאַנץ גוט. צלמט ער זיך מיט כּוונה, צלמט איבער די פידל, הייגט זי אויף, לייגט זיך צוריק אין בעט. אפשר אין שלאָף וועט צו אים קומען דער טאָן, אפשר וועט ער אינגאַנצן פאַרגעסן, אפשר אינדערפרי. די נאַכט און נאָך אַ נאַכט, און אַ דריטע נאַכט, און דער טייוול האָט מיט זיין געלעכטער געוועקט טאַרטינין פון שלאָף, דעם טייוול'ס טענער האָבן אים פון בעט געטריבן, אים געשטופּט די פידל אין האַנט, און וואָס מער ער האָט געשפּילט, וואָס שמערצליכער דער ווייטיק פון ניט קענען אַרויסברייינגען יענע טענער, ברייינגען די פינגער אין האַרמאָניע מיטן קאָפּ, מיטן אויער, אַלץ הילכיקער דעם טייוול'ס געלעכטער. און עס העלפט ניט קיין צלמען, קיין גאָט בעטן. האָט זיך טאַרטיני געווענדעט צום טייוול: — אַלמעכטיקער אין דיין שפּילן, אַלגרויזאַמסטער אין דיין געלעכטער, האָב רחמנות! נאַדיר מיין לעבן, מיין נשמה, נאָר גיב מיר דעם טאָן, ד י י ן טאָן!

לאַכט דער טייוול.— פּרוביר נאָך אַמאָל. שפּיל. אפשר. . .— האָט טאַרטיני צום וויפילטן מאָל אַ נעם געטון די פידל, אַ פיר געטון דעם בויגן, און, דערהערנדיק דעם טאָן, האָט ער ווילד אַ געשריי געטון: צום טייוול! ניין! — און האָט אַ שמיץ געטון די פידל. עס האָט אַ קנאַק געטון דין צעבראָכן האַלץ און אַ הילכיקער טייוולשער געלעכטער.

איז געפאַלן טאַרטיני אויף דער ערד, געקראָכן אויף אַלע פיר, געקליבן אַ שטיקעלע צו אַ שטיקעלע, באַנעצנדיק יעדעס מיט טרערן, און ווען דער גאַנצער ברוך איז אויפגעקליבן געוואָרן, אַלע טרערן אויס־געשעפּט, האָט ער מיט פינסטערע אויגן געקוקט אויף זיין חורבן און געשאָקלט מיט'ן קאָפּ. און דאַן האָבן זיינע ליפּן אַרויסגעשעפּטשעט — סטראַדיוואַרי . . .

.4

— ווידער דאָ? — האָט סטראַאווידאַרי מער פאַרוואונדערט ווי ברוגז אַ פרעג געטון. — וואָס איז ווידער?

— צעבראָכן די פידל,— האָט טאַרטיני שטיל אַ זאָג געטון און אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ.

צעבראָכן די פידל?! — איז שוין סטראַדיוואַרי אַרונטערגעשפּרונ־גען פון זיין אָרט.

טאַרטיני האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, טרערן האָבן געהאַלטן אין זיך אַרונטערקייקלען פון די באַקן אין די מויל־ווינקלען.

— דעם מייסטער'ס אַ פידל צעבראָכן,— האָט שוין סטראַדיוואַרי שטילער אַ זאָג געטון, ווי פאַר זיך. ווען ער האָט אָן עפן געטון דאָס שיידל און דערזען די שטיקלעך פידל־ברוך, האָט ער ווילד אַ קוק געטון אויף טאַרטינין.

טאַרטיני איז אַ פאַל געטון צו זיינע פיס. — גרויסער מייסטער! ניט איך, דאָס האָט דער טייוול זי צעבראָכן.

— גיי, שוואַרצע וואַראָנע, גיי צום טייוול, זאָל ער זי פאַרריכטן, גאַנץ מאַכן,— האָט סטראַדיוואַרי מיט בייזן ווייטיק געזאָגט און אָפּגע־רוקט דאָס שיידל פון זיך. טאַרטיני האָט, באַגיסנדיק זיך מיט טרערן, דערציילט די גאַנצע געשיכטע ווי אַזוי עס איז געקומען דערצו אַז ער האָט

צעבראָכן די פידל, און געבעטן רחמים ביי סטראַדיוואַרין ער זאָל אים ראַטעווען, זיין משיח ווערן, גאַנץ מאַכן די פידל, וויל אַן ד ע ר פידל...

— משיח! משיח! — האָט אים סטראַדיוואַרי איבערגעקרומט.— און צו וועלכע טייוולען האָסטו זי צעבראָכן? פידלען ברעכט ער! קענסט ניט שפּילן — ברעך די פינגער, ניט די פידל. אַ פידל צעברעכט ער. דעם מייסטער׳ס אַ פידל!

— דאָס האָט דער טייוול געטון.

— געהערט, שוואַרצע וואָראָנע, געהערט. דער טייוול. די פינגער וואָלט מען דיר געדאַרפט צעברעכן. אויף שטיקלעך צעברעכן.

— אָבער דער מייסטער קען זי גאַנץ מאַכן.

— האָב איך דיר געזאָגט אַז איך קען, האָ?

— ניין, אָבער דער מייסטער האָט דאָך שוין איין מאָל די פידל פאַרריכט.

— וואָס האָב איך פאַרריכט? האָט שוין סטראַדיוואַרי געשריען און זיך אָנגערוקט אויף טאַרטינין. — האָב איך צ ע ב ר אָ כ ן די פידל? איך האָב פאַרריכט. אַריינגעשטעלט אַ שטיקל האָלץ וואו איך האָב אַליין אויסגעשניטן. וואָס איך צעברעך קען איך גאַנץ מאַכן, און וואָס איך מאַך קען איך צעברעכן, איך קען אָבער ניט גאַנץ מאַכן וואָס דו, קלאָגעדיקער בויגן־ציער, האָסט צעבראָכן. ע ר צעברעכט אַ פידל!

— דער מייסטער קען זי גאַנץ מאַכן.

— גיי צו אַלדי טייוולען, גיי!

— אָבער...

— גיי, זאָגט מען דיר!

טאַרטיני איז, אַן אַרויסגעיאָגטער, דאָך אַ צופרידענער, אַרויס פון סטראַדיוואַרי׳ס אַרבעטס שטוב. די צעבראָכענע פידל איז געבליבן ביים מייסטער, וועט ער זי שוין פאַרריכטן.

5.

וואָך נאָך וואָך איז אַוועקגעגאַנגען, און ווען טאַרטיני איז געקומען פרעגן אויף דער פידל האָט אים סטראַדיוואַרי ברוגז אַוועקגעשיקט: נאָך ניט פאַרטיק.

— קען איך זי זען? כאַטש אַ קוק טון אויף איר.

— נאָך ניט פאַרטיק, זאָגט מען דיר.

ווען ער איז צום לעצטן מאָל געקומען און סטראַדיוואַרי האָט אים אַ זאָג געטון: וואַרט! האָבן אים הענט און פיס אָנגעהויבן ציטערן. ער האָט אַ זשעדנעם קוק געטון אויף דער פידל וואָס סטראַדיוואַרי האָט אים אונטערגעטראָגן און זי גענומען פון זיינע הענט קוקנדיק ניט אויף דער פידל נאָר אויפן מייסטער. סטראַדיוואַרי האָט אים אַריינגעלייגט די פידל איןביידע הענט און אָפּגעקערט דעם קאָפּ.

— איז דאָס מיין...?

— שפּיל! — האָט דער אַלטער שטיל באַפוילן.

טאַרטיני האָט אַ פיר געטון מיטן בויגן, און אַ העל ליכט האָט אויפגעלויכטן אין זיינע אויגן. ער האָט נאָך אַמאָל אַ קוק געטון אויף סטראַדיוואַרין און גענומען שפּילן. איין טאָן, נאָך אַ טאָן, און טאַרטיני הערט דעם טייוול'ס מעלאָדיע ווערט געשפּילט. עמיצער שפּילט און ער פאָלגט נאָך מיט זיין בויגן יעדן טאָן. די מעלאָדיע איז געענדיקט און טאַרטיני בלייבט שטיין אַ פאַרחושטער.

— נו? — שמייכלט סטראַדיוואַרי.

טאַרטיני איז אַ פאַל געטון צו זיינע פיס. — מייסטער! משיח מיינער!

סטראַדיוואַרי האָט אים באַפוילן זיך אויפהויבן, אים דערלאַנגט די פידל, אָנגעוויזן מיט אַ פינגער.

— משיח, — האָט טאַרטיני איבערגעלייענט דאָס אויסגעקריצטע וואָרט אין דער פידל.

— איז דאָס מיין פידל?

— דאָס איז מ י י ן פידל! — האָט סטראַדיוואַרי ברוגזלעך אַ זאָג געטון. — שפּילט, דוכט זיך, גאַנץ פיין, און קומט צו אַ פידל דערקענען איז עס טויב ווי די וואַנט.

— און מיינע, יענע?

— יענע איז שטום, — האָט סטראַדיוואַרי אומעטיק געענטפערט.

— קען איך זי זען?

סטראַדיוואַרי האָט אים אָנגעקוקט מיט חשד. — וואָס דאַרפסטו זי זען?

— אַ קוק טון בלויז.

סטראַדיוואַרי האָט אים דערלאַנגט די פידל. ער האָט אַ צופּ געטון אַ סטרונע, אַ צווייטע. אַ טויבע עכאָ האָט אָפּגעקלונגען. ער האָט גע־קוקט אויף איר ביז די אויגן זיינען אים איבערגעגאַנגען מיט טרערן.

— מייסטער! — האָט ער מיט געבעטן אַרויסגערעדט,— גיב זי מיר.

— יאָ, אויב דו וועסט ניט נעמען מיין „משיח.״

— ביידע!

— ניין. די פידל בלייבט ביי מיר, געצאָלטס פאַר מיין אַרבעט,— האָט סטראַדיוואַרי רמאיש געשמייכלט. — דיינקסטו ניט אַז מיין „משיח״ האָט די ווערט אַ פידל וואָס דער טייוול האָט צעבראָכן?

— דער טייוול, דער טייוול,— האָט טאַרטיני געמורמלט, און די טענער פון דעם טייוול׳ס מעלאָדיע האָבן זיך גענומען דרייען אין זיין קאָפּ. ער האָט אַ קוק געטון אויף זיין געוועזענער פידל און אויף גיך זיך אָפּגעזעגנט מיטן פידל־מייסטער.

קומענדיק אין פּאַדואַ האָט ער אויפסניי איבערגעשפּילט דעם טײ־וול׳ס מעלאָדיע. דאָ האָט שוין טאַרטיני אַליין געשפּילט. ער האָט גע־לאַכט פון טייוול, זיך געפרייט וואָס ער האָט אים באַזיגט, שפּילט אַזוי גוט ווי ער, געזונגען הללויה צו זיין „משיח״ וואָס האָט אים אַרויסגע־ראַטעוועט פון טייוול׳ס געלעכטער און געטרויערט נאָך זיין אַלטער פידל וואָס איז אומגעקומען אין קאַמף מיט׳ן טייוול.

6.

„דעם טייוול׳ס סאָנאַטאַ,״ ווי טאַרטיני האָט אַ נאָמען געגעבן דער קאָמפּאָזיציע, איז געווען אַ גרויסער בייפאַל, האָט שטאַרק אויסגענומען ביי אַלע צוהערער. און פאַרוואָס רופט ער אַזאַ שיינע קאָמפּאָזיציע „דעם טייוול׳ס סאָנאַטאַ״? — האָט איינער פון די צוהערער געפרעגט.

— אָ, דאָס איז אַ גאַנצע געשיכטע,— האָט געענטפערט אַ צווייטער, אַ קנאַפּער מוזיקער, אָבער גוט באַהבנט אין אַלע רכילותן וועגן מוזיקער. טאַרטיני, ווייסט איר דאָך, איז אין זיין יוגנט געווען ווייט, ווייט פון אַ פרומען, מיט׳ן טייוול געווען גאָר אַ נאָענטער מחותן. נו, איז ער אַוועק אין אַסיסי זיך דאָרט באַהאַלטן. אָבער פאַרן טייוול איז קיין באַהעלטע־

גיש ניטאַ, ער איז אין מאַנאַסטיר אויך אַריינגעדרונגען און זיך גענומען חבֿרן מיט טאַרטינין, ביז טאַרטיני האָט זיך איין מאָל מודה געווען פאַרן קאַרדינאַל. דער טייוול, האָט ער געזאָגט, לאָכט פון זיינע תּפֿילות, ווער־טער קען יעדער איינער זאָגן, האַרץ וויל ער, זאָל ער מיט'ן האַרץ באַ־ווייזן זיין פרומקייט. האָט דער קאַרדינאַל אים איבערגעגעבן צו פּאַדרע באָעמע, דעם אָרגאַניסט, און געזאָגט: לערן אים שפּילן. זאָל ער דורך זיין שפּילן אויסגיסן זיין האַרץ פאַר גאָט, דאָס וועט אים באַפרייען פון דעם שטן'ס ממשלה. און אַזוי איז געווען. זינט טאַרטיני האָט גענומען די פידל אין האַנט האָט דער טייוול פאַרלאָרן די שליטה איבער אים. האָט טאַרטיני טאַקע געהאַלטן טייער די פידל, זי ניט אַרויסגעלאָזט פון האַנט, געהיט ווי דאָס אויג אין קאָפּ. אָבער דער טייוול איז שטאַרק, דער טייוול איז כיטרע. ווען טאַרטיני איז שוין געווען אַרויס פון מאַנאַס־טיר, זיך פאַרנומען אינגאַנצן מיט שפּילן, האָט דער טייוול זיך פאַר־שטעלט פאַר אַן אָרימען יונג און אָנגענומען ביי טאַרטינין אַ שטעלע אַלס משרת. ער האָט געדינט געטריי ביז ער האָט געוואונען טאַרטיני'ס צוטרוי אויף אַזוי פיל אַז ער האָט אים דערלויבט אַריינצוקומען אין שלאָפצימער וואו זיין פידל איז געהאנגען ביים בעט צוקאָפּנס. און איין נאַכט, ווען טאַרטיני איז געשמאַק געשלאָפן, האָט דער טייוול זיך אונטערגעגנבֿעט, אַרונטערגענומען די פידל, אַ שנאַל געטון טאַרטינין אין נאָז ער זאָל זיך אויפכאַפּן, און ווי נאָר טאַרטיני האָט אָן עפן געטון די אויגן האָט דער טייוול אַ וואָרף געטון די פידל, זי צעבראָכן, אַרויסגעשטעלט אַ צונג און מיט אַ געלעכטער אַרויס דורכן קוימען, רייטנדיק אויפן סמיטשיק.

— נו, איז וואָס איז געווען?

— עס וואָלט געווען זייער שלעכט ווען ניט דער גרויסער פידל־מייסטער סטראַדיוואַרי. טאַרטיני איז גלייך אַוועקגעלאָפן צו סטראַדי־וואַרין, אים דערציילט די מעשה און אים געפרעגט צי קען ער גאַנץ מאַכן די פידל. — אַוודאי קען איך, — האָט סטראַדיוואַרי געזאָגט. און ער האָט איבערגעצלמט יעדער שטיקעלע דריי מאָל, אַרויסגעטריבן דעם טייוול און צונויפגעקלעפּט די פידל.

— שפּילט ער אויף דער צונויפגעקלעפּטער פידל?

— אַוודאי! ווער ווייסט עס דען ניט אַז אַ פידל, צעבראָכן און ווי־דער צונויפגעקלעפּט שפּילט בעסער ווי אַ נייע? דו ביסט אַזוי אומ־

וויסנד ווען עס קומט צו מוזיק,— האָט פאַרענדיקט דער אַלווייסער מיט אַ ביטול־מינע און אָפּגעשלאָסן זיין דערציילן וועגן דעם טייוול׳ס סאָנאַטאַ און דער צעבראָכענער פידל. ער וואָלט נאָך געקענט דערציילן עפּעס וועגן סמיטשיק אויך, אָבער עס איז אים שוין ניט אָנגעשטאַנען צו ריידן מער מיט אַזעלכע עם־הארצים.

.7

און די צעבראָכענע פידל איז, אַ צונויפגעקלעפּטע, געהאָנגען ביי סטראַדיוואַרין ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן. נאָך זיין טויט איז זי, צוזאַמען מיט נאָך אייניקע זיינע אייגענע פידלען, איבערגעגאַנגען צו זיין תּלמיד קאַרלאָ בערגאַזי. נאָך קאַרלאָ׳ס טויט איז די פידל, ווי אַנדערע סטראַדיוואַריי׳ס פידלען, אַריינגעפאַלן צו אַן אַנטיקן־הענדלער.

דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ סכסוך וועמעס פידל איז עס, ניקאָלאַ אַמאַטיי׳ס אָדער סטראַדיוואַריס. אייניקע האָבן באַוויזן אַז עס איז אַמאַטיי׳ס, אַנדערע האָבן פאַרזיכערט עס איז סטראַדיוואַריי׳ס, והא ראיה— זיין פּאָליטור. אייניקע, ווידער, האָבן אַרויסגעזאָגט די השערה אַז דאָס האָט סטראַדיוואַרי געמאַכט די פידל ווען ער איז נאָך געווען ביי אַמאַטין אויף דער לערע. דערווייל איז דער פּרייז פון דער פידל געשטיגן הימל־הויך. ווען פּאַגאַניני איז מיט יאָרן שפּעטער געקומען קויפן די פידל און אַ זאָג געטון: די פידל איז טויב, האָט דער אַנטיקן־הענדלער מיט אַ כיטרען וואונק צוגעשמייכלט — נו יאָ, זויערע ווייַנטרויבן! האָט מסתּם פאַרשפּילט דאָס געלט אין קאָרטן, קען ניט קויפן, זאָגט ער— טויב. און נאָך העכער געהויבן דעם פּרייז. דער סכסוך וועגן דער פידל האָט אָנגעהאַלטן עטליכע צענדליקער יאָרן, ביז איין נאַכט, ווען אין דעם אַנטיקוואַריום, וואו די פידל האָט זיך געפונען, האָט אויסגעבראָכן אַ שׂרפה.

דער אַנטיקוואַר, אַליין אַן אַנטיק, אַ גרייז קרוב צו ניינציק, האָט חדשים לאַנג נאָך דער שׂרפה זיך געגראָבן אין די שערבלעך און שפּענד־לעך, גערעדט צו זיי, צו זיך אַליין. האָט אים ווער געגריסט: גוט מאָרגן זיידע! — האָט ער, ווי דער שטייגער, געענטפערט: גוט מאָרגן, גוט יאָר,

און, שאָקלענדיק מיטן קאָפ, גענומען דערציילן צום וויפילטן מאָל וועגן דער שרפה, ווי ער איז געשלאָפן, אַ לייכטער זקנישער שלאָף, פלוצלונג דערהערט ער אַ פידל שפילן. וואָס קאָן דאָס זיין? יאָ, מ׳שפילט, און וואָס הייסט שפילן! עס ציט אַרויס די נשמה. ווער קען עס שפילן אַזוי שפעט ביינאַכט? וואו? אַ גנב מוז זיין אין אַנטיקוואַריום. אפשר גאָר דער וואַגאַבונד פאַגאַניני! קען ניט קויפן די פידל, פאַרשפילט דאָס געלט אין קאָרטן, איז ער געקומען זי אַרויסגנבענען. אַ קשיא אויף אים? וויל ער אַרונטערשפרינגען פון בעט, אָבער ער קען ניט. יעדער צי פון בויגן אויפן פידל ציט אים, די טענער וויגן אים, ממש אַ ווינטל אַ ווערבע, און אויפשטעלן זיך לאָזן זיי ניט. ערשט ווען דאָס שפילן האָט אויפגע־הערט, האָט ער זיך אויפגעכאַפט און דערזען עס ברענט.

— אַ חלום... אַ חלום...— האָט דער אַלטער שוין געמורמלט צו זיך אַליין, ניט געהערט דעם „גוטן טאָג“ געזאָגט, ניט געזען דעם שמייכל געשיינקט...

דער לעצטער אדרעס

„רייזל געשטאָרבן מיטוואָך. האַרץ־שלאָג.
לויה פרייטיק. — מוטער.“

די קייבלגראַם — אַ בליץ אינמיטן העלן טאָג — האָט אַ שניט געטון פאַר די אויגן. אַ העלזעערישער בליק אין דער ווייטסטער ווייט, דאַן חושך, דאַן אַ גערעאַנגל צווישן ליכט און פינסטערניש. שווינדל. דאָס שווינדלען האָט אויפגעהערט, אָשר האָט געקוקט מיט גרויסע פאַנאַנדערגעעפנטע אויגן, ער האָט אָבער געקוקט אין אַ פוסטן, קאָלירלאָזן חלל. בוימער, דעכער, הימל — פאַרשוואונדן. תהו ובהו.

דאָס שטיקל געל פאַפיר אין האַנט האָט דערמאָנט עס איז דאָ אַ וועלט, אַ קאָנקרעטע וועלט. האָט ער אַ טרייסל געטון דאָס שטיקל פאַפיר, עס צוגעטראָגן נאָענטער צו די אויגן. האָבן די אויגן געזען דאָס אַרויפגעקלעפּטע פאַסיקל פאַפיר, די קאַנטיקע בוכשטאַבן. די קאַנטיקע ווערטער פאַרשטענדליך: רייזל — רייזל, געשטאָרבן — געשטאָרבן. פשוט און אַזוי פאַרשטענדליך, אָבער אויך אַזוי פרעמד און קאַלט ווי H^2O. H^2O — וואַסער, דאָך טרינקען די פאָרמולע קען מען ניט. אַ ביסל וואַסער, לעבעדיקע, שפרודלדיקע וואַסער! אַ וואָרט! אַ וואַרים וואָרט! אָט די ווערטער דאָ — אַרויפגעקלעפּטע — זיינען „געמאַכטע.“ שיקט זיך עס? ווי אַזוי? וואָס? ווען? די פינגער האָבן געקנייטשט דאָס שטיקל פאַפיר, זיך פאַרשטייפט אין אַ קולאַק און די אונטערשטע ליפּ האָט גענומען ציטערן.

—פון וואַנען קומט די קייבלגראַם?

פון די קנייטשן פון דעם שטיקל פּאַפּיר וויל ער אַרויסלייענען דעם ליגן פון די ווערטער, געפינען אַ וועג צום אמת. פון צירריך קומט זי. צירריך? פון וואַנען איז געוועזן דער לעצטער בריוו?

היבשע עטליכע בריוו זיך אָנגעקליבן ביי אים. לייענט אָשר ניט נאָר דעם לעצטן נאָר אויך דעם פאָרלעצטן, דעם פאָריקן בריוו, לייענט, און אַ שמייכל־שימער שיינט אין די אויגן.

„... געגנוי וועגן דאַוויל, קאָן, דעם לעבן דאָ, די פּוסט און פּאַס־ניקעס — אין אַ צווייטן בריוו. דערוויל האָב מיר אַ גוטן. און יאָ, איידער איך פאַרגעס, ביי אייך מוז דאָך שוין איצט רעגענען, בעט איך דיך, טו אָן די קאַלאָשן. אויב דו האָסט זיי ערגעץ פאַרגעסן, ווי דיין שטייגער איז, אָדער גאָר אַרויסגעוואָרפן, זאָלסטו קויפן נייע און אָנטון. קאַלאָשן זיינען דיר אַפילו ניט צום האַרצן, דערפאַר זיינען זיי אָבער צו די פיס...״

אַט אָ די קיילעכדיקע ווערטער רעדן. פון די בריוו זעט ער באַ־שיינפערליך אַז די זון גייט אַרונטער הינטערן באַרג, גייט שלאָפן, און מאָרגן אינדערפרי וועט זי ווידער קומען. די קייבלגראַם זאָגט — די ערד דרייט זיך. און... קופּערניקוס איז גערעכט. אַז מ׳זאָגט געשטאָרבן—גלויב, געשטאָרבן רייזל. איצט זעט ער שוין ווי די ערד דרייט זיך. ער זעט רייזלען אַ טויטע, מיט אַ גרין־געל פנים, פאַרשפּיצטן נאָז און קין; אַ פאַרשאָטענע מיט אַ בערגל ערד; ער זעט דורך דעם בערגל ערד אין קבר אַריין, וואו עס ריען זיך ווערים, וועלכע פרעסן אויף ניט נאָר דעם מענטשליכן קערפּער, נאָר אויך דעם געדאַנק פון אַ יענער וועלט. ניטאָ, גאָר ניטאָ!

אַ טרויער־וואָלקן האָט אים אַרומגענומען. אַ וואָלקן וואָס פאַר־שטעלט די זון, וועלכער פאַרטושירט אָבער, מאַכט אַלץ ווייכער, שטילער. אָשר האָט גענומען פילן דעם פיינליך זיסן פאַרגעניגן פון טרויער, און דער פאַרגעניגן איז געוועזן נאָך אנגענעמער, נאָך פיינליך זיסער וויל ער איז געוועזן נאָר זיינער, קיינער חוץ אים ווייסט דאָס ניט, דאַרף ניט וויסן פון זיין אומגליק. טרויער קוקט אַרויס פון זיינע אויגן און אויך חשיבות — מיר אַליין איז באַשערט צו טראָגן אין זיך אָט דעם טיף־טרויעריקן סוד. שווער צו באַהאַלטן. אָבער דער סוד בלייבט מיינער.

מיט די טעג ווערט דער געדיכטער וואָלקן עטוואָס שיטערער. פון הינטערן וואָלקן שפּרינגט אַרויס די זון, זוכנדיק דעם שוואַכסטן אָרט

אין דער וואָלקן־וואַנט. אָט ברעכט זי דורך דעם וואָלקן, אָט ווערט זי פאַרדעקט, און ווידער דורכגעריסן. פון איין געדיכטן וואָלקן אַ סך צעריסענע, און זיי טראָגן זיך אַהין און צוריק, כמורנע, אָבער קיין געוויטער, קיין רעגן. אַ לינד ווינטל בלאָזט, גיכער פון אַלץ וועט זיך אויסלייטערן. דערווייל זיינען לײדן פאַרן לעבן — וואָלקנדלעך ביים זונעג־אונטערגאַנג, זיי גיבן צו קאָליר.

אַזוי אַ טאָג צען... ביז אויפן עלפטן טאָג, אין אַ כמורנעם פרימאָרגן, האָט אָשר אין זיין בריוו־קעסטל אַ בריוו געפונען. דער קאָנווערט האָט זיך געוויגט אין זיין ציטערנדיקער האַנט, די אויגן האָבן שטוינענדיק געקוקט אויף דעם אַדרעס — רייזל'ס האַנטשריפט.

פאַראַן מעסערס אַזעלכע צו עפענען בריוו. אָשר האָט אויך אַזאַ מעסער, פון עלפאַנט־ביין געמאַכט, אַ מתּנה פון רייזלען טאַקע, אָבער איצט פאַרגעסן די וואויל־דערצויגענע פינגער זייערע אײדעלע מאַניערן און רייסן דעם קאָנווערט אַפילו ניט ביי די ברעגן, נאָר אַ ריס אין סאַמע מיט. דער קאָנווערט — אַ פוסטע, צעקנאָקטע שאָלעכץ — ליגט אויף דער ערד. דער יאָדער — דער בריוו!

„...פאַריז, ד י י ן פאַריז, 'דאָס האַרץ פון דער וועלט', ווי זאָל איך דיר זאָגן, אָשר, אַ קראַנק האַרץ, און די קריינק איז אַ... ווענערישע. האָט זיך דיר ניט געוואָרפן אין די אויגן, ווען דו ביסט דאָרט געווען, די פילע אַנאָנסן אין די צייטונגען וועגן ווענערישע קראַנקהייטן, קליניקס? לוקסעמבורג, לוּאוור? געווען דאָרט, אָבער אויך געווען אויף די בולוואַרן, אין די קאַפעען, און אָט איז מיין איינדרוק:

אין גאַס, אין קאַפע גרעבצט מען: פאַן!
און אין היכל דאַוונט ראָללאַן.
יעדע גאַס מיט איר „הויז,“ איר „מאַדאַם,“
און אַלע גאַסן פירן צום נאָטר דאַם.

מיין „פּאָעזיע“ געפעלט דיר ניט, אָבער נאָך ווינציקער איז מיר געפעלן פאַריז. די פראַנצויזישע ליטעראַטור הויבט זיך אָן און ענדיקט זיך מיט... ווייב. אַנטלאָפן פון דאָרט. אַנטלאָפן פון פייער אין פלאַם,

פון פּאַריז קיין דאָוויל, קאַן. ביי אונז איז דאָך אויך דאָ אַ ניופּאָרט, אַ מיאַמי, אָבער איך האָב עס ניט געזען. ביסט געווען גערעכט ווען דו האָסט מיר אַמאָל געזאָגט אַז געוויינליך זעען מענטשן אָדער דאָס גאָר פרעמדע אָדער דאָס גאָר אייגענע, און דו האָסט מיך געלערנט קוקן אויף „קיינעמס זאַך.“ דאָס הויז האָט מען אָפּגעפּאַרבט, יענער בוים איז אויסגעוואַקסן, די גאַס האָט מען פאַרריכט, יענעמס אויערן זיינען צוגעפּלעטשטע, און אַזוי ווייטער. מיאַמי, ניופּאָרט — אונזערס און ניט אונזערס, דערצו לאָקאַל — אַמעריקאַנער פּאַרוועניופּאַליס. דערפאַר אָבער דאָוויל, קאַן — פרעמד, מ׳דאַרף ניט קוקן אום צו זען, עס רייסט די אויגן, פּוסט און פּאַסניקעס־צעס פון דער גאַרער וועלט. זעענדיק זיי, האָב איך אַ טראַכט געטון אַז עס וואָלט ניט געשאַדט איבערצומאַכן די וועלט אַ ביסל... איך וואָלט זיך גלייך גענומען דערצו, נו זיינען אָבער מיינע הענט אַ ביסל צו קורץ... און, ווידער, גיי פאַרנעם זיך מיט אַזאַ אַרבעט אַז די מאַמע שרייט גוואַלד: צוליב וואָס ביסטו געפאָרן? שוין צייט זיך אָפּרוען. ניט געקענט איינרוען אין יענע מקומות, אַנטלאָפן אין דער שווייץ. דאָ אויך טוריסטן... אָבער די לופט אַ סך ריינער, איבערהויפּט אין די בערג. דערוויל געווען בלויז אויף דער ריגי. שרעק זיך ניט, ניט געקלעטערט חלילה, געפאָרן, און אַרויפקומענדיק געפילט גאַנץ נישקשה, אַ סך בעסער ווי אויף „פּייקס פּיק.“ געדיינקסט? דאָרט האָב איך שיר געחלשט. האָסט מיך קוים אָפּגעמינטערט מיט אַ דריי טעפּלעך קאַווע און געמוזט גלייך אַרונטערפאָרן. זיך דערמאָנט אַפילו ווי אויף מיין פראַגע: און נאָך וואָס קריכן מיר אַלע נאַראָנים אויף די העכסטע בערג? האָסטו מיט דיין שמייכל געענטפערט — כדי אויסצוגעפינען אַז וואָס העכער דער באַרג אַלץ העכער דער הימל... זיך דערמאָנט און עס האָט זיך אַזוי פאַרביינקט... אויף אַזאַ הויכן באַרג אַזאַ טיפע ביינקעניש... נאַ, דאָ האָסטו דיר אַ בילדל אין פולן אוניפאָרם. ווי געפעל איך דיר אַלס שווייצאַרישער בערג־קלעטערער? וואו איך וועל זיך דאָ באַזעצן אויף אַ פּאָר וואָכן ווייס איך נאָך ניט. די מאַמע זוכט נאָך אַלץ דעם „גרעסטן פּראָפעסאָר,“ וואו ער׳ט הייסן דאָרט וועלן מיר זיך אָפּשטעלן, דיר צושיקן דעם אַדרעס. דערוויל זיי מיר געזונט און גיב אַכטונג אויף זיך.

דיין ווייסע רויזל.

רייזעלע! רייזעלע רעדט דאָך צו אים! הערט ער ניט איר שטימע? זעט ער ניט איר שמייכל?

— טייערע רייזעלע, ווייס רויזעלע מיינס!

— פּאַר באַליידיקן „מיין" פּאַריז ביסטו ווערט איך זאָל דיר שיקן נאָך ערגערע פערזן ווי דו האָסט מיר געשיקט, נאַר גאָרניט, זאָל מיינס איבערגיין, דו האָסט שוין דיין שטראָף סיי ווי באַקומען — געווען אין דאָוויל, קאַן. איך בין דאָרט אויך געווען אַמאָל, האָב דאָרט שפּאַצירט אַ... באַרוויסער, מיט צעריסענע הויזן. און אויב דו האָסט איצטער געפילט ווי זיך נעמען איבערמאַכן די וועלט,שטעל זיך שוין פאָר ווי איך האָב דאַן געפילט. אָבער דאָס איז געווען שוין אַזוי לאַנג צוריק. זינט דאַן שוין אַ היבשע פּאָר שיך צעריסן, היבשע עטליכע פּאָר הויזן אויס־געטראָגן. היינט צו טאָג מוז איך דיר זאָגן אַז איבערמאַכן די וועלט איז בלויז האַלבע אַרבעט, האַלבע אַרבעט, רייזעלע. דאָס מיינט בלויז אויס־ראַמען דעם הויף, אָפּשניידן דאָס גראָז, מאַכן אַ שיינעם דרויסן... נו, ווייסט דאָך, רייזעלע, ביי אונז אַמעריקאַנער, די ציוויליזירטע מענטשן מיט די וואַנעס, איז דאָס גראָז פאַרן הויז אַזוי פיין אָפּגעשניטן, אַז עס זעט אויס ווי צוגעקלעפּט, דער הויף איז ריין, קיין שפּרינקעלע, אָבער אין הויז? אין הויז — שטראָף מיך ניט גאָט פאַר די רייד — שטינקט גאַנץ פיין אונטער, ווייל אַלע פענסטער זיינען פאַרמאַכט, אַלע שטאָרן אַרונ־טערגעלאָזט, קיין ווינטעלע זאָל חלילה ניט אַריין, קיין שטראַל ליכט זאָל זיך ניט אַריינגנבענען. און דער עיקר איז דאָך דאָס הויז אויסלופטערן. ביי אונז אידן איז אַפילו פאַרקערט די לאַגע. דער דרויסן ניט אַזאַ צאַצ־קעדיקער, וואו דו זאָלסט זיך ניט רירן וועסטו אַ קרעמל דערשפּירן, דערפאַר דאָס הויז גאַנץ לופטיק, אַזוי לופטיק אַז עס ציט שוין ממש אַ צוג לופט. דערפאַר אפשר איז טאָם אַזאַ גוטער יוניאָן־מאַן און אַזאַ שלעכטער רעוואָלוציאָנער, און יאַנקל איז אַ גוטער רעוואָלוציאָנער אָבער אַ שלעכטער יוניאָן־מאַן. אָבער דאָס איז שוין „פּאָליטיקע." דו זאָג מיר בעסער ווי האָט זיך אויפגעפירט דאָס הערצל דיינס אויף דער ריגי? שרייבסט, „גאַנץ נישקשה." מיינט עס „אָלרייט", ווי איינער זאָגט עס ווען עמיצער האָט אים אָנגעטראָטן אויף אַ הינער־אויג? ווי האָט עס געקלאַפּט דאָס הערצל? האַרץ פּילט האַרץ,ליידער קען עס ניט הערן. אַ שאָד, רייזעלע, וואָס איך קען ניט זען דאָס „ציפּערבלעטל"

און אַליין הערן דעם גאַנג. אויפ'ן בילדל איז דאָס ציפּערבלעטל ניט אַזוי קלאָר, די מאַמע קען נאָך אַלץ ניט אָנשטעלן גוט דעם קאָדאַק. און וואו איז דאָס פּעדערל אין דער הוט? אַז מ'איז אַ שווייצער בערג קלעטערער דאַרף מען האָבן אַ פּעדערל אין הוט. און אפשר וואָלט גאָר געווען אַ פּלאַן אויסטון דאָס היטעלע מיט'ן גאַנצן אוניפאָרם — ניט קלעטערן אויף די בערג? נו, יאָ, וואָס העכער דער באַרג אַלץ העכער דער הימל, אָבער צו דאַרף מען אַרויפקלעטערן אויפ'ן באַרג כדי זיך דאָס דערווּסן? לאָז דאָס קלעטערן צו די ענגלענדער, דו רו זיך בעסער אויס אַ ביסל, ס'אַ סברא אַז רוענדיק קען מען אויך עפּעס אויפטון, צו עפּעס קומען... קוקסט פונדעסטוועגן אויס גאַנץ פיין אין דעם אַנצוג, פּאַסט דיר. איז ווען זעט מען שוין טאַקע דעם „אָריגינאַל"? ווען הויבן מיר אָן רעדן ניט פון פּאַפּיר צום אויג נאָר פּנים אל פּנים און... ליפּ צו ליפּ? אפשר וואָלט גאָר געווען אַ פּלאַן צוריקפאָרן צו פּראָפעסאָר

— אָ ש ר?

גריס דער מאַמע. רעד מיט איר איבער וועגן דעם פּלאַן.

ער האָט אַריינגעלייגט דעם בריוו אין אַ קאָנווערט, אָנגעשריבן דעם נאָמען, און די פּען איז געבליבן לויז צווישן די פינגער. דעם לעצטן אַדרעס וואָס ער האָט איז פון דער קייבלגראַם, זי איז אַרויס מיט אַ פּאָר טעג נאָכ'ן בריוו. און אויף יענעם אַדרעס...

די פּען איז אַרויסגעפאַלן, דער קאָפּ איז געזונקען צום שרייב־טיש.

ווען ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ איז דער נאָמען אויפן קאָנ־ווערט געווען פאַרפלעקט, צעשמירט... רייזעלע א י ז געשטאָרבן.



גאַט'ס פּנים

אָנא יהוה, חטאתי, עויתי, פּשעתּי. . .— האָט געזאָגט דער כּהן גדול. און דאָס פאָלק איז געפאַלן כּורעים, געבוקט דעם שטערן און אויסגערופן: ברוך שם כּבוד מלכותו . . .

און דער כּהן האָט אַרויפגעשאָטן די קטורת, די דינסטע פון די דינגע, אויף די גליענדיקע קוילן, רויך האָט זיך שוין גענומען פאַרשפּרייטן, אָנפילן דעם קדש הקדשים, אָבער אַנשטאָט זאָגן זיין יהי רצון האָט דער כּהן גדול גענומען זאָגן: — זינד, זינד, זינד. זינד מיט די פינף חושים, זינד מיט וואָרט, זינד מיט'ן געדאַנק. גאָט, אונזער גאָט, דער גאָט פון אונזערע עלטערן, זאָג מיר, איז די וועלט אַ קאָכיקער ים פון זינד אין וועלכן דו האָסט אַריינגעוואָרפן דעם מענטשן, ער, אָט די שוואַכע באַשעפעניש, זאָל דורכשווימען דעם ים און זאָל אַרויסקומען פון דאָרט בדאַי אַ צעבריטער און צעברענטער אָבער ניט ווערן פאַרגעצט . . . און אויב חלילה יאָ פאַרנעצט, וואַרפסטו אים אַריין אין ים פון פייער ער זאָל דאָרטן זיך אויסטריקענען . . . אָדער, דער מענטש — אַ כּלי, און אינעווייניק, אין אָט דער כּלי, ווידמעט זיך זינד, ווידמעט זיך ווי שרצים און רמשים, און אָט די שרצים, אָט די זינד, דאַרף ער אַרויסציען פון זיך אָדער גאָר פאַרטיליקן אין זיך? האַר פון אַלע וועלטן, באַווייז זיך, זאָג מיר, גיב מיר אַ צייכן!

קטורת רויך האָט זיך געקרייזלט און געקנוילט, אָנגעפילט דעם דביר, און דער כּהן גדול, מיד פון די קרבנות, פאַרמאַטערט פון טובלען זיך, אָנטון און איבערטון זיך, האָט פאַרמאַכט די אויגן. און ער האָט געזען:

אַ טייך, אַ פּייערדיקער טייך. פּייער פליסט, פליסט אַזוי פּאַמעלאַך. אַ רויך גרויע זעגל־שיף באַוויזט זיך אויפן פייערדיקן טייך, שוועבט אַזוי רואיק, געלאַסן, אָבער פּונקט אַזוי רואיק און געלאַסן ווערט די שיף פאַרצערט פונם פייער, בלייבט ניט. און דאָס פייער פליסט ווייטער אַזוי פּאַמעלאַך ביז עס שלאָגט זיך אָן אַן אַ שטיין, שטיינער. צעגיסט זיך דאָס פייער אַרום די שטיינער, און פון דעם פייערדיקן טייך ווערן פייערדיקע אינזלען, צעשאָטן, צעוואָרפן, צווישן איין אינזל און דעם צווייטן, רויך־גרויע שטיינער, גרין בלויע וואַסער. איז דאָס וואַסער? פייערדיקע אינזלען אין וואַסער? און די רויך־גרויע שטיינער, ווי זיי וואַקסן. בערג גאַנצע, ביזן הימל גרייכן זיי. הימל. הימל און וואַסער איינס, און אויף דעם וואַסער־בלויען הימל בלאַנזשען פייערדיקע אינזלען, טראָגן זיך טונקעלע וואָלקנס. וואָלקנס, וואָלקנס, און אויך די וואָלקנס צערייסן זיך, און אַ ליכט, אַזאַ מאָדנע, בלאַסע ליכט גיט זיך אַ ריס אַריין און פאַר־פלייצט די וואָלקן־ריסן. גיבן זיך די וואָלקנס אַ רוק, ווילן פאַרדעקן דאָס ליכט, גיט דאָס ליכט אַ ציטער, אַ צוויק, רייסט זיך ווידער אַריין אין די וואָלקן־ריסן, פאַרפלייצט זיי, אָבער די וואָלקנס גיבן זיך אַ יאָג, אַ פינסטערער פויגל, אַ ריזיקע פלעדערמויז מיט אומגעהויערע וואָלקן פליגל טראָגט זיך פאַרביי, ער קען הערן דעם פליגל־פּאַך, און די פליגל טוען זיך אַ שפּרייט אויס. פינסטער.

דער כהן גדול האָט אַן עפן געטון די אויגן. — גאָט!

דער קטורת רויך האָט אַ שפּאַר געטון אין די אויגן, אַ רייץ געטון די נאָזלעכער. ער האָט אָנגעשטריינגט די אויגן, אַ צי געטון דעם אָטעם טיף אין די לונגען, אויגן זיינען געבליבן אָנגעשטריינגט, אויערן זיינען געוואָרן פאַרשפּיצט. ווי עס קלינגט אין די אויערן, ווי עס קלאַפּט דאָס האַרץ. קלאַפּט? יאָ, ער הערט דאָס קלאַפּן און פילט אויך אַ נאָגעניש אונטערן האַרצן. הונגעריק. מיד. עסן, רוען. רוען, רוען. האַ? וואָס קלינגט, ניין, וואָס זשומעט אים אַזוי אין די אויערן? זשומעט ווי אַ בין, ניין, אַ פליג. אין דביר אַ פליג?

ער האָט אָנגעשטריינגט די אויגן, דער קוק זיינער האָט געשטאָכן, געעגבערט דעם קטורת רויך. איז דאָס מעגליך? אַ פליג! אָט זעט ער זי דייטליך, אָט האָט זי זיך אַ יאָג געטון און... ניט איינע, אַ צווייטע יאָגט זיך נאָך איר, און זיין האַרץ, פילט ער, האָט זיך אַ יאָג געטון נאָך

זיי בײַדן. אַט האָט אײנע אַ פּאַל געטון צום אבן השתיה, די צווייטע אויף איר... און אויך זיין האָרץ איז אײַנגעפאַלן. דאָס גאַנצע בלוט זיינס, אין אַלע זיינע געפעסן, האָט זיך אַ שפּאַר געטון צו זיינע דיכן, זיין מויל האָט זיך געעפנט, די אויגן האָבן זיך געריסן פון קאָפּ, די אָרעמס זיינען געהאַנגען אויסגעשטרעקטע, די הענט אָפענע.

די פליגן האָבן זיך אַ טרייסל געטון, אָפּגעווישט די הינטערשטע פיסלעך אָן די פליגעלעך און איינס נאָכ׳ן אַנדערע אַוועקגעפלויגן.

דער כהן גדול האָט זיך אַ וואַקל געטון. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן אַזש ער האָט געפילט דאָס געוויכט פון די אויגן־לעדלעך, ער האָט פאַר־שטשעמעט די ציין אַזש די קינבאַקן האָבן געציטערט, ער האָט פאַר־קלעמט די קולאַקעס אַזש זיי האָבן זיך געטרייסלט.

— גאָט! — האָט זיך אַרויסגעריסן דאָס וואָרט דורך די פאַר־שטשעמעטע ציין. און מיט דעם וואָרט האָט זיך אויך אַרויסגעריסן די גאַנצע שטייפקייט פון זיין קערפער, די הויט איז געוואָרן צו גרויס אויף אים, אַ בינטל לויזע אברים איז אומגעפאַלן, געבליבן ליגן לעבן דעם אבן השתיה.

— גאָט! — האָט דער כהן גדול געוויינט, — גאָט! איז דאָס מעג־ליך? אין קדש הקדשים צוויי פליגן... און אַ כהן גדול — אַ פליג, אַ הונגעריקע פליג, הונגעריק נאָך אַ שטיקל ברויט און נאָך נאָך אַ פליג... ברויט, קויט און טויט. זיך נערן, זיך מערן און ניט ווערן. איז דאָס אַלעס? ד אָ ס און ניט מער? גאָט! איך בעט ניט מער קיין גוט יאָר, ניט פאַר מיר, ניט פאַר קיינעם, איך בעט ניט מער אויף רעגן אין צייט, איך בעט ניט מער אַז אַ פרוי זאָל ניט מפּיל זיין, די בוימער און די פעל־דער זאָלן געבן זייער פרוכט, איין זאַך בעט איך ביי דיר — באַווייז זיך! גיב מיר אַ צייכן אַז דאָס איז ניט אַלעס.

און דער כהן גדול איז געלעגן מיט׳ן פּנים צו דער ערד, און מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט ער געזען:

אַ טיפער תהום. ער שטייט אויפן ראַנד פון אָפּגרונט, קוקט אין תהום, און זיין קוק פאַרלירט זיך אינם טיפן, פינסטערן תהום, זיין קאָפּ דרייט זיך, שווימט, און די ערד פון אונטער זיינע פיס פאַרשווינדט, בלייבט ניט, אָבער ער פאַלט ניט אין דער טיף, ניין, ער טראָגט זיך אין דער לופט, אָבער די לופט איז ניט די לופט וואָס ער האָט געאָטעמט,

געזען אין דער הויך, די לופט אויך אַ תהום, און די ערד איז מער קיין ערד. קיין ערד, קיין אָפּגרונט — תהו ובהו, חושך. ווי ער זאָל ניט צע־עפּענען די אויגן קען ער גאָרניט. ג אָ ר נ י ט זען, און אויך פילן קען ער גאָרניט, זיין קערפּער און דער תהום איינס, דער קערפּער צעגייט זיך אין דעם תהום, צעגייט זיך ווי אַ וואָלקן, אַ רויך, בלייבט ניט, חושך, תהו ובהו... דער קערפּער האָט אַ צוק געטון און פאַרשטאַרט געוואָרן...

קיינער, קיינער, אויסער דער כהן גדול, האָט ניט געטאָרט אַריינגיין אין קדש הקדשים. און יום כּיפּור, ווען דער כהן גדול איז אַריינגעטראָטן אַהין, איז אַ שטריק געווען אַרומגעבונדן אַרום זיינע לענדן, דער עק פון שטריק מחוץ פון קדש הקדשים.

און ווען די כּהנים און דאָס פאָלק אין דער עזרה האָבן געזען דער כהן גדול זאַמט זיך צו לאַנג אין קדש הקדשים זיינען זיי געוואָרן אומ־רואיק. ווייסט ער דאָך אַז ער טאָר ניט צו לאַנג זיך זאַמען דאָרט, דאָס פאָלק זאָל ניט ווערן אומרואיק. די אומרואיגקייט האָט זיך תחילת גע־שפּרייט אין דער ברייט, וואָס לייגער אָבער דער כהן גדול האָט זיך געזאַמט איז די אומרואיגקייט געוואַקסן אין דער הויך, און ווען די אומ־רואיגקייט איז געוואָרן אַזוי געדיכט אַז דאָס פאָלק האָט זיך מער ניט געקענט אַ ריר טון, אַ שרעק רייף האָט אַרומגענומען די געדיכטע אומ־רואיגקייט און געפּרעסט, געדריקט דאָס פאָלק, האָבן די כּהנים פאַרכטיק אַ צי געטון די שטריק. דער פּרוכת האָט זיך אַ וויג געטון, אַ וויג געטון האָט זיך אויך דאָס פאָלק, אָבער פון הינטערן פּרוכת איז ניט געקומען קיין ריר, קיין באַוועגונג. האָבן די כּהנים שוין מיט שאַרפער, שפּיציקער אומגעדולד אַ צי געטון די שטריק און... אַרויסגעצויגן דעם כהן גדול אַ טויטן.

האָט זיך דאָס פאָלק אַ צאַפּל געטון, אָפּגעטראָטן מיט שרעק אויף צוריק און באַלד ווי אַ כוואַליע זיך אַ טראָג געטון צום כהן גדול, אַ כוואַליע אַ רוישיקע, אַ כוואַליע פון יללות. טויט איז דער כהן גדול. אַ יאָר פון אומגליק און פורעניות. פאַר די זינד, פאַר אונזערע זינד.

קלאָגנדיק האָבן זיי זיך געשטופּט צו זען דעם פּנים פון דעם וואָס איז געשטאָרבן פאַר זייערע זינד. זייער ווייניק מענטשן האָבן זיך גע־קענט דערשפּאַרן צו זען דעם טויטן כהן גדול, און די וואָס האָבן אים דערזען האָבן זיך אַ צאַפּל געטון, זיך אַ צי געטון אויף צוריק, דער געוויין

איז געבליבן שטעקן איז זייערע הענזער. אַ צעפּאַרענער, בלאַנקער פּנים, און פון דעם פּנים האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט צווי גרויסע, גרויסע אויגן, פאַרגליווערטע, אָפענע, טויטע אויגן, וואָס קוקן אין תהו ובהו.

די וואָס האָבן דערזען די אויגן האָבן אַ כאַפּ געטון די האַנט צום געעפנטן מויל זייערן, די אויגן האָבן זיך געריסן פון הינטערן שטערן, און מיט אַ ווינט־פולן מויל האָבן זיי זיך אַ קער געטון אויף צוריק, מיט׳ן פּנים צום פאָלק, וואָס האָט זיך אַלץ געשפּאַרט צו זען דעם טויטן כהן גדול. אַ מהומה איז אַנטשטאַנען.

איין כהן, איינער וואָס האָט דערזען ווי זיין חלום — ווערן כהן גדול — ווערט אַ ווירקליכקייט, האָט אויף גיך צוגעמאַכט די אָפענע אויגן פונם טויטן כהן גדול, האָט פאַרדעקט דעם פּנים און מיט אַ זיכערער שטים אויסגערופן: באַרואיק זיך, פאָלק! דער כהן גדול האָט געזען גאָט׳ס פּנים און איז געשטאָרבן. כי לא יראה האדם את פניו וחי. יהי רצון, עס זאָל זיין דער ווילן... אַז דאָס יאָר וואָס קומט זאָל זיין אַ יאָר פון ליכט, אַ יאָר פון פרייד...

„... פירוואהר, ווי שיין איז געווען דער כהן גדול ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פון קדש הקדשים בשלום... ווי דער רעגנבויגן אין די וואָלקנס האָט אויסגעזען דער כהן...

דער טויטער כהן גדול וואָלט אפשר אויך אויסגעזען ניט אַזוי שרעקליך — מיט שערבלעך אויף די אויגן...

ד ע ם   ט י י ז ל ׳ ם   ב ע ט

ווי איז ער געקומען אַהין?

מאַלע וואו אַ מענטש פאַרקריכט.

ער האָט ניט פאַרבלאָנזשעט. ער האָט געוואוסט אויף זיין וועג ליגט אַ זומפּ, אָבער וויסן איז ניט גענוג, מ׳דאַרף זען, און ווי וויניק מענטשן וויסן, נאָך וויניקער זען זיי, האָבן זיי פאַנטאַזיע, האָט ער באַשלאָסן — מסתם דורכקריכן.

זיינע טריט — די טריט פון אַ בלינדן — האָבן געטאַפּט דעם וועג. דער באָדן? האַרט דערוויל. זיינע אויגן, פאַרשפּיצט — אויגן פון אַ טויבן — זיינען געשפּרונגען פאָראויס. עס זעען זיך טריט, אַ סטעזשקע. אויב עמיצער איז דאָ געגאַנגען קען ער אויך גיין.

די אויגן האָבן אַלאַרמיש אַ בליק געטון: אויס טריט! אַן אומזיכטבאַרע אַלמע האָט פאַרקלעמט די פיס, דער גאַנצער קערפּער, טאָרמאָזירט, האָט זיך איבערט אַ צאַפּל געטון.

האַ? וואַרט. וואו זיינען אַהינגעקומען די טריט? קלאָר — דאָ געענדיקט, ווייטער זעט מען ק י י נ ע טריט. מ׳איז דאָך אָבער ניט געבליבן דאָ. אפשר זיך פאַרקירעוועט, רעכטס, לינקס? קיין שפּור. און אויף צוריק? אַ סטעזשקע. עמיצער, נאָך עמיצער, הונדערטער, טויזנטער אפשר האָבן די סטעזשקע באַטראָטן, אויסגעטראָטן, און איצט ער. ביז אַהער. און ווייטער? אַ קוק צום הימל. אין דער הויך בלוי, די זון שאַרף, שטעכיק, נידעריקער ביים האָריזאָנט אַ זאַמד־שטויב קאָליר גאַז פאַרצויגן. די לופט פאַרנע. פליגעלעך. קיין סטעזשקע איז אויפן הימל

ניטאָ, ניט פאַר מענטשליכע פיס, פאַרן עראָפּלאַן אַמאָל יאָ. אַן עראָפּלאַן. זיך אויפהויבן דאָ גלייך, אַריבערפליען. אָדער גאָר פליגל. אַ מענטש גיט אַ צעלאָז די פליגל, אַ פלי אַריבער און...

פאַנטאַזיעס. אויפן הימל קען מען קוקן, גיין דאַרף מען מיט די פיס אויף דער ערד, און די ערד... איז דאָס טאַקע דער זומפּ?

אַ בלינדע פוס טאַפּט פאַרזיכטיק, פריער די פינגער־טריט, נאָכדעם די פיאַטע — טעררא פירמאַ. די צווייטע פוס... די ערד האַלט אויס. הייסט עס, נאָך ניט דער זומפּ. אָבער קיין טריט זעט מען ניט. דער קאָליר פון דער ערד— געווײנלעכער ערד־קאָליר, דאָרט זעט זיך עפּעס ווי פאַרזייערטער קופּער. זומפּ דאַרף זיין, דאַרף זיין?... שוואַרץ מיט אַ גרויען אָפּשיין, און מאָך דאַרף וואַקסן. יאָ, מאָך. עס זעט זיך ניט קיין מאָך. עס זעט זיך...

די לופט, דער זאַמד־שטויביקער גאַז ווערט געדיכטער, רוקט זיך אָן אויף דער זון, רייסט זיך די זון אַרויס, גיט זי אַ ביסטרען קוק, אַ שטאָך, און בלייבט ניט. און די פליגעלעך! אַזוי פיל. אַז די זון וועט אונטערגיין וועט זיין גאָר שלעכט. אויב דורכגיין דעם זומפּ איז בעוד יום, מ׳דאַרף שטעלן פיס. דאָך... פאַרזיכטיק, היט דיינע טריט! דערווייל ניט שלעכט. דאָך, אַ מוראדיקער געפיל. ווי אויף דינעם אייז. זיך לייכטער מאַכן, גיין ווי אויף ספּרושינעס, זיך ציען אַרויף, אָבער פאַרפאַלן: קיין אַנדער וועג ניטאָ, און אַן דאָרטן, דאָרטן זעען זיך... די געדיכטע לופט, די פלי־געלעך לאָזן ניט זען דייטליך. וואַרט. אַן דאָרטן, וואָלט געמעגט שווערן, זעען זיך פעלזן, קוקט אויס ווי פעלזן. לאָמיך נאָר גוט אַ קוק טון...

אַ האַנט־דעכעלע איבער די אויגן, פאַרזשמורעטע רייסן זיי זיך צום דעכעלע אין דער הויך, פאָראויס, נאָך זיי ציט זיך דער גאַנצער קערפּער, די שפּיץ פינגער פון די פיס ווילן אויך זען די פעלזן, אָבער די אויגן האָבן ווייט אַריבערגעיאָגט די שפּיץ פינגער, דער קאָפּ וועגט איבער די פיס, נאָך אים ציט זיך די פּלייצע, גיבן די פיס אַ לויף נאָך, אַ וויג פאַר־אויס, אַ וויג צוריק אויף די קנאָפּל, ער איז ניט אומגעפאַלן, ער שטייט, ער... שטעקט, ער...

אַרום די קנעכל אַזאַ פאַרנע וואַרימקייט, און דער גאַנצער קערפּער שוויצט. קאַלטער שווייס. אָט דאָס איז עס. נאָר זיך ניט פאַרלירן. וואַרט. ווי טיף שטעקט ער?

די אויגן בויערן דעם באָדן, דער קערפּער גייט אָבער נאָך די אויגן, גייט אויף אַרונטער. דאָס טויג ניט. אַרויף צו. זיך לייכטער מאַכן, אַרויסציען, בלויז די פּיס אַרויסציען. ווען ער קען זיך אַליין אַ צי טון, בלויז איין צי אויף אַרויף.

פאַר די אויערן קען זיך קיינער ניט אַ צי טון, ער מוז עס טון מיט'ן קערפּער. אָט־אַ־ז־וי. אָט — אָט! אַרויף, אַרויף! אַר־רויס! אַ־רונ־טער! עך... די קאַנדאַלן אַרום די פּיס נאָך שווערער, העכער. אַזוי טויג ניט. איין פוס. בלויז איין פוס אַרויסציען, מיט איין פוס אויף דער אויבערפלאַך וועט שוין זיין גרינגער אַרויסציען די צווייטע. אָט, אָט אַז...

בלויז איין פוס, פילט ער, די רעכטע פוס, האָט זיך אַ בויג געטון, און איצט, פילט ער, ווי זיין גאַנצע רעכטע זייט גייט אַוועק, זינקט. ניין! ניין! די רעכטע האַנט האָט אַ שטויס געטון די לופט פאַר זיך, דער קערפּער גיט זיך אַ שאַרפן קער אויף לינקס, ער געווינט די גלייכגעוויכט, דערפילט די העמד קלעפּט אויף זיין לייב, די אויגן גיבן זיך אַ מאַך צו, דער קאָפּ טוט זיך אַ טרייסל.

ווען ער האָט געעפנט די אויגן האָט ער דערזען אַ ווירבל־ווינט פון פליגעלעך איבער, אַרום אים. אויפגערודערטע פון זיין קאָפּ־טרייסל, האָבן זיי זיך אַ הויב געטון, זיך צעפלויגן, עטוואָס דערוויטערט און גלייך זיך געלאָזט צוריק צו אָט דעם „באַרג" וואָס האָט זיך פלוצלונג באַוויזן פאַר זיי. אַ מאָדנער באַרג — אַ רירעוודיקער, דערפאַר אָבער אַזאַ זאַפ־טיקער, אַזאַ געשמאַקער. אויף דעם באַרג באַווייזט זיך פלוצלונג אַ בוים, אַ בוים מיט צווייגן וואָס באַוועגן זיך, טרייבן אַוועק, אָבער אויך דער בוים, די צווייגן, ווען מ'קומט נאָר צו, זיינען זאַפטיק, געשמאַק.

דעם הימל איז קוים צו זען, און דערזעט ער אים שוין פון הינטערן האַנט־דעכעלע, דורך דעם פליגעלעך־וואָלקן, זעט ער אַנאַנדער וואָלקן, אַ געל־גרינעם. קאַלטע שרעק יאָגט פון אָט דעם וואָלקן. די זון וואו איז?

די געביסענע הענט גיבן זיך אַ וואָרף, דער גאַנצער קערפּער טוט זיך אַ צאַפּל, דער רינג אַרום די קני ווערט לויז אויף אַן אויגנבליק און ווערט גלייך צוריק פאַרשטייפט, שטייפער און העכער.

ער זינקט! ער זינקט! ער זינ־ק־ט! ער וועט נ י ט זינקען! ער וועט...

ער האָט אַ לייג געטון די האַנט־פלאַכן אויף דער ערד, די פּלייצע האָט זיך פאַרשטייפט, דער קאָפּ האָט אַזש געגומען ציטערן. זיך אָנשפּאַרן אויף די הענט . . . זיך איינקלאַמערן מיט די הענט אין באָדן, זיך אַר־ר־...

אַריין, אַריין גייען די הענט, און די פיס ווערן ניט אַרויסגעצויגן. טויג ניט. ציט ער אַרויס די הענט, קוקט אויף זיי, בלאָטיקע, קלעפּיקע. זיין פּנים פאַרקרימט זיך, יאָרן פון ציוויליזאַציע מאָנען אַ האַנטוך, אַ טיכל, דער שכל דערמאָנט גלייך: אין דער אויבערשטער רעקל־קעשענע שטעקט אַ ווייס זיידן טיכעלע.

אַ צווייגל פון פאַרבלאָטיקטע שפּיץ פינגער ציט אַרויס דאָס ווייסע טיכעלע, אַ ווייסן שרץ פאַרן עק, און דער שרץ טוט זיך אַ וויג. אַ זיידן טיכל אַ ווייס אָט דאָ אָ, איצט. נאָכאַמאָל אַ קוק אויף די הענט, אויפן ווייסן טיכל, און די הענט, באַליידיקטע כאַפּן אָן דאָס רעקל, רייבן עס, קנייטשן עס. אָט אַזוי! אָט אַזוי! איצט שטייט דיר שוין אָן, האַ?

יאָ, איצט שטייט אים שוין אָן. ער הויבט אויף דאָס ווייסע זיידענע טיכל, פאַרדעקט דערמיט זיין פּנים, ניט זען דעם פליגעלעד־וואָלקן, ניט זען אָט יענעם וואָלקן הינטער די פליגעלעד, ניט זען דעם הימל . . .

ז עֹ ן דעם הימל! אַ לויטערער, קלאָרער, בלויער הימל, און פון דעם לויטערן, קלאָרן, בלויען הימל לאָזט זיך אַרונטער אַ שטאַנג, אַ שטאַנג מיט אַ רינג, אַ שטריק מיט אַ פּעטליע, אין דער פּעטליע שטעקט ער אַריין זיינע הענט,ביידע הענט, דעם קאָפּ, דעם האַלז, אַ ציִ . . .

ער'ט פון זינען אַרונטער! ער'ט משוגע ווערן! די פליגעלעך וועלן אים אויפעסן אַ לעבעדיקן, ער פילט זיי שטעכן אים אויס די אויגן, זיי פּיקן אים אויס דעם מאַרך. זשומעט ניט דאָרט אָן עראָפּלאַן אין דער הויך? העלף! העלף!

פינגער פאַרקרעמפּן דאָס ווייסע זיידענע טיכל. וויגן עס, וואַרפן עס, גיט עס אַ פלאַטער, אַ יאָג די פליגעלעך, לאָזט זיך שלאַבערדיק אַרונטער און די פליגעלעך רוקן זיך אָן. קיין הילף. קיין הילף. זינקען. דער רינג איז שוין אַרום די לענדן. זאָל זיך עפענען די ערד, איינשלינגען מיט אַמאָל, זאָל זיך עפענען דער הימל, זאָל אַ בליץ אים צעשפּאַלטן, אַרונ־טערפאַלן זאָל . . .

האָט ניט אַ דונער זיך דורכגעקוילערט אין דער לופט? אַ דונער. אַ ווייטער דונער. באַלד וועט זיין אַ נאָענטער, אַ בליץ, אַ שטורעם.

ניט אומזיסט בייסן אַזוי די פֿליגעלעך. בייסט! בייסט! נאַט אייך מיין אָפֿענעם פּנים, נאַט אייך מיין ברוסט, נאַט, בייסט, בייסט, באַלד קומט דער שטורעם, אַ בליץ, מיין קאָפּ, דער איינציקער מאַגנעט אין דעם פֿאַרשאָלטענעם זומפּ. הימל, עפֿן זיך!

זיינע אויגן האָבן זיך געטון אַ מאַך צו פֿון דער בליציקער ליכט, און ווען דער דונער האָט אַ קנאַל געטון האָט זיין קאָפּ זיך געטון אַ צי אין אין די אַקסל. דורכן אויער וועט דער דונער אַריין צו אים אין קאָפּ.

ווען ער האָט געעפֿנט די אויגן האָט ער גאָרניט געזען. ער האָט דערפֿילט עס האָט אַ צי געטון אַ ווינט, און באַלד דערפֿילט גרויסע טראָפּנס רעגן. עס האָט געגאָסן.

לויזער ווערט דער גאַרטל אַרום זיין בויך, אַזוי לויז אַז איין ריר, דוכט זיך אים, און דער גאַרטל פֿאַלט אַרונטער. אַ ריר, זיך אָנכאַפּן אָן עפּעס, זיך אַ צי טון אין דער הויך. ער האָט אַ דריי געטון מיט'ן קערפּער, אַ האַלב קיילעכדיקע באַוועגונג, דאַן אַ רוק אין איין זייט, אין דער צווייטער, לויזער דער גאַרטל, אָבער דער גאַרטל פֿאַלט ניט אַרונטער. ער הויבט זיך העכער, העכער, אַט גרייכט ער שוין ביזן ברוסט, ער קען אויסציען פֿלאַך זיינע אָרעמס איבער דעם...

זיינע הענט שעפּן אָן בלאָטיקע וואַסער און לאָזן זי צוריק אַרונטערגינען. בלאָטע. וואַסער. ער שטעלט אויף די הענט-שיסעלעך, זאַמלט רעגן-וואַסער, טראָגט צו צום מויל, טרינקט זשעדנע דאָס ביסל וואָס איז ניט אַרויסגערונען פֿון צווישן די פֿינגער. נאָך וואַסער! ער טוט אַ ריר מיט'ן שטיקל פּלייצע וואָס איז נאָך געבליבן אויף דער אויבערפֿלאַך, פֿאַררייסט דעם קאָפּ און שטעלט אָן דאָס ברייט צעעפֿנטע מויל: וואַסער!

ער פֿאַרכלינעט זיך, פֿאַרהוסט זיך, דער קאָפּ פֿאַלט צום ברוסט צו, דער קין רירט אָן אַ שיטערע בלאָטע, און דער קאָפּ טוט זיך אַ טרייסל, אַ ריס אויף אַרויף.

— ניין! ניין!

ער האָט אַ ריס געטון די אָרעמס, אַ הויב געטון די הענט און פֿאַרקראַמפּטע פֿויסטן אין דער הויך האָבן זיך געצאַפּלט: ניין! ניין!

דער רעגן איז געוואָרן שטילער אָבער געדיכטער, איז שטיל געפֿאַלן און מאָנאָטאָן געפּליסטערט: יאָ, יאָ...

די פאַרקראַמפּטע פויסטן האָבן זיך געעפנט, פאַרשטייפטע פינגער־שטעקלעך, אָפּגעטיילט איינער פון צווייטן, שיטערע צווײ פליטן, זיינען נאָך געשטאַנען, אָבער די פליטן בויגן זיך, ווערן קלענער. איין שלאָס־ביינדל, דאָס צווייטע, דער נאָגל פון מיטלסטן פינגער, און...

— — — — — — —

אַ פאַרשמירט, ווייס, זיידן טיכל, אַ פאַרשמירטער, ווייס־זיידענער פלעק אויף אַ שוואַרצן, גלאַנציקן זומפּ האָט זיך אויף מאָרגן געטרוקנט אַנטקעגן דער העלער ליכטיקער זון.

הויך אונטערן בלויען, לויטערן הימל האָט זיך געטראָגן אַ זילבער־גרוי געפּאַרבטער עראָפּלאַן, זיך געמיניעט אַנטקעגן דער זון. דער פּילאָט, אַ דערפאַרענער פאַרער, האָט אָנגעוויזן זיין מיטפאָרער אויף אַרונטער און דורכן טעלעפאָן אים געזאָגט: איצט פליען מיר איבער דעם באַ־רימטן זומפּ — דעם טייוול'ס בעט.

— איך וואָלט זיכער ניט געוואָלט דאָרט שלאָפן,— האָט דער פּאַסאַזשיר געזאָגט.

— און איך וואָלט אויך ניט געוואָלט דאָרט לאַנדן,— האָט געענט־פערט דער פּילאָט און זיך אַ הויב געטון העכער, העכער, העכער...

אינהאַלט

פאַרן שפּיגל

אַליין 5

די בלינדע וואַנט 75

פון פייער אין פלאַם 87

נסיונות

אונטערן בייטש 111

דאָס יידענע שטריקל 159

אַש 173

די צוויי נסיונות 193

דער פייער־טאַנץ 205

חלום און וואָר

דער שאָך איז מאַט 221

די שטימע פון גאָט 231

פויגל־פריי 243

די צעבראָכענע פידל 253

דער לעצטער אַדרעס 267

גאָט׳ס פּנים 273

דעם טייוול׳ס בעט 279

פון דעמזעלבן שרייבער:

ערציילונגען	1921
בלעטער פאַלן	1926
די שמאַלץ־גרוב	1933
אַ בליאַסק אויף טאָג	1935

באַמערקונג

דאָס בוך „מאַטיוון" האָט געוואונען אַ ליטעראַטור פּרעמיע, איינע פון די זעקס פּרעמיעס, וועלכע דער אַלוועלטליכער אידישער קולטור פאַרבאַנד (איקוף) האָט אויסגעטיילט פאַר די בעסטע זעקס ביכער.

„דער פייער טאַנץ" איז שוין געווען געדרוקט אין מיין בוך „די שמאָלץ גרוב." איך האָב אַריינגענומען די דערציילונג אין „מאַטיוון" ווייל איך דאַרף זי האָבן אין דעם בוך, זי פּאַסט זיך דאָ בעסער ווי אין יענעם בוך. היות איך ריכט זיך ניט צו זען ווען עס איז אַן אויסגאַבע פון מיינע כּתבים לויט אַ סדר ווי איך וואָלט געוואָלט, פאַרריכט איך דאָס ביסעלע וואָס לאָזט זיך פאַרריכטן איצט. די לייענער וועלכע האָבן „די שמאָלץ־גרוב" וועלן מיר מוזן מוחל זיין פאַר אָט דער ווידערהאָלונג.

ש. מ.

☆ ☆ ☆